This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

# סאָוועטיש

5

1987

# היימלאנד

# סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

ארגאַן פון שרייבער-פאַרבאַנד פון ססר

דערשיינט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע

מײַ

5

1987

# אינהאַלט


פאַר א וועלט אָן נוקלעארן וואָפן, פאַר הומאניזם אין די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען. רעדע פון מ. ס. גאָרבאַטשאָוו . . . . . . . . 3

מאָטל גאָלבשטיין. לידער . . . . . . . . 16

הערשל פּאָליאַנקער. געווען אמאָל א שטעטל (ראָמאַן. ערשטער טייל) . . . . . . . . . 18

70 יאָר אָקטיאַבער. עדוארד באַגריצקי. די ליד וועגן אָפּאַנאַסן . . . . . . . . . 49

טעוויע גען. צעשיידונג און באַגעגעניש (פאַרשטעלונג אין פינף עפּיזאָדן) . . . . . . . . 56

מאָטל גרוּוומאַן. לידער . . . . . . . . 87

זאַלמען יאַקוב. אין יענע טעג (געשיכטלעכע נאָטיצן) . . . . . . . . . . . 88

ליפּע העלער. לידער . . . . . . . . . 110

פאַרצייכענונג. עלווירע פּאַגעל. אויפן נײַ־ליפּעצקער מעטאַלורגישן . . . . . . . . . 111

קים סעליכאָוו. דאָס ווידערקאָל פון די אַפּגאַנער בערג . . . . . . . . . . . 117

יעזשעגאָדניק: מיר זעצן פאָר דעם שמועס. מ. סטעקלאָוו. דער אומרוּיִקער זיקאָרן . . . . . . . . 142

מאַגאָמעד ראַסול. אין א גוטער, אין א מאַזלדיקער שאָ . . . . . . . . . . 144

ג. ראָמאַנאָווא. „דלאָניע צו דלאָניע — אינמיטן דאָס האַרץ” . . . . . . . . . . . 146

כראָניק . . . . . . . . . . . 162, 157, 148

פּובליציסטיק. געאָרגי שמיגאָוו. די דעמאָקראַטיע פונעם געלט־זאַק . . . . . . . . . 149

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. יודל לאַמעד. א „שיק־ייִנגל”; א ריכטיקער באַשלוס . . . . . . 160

ל. זאַהאַווי. צוריק אַהיים . . . . . . . . . 161

דאָס איז טשיקאַווע. מאָסקווער סאַליוטן . . . . . . 163

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור . . . . . . . . 165

זעלבסטלערער פון ייִדיש . . . . . . . . . . 168

רעזומע (רוסיש, ענגליש, שפּאַניש) . . . . . . . . I



**הויפּט־רעדאַקטאָר**

א. ווערגעליס

**רעדקאָלעגיע:**

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

# פאַר א וועלט אָן נוקלעאַרן וואָפּן, פאַר הומאַניזם אין די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען

## רעדע פון מ. ס. גאָרבאַטשאָוו

אף דער באַגעגעניש אין קרעמל מיט די אָנטיילנעמער פונעם צווישנפעלקערלעכן פאָרום „פאַר א וועלט אָן נוקלעאַרן וואָפּן, פאַר באַוואָרענען דאָס לעבן פון דער מענטשהייט"

דעם 16 פעברואַל 1987

כאַשעווע דאַמען און הערן! כאַווײרים!

מיסטאָמע, פון יענע צייַטן אָן, ווען דער מענטש האָט צום ערשטן מאָל זיך פאַרטראַכט וועגן דעם מאָרגעדיקן טאָג, האָבן די בעסטע מויכעס פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער קעסיידער זיך פאַרגעבן די פראַגע וועגן דעם גוירל פון דער וועלט, וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייַט. נאָך ביז פאַרהעלטניסמעסיק גאָר ניט לאַנג פלעגן די מעדיטאַציעס אף די דאָזיקע און פאַרבונדענע מיט זיי טעמעס אופגענומען ווערן, ווי א געדאַנקען־שפּיל, ווי א ווייַטע פונעם מענטשנס טאָגטעגלעכע זאָרגן באַשעפטיקונג פון פילאָסאָפן, געלערנטע, טעאָלאָגן. די לעצטע יאָרצענדליקער ווערן אָט די פּראָבלעמען באַהאַנדלט אין אן אויסגעשפּראָכן פּראַקטישן אַספּעקט. די סיבעס זייַנען פאַרשטענדלעך.

דאָס שאַפן, און דערנאָך אויך דאָס אָנזאַמלען העכער יעטווידע ראַציאָנעלע גרענעצן נוקלעאַר געווער, מיטלען עס צוצושטעלן האָט געמאַכט דעם מענטשן טעכניש פעיִק מאַכן א סאָף צו זייַן אייגענער עקזיסטענץ. די אָנזאַמלונג פון סאָציאַלן אופרייַס־מאַטעריאַל אין דער וועלט, די פּרווון פאַרזעצן צו לייזן די פּראָבלעמען פון דער קאַרדינאַל פאַרענדערטער וועלט מיט געוואַלט, מיט מע־

טאָדן, געיאַרשנטע פֿון דער שטיין־טקופֿע, מאַכן גלײַכצײַטיק אויך פּאָליטיש זייער מעגלעך א קאַטאַסטראָפֿע. די מיליטאַריזירונג פֿונעם דענקען, פֿונעם לעבנס־אופֿן שוואַכט אָפּ, און קאָן זײַן, באַזײַטיקט גאָר אינגאַנצן די מאָראַלישע טאָרמאָזן אָפּן וועג צו א נוקלעאַרן זעלבסטמאָרד.

מיר האָבן קיין רעכט ניט צו פֿאַרגעסן: דער ערשטער שריט דערצו, שטענדיק דער סאַמע ריזיקאַלישער, איז שוין געמאַכט געוואָרן. נוקלעאַרער וואָפֿן איז שוין פּראַקטיש אָנגעווענדט געוואָרן קעגן מענטשן, אָנגעווענדט געוואָרן צוויי מאָל. עס זײַנען דאָקומענטאַל פֿעסטגעשטעלט און אַנערקענט צענדליקער, — איך באַטאָן, צענדליקער! — פֿאַלן, ווען עס איז ערנסט באַטראַכט געוואָרן די מעגלעכקײַט באַניצן נוקלעאַרן וואָפֿן קעגן אַנדערע מעלוכעס. איך זאָג עס ניט צוליב קריטיקירן אָדער פֿאַרורטיילן, כאָטש אַזעלכע פּלענער פֿאַרדינען מער ווי מע דאַרף סײַ דאָס ערשטע, סײַ דאָס אַנדערע. איך זאָג עס, קעדיי אָן איבעריק מאָל צו באַטאָנען ווי נאָענט די מענטשהײַט איז צוגעגאַנגען צום ראַנד, פֿון וועלכן קיין וועג צוריק וועט ניט זײַן.

די ערשטע וועלט־מילכאָמע האָט דערשיטערט אירע מיטצײַטלער מיט די אומגעווײַנלעכע ביז דאַן מאַסשטאַבן פֿון לײַדן און כורבונעס, מיט דער אַכזאָריעס און טעכנישער אַנאָנימיזירטקײַט פֿון דעם פֿאַרניכטונגס־פּראָצעס. אָבער ווי שרעקלעך עס זײַנען ניט געווען די ווונדן, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, האָט די צווייטע וועלט־מילכאָמע אין פֿיל מאָל איבערגעשטיגן אַלע „רעקאָרדן" פֿון דער ערשטער, אויב מע מעג אין אָט דעם פֿאַל אָנווענדן דאָס דאָזיקע וואָרט.

הײַנט האָט איין סטראַטעגישע אונטערוואַסער־שיף א פֿאַרניכטונגס־פּאָטענציאַל, וואָס איז גלײַך צו עטלעכע צווייטע וועלט־מילכאָמעס. און אַזעלכע שיפֿן זײַנען פֿאַראַן פֿיל צענדליקער, און מיט זיי ווערן די סיסטעמען פֿון נוקלעאַרן וואָפֿן ווײַט ניט אויסגעשעפּט. די פֿאַנטאַזיע איז אָנמעכטיק זיך פֿאָרשטעלן יענעם גיהנום, יענע נעגירונג פֿון דער עצם אידיי פֿון מענטש, אויב עס וועט געלאָזט ווערן אין גאַנג אַפֿילו דער סאַמע קלענסטער טייל פֿון דעם איצטיקן נוקלעאַרן פּאָטענציאַל.

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע (ווי, אַגעוו, אויך נאָך דער ערשטער) זײַנען פֿאָרגענומען געוואָרן פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַזא וועלט־אָרדענונג, וואָס זאָל אויסשליסן אָן איבערכאַזערונג פֿון דער פֿעלקער־שכיטע. די דאָזיקע פּרוּוון זײַנען ניט דורכגעגאַנגען שפּורלאָז, האַגאַם זיי האָבן אויך ניט באַרעכטיקט אין דער פֿולער מאָס די האָפֿענונגען, וועלכע מע האָט אָפּ זיי געלייגט. עס פֿונקציאָנירט פֿונדעסטוועגן די אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס. עס עקזיסטירן רעגיאָנעלע און אַנדערע סטרוקטורן פֿון צווישן־מעלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע קאָנטאַקטן, וועלכע זײַנען פֿריִער ניט געווען. מיט איין וואָרט, עס ווערט פֿאָרגעזעצט די פּאָליטישע זוכונג אָפּ אַרויסצופֿירן די וועלט־געמיינשאַפֿט פֿון דער פֿאַלשער „לאָגיק", וועלכע האָט געפֿירט צו וועלט־מילכאָמעס.

נאָך א נוקלעאַרער מילכאָמע אָבער וועט ניט בלײַבן קיין שום פּראָבלעמען. עס וועט קלאָל ניט זײַן, ווער עס זאָל זיך זעצן ניט נאָר וואָס צו א טיש, צו א פּניאַק, צו א שטיין פֿון אונטערהאַנדלונגען. קיין צווייטע נויעכס טייווע וועט ניט אַרויס גאַנץ פֿונעם נוקלעאַרן מאַבל. מיטן סייכל באַנעמען עס עפּשער אַלע. וויכטיק איז צו באַגרײַפֿן, אויסרעכענען, אַז אַלץ „וועט פֿון זיך אַליין זיך באַקומען", קאָן מען שוין ניט, אָבער עס זײַנען נאָך פֿאַראַן אָפּ דער וועלט ניט ווייניק מענטשן, וואָס טראַכטן דאַפֿקע אַזוי. מע מוז, ניט אָפּלייגנדיק עס מער, ברענגען די צווישנפֿעלקערלעכע באַציִונגען און די האַלטונג פֿון די רעגירונגען און מעלוכעס אין העסקעם מיט די רעאַליטעטן פֿון דער נוקלעאַרער טקופֿע.

יאָ, די פֿראַגע שטייט טאַקע אַזוי: אָדער דאָס פּאָליטישע דענקען וועט קומען אין העסקעם מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער צײַט, אָדער די ציוויליזאַציע און גופֿע דאָס לעבן אָפּ דער ערד קאָנען פֿאַרשווינדן.

אין אַלע מענטשישע איניאָנים, און ביפֿראַט נאָך אין דער צווישנפֿעלקערלעכער פּאָליטיק, טאָר מען אָפּ קיין איין מינוט ניט פֿאַרגעסן וועגן דעם ווידערשפּרוך, וואָס דאָמינירט איצט איבער אַלץ, — דעם ווידערשפּרוך צווישן מילכאָמע און שאָלעם, צווישן דעם זײַן און ניט־זײַן פֿון דער מענטשהײַט, און שטרעבן צו לייזן אים צו דער צײַט און צוגונסטן פֿונעם שאָלעם.

אָבער צוליב דעם דאַרף מען אויסגעפֿינען, קעכלען, איינער מיטן אַנדערן טיילן דאָס סאַמע בעסטע, וואָס די געשיכטע האָט דערגרייכט, מע דאַרף זוכן נײַע שעפֿערישע צוגאַנגען צו לאַנג אָפּגעקומענע פּראָבלעמען.

ניט בלויז דער פּראָגרעס פֿון דער מענטשהײַט, נאָר אויך פּאָשעט אַליין דאָס פֿאַרהיטן זי הענגט אָפּ דערפֿון, צי וועלן מיר געפֿינען אין זיך קראַפֿט און מוט בײַצוקומען די געפֿאַרן, וועלכע זײַנען פֿאַרבאָרגן אין דער הײַנטיקער וועלט.

איך מיין, אַז ס'איז פֿאַראַן א גרונט דערויף אויסצורעכענען. די סאַמע לעצטע יאָרצענדליקער צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס צום ערשטן מאָל אין איר געשיכטע הייבט אָן די מענטשהײַט, און ניט בלויז איינצלנע אירע פֿאָרשטייער, צו באַוווּסטזיניקן זיך אַלס איין גאַנצהײַט, צו זען די גלאָבאַלע

קעגנזײַטיקע פֿאַרבינדונגען צווישן מענטש, געזעלשאַפֿט און נאַטור, צו אָפּשאַצן די פֿאָלגן, צו וועלכע עס פֿירן די מאַסשטאַבן פֿון איר מאַטעריעלער טעטיקײַט.

און ניט בלויז די באַוווּסטזיניקונג איז געקומען, נאָר ס'האָט זיך אויך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַ קאַמף פֿאַר באַזײַטיקן די נוקלעאַרע געפֿאַר. און ס'איז ניט צו לייקענען, אַז ער איז שוין געוואָרן אַ גרויסע מאָראַליש־פּאָליטישע שול, אין וועלכער זייער פֿיל מענטשן, גאַנצע פֿעלקער דערלערנען די שווערע, אָבער נויטווענדיקע קונסט: לעבן איינער מיטן אַנדערן אין פֿרידן. געפֿינען דאָס גלײַכגעוויכט צווישן אינטערעסן אַלגעמיינע און ספּעציפֿישע. דרייסט און ערלעך קוקן אין די אויגן דער קעגנוואַרט און דער צוקונפֿט, זי באַגרײַפֿן און, באַגרײַפֿנדיק, מאַכן צו דער צײַט אויספֿירן פֿאַר דער פּראַקטיק. אײַער פֿאָרום איז איינער פֿון די באַווײַזן דערפֿון.

כאַשעווע דאַמען, הערן, כאַווײרים!

איידער כ'וועל זיך טיילן גענויער מיט מײַנע געדאַנקען וועגן טאָך פֿון די אַלע פּראָבלעמען, ווילט זיך אין נאָמען פֿון דעם פֿאָלק און פֿון דער רעגירונג פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד האַרציק באַגריסן אײַך אַלעמען — אָנטיילנעמער פֿונעם מאָסקווער פֿאָרום — פּאָליטיקער און פּובליציסטן, ביזנעסמענער און געלערנטע, טוער פֿון קולטור און קונסט, שרײַבער, פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע רעליגיעס. (אַפּלאָדיסמענטן.)

מיר שאַצן זייער הויך גופֿע דעם פֿאַקט פֿון דורכפֿירן אַזאַ פֿאָרום און דאָס, וואָס עס איז זיך צונויפֿגעפֿאָרן אויף אים פֿון אַלע עקן וועלט אַזויפֿיל באַרימטע און אויטאָריטעטע מענטשן. מיר פֿאַרשטייען: יעדערער האָט זײַנע פֿליכטן, זײַנע איניאָנים. פֿונדעסטוועגן האָט איר זיי אָפּגעלייגט און פֿון טויזנטער קילאָמעטער די ווײַט געקומען צו פֿאָרן אַהער, קעדיי אויסדריקן אײַער זאָרג און אומרו, אויסטוישן זיך מיט אײַערע געדאַנקען מיט מענטשן, וועמען עס קימערן די זעלבע פּראָבלעמען.

שוין דאָס אַליין איז אַן און פֿאַר זיך באַדײַטנדיק, ווײַל צווישן די אָנטיילנעמער פֿונעם פֿאָרום זײַנען פֿאַראַן פֿאָרשטייער פֿון אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, מענטשן פֿון אַלע קאָנטינענטן, פֿון פֿיל צענדליקער מעלוכעס.

דער פֿאָרום איז בעעמעס אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער וועלט־עפֿנטלעכקײַט.

די אידייען פֿונעם פֿאָרום, די זאָרגן און שטימונגען, וועלכע האָבן אײַך געבראַכט אַהער, זײַנען נאָענט און פֿאַרשטענדלעך די סאָוועטישע מענטשן. טאַקע אין אָט דעם גײַסט ווענד איך זיך נאָכאַמאָל צו אײַך מיט ווערטער פֿון באַגריסונג און דאַנקבאַרקײַט פֿאַר דער אַרבעט, וואָס איר האָט אין די דאָזיקע טעג דורכגעמאַכט, וועגן וועלכער עס האָבן דאָ דערציילט די פֿאָרשטייער פֿון אַלע „רונדע טישן“, און, כ'מיין, אַז די שטים פֿון אָט דעם פֿאָרום, פֿון יעדן פֿון אײַך, וועט פֿריִער אָדער שפּעטער דערהערט ווערן.

עס איז זייער וויכטיק, אַז די אידייען פֿונעם פֿאָרום, גופֿע דער גײַסט זײַנער זאָלן דערגרייכן צו די ברייטע געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע קרײַזן און, וואָס דאָס איז נאָך וויכטיקער, זאָלן געפֿינען אָן אָפּשפּיגלונג אין דער טעטיקײַט פֿון די, וואָס שטייען בײַ דעם מעלוכע־רודער. אַזאַ האַנאָכע, ווי איך פֿאַרשטיי, האָבן אַרויסגעזאָגט אַלע פֿאָרשטייער אויף אָט דער אַלגעמיינער באַגעגעניש אונדזערער דאָ, אינעם גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ. אַלנפֿאַלס, די סאָוועטישע רעגירונג וועט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקײַט זיך באַציִען צו דעם אַלעם, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויפֿן מאָסקווער פֿאָרום. אַזוי דאַרף זײַן, ווײַל די דאָזיקע אידייען קומען אַרויף אויפֿן סאַמע אַקטועלן, סאַמע וויכטיקן — ווי־אַזוי ראַטעווען פֿאַר דער מענטשהײַט די צוקונפֿט.

מיקויעך די פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אויפֿן פֿאָרום, האָב איך וואָס צו זאָגן, און כ'וואָלט וועלן אײַך אַרויסזאָגן דעם שטאַנדפּונקט פֿון אונדזער רעגירונג. אָבער צוערשט וויל איך צוציִען אײַער אויפֿמערקזאַמקײַט צו פֿאָלגנדיקן.

איר זײַט געקומען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, ווען בײַ אונדז האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט רעוואָליוציאָנערע לויט זייער טאָך איבערגעשטאַלטיקונגען. זיי האָבן אַ קאָלאָסאַלן באַדײַט סײַ פֿאַר אונדזער געזעלשאַפֿט, סײַ פֿאַרן סאָציִאַליזם אינגאַנצן גענומען, סײַ פֿאַר דער גאַנצער וועלט. בלויז האָבנדיק פֿאַרשטאַנען זייער אינהאַלט, זייער זינען און זייערע צילן, קאָן מען ריכטיק אורטיילן אויך וועגן אונדזער צווישנפֿעלקערלעכער פּאָליטיק. פֿאַר אונדזער פֿאָלק, און פֿאַר אײַך, און פֿאַר דער גאַנצער וועלט זאָג איך אָפֿן: אונדזער צווישנפֿעלקערלעכע פּאָליטיק ווערט מער, ווי ווען־עס־איז, באַשטימט פֿון דער אינערלעכער פּאָליטיק, פֿון אונדזער פֿאַראינטערעסירטקײַט צו קאָנצענטרירן זיך אויף דער שעפֿערישער אַרבעט פֿון פֿאַרפֿולקומען אונדזער לאַנד. צוליב דעם טאַקע דאַרפֿן מיר האָבן אַ פֿעסטן שאָלעם, ווי אויך, אַז די צווישנפֿעלקערלעכע באַציִונגען זאָלן זיך לאָזן פֿאָרויסזאָגן און זאָלן האָבן אַ קאָנסטרוקטיווע טענדענץ.

אָפֿט רעדט מען — מיר הערן דאָס ביז איצט — וועגן דער געפֿאַר, וואָס שטאַמט קלוימערשט פֿון פּסר, וועגן דער „סאָוועטישער געפֿאַר“ פֿאַר דעם שאָלעם און דער פֿרײַהײַט.

איז אָט: די איבערבויונג, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אַזאַ פאַרנעם און וועלכע איז אומצוריקערלעך, ווײַזט אַלעמען: אָט, ווּהין מיר ווילן ווענדן אונדזערע רעסורסן, אָט, אויף וואָס עס זײַנען געריכטעט אונדזערע געדאַנקען, אָט, אַוועלכע עס זײַנען אונדזערעווירקלעכע פּראָגראַמען און קאַוואַנעס, אָט, אויף וואָס מיר האָבן בעדייע אויסצוברענגען די אינטעלעקטועלע ענערגיע פון אונדזער געזעלשאַפט.

אונדזער הויפּט־פאַרטראַכט באַשטייט אין אַרויסברענגען דעם פּאָטענציאַל פונעם סאָציאַליזם דורך דער אײַנשליסונג פון אַלע פאָלקס־קרעפטן. צוליב דעם דאַרפן מיר, אַז עס זאָלן פולווערטיק און פולבלוטיק פונקציאָנירן אַלע געזעלשאַפטלעכע און מעלוכישע אָרגאַניזאַציעס, אַלע פּראָדוציר־קאָלעקטיוון און שעפערישע פאַרבאַנדן, מיר דאַרפן צוליב דעם נײַע פאָרמען פון טעטיקייט פון די בירגער און עס זאָלן ווידער אופגעלעבט ווערן די פאָרמען, וועלכע זײַנען אָן אַ גרונט פאַרגעסן געוואָרן. קורץ גערעדט, עס פאָדערט זיך אַ ברייטע דעמאָקראַטיזירונג פונעם גאַנצן לעבן פון דער געזעלשאַפט. זי איז אויך די הויפּט־גאַראַנטיע פאַר דער אומצוריקערלעכקייט פון די אָנגעהויבענע פּראָצעסן. מיר ווילן מער סאָציאַליזם און דעריבער מער דעמאָקראַטיע.

אַזוי זעצן מיר איצט פאָר די זאַך פון אונדזער גרויסער רעוואָלוציע. און אונדזער פאָלק האָט דאָס אופגענומען מיט ענטוזיאַזם.

קעדיי אויסשליסן יעטווידע פאַלשע אויסטײַטשונגען און ספּעקוליאַציעס (און מיר הערן זיי ניט וויניק פון מײַרעוו), וויל איך באַטאָנען: אונדזערע איבערגעשטאַלטיקונגען פאַרווירקלעכן מיר אין העסקעם מיט אונדזער אייגענעם, סאָציאַליסטישן אויסוואַל, אויפן גרונט פון אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן געזעלשאַפטלעכע ווערטן, מיר לייגן אין יעסאָד די קריטעריען פונעם סאָוועטישן לעבנס־אופן. אונדזערע דערפאָלגן און אונדזערע פעלערן מעסטן מיר מיט סאָציאַליסטישע מאָסן און מיט קיין שום אַנדערע.

אָבער מיר ווילן פאַרשטאַנען ווערן, און מיר האָפן, אַז די גאַנצע וועלט־געמיינשאַפט וועט ענדלעך אָנערקענען, אַז דערפון, וואָס מיר ווילן מאַכן אונדזער לאַנד בעסער, וועט קיינעם ערגער ניט ווערן. די גאַנצע וועלט וועט דערפון נאָר אויסשפּילן.

די איבערבויונג, אויב אַרויסהייבן איר צווישנפעלקערלעכן אַספּעקט, — דאָס איז די אײַנלאַדונג פונעם סאָציאַליזם צו אַ פרידלעכן געוועט מיט יעטווידער אַנדערער סאָציאַלער סיסטעם. און מיר וועלן קענען דערווײַזן בעפּועל מאַמעש, אַז אַזאַ געוועט איז צוגונסטן דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס און דעם שאָלעם אויף דער גאַנצער וועלט. אָבער קעדיי אַזאַ געוועט זאָל קומען צו שטאַנד און זאָל זיך פאַנאַנדערוויקלען אין ציוויליזירטע פאָרמען, וועלכע די מענטשהייט פון XXI יאָרהונדערט איז ווערט, פאָדערט זיך אַ נײַ דענקען, דאַרף מען בײַקומען דעם אַרט דענקען, די סטערעאָטיפּן און דאָגמעס, וואָס זײַנען געיאַרשנט געוואָרן פון דער אויף אייביק פאַרשווונדענער פאַרגאַנגענהייט.

גופע די פּראָבלעם פון נײַעם דענקען אינטערעסירט אונדזער געזעלשאַפט, די סאָוועטישע אַנפירערשאַפט ניט פון נעכטן אָן. מיר האָבן וועגן דעם אַ סאַך געטראַכט. קריטיקירט זיך אַליין און אַנדערע, פאַרגעבן זיך אַליין שווערע, זייער האַרבע פּראַגעס, ביז מיר האָבן דערזען די רעאַליטעטן אין זייער איצטיקער פאָרם, און זײַנען געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אין דער הײַנטיקער קאָמפּליצירטער און ווידערשפּרעכלעכער וועלט, וועלכע געפינט זיך אויף אַ שיידוועג, פאָדערן זיך נײַע צוגאַנגען און מעטאָדן פון לייזן צווישנפעלקערלעכע פּראָבלעמען.

מיר זײַנען געקומען צו אויספירן, וועלכע האָבן אונדז געצוווּנגען איבערקוקן עפּעס־וואָס דערפון, וואָס האָט זיך פריער גערעכנט פאַר אַן אַקסיאָמע. ווײַל נאָך הירושימע און נאַגאַסאַקי האָט אַ וועלט־מילכאָמע אופגעהערט צו זײַן אַ פאָרזעצונג פון דער פּאָליטיק מיט אַנדערע מיטלען. אין אַ נוקלעאַרער מילכאָמע וועלן פאַרברענט ווערן אויך אַליין די אוּטאָרן פון אַזאַ פּאָליטיק.

מיר האָבן זיך געצוווּנגען טיף אַרײַנדרינגען אין דעם געדאַנק, אַז מיט דער אָנזאַמלונג פון נוקלעאַרן וואָפן און זײַן פאַרפולקומונג האָט די מענטשהייט אָנגעוואָרן איר אומשטערבלעכקייט. אומקערן זי קאָן מען נאָר דאַן, ווען עס וועט פאַרניכטעט ווערן דאָס נוקלעאַרע וואָפן.

מיר האָבן אָפּגעוואָרפן דאָס רעכט פון דער אָנפירערשאַפט פון וועלכן־ס׳ניט־איז לאַנד, זאָל דאָס זײַן פּססר, פּשאַ אָדער אַ באַליביק אַנדער לאַנד, אַרויסצוטראָגן אַ טויט־אורטייל דער מענטשהייט. מיר זײַנען ניט קיין ריכטער, און מיליאַרדן מענטשן זײַנען ניט קיין פאַרברעכער, וועלכע מע דאַרף באַשטראָפן. (אַפּלאָדיסמענטן.) דעריבער איז טאַקע נייטיק צעברעכן די נוקלעאַרע גיליאָטינע. די נוקלעאַרע מעלוכעס דאַרפן אַריבערשפּאַנען איבער זייער נוקלעאַרן שאָטן אין אַ וועלט, וואָס איז פרײַ פון נוקלעאַרן וואָפן. און גופע דערמיט מאַכן אַ סאַך מיטן אָפּרייסן די פּאָליטיק פון די אַלגעמיין־מענטשלעכע נאָרמעס פון מאָראַל.

דער נוקלעאַרער ווירבל־שטורעם וועט אָפּראַמען אי די סאָציאַליסטן, אי די קאַפּיטאַליסטן, אי די היילִיקע, אי די זינדיקע. איז אַזאַ סיטואַציע מאָראַליש? מיר, קאָמוניסטן, מיינען, אַז — ניט.

מע קאָן זאָגן, מיר האָבן אויסגעוויטיקט דאָס נײַע דענקען, וואָס איז באַרופֿן צו ליקווידירן דעם אײַנרײַס צווישן דער פּאָליטישער פּראַקטיק און די אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַליש־עטישע נאָרמעס.

אויף דעם העכסטן פֿאָרום פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט — אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי פּאַראַיאָרן האָבן מיר אויסגעדריקט אונדזער באַנעמונג פֿון דער וועלט, אונדזער פֿילאָסאָפֿישע קאָנצעפּציע פֿון איר הײַנט און איר צוקונפֿט. אָבער מיר האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיט פּראָקלאַמירן אונדזער טעאָרעטישע דאָקטרינע, אויף איר יעסאָד האָבן מיר פֿאַנאַנדערגעאַרבעט אַ קאָנקרעטע פּאָליטישע פּלאַטפֿאָרם פֿון אַן אַלץ־אַרומכאַפּנדיקער סיסטעם פֿון צווישנפֿעלקערלעכער זיכערהײַט. דאָס איז אַזאַ סיסטעם, וועלכע באַזירט זיך אויפֿן פּרינציפּ, אַז מע טאָר ניט בויען די אייגענע זיכערהײַט אויפֿן כעזשבן פֿון דער זיכערהײַט פֿון אַנדערע, און וועלכע פֿאַראייניקט אָרגאַניש אירע הויפּט־ספֿערן: די מיליטערישע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, הומאַניטאַרע.

אין דער מיליטער־פּאָליטישער ספֿערע זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָגראַם פֿון ליקווידירן דעם נוקלעאַרן וואָפֿן ביז צום 2000 יאָר. זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין נאָמען פֿון דעם סאָוועטישן פֿאָלק מיט דרײַצן כאָדאָשים צוריק, דעם 15 יאַנוואַר 1986 יאָר. און מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז די דאָזיקע דאַטע וועט אַרײַן אין דער געשיכטע פֿונעם קאַמף פֿאַר ראַטעווען די ציוויליזאַציע פֿון אומקום.

נאָך פֿאַר דעם זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן מיט אַן איניציאַטיוו — אָפּצושטעלן אַלע נוקלעאַרע אויפֿרײַסן און האָבן פֿיל מאָל פֿאַרלענגערט דעם איינזײַטיקן מאָראַטאָריום. אונדז געהערט די אידיי פֿון רייקיאַוויק, און מיר האָבן געבראַכט אַהין איניציאַטיוון, וועלכע וואָלטן, ווען דער צווייטער צאַד רופֿט זיך אָפּ זיי אָפּ, באַטײַט, אַז דער וואָפֿן־פֿאַרמעסט איז אָפּגעשטעלט און אַז ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ ראַדיקאַלער קער צו אַנטוואָפֿענונג און צו דער באַזײַטיקונג פֿון דער נוקלעאַרער געפֿאַר. צוזאַמען מיט אונדזערע פֿאַרבינדעטע האָבן מיר פֿאָרגענומען דרייסטע בריטמאַסשטאַביקע שריט אין די פֿראַגן וועגן מאָסמיטלען פֿון צוטרוי און פֿון פֿאַרקירצן די געוויינלעכע באַוואָפֿענונגען און די באַוואָפֿנטע קרעפֿטן אין אייראָפּע. מיר האָבן אויסגעדריקט די גרייטקײַט פֿולשטענדיק ליקווידירן דאָס כעמישע וואָפֿן.

אין וולאַדיוואָסטאָק האָבן מיר אײַנגעלאַדן די לענדער פֿון אַזיע און פֿונעם שטילן אָקעאַן צו אַ געמיינזאַמער זוכונג פֿון זיכערהײַט פֿאַר אַלעמען אין יעדן אין אָט דעם ריזיקן און וואַקסנדיקן רעגיאָן פֿון דער וועלט, צו קעגנזײַטיק־לוינבאַרער און גלײַכבאַרעכטיקטער מיטאַרבעט. מיר האָבן אונטערגעשריבן די דעליער דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס שליסן זיך צונויף אונדזערע פֿילאָסאָפֿישע און פּאָליטישע צוגאַנגען צו דער בויונג פֿון אַ וועלט אָן נוקלעאַרן וואָפֿן און אָן געוואַלט מיט די צוגאַנגען פֿון דער גרויסער אינדיע און פֿון מיליאַרדן מענטשן, וועלכע ווערן רעפּרעזענטירט דורך דער אויסערבלאָקן־באַוועגונג. אַלס אַנטשיידענע אָנהענגער פֿון אַ נײַער עקאָנאָמישער אָרדענונג אין דער וועלט האָבן מיר פֿאָרמולירט און צוגעשטעלט צו אַלגעמיינער באַהאַנדלונג אַ קאָנצעפּציע פֿון צווישנפֿעלקערלעכער עקאָנאָמישער זיכערהײַט.

ענדלעך, שטייען פֿאַר אַלעמענס אויגן אַנדערע נײַע צוגאַנגען צו די הומאַניטאַרע פּראָבלעמען, וועלכע געפֿינען זיך אין „דריטן העלסינקער קאָרב". און איך דאַרף אַנטוישן יענע, וועלכע מיינען, אַז אונדזערע פֿאָרשלאָגן, אַזאַ פּאָזיציע אונדזערע איז אַ רעזולטאַט פֿון דרוק מיצאַד די מײַרעוו־לענדער, אַז מיר ווילן עמעצן געפֿעלן ווערן, פֿאַרפֿאָלגנדיק עפּעס טיף פֿאַרבאָרגענע צילן. ניין, דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פֿון נײַעם דענקען.

אַזויאַרום, שטרעבן מיר אונדזער פֿילאָסאָפֿישן וועלט־באַנעם אַריבערפֿירן לויט אַלע ריכטונגען אין אַספּעקט פֿון פּראַקטישער פּאָליטיק, פֿון קאָנקרעטע מײַסים.

די נײַע געבײַדע פֿון צווישנפֿעלקערלעכער זיכערהײַט קאָן, נאַטירלעך, געבויט און צעמענטירט ווערן בלויז אויף צוטרוי. מיר פֿאַרשטייען: דער וועג צו אים איז ניט קיין פּאַשעטער. און דורכגיין אים דאַרפֿן ניט נאָר מיר, כאָטש מיר, אויב איר וועט זיך דערמאָנען אונדזער געשיכטע, האָבן מער סיבעס אויף אומצוטרוי.

כ'וועל זיך ניט אַרײַנלאָזן אין קיין פּאָלעמיק מיקויעך דעם, איך וויל בלויז קאָנסטאַטירן, אַז באַנאַנד מיטן דעפֿיציט אין נײַעם דענקען פֿילן אַלע אויך אַ דעפֿיציט אין צוטרוי. איך קלײַב זיך איצט ניט אין אַ ברייטן פּלאַן פֿאַרטיפֿערן זיך אין די סיבעס פֿון אַזאַ סיטואַציע, כאָטש דאָ לאָזט זיך אַ סך צו זאָגן. איצט דאַרפֿן מיר קוקן פֿאָרויס, און ניט זײַן אין געפֿאַנגענשאַפֿט בײַ דער פֿאַרגאַנגענהײַט.

צוטרוי דאַרף געשאַפֿן ווערן דורך דערפֿאַרונג פֿון צוזאַמענאַרבעט, דורך קעגנזײַטיקן באַקענען זיך, דורך לייזן געמיינזאַמע פּראָגן. אין פּרינציפּ איז ניט ריכטיק שטעלן די פֿראַגע אַזוי: צוערשט — צוטרוי, און שוין דערנאָך — אַלדאָס איבעריקע: אַנטוואָפֿענונג, צוזאַמענאַרבעט, געמיינזאַמע פּראָיעקטן. דורך געמיינזאַמע מײַסים — צו צוטרוי, צו שאַפֿן, פֿאַרפֿעסטיקן און אַנטוויקלען דעם צוטרוי. אָט דאָס איז אַ ראַציאָנעלער וועג. אַלנפֿאַלס, מיר טראַכטן אַזוי.

איינע פון די אמערסטן וואָגיקע פּאָלגן פון דער איבערבויונג אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַלזײַטיקע און אומטעמיקע פעסטיקונג פונעם צוטרוי אין אונדזער געזעלשאַפט. און דאָס שטאַרקט אונדזער זיכערקייַט, אַז ס׳איז מעגלעך אַרייַנצוברענגען דעם נויטווענדיקן צוטרוי אויך אין דער ספערע פון די צווישן־מעלוכישע, צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען.

און איך כאַזער איבער — יעדערער דאַרף פון זיך אַליין אָנהייבן. ניט קיין פּאָזע פון אַן אַלייך־זיך־אָנגערופענעם העכסטן ריכטער איבער דער גאַנצער וועלט, נאָר אַכטונג לעגאַבע אַנדערע צוזאַמען מיט אַן אָביעקטיוון, זעלבסטקריטישן בליק אַף דער אייגענער געזעלשאַפט — אָט דאָס פעלט איצט שטאַרק אויס אין די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען.

דאָס נייַע דענקען שלאָגט דערווייַל זיך דורך שווער זייַן וועג אין דער צווישנפעלקערלעכער פּאָליטיק. מיט זייער גרויס מי בילדעט זיך אויס דער צוטרוי. טאַקע דערפאַר, מיין איך, ווערט אַלץ שטאַרקער די איבערצייַגונג, אַז מע טאָר ניט אָפּגעבן דעם גורל פון דער וויכטיקסטער אויפגאַבע פון דער הייַנטצייַטיקייַט אין די הענט אויסשליסלעך נאָר פון פּאָליטיקער. דאָס איז ניט בלויז אַ זאַך פון פּאָליטיקער. און מיר זייַנען לעבעדיקע איידעס פון דעם, ווי עס ברייטערט זיך אויס און הייבט זיך אויף אַ מעכטיקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אומעטום אין דער וועלט געלערנטע, אינטעלעקטואַלן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, רעליגיעזע טוער, פרויען, יוגנטלעכע, קינדער — אַלץ מער קינדער! — אפילע געוועזענע מיליטערלייַט, גענעראַלן, וואָס זיי ווייסן פון דער ערשטער האַנט, וואָס איז אַזוינס מאָדערנער וואָפן. זיי זייַנען דאָ אַנוועזנד, נעמען אָנטייל אין דעם דאָזיקן פאָרום.

און דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווייַל די מענטשן באַזיניקן אַלץ טיפער, ווו די וועלט געפינט זיך, צו וואָס פאַר אַ ראַנד זי איז צוגעגאַנגען און ווי רעאַל עס איז די געפאַר, וואָס הענגט איבער איר.

איך מיין, אַז אייַער פאָרום איז גאָר אַ גרויסער שריט אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פאַר אַ וועלט אָן נוקלעאַרן וואָפן, פאַר באַוואָרענען דאָס לעבן פון דער מענטשהייַט. און איך באַגריס דעם בייַטראָג פונעם מאָסקווער פאָרום.

איך וויל נאָכאַמאָל זאָגן באַזונדער וועגן רייקיאַוויק. דאָס איז ניט געווען קיין דורכפאַל, נאָר אַ דורכרייַס. דאָס זייַנען ניט געווען קיין אָרדנטלעכע אונטערהאַנדלונגען, נאָר אַ מאָמענט פון עמעס, ווען עס האָט זיך עטוואָס געעפנט די גוואַלדיקע פּערספּעקטיוו אַרויסצוגיין אויפן וועג צו אַ וועלט אָן נוקלעאַרן וואָפן.

רייקיאַוויק האָט דערפאַר אַרויסגערופן אַזאַ שטאַרקע רעאַקציע אומעטום אין דער וועלט, ווייַל צו דער פּראָבלעם פון פאַרקירצן די אַרסענאַלן פון נוקלעאַרן וואָפן זייַנען מיר צוגעטראָטן אין אַן אַבסאָליוט אַ נייַעם קאָנצעפּטואַלן שליסל — ווי צו אַ פּראָבלעם אַ פּאָליטישער און אַ פּסיכאָלאָגישער, און ניט בלויז אַ מיליטעריש־טעכנישער. און די לייזונג איז קימאַט געפונען געוואָרן. אָבער וואָס טוט מען מיט דעם דאָזיקן „קימאַט", וואָס איבער אים זייַנען מיר אין רייקיאַוויק ניט צוגעקומען צום פּיניש?

איך וועל זיך ניט אומקערן צו דער פּאָלעמיק, פאַרוואָס דאָס איז געשען. איך האָף, אייַך איז באַקאַנט אונדזער אָפּשאַצונג. איך וויל ווענדן אייַער אויפמערקזאַמקייַט אַף פּאָלגנדיקן פאַקט: ווען אין איינעם אַ מאָמענט האָבן ביידע צדדים אין רייקיאַוויק מסכּים געווען שאַרף צו פאַרקירצן זייערע אַרסענאַלן פון נוקלעאַרן וואָפן, און דערנאָך זיי ליקווידירן, האָט דאָס פּאַקטיש באַטייַט זייער אָנערקענונג, אַז די נוקלעאַרע מיטלען קאָנען שוין ניט פעסט גאַראַנטירן די זיכערהייַט. דאָס איז אַ וויכטיקע פּאָליטישע קאָנסטאַטאַציע.

דאָס, וואָס ס׳איז אין רייקיאַוויק פאָרגעקומען, האָט אַף אַן אומצוריקערלעכן אויפן געענדערט דעם כאַראַקטער און דעם טאָך פון די דעבאַטן וועגן דער צוקונפט פון דער וועלט. פונדעסטוועגן, האָט די מעגלעכקייַט, וועלכע האָט זיך באַוויזן, איבערגעשראָקן אייניקע, און זיי שלעפּן אונדז אַף צוריק. אָבער ווי די פאַרגאַנגענהייַט זאָל זיך ניט קלאַמערן, צוריק צו איר איז קיין וועג ניטאָ. כ׳בין איבערצייַגט, אַז די מענטשהייַט קאָן און וועט, איך האָף, גאָר אינגיכן, אָנהייבן אַראָפּוואַרפן פון זיך די נוקלעאַרע קייטן. אָבער פאַר דעם דאַרף מען קעמפן, קעמפן ערנסט.

דאָס נייַע פּאָליטישע דענקען איז באַרופן אויפצוהייבן די ציוויליזאַציע אַף אַן אייכעסדיק נייַער שטופע. שוין בלויז דערפאַר אַליין איז דאָס ניט קיין איינמאָליקע קאָרעקטור פון דער פּאָזיציע, נאָר אַ מעטאָדאָלאָגיע פון פירן צווישנפעלקערלעכע ענייָנים.

ניט בלויז אין דעם דאָזיקן זאָל, נאָר, מיסטאמע, אויך אויסער אים איז ניט צו געפינען קיין מענטשן, וואָס זאָל האַלטן, אַז דער נוקלעאַרער וואָפן איז אַן אומשולדיקע זאַך. ס׳זייַנען אָבער פאַראַן ניט ווייניק מענטשן, וועלכע גלייבן אופריכטיק, אַז די דאָזיקע ראָע איז נייטיק צוליב אויסמייַדן אַ גרעסערע ראָע — אַ מילכאָמע. טאַקע אָט דער טעזיס ליגט אין גרונט פון דער דאָקטרינע וועגן נוקלעאַרער אייַנצוימונג.

וואָס וואָלט זיך וועלן אַרויסזאָגן אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג?

ערשטנס. אפילו ווען מע בלײַבט אויפֿן באָדן פֿון דער דאָזיקער דאָקטרינע, מוז מען אַנערקענען, אַז דער „נוקלעארער שוצבריוו" איז ניט קיין אַבסאָלוט זיכערער און איז ניט קיין אָנטערמיניקער. ער קאָן אין אַ באַליביקן מאָמענט ווערן אַ טויט־אורטייל דער מענטשהייט. וואָס מער נוקלעאַרער וואָפֿן, אַלץ ווייניקער שאַנסן, ער זאָל, לאָמיר זאָגן אַזוי, געהאַרכזאַם זיך אויפֿירן. דאָס צעפֿויזען זיך פֿון דעם דאָזיקן וואָפֿן, די פֿאַרקאָמפּליצירונג פֿון די טעכנישע סיסטעמען, וועלכע זײַנען מיט אים צוזאַמענגעבונדן, די פֿאַרגרעסערונג פֿון די טראַנספּאָרטיר־מאַסשטאַבן, די שטענדיקע מעגלעכקייט פֿון טעכנישע איבערשלאָגן, אַנטפּלעקונגען פֿון מענטשלעכער שוואַכקייט און פֿון עמעצנס בייזן ווילן — דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ריזיקן קאָמפּלעקס פֿון צופֿעליקייטן, פֿון וועלכע עס הענגט אָפּ, צי עס זאָל זײַן אָדער ניט זײַן די מענטשהייט.

צווייטנס. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דער אײַנצוימונגס־דאָקטרינע פֿון אַן אַנדער זײַט. אין טאָך גענומען איז דאָס אַ פּאָליטיק פֿון דראָונגען. אין יעדער מאָדעל פֿון אויפֿירונג איז פֿאַראַן איר אינערלעכע לאָגיק, ווען די דראָונג טרעט אַרויס אַלס אַ מיטל פֿון פּאָליטיק, איז נאַטירלעך דער פֿאַרלאַנג, אַז אַזאַ דראָונג זאָל אין יעדן פֿאַל באַטראַכט ווערן דורך אַלעמען ערנסט. אָבער צוליב דעם דאַרף מען פֿאַרײַאָדיש באַפֿעסטיקן די דראָונגען מיט מעשׂים. אין געגעבענעם פֿאַל — מיטן אָנווענדן מיליטערישע קראַפֿט. אַן אויספּיר פֿונדאַנענען קאָן זײַן בלויז איינער: די פּאָליטיק פֿון אײַנצוימונג, אויב באַטראַכטן זי אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, נישט נאָר, וואָס זי פֿאַרקלענערט ניט, נאָר פֿאַרגרעסערט אַפֿילו די מעגלעכקייט פֿון מיליטערישע קאָנפֿליקטן. פֿונדעסטוועגן קלאַמערט מען זיך ווײַטער אין דער דאָזיקער פּאָליטיק אַפֿילו נאָך רייקיאַוויק.

און דאָס טוען עפּשער אָפּטער פֿון אַלעמען די יעניקע, וועמ ס'איז געניײַגט אין דער קאָנפֿראָנטאַציע מיט אונדז אַפּעלירן צו דער מאָראַל. אָבער ווי זעען זיי אַליין אויס פֿון דעם שטאַנדפּונקט — פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון דער הײַנטיקער מאָראַל? זיי זײַנען דאָך איבערצײַגט און מאַכן דערפֿון קיין סאָד ניט, אַז ריידן מיט אַנדערע, בויען באַציִונגען מיט זיי קאָן מען און מע דאַרף בלויז אויפֿן פֿונדאַמענט פֿון דראָונגען, אויף קויעך און אויף דער שטענדיקער מעגלעכקייט דעם דאָזיקן קויעך אָנצווענדן. ווי וואָלטן מיר זיך באַצויגן צו אַזאַ מענטשן, ווען עס קומט אויס צו באַגעגענען זיך מיט אים אין גאַס? פֿאַרוואָס זשע זעצט מען פֿאָר צו באַטראַכטן אַזעלכע סטאַנדאַרטן, וועלכע זײַנען פֿון לאַנג שוין אָנערקענט — עס דאַכט, דורך גאַנץ אויפֿגעקלערטע טוער, — ווי אַ ווילדקייט, ווען עס גייט אַ רייד וועגן באַציִונגען צווישן אײַנצלנע מענטשן, שיִר ניט ווי אַ נאַטירלעכע נאָרמע אין די צווישן־מלוכישע באַציִונגען.

דריטנס. אין די דיסקוסיעס וועגן אַנטוואָפֿענונג קאָן מען אַלעמאָל הערן אַזאַ טענות: אין דעם מענטשן איז, הייסט עס, פֿון דער נאַטור אײַנגעבוירן אַ מין „געוואַלט־אינסטינקט", אַ „מלחמה־אינסטינקט" און דעם דאָזיקן אינסטינקט איז קלוימערשט ניט אויסצוראָטן.

וואָס זשע באַקומט זיך? מלחמה איז דעם מענטשנס אומאָפּנעמלעכער באַגלייטער? און דאָס באַטײַט, אַז ס'איז אומפֿאַרמײַדלעך סײַ די אַנטשטייונג, סײַ די פֿאַרפֿולקומונג, סײַ די אָנזאַמלונג פֿון אַלץ נײַע און נײַע מיטלען צו פֿאַרניכטן די מענטשן?

ס'איז אומעגלעך שאָלעם צו מאַכן מיט אַזעלכע אָנשויונגען. זיי דערמאָנען יענע צײַטן, ווען מער פּערפֿעקטער וואָפֿן פֿלעגט דערפֿונדן און אויסגעניצט ווערן, קעדײַ באַהערשן אַנדערע פֿעלקער און צווינגען זיי צו אַרבעטן אויף די באַצווינגער אָדער פּאַשעט און פּראָסט קעדײַ זיי באַראַבעווען. אַזאַ פֿאַרגאַנגענהייט איז קיין רעזאָן ניט פֿאַר דער צוקונפֿט, און בפֿרט נאָך קיין שאַבלאָן ניט פֿאַר איר. דער מענטש ערעוו דעם XXI יאָרהונדערט ווייסט און קאָן גוואַלדיק אַ סאַך. טאַקע דערפֿאַר איז ער מעכויעוו צו באַוווּסטזיניקן די נייטוועדיקייט פֿון דעמיליטאַריזירן די וועלט. מיר גלייבן, אַז אַזאַ וועלט איז מעגלעך, און וועלן טאָן אַלץ, קעדײַ צו זיכערן דעם ענדגילטיקן דערפֿאָלג פֿון אָט דער, עפּשער סאַמע באַדײַטנדיקער איניציאַטיוו פֿון דער הײַנטצײַטיקייט. (אָפּלאָדיסמענטן.)

די טעמע פֿון נוקלעאַרער אײַנצוימונג האָט נאָך איין אַספּעקט. אין דער פּאָליטיק טאָר מען ניט פֿאַרגעסן וועגן דער פּראָבלעם פֿון ראַציאָנעלן און איראַציאָנעלן. באַזונדערס אין אונדזער קאָמפּליצירטער וועלט, ווו גופֿע דער אינהאַלט פֿון די דאָזיקע באַגריפֿן איז זייער שטאַרק באַווירקט פֿון די באַזונדערקייטן, וועלכע עס האָט די היסטאָרישע דערפֿאַרונג פֿון די פֿעלקער, באַווירקט פֿון ביז גאָר פֿאַרשיידענע פּאָליטישע קולטורן, טראַדיציעס און פֿיל אַנדערע. עס איז זייער ניט פּאַשעט רעדוצירן דאָס אַלץ צו איין אַלגעמיינעם דינער, וואָס זאָל זײַן ראַציאָנעל פֿאַר אַלעמען אָן אויסנאַם. און דערײַבער טאַקע בלײַבט ניט אָפּגעפֿרעגט דער עמעס: וואָס מער נוקלעאַרער וואָפֿן, אַלץ גרעסער איז די מעגלעכקייט פֿון אַ פֿאַטאַלן פֿעלער.

דאָך הערט מען ניט אויף צו שאַפֿן נאָך מער מעכטיקע און ראַפֿינירטע, עקזאָטישע, ווי מע רופֿט זיי ציניש אָן, מינים וואָפֿן.

די אוניקאַלישקײַט, כ'וואָלט געזאָגט, דעם דראַמאַטיזם פֿון דער סיטואַציע באַטאָנט די געפֿאַר, אַז דער וואָפֿנפֿאַרמעסט וועט אַרויס אין קאָסמאָס. אויב דאָס וועט געשען, וועט קאָמפּראָמעטירט

ווערן גופֿא די אידיי פֿון קאָנטראָל איבער די באַוואָפֿענונגען. עס וועט שאַרף אויסוואַקסן דער אומצוטרוי, די קעגנזײַטיקע פֿאַרדעכטיקײַט, דער כּיישעק איבערצויאָגן אין דער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿון אַלץ נײַע סיסטעמען. דאָס איז, לויט מײַן מיינונג, קלאָר אַפֿילע אַ מענטשן, וואָס איז לאַכלוטן ניט באַהאַוונט אין מיליטערישע ענינים. די דעסטאַביליזירונג וועט ווערן אַ פֿאַקט און וועט אָננעמען אַ קריזיס־כאַראַקטער. די ריזיקע, עס זאָל צופֿעליק אויסברעכן אַ מילכאָמע, וועט גלײַך זיך פֿילפֿאַך פֿאַרגרעסערן.

מיר באַדויערן, וואָס די פֿאָרזעצונג פֿון די אויספּרוווּנגען מיצאַד די אַמעריקאַנער שטעלט אָפּ די גילטיקײַט פֿון אונדזער מאָראַטאָריום. אָבער ער איז ניט געווען אומזיסט.

מיט אונדזער מאָראַטאָריום האָבן מיר באַוויזן, אַז דאָס ניט־דורכפֿירן קיין אויספּרוווּנגען איז אַ זאַך אַ רעאַלע, ווען עס איז נאָר פֿאַראַן דערויף פּאָליטישער ווילן.

אַרויסטרעטנדיק פֿאַר אַזאַ אויטאָריטעטער אַאודיטאָריע, וויל איך דערקלערן — און דערמיט ענטפֿערן דעם דאָקטאָר לאַון, וועלכער האָט אונדז גערופֿן פֿאַרלענגערן דעם מאָראַטאָריום: דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד וועט ניט אָפּטרעטן פֿון זײַן ציל מאַכן אַ סאָף צו די נוקלעאַרע אויספּרוווּנגען, דערשלאָגן זיך אַ ראַדיקאַלע פֿאַרקירצונג פֿון די אָנגעזאַמלטע רעזערוון נוקלעאַרע באַוואָפֿענונגען, און דערנאָך זיי ליקווידירן.

אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג וויל איך באַרירן די לײַדנשאַפֿטן, וואָס האָבן די לעצטע טעג זיך צעפֿלאַקערט אין שײַכעס מיט דער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿונעם ערשטן עשעלאָן פֿון דער סטראַטעגישער שוץ־איניציאַטיוו. די אָנהענגער פֿון דער דאָזיקער אַקציע באַשטייען אויף אַן „אויסגעברייטערטער אינטערפּרעטירונג" פֿונעם אָפּמאַך וועגן קעגנראַקעטן־שוץ. אַגעוו, ביזוואַנען עס גייען נאָך אָן די שטרײַטן אויף דער דאָזיקער טעמע סײַ גופֿא אין וואַשינגטאָן, סײַ צווישן אים און זײַנע פֿאַרבינדעטע אין דער נאַטאָ, האָט די אַדמיניסטראַציע שוין אָפֿיציעל פֿאַרגעשלאָגן אין זשענעווע פֿאַרגעזעצלעכן אַזאַ אינטערפּרעטירונג. אַזוי־אַרום, איז די דיסקוסיע אין געגעבענעם פֿאַל ניט קיין מיטל צו זאָנדירן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג. עס איז נאָענט צו רעאַלער פּאָליטיק, אויב שוין ניט אַליין די רעאַלע פּאָליטיק. און דאָס דאַרף אונדז אַלעמען באַאומרויִקן. עס האַנדלט זיך פּאַקטיש וועגן אויפֿברעכן דעם אָפּמאַך פֿון קעגנראַקעטן־שוץ. ווײַל זײַן פּאָליטישער און, אויב איר ווילט, פֿילאָסאָפֿישער זין איז דאָך פֿון אָנהייב אָן באַשטאַנען דערין, אַז די סטאַביליקײַט זאָל געזיכערט ווערן אויפֿן כּעזשבן פֿון דער אָפּוועזנהײַט פֿון קעגנראַקעטן־שוץ און גופֿא דערמיט זאָל געמאַכט ווערן אַ סאָף צו דער דויערסדיקער און באַזונדערס געפֿערלעכער אין דער נוקלעאַרער טקופֿע פֿאַרמעסטונג צווישן „פּאַנצער" און „שווערד". צום אָפּמאַך וועגן קעגנראַקעטן־שוץ איז מען דאָך געקומען אין רעזולטאַט פֿון אַ דויערהאַפֿטיקער, לאַנגיאָריקער דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע מויכעס, פּעיִקע אָפּצושאַצן די סיטואַציע, דעמלט האָבן די פֿאַרייניקטע שטאַטן אָנערקענט זײַן ריכטיקײַט. און איצט ווילן זיי דורך דער ברייטער אינטערפּרעטירונג פֿונעם אָפּמאַך צעברעכן אָט דעם וויכטיקסטן טאָרמאָז אויפֿן וועג פֿונעם וואָפֿנפֿאַרמעסט.

מיטן צו נישט מאַכן דעם אָפּמאַך וועט דער ראַקעטן־נוקלעאַרער יאָג־געוועט אָננעמען נײַע אויסמעסטונגען און צו אים וועט נאָך צוקומען דער יאָג־געוועט אין קאָסמאָס, וואָס וועגן זײַנע אומפֿאַרמײַדלעכע פֿאָלגן האָב איך נאָרוואָס געזאָגט.

אין נאָיאַבער 1985 האָבן מיר מיטן פּרעזידענט רייגאַן געגומען אין זשענעווע אַ פֿאַרפֿליכטונג: „ניט דערלאָזן דעם וואָפֿנפֿאַרמעסט אין קאָסמאָס און מאַכן אַ סאָף צו אים אויף דער ערד, באַגרענעצן און פֿאַרקירצן די נוקלעאַרע באַוואָפֿענונגען און פֿעסטיקן די סטראַטעגישע סטאַביליקײַט". דאָס איז פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן אין דער זשענעווער געמיינזאַמער דערקלערונג. אויפֿברעכנדיק דעם אָפּמאַך וועגן קעגנראַקעטן־שוץ, צעטרעט די אַדמיניסטראַציע מיט די פֿיס די דאָזיקע פֿאַרפֿליכטונג צוזאַמען מיט דער אונטערשריפֿט, וואָס די פֿאַרייניקטע שטאַטן האָבן געשטעלט אונטער אָט דעם אָנטערמיניקן אָפּמאַך מיט 15 יאָר צוריק.

די סיטואַציע פֿאָדערט אַ העכערונג פֿונעם ניוואָ און אַ פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דעם צווישנפֿעלקערלעך־רעכטלעכן רעזשים, און ניט, מע זאָל אים צעשאָקלען און אַרויסשלאָגן פֿון אים די וויכטיקסטע רינגען.

מיר טראַכטן איצט, צום בײַשפּיל, איבער אַזאַ פּראָבלעם, פֿאַרוואָס נעמען זיך די אָדער יענע לענדער דאָס רעכט צו דערפֿינדן און פֿאַנאַנדעראַרבעטן נײַע סיסטעמען פֿון וואָפֿן, דערצו אַזאַ, וואָס באַדראָט אַנדערע פֿעלקער און מעלוכעס, אַפֿילע ווען עס איז ניט פֿאַנאַנדערגעוויקלט און ווערט ניט אָנגעווענדט? מיסטאָמע קומט אויף אַזאַ פֿראַגע אויך בײַ אײַך. די דאָזיקע פּראָבלעם שטייט אויסער די ראַמען פֿון נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט. זי איז אַ צווישנפֿעלקערלעכע.

אָדער. איצט ווערט אויפֿן אַטמאָספֿער־רוים איבער אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריע פֿאַרשפּרייט די סוווערעניטעט פֿון דער אַנטשפּרעכיקער מעלוכע. און זי פֿאַרמאָגט דאָס אומבאַשטרײַטלעכע רעכט צו פֿאַרטיידיקן אים פֿון אַן אינוואַזיע. אָבער פֿונעם קאָסמאָס, וווּהין מע וויל איצט אַרויספֿירן וואָפֿן,

וועט קומען א סאך א גרעסערע סאַקאַנע. אַזעלכע קאַוואַנעס שטעלן מיט זיך פאָר א פּרווו צו שאַפן א נײַעם אינסטרומענט פון שאַנטאַזש בענגעייע אוּמאָפּהענגיקע מעלוכעס. דעריבער איז שוין דען ניט צײַט צו שטעלן אין צווישנפעלקערלעך־רעכטלעכן פּלאַן די פראַגע וועגן א פאַרבאָט צו „טרײַבן“ אין קאָסמאָס וואָפן איבער די קעפּ פון די מענטשן פון אַנדערע לענדער? (אַפּלאָדיסמענטן.) איך האָב, פאַרשטייט זיך, אויסגערעכנט אַף מער אײַנמוטיקע און מעכטיקע אַפּלאָדיסמענטן, נאָר דאָס איז אויך גענוג. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.)

דערלעבט איצט זאָגן וועגן אַן אַנדער באַדײַטנדיקסטער רעאַליטעט פון אונדזערע טעג. אויך זי פאָדערט נײַעם דענקען. איך האָב אין זינען די אומגעווײנלעכע פּילאַרטיקײַט און גלײַכצײַטיק די וואַקסנדיקע קעגנזײַטיקע צוזאַמענגעבונדנקײַט און די אַלץ גרעסערע גאַנצהײַטלעכקײַט פון דער וועלט. עס פאַרייניקן זי ניט בלויז די אינטערנאַציאָנאַליזירונג פונעם עקאָנאָמישן לעבן און די מעכטיקע מיטלען פון אינפאָרמאַציע און קאָמוניקאַציע, נאָר אויך די אַלגעמיינע געפאַר פון א נוקלעאַרן טויט, פון אַן עקאָלאָגישער קאַטאַסטראָפע און גלאָבאַלן אויסברוך פון די ווידערשפּרוכן צווישן אָרעמקײַט און רײַכקײַט פון אירע פאַרשיידענע טיילן.

די וועלט־געמיינשאַפט דערשײַנט איצט פאַר אונדז, ווי א מענגע מעלוכעס, מיט א פאַרשיידענער געשיכטע, מיט פאַרשיידענע טראַדיציעס, מינהאָגים, לעבנס־פאָרמען. יעדער לאַנד און יעדער פאָלק האָט זײַן אייגענעם עמעס, זײַנע אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און זײַנע אייגענע באַשטרעבונגען. דאָס איז די וויכטיקסטע רעאַליטעט פון דער הײַנטיקער וועלט. מיט 30—40 יאָר צוריק איז דאָס ניט געווען. זי איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון דעם אויסוואַל, וועלכן אַליין די פעלקער האָבן געמאַכט, זיי האָבן אַליין אויסגעוויילט דעם וועג פון זייער אַנטוויקלונג, פון זייער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אָבער די אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט באַשײַמפּערלעך איבערגעיאָגט די פעיִקײַט פון אייניקע פּאָליטיקער צו פאַרשטיין און באַזיניקן די אומצוריקקערלעכע ענדערונגען. פּונקט ווי אין דער ספערע פון נוקלעאַרן וואָפן, לעבן זיי מיט אַלטע פאַרשטעלונגען.

דער אויסוועג באַשטייט אויך דערין, אַז מע זאָל פאַרקירצן און בײַקומען דעם אײַנרײַס צווישן דעם איבעריאָגנדיקן גאַנג פון די געשעענישן און דער באַוווסטזיניקונג פון די רעאַליטעטן, צווישן דער פאַרשטענדעניש פון דעם, וואָס עס קומט פאָר, און דעם, צו וואָס עס פירט. דערווײַל איז עס נאָך ניט שפּעט.

דער קוק אַף דער וועלט ווי אַף אַן אייגענער נאַכלע, דאָס ווילקירלעכע דערקלערן זאָנעס פון אייגענע „לעבנס־אינטערעסן“ איז נאָך הײַנט אויך פאַרשפּרייט. און דאָס סטימולירט אויך דעם וואָפּנ־פאַרמעסט, ווײַל דאָס דרינגט אַרויס פון דער אויסרעכענונג אַף קראַפט, וואָס אָן איר ווייסטו פאַר זיך ניט זיכערן די מעגלעכקײַט פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן דיקטאַט. דאָס זײַנען סטערעאָטיפּן פון פאַרגאַנגענעם דענקען, ווען עס האָט זיך גערעכנט פאַר „גזעצלעך“ עקספּלואַטירן אַנדערע פעלקער, האָבן צו שאַפן איבער זייערע רעסורסן, אײַגנוויליק לייזן זייערע גורלעס.

צו וואָס פירט דאָס אײַנהיטן אַזעלכע אָנשוינגען? צום וווּקס פון רעגיִאָנעלע קאָנפליקטן. די שײַטערס פון פײַנטשאַפט פלאַקערן. עס צערוקן זיך געפערלעך זייערע גרענעצן, עס וואַקסט דער קרײַז פון די מעלוכעס, וועמענס אינטערעסן זיי האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט אָנגערירט. די רעגיאָנעלע קאָנפליקטן רופן זיך אָפּ שווער אַף דעם אַלגעמײנעם צושטאַנד פון די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען. אַף די שלאַכטפעלדער פון די דערקלערטע און ניט־דערקלערטע מילכאָמעס, אָפּן פראָנט און אין הינטערלאַנד קומען אום מענטשן. אין דעם גערוורבל פונעם רוינירנדיקן וואָפּנפאַרמעסט ווערן אַרײַנגעצויגן לענדער, וועלכע לײַדן פון ביטערער נויט און מאַסן־הונגער.

אײַנרעגולירן די רעגיאָנעלע קאָנפליקטן — דאָס איז אַן אימפּעראַטיוו פון דער צײַט. ווײַזוי מיר גייען צו צו דער דאָזיקער פראַגע, קאָן מען זען כאָטשבי אַפן בײַשפּיל פון אונדזערע איניציאַטיוון אַפן נאָענטן מיזרעך. דאָס איז א פּילבאַרער נערוון־קנופּ פון דער פּלאַנעטע. דאָ קרייצן זיך איבער די אינטערעסן פון א סאך מעלוכעס, ניט נאָר פון די אַראַבער און ייִסראָעל. דאָס איז א קרייצ־פּונקט פון געשיכטע, רעליגיעס, קולטורן. דעריבער איז דאָ אָנעמבאַר בלויז א פּאַראַנטוואָרטלעכער, פּאָרזיכטיקער, איך וואָלט געזאָגט, דעליקאַטער צוגאַנג, און ניט קיין קראַפט־מיטלען, ניט קיין באַנדיטישע ריידן און שטענדיקע דראָונג אָנצווענדן באַוואָפנטע קראַפט. (אַפּלאָדיסמענטן.)

מיר זאָגן: לאָמיר זוכן, מע דאַרף האַנדלען געמיינזאַם. דאָס האָט א שײַכעס אויך צו דער מיל־כאָמע צווישן איראַן און איראַק, צום צענטראַל־אַמעריקאַנער קריזיס, צו דער אַפגאַניסטאַנער פּראָב־לעם, צום דאָרעם פון אַפריקע, צו דער סיטואַציע אין אינדאָכינע. דאָס וויכטיקסטע איז — שטרעבנג זיך רעכענען מיט די רעכט פון די פעלקער אַליין אויסצוויילן דעם וועג אין דער צוקונפט, ניט אַרײַנמישן זיך אין די אינערלעכע עניִאָנים פון אַנדערע מעלוכעס.

מיר זײַנען קעגן דעם, עס זאָלן קינסטלעך צעשטערט ווערן די פֿאַרבינדונגען, וועלכע האָבן זיך היסטאָריש אויסגעבילדעט. אָבער די גערעכטיקייט פֿאָדערט א רעגלאַמענטירונג פֿון דער צווישנפֿעלקערלעכער עקאָנאָמישער טעטיקייט, אַזאַ רעגלאַמענטירונג, וואָס זאָל אויסשליסן, אַז די אָרעמע זאָלן באַרויבט ווערן פֿון די רײַכע. קאָן מען דען לעבן רויִק אין אַ וועלט, וווּ דרײַ פֿערטל מעלוכעס זײַנען אייביקע באַלע־כויוועס, און אַ קליין הײַפֿל מעלוכעס טרעט אַרויס אין דער ראָליע פֿון אַל־מעכטיקע וואָכערניקעס. אין דער אײַנריכטונג פֿון אַזאַ לאַגע איז פֿאַרבאָרגן אַ סאָציִאַלער אופֿרײַס, וואָס אויך ער איז מעסוגל צעשטערן די מאָדערנע ציוויליזאַציע.

אַ גערעכטיקע פּאָליטישע אײַנרעגולירונג פֿון די רעגיִאָנעלע קאָנפֿליקטן ווערט דיקטירט דורך דער זעלבער לאָגיק פֿון אַ קעגנזײַטיק אָפּהענגיקער און גאַנצהײַטלעכער וועלט. אַ לאָגיק, וועלכע פֿאָדערט צו לייזן אויך אַנדערע גלאָבאַלע פּראָבלעמען — די דערנערונגס־פּראָבלעם, די עקאָלאָגישע, ענערגעטישע פּראָבלעמען, די פּראָבלעמען פֿון אומעטומיקן פֿאַרשפּרייטן איווּרעדיקײַט, בילדונג און געזונט־פֿאַרהיטונג.

די איצטיקע וועלט לײַדט נאָך פֿון איין צאָרע. דאָס איז דער טעראָריזם. אַ שרעקלעכע ראָע. אָבער, ווי איך האָב שוין דאָ ניט לאַנג געזאָגט, פּרוּוון זיך אים אויסוואָרצלען מיט דער היקף פֿון מעלוכישן טעראָריזם — הייסט באַגיין נאָך אַ גרעסערן פֿאַרברעכן קעגן דער מענטשלעכקײַט, פֿון אַזאַ „מעטאָד" קומען אום נאָך מערער מענטשן, עס ווערט געבראַכט אַלס אַ קאָרבן דאָס צווישנפֿעלקערלעכע רעכט, די סוּווערעניטעט פֿון מעלוכעס, שוין אָפּגערעדט פֿון דער מאָראַל און גערעכטיקײַט. עס שאַפֿט זיך אַ פֿאַרקישעפֿטער קרײַז פֿון גוואַלדטאַט און בלוט־פֿאַרגיסונג, עס פֿאַרשאַרפֿט זיך די אַלגעמיינע לאַגע.

מיר האָבן שוין דערקלערט אין אונאָ און אויף אַנדערע צווישנפֿעלקערלעכע פֿאָרומס — און הײַנט וואָלט איך וועלן נאָכאַמאָל באַשטעטיקן — וועגן אונדזער גרייטקײַט מיט געמיינזאַמע קויכעס צו קעמפֿן קעגן אַלע פֿאָרמען פֿון טעראָריזם. (אַפּלאָדיסמענטן.)

אַלע אָנגערופֿענע פּראָבלעמען זײַנען וויכטיק, אַלע האָבן זיי באַצייכנט יענעם שווערן דורכגאַנג, וואָס פֿירט צו נײַע האָריזאָנטן פֿון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. אָבער זייער אָפּהענגיקײַט איינע פֿון דער אַנדערער איז ניט קיין אַלציינע: אָן דער באַשרענקונג פֿונעם וואָפֿנפֿאַרמעסט קאָנען קיין שום אַנדערע פּראָבלעמען ניט געלייזט ווערן ווי ס'געהער צו זײַן.

דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד, די סאָוועטישע מענטשן פֿאַרשטייען זיך אַלס אַ טייל פֿון דער וועלט־געמיינשאַפֿט. די זאָרגן פֿון דער מענטשהײַט — דאָס זײַנען אונדזערע זאָרגן, איר ווייַ דאָס איז אונדזער וויי, אירע האָפֿענונגען דאָס זײַנען אונדזערע האָפֿענונגען.

בײַ אַלע אונטערשיידן צווישן אונדז דאַרפֿן מיר אַלע אײַנעם זיך אויסלערנען אָפּהיטן די גרויסע מישפּאָכע פֿון דער מענטשהײַט.

אויף דעם צוזאַמענטרעף אין זשענעווע האָט דער פּרעזידענט פֿון די פּשא אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז אויב עס וועט דער ערד דראָען אַן אינוואַזיע פֿון פֿרעמדפּלאַנעטישע וועזנס, וועלן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד זיך פֿאַראייניקן, כדי אָפּשלאָגן דעם דאָזיקן אָנפֿאַל. איך וועל ניט באַשטרײַטן די דאָזיקע היפּאָטעזע, כאָטש זיך טאָן זאָרגן וועגן דעם איז מיסטאָמע נאָך צו פֿרי. (אָן אופֿלעבונג אין זאַל, געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן.) אַ סאַך וויכטיקער איז פֿאַרנעמען זיך מיט די זאָרגן, וועלכע זײַנען שוין אַרײַן אין אונדזער געמיינזאַם הויז! זיך דורכדרינגען מיטן באַוווּסטזײַן, אַז ס'איז נויטווענדיק צו באַזײַטיקן די נוקלעאַרע געפֿאַר, אָנערקענען, אַז עס איז ניטאָ אויף דער ערד און אין קאָסמאָס אַזאַ דאַך, אונטער וועלכן מע וואָלט געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן, אויב עס וועט אויסברעכן אַ נוקלעאַרער געוויטער.

אונדזער קאָנצעפּציע פֿון שאַפֿן אַ סיסטעם פֿון אַלץ־אַרומכאַפּנדיקער צווישנפֿעלקערלעכער זיכערהײַט, אַנדערע אונדזערע איניציִאַטיוון — זיי אַלע שפּיגלען אָפּ דעם דײַטלעכן ווילן און די גרייטקײַט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד אָפּצוזאָגן זיך פֿון זײַן סטאַטוס אַלס נוקלעאַרע מעלוכע, פֿאַרקירצן ביזן מינימום פֿון פֿאַרנונפֿטיקער גענוגנדיקײַט אַלע אַנדערע באַוואָפֿענונגס־מיטלען. (אַפּלאָדיסמענטן.)

פּסטר פֿאָדערט נישט פֿאַר זיך גאָרניט אַזוינס, אין וואָס ער וואָלט וועלן אָפּזאָגן אַנדערע, ער פּרעטענדירט ניט אויף קיין לויט מער זיכערהײַט, ווי, לאָמיר זאָגן, עס האָבן די פּשא. אָבער דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד וועט אויך ניט אײַנגיין אויף קיין סטאַטוס, וואָס ברענגט שאָדן, אויף דיסקרימינירונג.

טוט אַ קוק אויף אַלע אונדזערע פֿאָרשלאָגן. עס איז ניטאָ אין זיי קיין פּרוּוו איבערצולאָזן וועלכן־ניט־איז וואָפֿן אונדזערן אויסער די ראַמען פֿון אונטערהאַנדלונגען. דער פּרינציפּ איז בײַ אונדז אַ פּאָשעטער: אַלץ דאַרף מען באַגרענעצן און פֿאַרקירצן, און בענעגײַע דעם וואָפֿן פֿון מאַסן־אויסראָטונג דאַרף מען פֿירן די זאַך אויף אים צו פֿאַרניכטן. אָט איז אונדזער פֿעסטע ליניע. (אַפּלאָדיסמענטן.)

דאָרט, ווו עס איז פֿאַראַן אַן אומגלײַכהייט אין וועלכע־ניט־איז עלעמענטן, — דאַרף מען די לאַגע

אויסגלײַכן. און ניט אפֿן כּעזשבן פֿון פֿאַרגרעסערן בײַ יענעם, וואָס איז אָפּגעשטאַנען, נאָר אפֿן כּעזשבן פֿון פֿאַרקירצן בײַ יענעם, וואָס איז אַוועק פֿאָרויס. אפֿן וועג צום היסטאָרישן ציל — צו אַ דעמיליטאַריזירטער וועלט, וועלן, פֿאַרשטייט זיך, זײַן עטאַפּן. אױף יעדן פֿון זיי דאַרף אָפּגעהיט ווערן די קעגנזײַטיקייט פֿון אינטערעסן, דאָס גלײַכגעוויכט אפֿן ניוואָ פֿון פֿאַרנונפֿטיקער גענוגנדיקייט מיט אַ שטענדיקער טענדענץ צו פֿאַרקלענערונג. אַלע דאַרפֿן באַנעמען און אָפּרעדן צווישן זיך: אַ פֿאַרזיכערטקייט פֿון פֿרידן די פֿעיִקייט פֿיל מאָל צו פֿאַרניכטן איינס דאָס אַנדערע — דאָס איז אַן אומזין און אַן אַבסורד. (אַפּלאָדיסמענטן.)

עס איז וויכטיק, לויט אונדזער מיינונג, פֿאַרקלענערנדיק דעם ניוואָ פֿון דער מיליטערישער קאָנפֿראָנטאַציע, פֿאַרווירקלעכן אַזעלכע מאָסמיטלען, וואָס זאָלן דערלויבן צו פֿאַרקלענערן, און נאָך בעסער אינגאַנצן אויסצושליסן די מעגלעכקייט פֿון אַ פּלוצעמדיקן אָנפֿאַל. מע דאַרף אַרויספֿירן פֿון די באַרירונג־זאָנעס די אַמערסטן געפֿערלעכע, די אָנגרייף־מינים פֿון וואָפֿן. דערבײַ דאַרפֿן, נאַטירלעך, די מיליטערישע דאָקטרינעס האָבן אַ שטרענגן פֿאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער. (אַפּלאָדיסמענטן.)

מיר איז שוין אויסגעקומען צו זאָגן, אַז איצט, ווען אױף דער טאָג־אָרדענונג שטייען גרויסע מאָסמיטלען פֿון רעאַלער אָנטוואָפֿענונג, וועלכע רירן אָן דאָס סאַמע פֿײַלבאַרע געביט — די נאַציאָנאַלע זיכערהײַט — וועט דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד זיך טאָן דערשלאָגן די סאַמע האַרבע סיסטעם פֿון קאָנטראָל און אינספּעקטירונג. דערונטער — צווישנפֿעלקערלעכן. עס מוז זײַן אַ פֿולשטענדיקע איבערצײַגטקייט, אַז די פֿאַרפּליכטונגען פֿילן אויס אַלע. און צי דען קאָן מען ניט האַלטן פֿאַר אַ פּראָטאָטיפּ פֿון אַזאַ קאָנטראָל דעם סאָוועטיש־אַמעריקאַנער עקספּערימענט אין סעמיפּאַלאַטינסק?

אין דער פֿראַגע פֿון קאָנטראָל איז פֿאַראַן אויך אַזאַ אַספּעקט. עס איז באַוווּסט, אַז די פֿשאַ האָבן פֿילצאָליקע מיליטערישע באַזעס אױף דער טעריטאָריע פֿון אַנדערע לענדער. מיר וואָלטן געוואָלט האָבן אַן אינספּעקציאָנעלן צוטריט צו זיי, קעדיי צו זײַן זיכער, אַז קיין שום פֿאַרבאָטענע טעטיקײַט לויט דער אָדער יענער מעגלעכער פֿאַרשטענדיקונג ווערט אױף די דאָזיקע באַזעס ניט פֿאַרווירקלעכט. דאָ, ווײַזט אויס, וועט אויך נייטיק זײַן די מיטאַרבעט פֿון יענע מעלוכעס, וואָס אױף זייער ערד געפֿינען זיך די דאָזיקע באַזעס.

און נאָך בעסער איז אומקערן זיך צו דער אַלטער אידיי וועגן ליקווידירן די אויסלענדישע באַזעס. (אַפּלאָדיסמענטן.) אומקערן אַהיים אויך דאָס מיליטער. (אַפּלאָדיסמענטן.) מיר האַלטן, אַז דאָס האָט אַ שײַכעס אויך צו אונדז אַליין, די ערשטע פּראַקטישע שריט האָבן מיר שוין געמאַכט. ווי איר ווייסט, פֿירן מיר אַרויס, קאָנטאַקטירנדיק עס מיט די מאָנגאָלישע פֿרײַנט, אַ טייל אונדזער מיליטער פֿון דער מאָנגאָלישער פֿאָלקס־רעפּובליק. מיר האָבן אַרויסגעפֿירט זעקס פּאָלקן פֿון אַפֿגאַניסטאַן און וועלן אָפּרופֿן פֿון דאָרטן אונדזער גאַנצן מיליטערישן קאָנטינגענט אין ווי ווײַט מעגלעך קירצערע טערמינען. אָבער קעדיי לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם, פֿאָדערט זיך קעגנזײַטיקייט מיצאַד די פֿאַרייניקטע שטאַטן און די שכיינים פֿון אַפֿגאַניסטאַן, עס זײַנען נייטיק צווישנפֿעלקערלעכע באַמיִונגען. (אַפּלאָדיסמענטן.)

מיר האָבן ניט קיין פּרעטענזיעס אױף באַזיצן דעם עמעס אין דער לעצטער אינסטאַנץ. מיר רופֿן זיך אָפּ מיט גרייטקייט אױף די פֿאָרשלאָגן, וועלכע עס רוקן אַרויס אַנדערע לענדער, פּאָליטישע פּאַרטייען, געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען, ווי אויך באַזונדערע פּערזאָנען. דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט געשטיצט די אידייען פֿון שאַפֿן אַ קאָרידאָר אָן נוקלעאַרן וואָפֿן אין צענטער פֿון אייראָפּע, זאָנעס אָן נוקלעאַרן וואָפֿן אין צאָפֿן־אייראָפּע, אױף די באַלקאַנען, אין דעם דאָרעם־טייל פֿונעם שטילן אָקעאַן און אין אַנדערע רעגיאָנען. וועגן יעדן פֿאָרשלאָג זײַנען מיר גרייט דורכפֿירן קאָנסולטאַציעס, קעדיי אויסזוכן דעם סאַמע בעסטן וואַריאַנט, וועלכער זאָל באַפֿרידיקן אַלעמען.

כאָשעווע געסט! כאַווײרים! אױף אײַער פֿאָרום איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן די פּערספּעקטיווע און איידלמוטיקע אידיי — גרינדן אַ „פֿאָנד פֿאַר באַוואָרענען דאָס לעבן פֿון דער מענטשהײַט". אין די ראַמען פֿון דעם דאָזיקן אינסטיטוט וואָלטן געקאָנט דורכגעפֿירט ווערן אָפֿענע באַהאַנדלונגען פֿון די פֿראַגן וועגן אויסמײַדן אַ נוקלעאַרע מילכאָמע. דער פֿאָנד וואָלט געקאָנט סטימולירן פֿאָרשונגען פֿון ברענענדיקע פּראָבלעמען אינעם צווישנפֿעלקערלעכן לעבן, מיטווירקן דער פֿאַנאַנדעראַרבעטונג פֿון פּראָיעקטן לויט גלאָבאַלע פּראָבלעמען פֿון דער מענטשהײַט, אײַנגעשלאָסן אויך דעם קאַמף קעגן די נײַסטע טויט־ברענגענדיקע קראַנקהײַטן.

פֿון אונדזער זײַט וועלן מיר באַגריסן דעם אַקטיוון אָנטייל פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט — סײַ מאַטעריעלן, סײַ אינטעלעקטועלן — אין דער טעטיקייט פֿון אַזאַ פֿאָנד. (אַפּלאָדיסמענטן.)

איך צווייפֿל ניט, אַז די גוטע זוימען פֿון דער אַרבעט פֿון אײַער פֿאָרום וועלן אויפֿגיין. די קרעפֿטן פֿונעם מיליטאַריזם — און זיי זײַנען דורכויס און אומעטום אַ סינאָנים פֿאַר די קרעפֿטן פֿון אומוויסן און גײַסטיקער בלינדקייט — זײַנען ניט אַלמעכטיק.

די אַנטשטייונג פֿון דער באַוועגונג פֿון געלערנטע פֿאַר אָפּווענדן די נוקלעאַרע געפֿאַר, די לײַדנשאַפֿטלעכע און הויך־קאָמפּעטענטע אַרויסטרעטונגען פֿון דאָקטוירים, עקאָלאָגן, טוער פֿון קולטור און קונסט, דאָס אַנטשטיין פֿון פֿאַרשיידענע קעגנוקלעאַרע פֿאַרייניקונגען און אַסאָציאַציעס זײַנען אומפֿעלערהאַפֿטע באַווײַזן פֿון אַנטשלאָסנקייט פֿון דער דענקענדיקער מענטשהייט צו ראַטעווען אויף דער ערד דעם ווערטפֿולן געשאַנק פֿונעם לעבן, קאָן זײַן, דאָס איינציקע אין דער אַלוועלט.

אין דער דאָזיקער אַאודיטאָריע זײַנען פֿאָרגעשטעלט די פּאָליטיק און די פּאָליטישע וויסנשאַפֿטן. איך פֿאַרגיב זיך אַ פֿראַגע: צי קאָנען מיר, פֿאַרמאָגנדיק די הײַנטיקע קענטעניש, די הײַנטיקע דערפֿאַרונג, גיין, טראָט נאָך טראָט, צו מער גלײַכע און האַרמאָנישע צווישנפֿעלקערלעכע באַציִונגען, צו אַ פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון אַן אַלך־אַרומכאַפּנדיקער סיסטעם פֿון צווישנפֿעלקערלעכער זיכערהייט, אַ זיכערער און אַ גלײַכער פֿאַר אַלעמען? לויט מײַן מיינונג, קאָנען מיר און דאַרפֿן. (אַפּלאָדיסמענטן.)

איך מיין, אַז די האָפֿענונג און די שטרעבונג צו געפֿינען אַ פּאָזיטיוון ענטפֿער אויף אָט דער פֿראַגע האָבן אײַך צוזאַמענגעבראַכט אויך אויף דעם דאָזיקן ברייטן פֿאָרום.

דער גרויסער געלערנטער אונדזערער וולאַדימיר איוואַנאָוויטש ווערנאַדסקי האָט נאָך אין 1922 יאָר (טויט נאָר אַ טראַכט — מיט 65 יאָר צוריק!) געוואָרנט: „ס'איז ניט ווײַט די צײַט, ווען דער מענטש וועט באַקומען אין זײַנע הענט די אַטאָם־ענערגיע, אַזאַ קוואַל פֿון קראַפֿט, וואָס וועט אים געבן אַ מעגלעכקייט אויפֿצובויען אַ נײַ לעבן, ווי ער וועט ווען... וועט דער מענטש קענען אויסניצן אָט די קראַפֿט, ווענדן זי צום גוטן, און ניט צו זעלבסטפֿאַרניכטונג. איז ער דערוואַקסן צום קענען אויסניצן די קראַפֿט, וועלכע די וויסנשאַפֿט דאַרף אים אומפֿאַרמײַדלעך געבן? די געלערנטע דאַרפֿן ניט פֿאַרמאַכן די אויגן אויף די מעגלעכע פֿאָלגן פֿון זייער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, פֿון דעם וויסנשאַפֿטלעכן פּראָגרעס. זיי דאַרפֿן זיך פֿילן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די פֿאָלגן פֿון זייערע אַנטדעקונגען, זיי דאַרפֿן פֿאַרבינדן זייער אַרבעט מיט אַ בעסערער אָרגאַניזאַציע פֿון דער גאַנצער מענטשהייט".

טראַכט זיך אַרײַן אין די דאָזיקע ווערטער. פֿריִער האָט דעם מענטשנס געדאַנק ניט אומקוקנדיק זיך געשטרעבט אונטערוואַרפֿן די נאַטור־קרעפֿטן. הײַנט קאָן די אַרײַנדרינגונג אין דער נאַטור, ניט נעמענדיק פֿריִער אין אַכט אַלע פֿאָלגן, פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ דאַם־סוינע פֿון דער מענטשהייט. די טשערנאָבילער אַוואַריע האָט אונדז דערמאָנט וועגן דעם מיט דער טראַגעדיע פֿון אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק לאָקאַלן מאַסשטאַב. און דער פֿאַרמעסט פֿון נוקלעאַרן וואָפֿן טרײַבט אונדז אומדערבאַרעמדיק צו אַ גלאָבאַלער טראַגעדיע.

דוירעסלאַנג האָבן די מענטשן געזוכט וועגן צו דערגרייכן אומשטערבלעכקייט. ס'איז שווער שאַלעם צו מאַכן דערמיט, אַז יעדערער פֿון אונדז איז שטערבלעך, אָבער שאַלעם מאַכן מיט דער ענדלעכקייט פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, פֿון דעם מענטשלעכן אינטעלעקט איז אוממעגלעך.

צום באַדויערן, האָבן פֿיל פֿאַרשטייער פֿון אונדזער דאָר זיך צוגעוווינט צום נוקלעאַרן וואָפֿן. בײַ אַ סך איז עס געוואָרן אַ מין געץ פֿונעם באַוווּסטזײַן, אַ געץ, וועלכער פֿאָדערט אַלץ נײַע קאָרבאָנעס. פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וועלכע דערקלערן דעם נוקלעאַרן וואָפֿנפֿאַרמעסט שיִר ניט ווי אַ גאַראַנטיע פֿון אײַנהיטן דעם שאָלעם.

ליידער האָט דער נוקלעאַרער וואָפֿן אין פֿיל הינזיכטן אויסגעבילדעט דעם אויסזען פֿון דער צײַט, אין וועלכער מיר לעבן. פֿאַרשטייט זיך, די פֿאַרניכטונג פֿונעם נוקלעאַרן וואָפֿן באַטײַט ניט קיין אומקער צו דעם, וואָס עס איז געווען ביז אים. עס איז נייטיק, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון נוקלעאַרער אײַנצוימונג זאָל ניט געבן קיין פֿרײַע הענט די ליבהאָבער פֿון מיליטערישע אַוואַנטיורן.

די דאָזיקע פֿראַגע איז לאַכלוטן ניט קיין פּשוטע. אייניקע זעען דעם ענטפֿער דערויף אין דער פֿאַרפֿולקומונג פֿון אַנדערע קאָמפּאָנענטן פֿון מיליטערישער מעכטיקייט, פֿון די געוויינלעכע באַוואָפֿנונגס־מיטלען. דאָס איז אַ וועג, וואָס טויג ניט, אַ פֿעלערהאַפֿטער וועג.

אין דער נאָכנוקלעאַרער ערע דאַרף די מענטשהייט קומען אַ געשטאַרקטע, אַזאַ, וואָס האָט גויווער געווען דאָס נוקלעאַרע כאַאָס. זי וועט דערווערבן אימוניטעט צו גוואַלדטאַט, צו די פּרוּוון דיקטירן דעם אייגענעם ווילן אַנדערע. איצט זײַנען די צווישנפֿעלקערלעכע באַציִונגען דורך דעם קולט פֿון קראַפֿט אין דער מיליטאַריזירונג פֿונעם באַוווּסטזײַן באַרויבט פֿון גײַסט. פֿונדאַנען דרינגט טאַקע אַרויס די אויפֿגאַבע פֿאַרמענטשלעכן די צווישנפֿעלקערלעכע באַציִונגען. (אַפּלאָדיסמענטן.)

צי איז דאָס מעגלעך אָדער ניט? אייניקע מיינען, עס איז מעגלעך. אַנדערע — אַז ניט. עס לוינט ניט איצטער וועגן דעם צו שטרײַטן. איך מיין, אַז די נויטווענדיקע אָביעקטיווע באַדערפֿעניש וועט צו אירס קומען. די פֿעלקער אינגאַנצן גענומען באַגרײַפֿן דאָס שוין אַלץ מער. עס איז רײַף געוואָרן דער פֿאַרשטאַנד, אַז קיין נוקלעאַרע מילכאָמע טאָר מען ניט פֿירן. איז לאָמיר אַלס אָן אָנהייב

מאכן דעם ערשטן גרויסן טראַט — לאָמיר פאַרקירצן די נוקלעאַרע אַרסענאַלן און ניט לאָזן דעם וואָפּן אין קאָסמאָס. (אַפּלאָדיסמענטן.) לאָמיר זיך באַניצן מיט די גרענעצן, אויף וועלכע מיר זײַנען אַרויסגעקומען אין רייקיאַוויק, און גיין ווײַטער. און מיר וועלן אַ קוק געבן, ווי עס וועט ווירקן אויף דער צווישנפעלקערלעכער אַטמאָספער. איך פאַרזיכער אײַך, אַז מיט יעדן אַזאַ שריט וועט וואַקסן דער צוטרוי און עס וועלן זיך עפענען נײַע האָריזאָנטן פון מיטאַרבעט. און דערצו דאַרף מיטהעלפן סײַ די דעמאָקראַטיזירונג פונעם דענקען אויפן צווישנפעלקערלעכן ניוואָ, סײַ דער גלײַכבאַרעכטיקטער, זעלבשטענדיקער און אַקטיווער אָנטייל פון אַלע מעלוכעס — גרויסע, קליינע און מיטעלע — אין די איניאַנים פון דער וועלט־געמיינשאַפט.

קעדיי צו „פאַרמענטשלעכן" די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען פאָדערן זיך אַנטשפּרעכיקע אַקציעס אויך אין הומאַניטאַרן געביט, בפּראַט דערין, וואָס איז שײַך אינפאָרמאַציע, קאָנטאַקטן צווישן מענטשן, שפּעריִשע אויסטוישן אאַז״וו. דאָס וועט העלפן צו שאַפן מאָראַלישע גאַראַנטיעס פאַרן אײַנהיטן דעם שאָלעם און דערמיט גופא מיטווירקן אויסצואַרבעטן מאַטעריעלע גאַראַנטיעס. די אינפאָרמאַטיווע אַגרעסיע, וועלכע עס פּראַקטיקירן אייניקע לענדער, פירט ניט בלויז צו גײַסטיקער פאַראָרעמטקײַט, נאָר שטערט אויך דעם נאָרמאַלן פאַרקער צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער, דער קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון די קולטורן. זי ברענגט פײַנטשאַפטלעכקײַט און אָפּגעפרעמדטקײַט צווישן די פעלקער. איך וועט אָבער זיכער מאַסקים זײַן, אַז אַ פאָלק, וואָס ווייסט און שעצט די קולטור און די קונסט פון אַנדערע פעלקער, קאָן ניט האָבן צו זיי קיין שלעכטע געפילן.

הערן! כאַווײרים! די צײַט ווערט ווי צונויפגעפּרעסטער, וואָס מער עס פאַרגרעסערט זיך די געפאַר פון אַ נײַער ספּיראַל פונעם וואָפּנפאַרמעסט, ווי אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער האַסטיקער פאַרשאַרפונג פון די רעגיאָנעלע און די אַזויגערופענע גלאָבאַלע פּראָבלעמען. און מע טאָר זי מער ניט פאַרשווענדן אויף פּרוּוון איינער באַם אַנדערן אויסשפּילן, אויף דערשלאָגן זיך אײנזײַטיקע פאָרצוגן. צו גרויס איז דער קאָן אין אַזאַ שפּיל — די מענטשהײַט זאָל בלײַבן לעבן. דעריבער ווערט אַ לעבנסוויכטיקע נויטווענדיקײַט נעמען אין אַכט דעם קריטישן צײַט־פאַקטאָר.

איז זאָלן די אידייען פונעם פאָרום אַרײַנדרינגען אין יעדן ווינקעלע אויף דער ערד, דערנעענטערן צום באַגרײַפן דאָס, וואָס איז פריִער ניט קלאָר געווען, פאַרברייטערן דאָס קעגנזײַטיקע פאַרשטענדעניש, זאָלן אײַערע אָנשטרענגונגען העלפן דער פאָרויסבאַוועגונג צו אַ וועלט, וואָס איז פרײַ פון נוקלעאַרן וואָפּן און פון גוואַלדטאַט — צוליב דער אומשטערבלעכקײַט פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע! (הייסע, דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.)

## צו רוסלאַנד

כ'וועל איבערלאָזן דיר דאָס זילבער פון מײַנע שלאָפלאָזע נעכט,
דעם סקריפּ פונעם הילצערנעם בושעל באַם באַגיניק־פרישן ברונעם.
דעם בלוט־שטורעם פון הארץ, וואָס אין דער שווערער צײַט פון בליי און פעך
האָט אָנגעזאָגט דער וועלט: „צום זיג וועט רוסלאַנד קומען!"

כ'וועל איבערלאָזן דיר דאָס הענגל ווײַנטרויבן פון ליבע קלאָרער,
דעם הימל־בלוי, די שימערירנדיקע ווײַסקייט פונעם ערשטן שניי,
דעם מידבער און דעם ים, דעם ברויזנדיקן אויסגעשריי,
דעם אָנזאָג, אַז איבער מײַן לאַנד שוין שפּרייט זיך אַ הימל קלאָרער.

כ'וועל איבערלאָזן דיר דאָס בלוט מײַנס אויף שלאַכטפעלד גרינעם,
אין יענעם וואַלד, ווו פייגל זינגען אויס אַ הימן דעם באַגינען.

## זיי קומען פונעם שלאַכטפעלד

...און אָט איז הענער קויפמאַן, מאַטל הארצמאַן,
און אָט איז לייבל גאָרנשטיין און הערשל דיאַמאַנט.[1]
וואָס קומען אָפּט פון שלאַכטפעלדער פון שווארצע
און קלאַפּן אָן אין טיר, און דריקן מיר די האַנט,

באַזעצן זיך באַם טיש און קוקן מיד, אָן ווייטיק,
די אויטאָמאַטן דריקן שטײַף צו זייער ברוסט.
און, ווי אַמאָל אין די סאָלדאַטישע טראַנשייען,
זיי זיצן אָנגעבויגן — אַ פוס איבער אַ פוס.

איך קוק אויף זיי, אויף די כאַוויירים הארציקע,
ווי יעדער איז פאַרהאָרעוועט, פאַרטאָן.
ס'דערציילט מיר הארצמאַן פון אַ פרוי אַ שוואַנגערער,
וואָס האָט אַ קינד געבוירן אין סאָלדאַטסקן עשעלאָן...

ווען כ'נעם זיי לידער לייענען, דערנעבן
מיט ווערטער ווארעמע זיי מאָנען, מײַנע פרײַנט:
— ניט זינג אונדז הײַנט פון טויט, זינג בעסער פונעם לעבן,
כאָטש לאַנג געוואָרן זײַנען מיר סײַ ערד, סײַ פּיין.

[1] דיכטער־פּראָנטאָוויקעס, וועלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט פונעם קריג.

זינג בעסער, ווי דאָס לעבן — א דעמב פון דער מעדינע,
רוישט אומעטום מיט בלעטער ציטיקע אין רוים
און ווי געוועזן מיר זײַנען זײַנע צווײַגן גרינע,
וואָס די מילכאָמע האָט פארסארפעט און פארברוינט...

דו זינג, ווי פון די הענט אונדזערע וואקסן זאנגען גרינע,
ווי פונעם בלוט זײַנען געוואָרן בלומען רויט,
ווי אונדזערע פענעמער אין פערל־טוי באגינען
ביז איצט נאָך לויכטן מענטשלעך, ציטעריק, אָן גרויל.

אזוי געטײַנעט האָבן זיי, מײַנע געטרײַע,
די שלאכטלײַט פון מײַן יוגנט ביז דעם ראָזעווען באגין.
ביז ס'האָט די זון ניט אָנגעהויבן שיטן פײַער
אַף דעכער פון די הײַזער, אַף טראָטוארן און אַף גרינס.

אָ, פרײַנט מײַנע! איר זײַט די העלסטע זעל פון ליבע,
פון אונדזער העלדישקײַט, פון אונדזער קאמף און זיג,
פון אונדזער אומשטערבלעכן פרילינג אַף די ליפּן, —
דער גרינער אופשניט פונעם אויג אין קינדער־וויג.

איר זײַט דאָס פליסקען פונעם פרילינג־גאָלד אין הארצן,
זײַן פרישער רוף, וואָס שטענדיק פילסט אין מײַן געמיט.
די עלנטקײַט די גרויל־לעכע, דער צוויט פון לעבן צארטן,
דאָס הארץ דאָס שרײַיקע און אלץ, וואָס אין מײַן ליד.

הערשל פּאָליאַנקער

# געווען אַמאָל אַ שטעטל

## ראָמאַן

אין אַ שיינעם זומער־פאַרנאַכט, ווען דער אוילעם איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט צאַליע באַק באַגעגנט שויעל דעם זיפּנמאַכער מיט זײַן אַלטן גוטן־ברודער זאַלמען באַנדער, אָדער, ווי מע האָט אים אין שטעטל גערופן, — דער פּויקער.

זיי זײַנען געגאַנגען ניט געײַלט, מידע פון דער אַרבעט און פאַרטיפט אין עפּעס אַ וויכטיקן געשפּרעך. האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן צאַליע:

— אַ גוטן־אָוונט, איך האָב צו אײַך אַ סראָטשנע איניען...

זיי האָבן דערקענט דעם באָק לויט זײַן דין, סקריפּענדיק קעלכל, נאָר איצט איז דאָס געווען עפּעס זייער אַ כניפּעדיק קעלכל. פאַרוואָס האָט דער פאַרשוין זיי אָפּגעגעבן אַזאַ ברייטן „גוטן־אָוונט”, האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען. צאַליע האָט דאָס פּאָרל געהאַלטן די לעצטע צײַט פאַר די גרעסטע זײַנע כאָנים.

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 4, 1987.

— א גוטן־אָוונט, א גוט־יאָר אײַך, רעב צאַליע... — האָבן זיי בײדע געענטפערט, — וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

ער האָט פֿאַרגלאָצט זײַנע קלײנע אײגעלעך:

— וואָס מאַכט מען עפּעס, ייִדן?

— וואָס הייסט, וואָס מע מאַכט? מע מאַכט זיפּן. — האָט שויעל געענטפֿערט.

— און, אַז עס לאָזט זיך, מאַכט מען אויך דײַזשעס... — האָט צוגעגעבן דער באַנדער, — אַבי מע שלאָגט ניט קיין בײַדעקעס... דאַנקען און לויבן יאָשקען דעם טויבן...

— ניין, איך רעד ערנסט מיט אײַך. — צאַליע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זײַן שטעקל.

— און וואָס טוט איר, רעב צאַליע? — האָט שויעל געפֿרעגט.

— דאַנקען דעם אײבערשטן, אַלץ איז גוט, כּוץ פּאַרנאָסע... — האָט צאַליע א טיפֿן זיפֿץ געטאָן, — א גאַנץ שטעטל זאָל זיך ניט וועלן אַרומקוקן אַף א מענטשן, קיינער וויל ניט וויסן, צי האָט צאַליע דאָס שטיקל ברויט, צי האָט צאַליע א לעבעדיקן גראָשן אַף דער כאַיונע, צי פֿעכנעט ער אַפֿן פּיסק. וואָס טראַכט מען זיך, ווו איז יוישער?

— און איר, רעב צאַליע, האָט א סאַך געטראַכט וועגן אונדז, ווען איר האָט געלעבט אין ראָסקאָש און מיר האָבן זיך געמאַטערט, ווי אַפֿן טויט? — האָט שויעל געזאָגט. — דערצו ווייסט איר דאָך דעם לאָזונג אונדזערן: ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט...

— אײַערע שיינע לאָזונגען האָבן דערפֿירט דערצו, אַז איך ווייס ניט, וויאַזוי א טאָג איבערקומען. איך האָב דאָך א ווײַב מיט קינדער...

פֿון צאַליעס רייד האָט מען געקענט פֿאַרשטיין, אַז עס האָט שוין, זעט אויס, גענומען א סאַך צו זײַנע אַקשאָנעס און ער וויל, זעט אויס, מע זאָל אים נעמען אַף אַרבעט.

— איר וואָלט גלײַך אָנגעהויבן דערפֿון, רעב צאַליע. איר ווילט זיך אײַנאָרדענען אין אַרטעל? אַזוי זשע רעדט! איר ווילט, הייסט עס, ווערן א מענטש גלײַך מיט אַלע? זייער לאַנג האָט איר וועגן דעם געטראַכט...

— וואָס קאָן איך מאַכן, אַז דער אוילעם הערט אויף גלייבן אין גאָט...

אַף מאָרגן אינדערפֿרי, ווען שויעל איז געקומען אין אַרטעל מיט דער שיינער בסורע, אַז צאַליע באָק וויל זיך מענטשלען, גיין אַף אַרבעט, האָט מען גענומען צוטראַכטן פֿאַר אים א פּאַסיקע אַרבעט. איינער האָט געזאָגט, אַז פֿאַר אים וואָלט געווען א גוטע אַרבעט: טרײַבן פֿליגן צום וואָקזאַל... א צווייטער האָט פֿאָרגעלייגט, מע זאָל אים אַוועקשטעלן לעבן זכאַריעס בײַדל לעבן מאַרק: יענער קוילעט צוויי מאָל אין וואָך אויפֿעס, וועט שטיין לעבן אים צאַליע באָק און פֿליקן די פֿעדערן... א דריטער האָט אויך עפּעס צוגעטראַכט פֿאַר צאַליען, נאָר דאָ האָט ניט אויסגעהאַלטן שויעל דער זיפֿנמאַכער:

— קינדער, א געפּאַלענעם טאָר מען ניט אויסלאַכן און א לעבעדיקן טאָר מען ניט שלאָגן... לאַכן, מײַנע טײַערע, איז טאַקע גוט, א פֿײַנע זאַך, ווי זאָגט עס דאָרטן אונדזער שאָלעם־אַלייכעם — „דאָקטוירים הייסן לאַכן, לאַכן איז געזונט”, נאָר דאָ איז ניט שײַעך לאַכן און טרײַבן קאַטאָוועס, זיך וויצלען. וואָס ער איז אַמאָל געווען, איז ער געווען, דאָס איז זײַן זאַך, נאָר אויב ער, צאַליע באָק, וויל ווערן אויס גאָטס סטראַפּטשע, ער וויל זיך נעמען צו עפּעס א מעלאָכע, ער וויל אַרבעטן, דאַרף מען אים העלפֿן. אַרבעט איז אין אַרטעל פֿאַראַן איבערן ספּאָדעק...

— ביסט גערעכט, שויעל! — האָט עמעצער פֿון די שנײַדער זיך אַרײַנגעמישט, — נאָר פֿון אים וועט זײַן אַזאַ האָרעפּאַשניק, ווי פֿון מיר א באַרישניע, מיר האָבן אין אַרטעל גענוג לייצים אָן אים. מיר מוטשען זיך מיט זיי און קענען פֿון זיי ניט פּאָטער ווערן. נאָר א ראָוו פֿעלט אונדז דאָ...

— דאָס איז עמעס, מיר האָבן דאָ בא אונדז גענוג לייצים, — האָט זיך אָנגערופֿן זאַלמען, — נאָר מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז לאַנגע יאָרן האָבן א סאַך באַפּאַליער ניט געקאָנט זיך צושלאָגן צו קיין אַרבעט, געלעבט פֿון דער לופֿט, געהונגערט, זיך געמאַטערט, געשלעפּט זיך איבער די הײַזער מיט א טאָרבע, האָט די וולאַסט אונדזערע געשאַפֿן דעם אַרטעל, דעם קאָמבינאַט, אַלעמען, ווער עס וויל אַרבעטן, זאָל מען העלפֿן... און מיט וואָס איז צאַליע באָק ערגער פֿון אַלעמען? אין אונדזער קעסל וועט ער זיך איבערקאָכן...

אַף עטלעכע מינוט איז אין הויף פֿון אַרטעל אויסגעוואַקסן א גאַנצער „סכאָד”, ווי אין א דאָרף. דער אוילעם האָט באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן דעם איניען און געקומען צום אויספֿיר, אַז מע מוז העלפֿן א מענטשן, ניט אָפּשטויסן.

דעם צווייטן טאָג איז צאַליע באָק געקומען צום פֿאַרוואַלטער מיט אַן אָנגעשריבענער מעלדונג, ווי מיט טנאָים. דעם פֿאַרשוין איז שווער געווען דערקענען. ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם

לאַפּסערדאַק, די יאַרמעלקע, פּאַרוקט אין אַ זײַט דעם טאַלעסקאָטן. די באָרד מיט די וואָנצעס זײַנען געווען אונטערגעהאַקט, אַ פּאָשעט אָפּגעריבן רעקל, אַלטע שטיבלעטן.

אין קאַבינעט איז גראָדע געווען אַ שײַן ביסל מענטשן, ווײַל דאָס איז געווען נאָך אַ באַראַטונג, און צאַליע באָק איז פאַר אַלעמען געשטאַנען, ווי פאַר אַ געריכט.

— נו, רעב צאַליע, — האָט באַהאַלטנדיק דאָס שמייכעלע, זיך געווענדט צו אים דער פאַרוואַלטער, — צו וואָס פאַר אַן אַרבעט זאָל איך אײַך אַוועקשטעלן? צו פופציק יאָר זיך זעצן לערנען אַרבעטן איז שווערלעך...

דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דער פּאַרטאָרג פרידל לעמבערגער — אַ הויכער יונגערמאַן אין מיליטערישן אָנטאָן, זעט אויס, ניט לאַנג זיך אומגעקערט פון מיליטער־דינסט און נאָך ניט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די סאָלדאַטישע בגאָדים:

— מיר האָבן דאָ באַשטימט די טעג אויף דער פאַרזאַמלונג, — האָט ער געזאָגט, — אַז מע מוז ברענגען אין אָרדענונג די טעריטאָריע פונעם אַרטעל, פאַרזעצן ביימלעך, בלומען, צוראַמען, עס זאָל זײַן אומעטום ריין און ציכטיק. איז עפּשער, רעב צאַליע, וואָלט איר זיך גענומען פאַר אָט דער אַרבעט?..

— וואָס? — האָט צאַליע זיך פאַרוווּנדערט, — איך זאָל באַ אײַך ווערן אַ דוואָרניק ווילט איר? איר לאַכט פון מיר? גאָט וועט אײַך דערפאַר שטראָפן!.. — אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און אַרויסגעלאָפן פונעם קאַבינעט.

צוויי טעג איז צאַליע באָק אַרומגעגאַנגען און געקריצט מיט די ציין: הערט נאָר אַ פּאַטעפּאָלנעסט! ווו איז סאָוועסט?

די רעבעצן, צאַליעס ווײַב, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז קליגער פון איר באָק:

— נאַרישער, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעהיצט? גיי פאַל פאַר זיי און זאָג, אַז דו ביסט אַ גרויסער טיפּעש. וואָס זשע, אַ שלעכטע אַרבעט — פאַרזעצן ביימלעך, בלומען? און אַפילו נעמען אין דער האַנט אַ בעזעם, עס זאָל זײַן ריין אין הויף? וואָס זשע, די קאָראָנע וועט פון דיר אַראָפּפאַלן, פינצטערע בעהיימע וואָס דו ביסט?..

גאַנצפרי האָט ער זיך ווידער אַרײַנגעשטעלט אין קאַבינעט, ער האָט דאָרטן געטראָפן פרידל לעמבערגערן און געבעטן, יענער זאָל אים מוחל זײַן, ווײַל ער, פרידל, איז טאַקע גערעכט, באַ דער סאָוועטסקע וולאַסט זײַנען אַלע אַרבעטן בעקאָוועדיקע, אַבי מע אַרבעט איבערגעגעבן, ראַיעל.

און צאַליע באָק האָט זיך געשטעלט אַרבעטן, כאָטש דער קאָס, האַלעמײַ מע האָט אים געגעבן אַזאַ „שטעלע", האָט אים ניט געלאָזט רוען, נאָר ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז אַלץ איז גוט און פײַן.

עס איז דורך אַ שטיקל צײַט, און צאַליע באָק האָט זיך צוביסלעך גענומען צוגעוווינען צו זײַן נײַער אַרבעט. דער אוילעם האָט זיך אויך צוגעוווינט, אַז דער פּאַרשוין איז שוין, דאַנקען גאָט, ניט קיין ראָוו אין באַפּאָליע, נאָר אַ גערטנער און אַן אופּראַמער, און מע האָט זיך אופּגעהערט כאָכמענען און וויצלען. ער איז אַ מענטש גלײַך מיט אַלע, אַ פּראָלעטאַריער און ניט קיין קלייקוידעש, ניט קיין ראָוו, קיין לײַדיקגייער...

ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן גרויסן הויף פונעם קאָמבינאַט און געפּלאַנעוועט, ווו וועט ער פאַרזעצן ביימער, ווו רויזן, כריזאַנטעמעס און אַנדערע מינים בלומען, קעדיי די לופט אין הויף זאָל זײַן פרישער און דער אַרום זאָל האָבן אַ פּאָנעם פון אַ סאָד. דערווײַל האָבן געשאָטן שנייען און אים איז אויסגעקומען אָפּשאַרן די הורבעס שניי, וועלכע האָבן געשאָטן ווי ספּעציעל פאַר אים, ער זאָל ניט אַרומגיין פּוסט און פּאַס.

מע קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז ער איז געווען שטאַרק באַגײַסטערט פון זײַן נײַער „שטעלע", נאָר וואָס פאַר אַ ברייראַ האָט ער געהאַט? אינווייניק האָט עס אים נאָך גוט געבורעט. ער איז געווען אין קאַס אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט. מיט קיינעם זיך ניט אָפּגעשטעלט פירן געשפּרעכן, זיך געהאַלטן פון אַלעמען אין אַ זײַט. אָבער וואָס עמעס איז עמעס — ער איז דאָ געוואָרן אַ גאַנצער פּאַניבראַט מיט לייבעש זאַלקינדן. יענער האָט זיך דאָ אויך געהאַלטן פאַר אַ געקריוודעטן, געווען אויף אַלעמען בייז, זיך מיט קיינעם ניט געגריסט, אויף קיינעם ניט געקוקט, אַלעמען געהאַלטן פאַר זײַנע סאָנים. אויף שאָענלאַנג האָט דאָס פּאָרל — פאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל — וועגן עפּעס אָן אופהער זיך געשושקעט, זיך געייצעט, נאָר אַלץ געהאַלטן בעסאָד־סוידעס. שאַ־שטיל!

צאַליען האָט מען אָפּטלעך אַרויסגערופן אין פאַרוואַלטונג, אויסגעהערט, וויאַזוי ער גרייט זיך צום פרילינג. אים וועט דאָך אויסקומען דורכפירן ניט קיין פּאָשעט שטיקל אַרבעט — באַפּוצן דעם הויף, פאַרזעצן ביימלעך, צעקלאַפּן בייטן. ער דאַרף דאָך מאַכן פונעם גרויסן הויף און פונעם בולוואַר, וואָס ציט זיך לענגויס דעם קאָמבינאַט, אַ צאַצקע, מענטשן זאָלן האָבן בענק, ווו זיך צוזעצן, ווו זיך אָפּרוען, ווו פאַרברענגען בעשאַס דעם איבערײַס אויף מיטיק. צאַליע האָט צוגעזאָגט, אַז אַלץ

ווען ער מאַכן שיין און פֿײַן, עס וועט דאָ באַ אים זײַן אַ שיינער בולוואַר מיטביימער און בלומען. אַן עמעסער גאַניידן!

קיינער פֿונעם אוילעם האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, וועגן וואָס יִישעוון זיך און שעפּטשען זיך די גאַנצע צײַט בעשאַס דער אַרבעט און אין די איבערײַסן צאַליע באַק און לײבעש זאַלקינד. אַפּטלעך זײַנען זיי געגאַנגען אין פּאַטשטע אַרײַן, געשריבן בריוולעך. וווּהין בריוולעך, וועלכע בריוולעך — ווייסט קיינער ניט. נאָר מײלע, ווען עמען איז דאָס אָנגעגאַנגען, צו וועמען זיי שרײַבן און וועגן וואָס? וועמענס אייסעק איז דאָס?

אַלע האָבן געוווּסט, אַז צאַליע באַק גרייט זיך צום פֿרילינג. עס וועט אים פֿאַרשטיין גענוג אַרבעט. ער האָט אַפֿילע אײַנגעקויפֿט עטלעכע ביכלעך, ווו עס איז באַשריבן, וויאַזוי מע פֿאַרזעצט ביימער, בלומען, וויאַזוי מע גייט אַרום נאָך זיי. דערווײַל האָט ער געראַמט דעם הויף און אונטערגעהאַלטן די ריינקײַט און שיינקײַט.

דער ווינטער האָט זיך געצויגן לאַנג, ווי דער גאָלעס. ער האָט זיך דאָס יאָר אײַנגעגעסן אין די ביינער ערגער, ווי אַלע יאָר. און מע האָט זיך דערוואַרט!

די זון האָט מיט יעדן טאָג גענומען וואַרעמען שטאַרקער און שטאַרקער, די לעצטע ביסלעך שניי, וועלכע האָבן זיך פֿאַרהאַלטן דאָ און דאָרט, האָבן זיך אײַנגעקאָרטשעט, פֿאַרשוואַרצט און פֿאַרוויסט געוואָרן. אונטער די פֿיס האָט אָנגעהויבן כלױפֿען דאָס וואַסער, רוישיקע ריטשקעס האָבן גענומען לויפֿן צום טײַך, זיך צונויפֿמישן מיט די צעקאָלעמוטעטע וואַסערן און זיך געטראָגן ווײַטער אַהין, צום אַלטן דניעסטער.

אויפֿן האַרצן איז געוואָרן פֿרילינגדיק און אין די אויגן ליכטיק. די ערשטע גרעזלעך האָבן גענומען באַצירן די ערד, קנאָספּן האָבן זיך צעגרינט אויף די ביימער. צאַליע באַק האָט זיך געפּאָרעט באַ די אַקאַרשט פֿאַרזעצטע ביימער, צעקלאַפּט בייטן, פֿאַרזעצט די ערשטע בלומען. אַלץ וואָלט שוין, דאַכט זיך, געווען גוט און פֿײַן, נאָר אומדערוואַרט האָט זיך אין באַפּאָליע געטראָפֿן אַזוינס, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס גאַנצע שטעטל.

וואָס איז געשען?

געשען איז דאָס, וואָס עס האָט זיך אַרײַנגעמישט אַמעריטשקע־גאַנעוו און שיר ניט צעשטערט די פֿרילינגדיקע שטימונג באַם גאַנצן אוילעם.

עס האָט זיך דערנעענטערט פּייסעך, און אין קלוב האָט די יוגנט, דער דראַמקרײַז און דער כאָר, זיך געגרייט פּראַווען אַ „רויטן סיידער". קומען פֿלוצעם אָן קיין באַפּאָליע פֿון עפּעס אַן אומבאַוווּסטער אַמעריקאַנער בראַנזשע, עפּעס אַ „קאָרפּאָריישן", וואָס זאָרגט פֿאַר די „בידנע סאָוועטישע יידן", וועלכע הונגערן, קלוימערשט, און לעכצן פּראַווען דעם פּייסעך, נאָר האָבן ניט קיין מאַצעס, עטלעכע פּאָסילקעס מיט מאַצעס. די אַמעריקאַנער ביזנעסמענער שרײַבן, אַז אַזויווי זיי האָבן זיך פֿון בריוו דערוווּסט, אַז די מאַכט האָט שטרענג פֿאַרווערט באַקן מאַצעס, און אַזויווי זיי האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז באַפּאָליער אוילעם הונגערט באַ די באָלשעוויקעס, דעריבער שיקן זיי עטלעכע פּעקלעך. איצט האָבן זיי אָנגעהויבן צונויפֿנעמען מענטשן אַלט גרעט, אַלטע בגאָדים, און ווי נאָר מע וועט עס צונויפֿנעמען, וועט מען עס גלײַך אַרויסשיקן אין שטעטל, דערצו נאָך וועט מען זען אַרויסשיקן פּאַסן די באַפּאָליער, זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקײַט פֿאַרלאָזן ראַסייע און אַריבערפֿאָרן קיין אַמעריקע...

צום ערשטן, ווען עס איז אָנגעקומען אַהער דער אַמעריקאַנער „פּייגער", ווי די באַפּאָליער האָבן אָנגערופֿן די פּאָסילקעס מיט דעם בילבל, האָט מען גענומען לאַכן, מע האָט זיך מאַמעש געהאַלטן פֿאַר די זײַטן. נאָר אינגיכן האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז גאָר אַ מיִעס שטיקל אַרבעט פֿון אונדזערע סאָנים, אַ מיִעסע פּראָוואָקאַציע און מע דאַרף זיך דערוויסן, ווו ליגט דאָ דער הונט באַגראָבן און ווער האָט עס אָוועקגעשיקט קיין אַמעריטשקע אַזעלכע מיִעסע ידיִעס? ווער מאַטערט זיך איצט פֿון הונגער? ווער דאַרף האָבן די אַלטע שמאַטעס, וואָס די לײַצים קלײַבן זיך אַרויסשיקן קיין באַפּאָליע? ווער האָט עס געבעטן, מע זאָל אַרויסשיקן פֿון יענער זײַט אָקעאַן פּעקלעך, און ווער קלײַבט זיך פֿאַרלאָזן די מעדינע, ווו מע לעבט זיך באַגלײַך מיט אַלע מענטשן פֿונעם לאַנד, בעקאָוועד גאָדל, מע אַרבעט, די קינדער לערנען, יעדער איינער האָט זיך זײַן טועכץ, זײַן הויז, זײַן מישפּאָכע. עמעס, עס לעבט זיך נאָך שווערלעך, עס פֿעלט נאָך אַ סאַך, נאָר מיט דער צײַט וועט ווערן בעסער, מע איז דאָך ערשט ניט לאַנג אַרויסגעשפּרונגען פֿון אַזאַ צאָרע, פֿון אַזאַ אומגליק — אַ מילכאָמע, דערנאָך בירגערקריג, באַנדעס, פּאָגראָמען... און אָט, ווען אַ סאַך אומגליקן זײַנען שוין לאַנג פֿאַריבער, קומען פֿאַרשיידענע שלענג און ווילן אָפּסאַמען דאָס לעבן!

ווער האָט עס באַשטימט באַשמוצן דאָס שטעטל? וואָס פֿאַר אַ פּאָסילקעס? וואָס פֿאַר אַ מאַצעס? ווער האָט געבעטן באַ די אַמעריקאַנער נעדאָוועס? ווער וויל עס באַשמוצן דאָס לאַנד און אויסטראַכטן אויף דעם פּליאַטקעס?

גאנץ באפּאַליע איז געגאנגען כאַדאָראַם. וואָס קומט דאָ פאַר? אין די שווערע יאָרן, ווען מע האָט געהונגערט, האָט מען ניט געבעטן קיין נעדאָוועס, ווער זשע בעט איצט, ווען דאָס לעבן איז שוין אַרײַן אין דער קאָלייע און מע אַרבעט, מע בויט, מע האָט דערזען די לעבעדיקע שײַן פאַר זיך!.. ניין, דאָ איז עפּעס ניט גלאַט, ניט אַנדערש, ווי עמעצער האָט אָפּגעטאָן א מיִעס שפּיצל...

מע איז אוועקגעלאָפן אַף דער פּאָטשט און זיך גענומען דערגרונטעווען, וואָס איז דאָס פאַר א מיִעסע מײַסע, ווער האָט געבעטן נעדאָוועס בא אַמעריקאַנער ביזנעסמענער?

און וואָס מיינט איר, מע האָט זיך דערוווּסט! מיט א שטיקל צײַט צוריק האָבן צאַליע באָק און לייבעש זאַלקינד אָנגעשריבן קיין אַמעריקע א מיִעס בריוול, אַז מע בעט הילף, ווײַל די באַפּאַליער קומען, נעבעך, אום, מע מוטשעט זיך דאָ, ווי אַפן טויט, און עס איז נישטאָ וואָס צו עסן, ניטאָ קיין מאַצעס אַף פּייסעך, ניטאָ קיין אָנטאָן, קיין גרעט, קורץ גערעדט, מע זאָל נאָשפּיץ אַרויסשיקן וואָס נאָר מע קאָן!.. און דאָס איז געשריבן געוואָרן אין נאָמען פונעם גאַנצן שטעטל!

נו, געהערט א פּאַטעפּאַלנעסט פון צוויי אויסוואורפן! ווער האָט זיי געהייסן אַזוינס שרײַבן? א רועך אין זייער טאַטנס טאַטן! ווי געפעלן זיי אײַך, די עקלדיקע כאַדאַטײַעס?

שויעל דער זיפּנמאַכער איז די פּאָר טעג אַרומגעגאַנגען ווי אָן א קאָפּ. ער האָט זיך פאַר צאַ־ליען אַזוי אײַנגעשטעלט, זיך דערשלאָגן, מע זאָל אים אַרײַננעמען אין אַרטעל, געבן אַרבעט. עמעס, ניט גאָר קיין גרויסאַרטיקע אַרבעט, נאָר דאָך אָן אַרבעט. ער איז געווען פאַר אים, דעם טײַוול, אַרעוו, נעמט ער, דער באָק, און טוט אָפּ אַזא מיִעס שפּיצל!

ניט ווייניקער אין קאַס אַף דעם צאַליען איז געווען דער פאַרטאָרג פון אַרטעל פרידל לעמ־בערגער. ער האָט באַשטימט צונויפרופן א פאַרזאַמלונג אין אַרטעל און זאָל דער אוילעם זאָגן זײַן וואָרט וועגן דעם איניען.

דער קלוב איז פאַרנאַכט געווען איבערפולט מיט אַרטעלשטשיקעס. אין דער ערשטער ריי האָט מען אוועקגעזעצט לייבעש זאַלקינדן און צאַליע באָקן.

— זאָגט נאָר, טײַערע לײַט, ווער האָט עס אײַך אופּאָלנאָמאָטשעט שרײַבן אין נאָמען פון גאַנץ באַפּאָליע? ווער זײַט איר, וואָס איר האָט באַשטימט ווערן אונדזערע כאַדאַטײַעס? איר זײַט מעשוגע, צי כאָסערדייע? — האָט דער אוילעם זיך צעטומלט און געפּאָדערט אַן ענטפער.

— כאָדאַטײַ, שמאַדאַטײַ! — האָט זיך צעבייזערט צאַליע באָק. — וואָס דאַרפט איר א סאַך ברײַען, עס זײַנען אָנגעקומען פאַרן שטעטל פּאָסילקעס מיט מאַצעס, עטלעכע טאַנאַכלעך, סידורים, טפילן, טאַלייסים, לוכעס, דאַרף מען גיין אין פּאָטשט זיי אָפּנעמען, וועט זײַן אַף פּייסעך... עס איז שוין געבליבן געציילטע טעג ביזן ערשטן סיידער און אונדזערע מאַצעס ליגן נאָך אין פּאָטשט. איר דערציילט אונדז כאָדאַטײַ, שמאַדאַטײַ... לייבעש, איך רעד צו דער זאַך אָדער ניט צו דער זאַך?..

לייבעש זאַלקינד האָט זיך אופגעהויבן פון דער באַנק, א קנייטש געגעבן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— איך מיין, אַז וויבאַלד די פּאָסילקעס מיט די מאַצעס זײַנען שוין אָנגעקומען, דאַרף מען גיין און זיי אָפּנעמען. מיר וועלן פּראַווען פּייסעך און דערנאָך וועלן מיר זען...

— וואָס רעדן זיי, די לייצים! עס ברענט אַף אונדז דאָס פּאָנעם, כאַוויירים קוסטאַרן! כאַוויירים אַרטעלשטשיקעס! — האָט זיך צעשריִען שויעל דער זיפּנמאַכער. — הערט נאָר, זיי האָבן נאָך די כוצפּע עפּענען א מויל! איר האָט באַשמירט מיט בלאָטע דאָס גאַנצע שטעטל, אונדז אַלעמען! מיר דאַרפן איצט אָנקומען צו אַמעריקאַנער קונצנמאַכער נאָך א נעדאָווע? מיר דאַרפן אָנקומען צו זייער לאַסקע? די נעדאָווע האָט איר, צאַליע און לייבעש, אויסגעקליאַנטשעט בא די אַמעריקאַנער טײַוו־לאָנים!

אין זאַל איז געוואָרן א טומל.

— כײַקע! — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערע פרוי צו איר שכיינע. — נו, געפעלט עס אײַך? איר וועט גיין אין פּאָטשט אָפּנעמען די פּאָסילקעס?

— זאָלן אונדזערע סאָנים גיין אַף קוליעס! וואָס זשע, איר הערט ניט, וואָס מענטשן ריידן? דאָס איז, זע איך, בלאָטע שעבעבלאָטע, און אין דער בלאָטע זאָלן קריכן אונדזערע סאָנים!..

— באָרעך, נו און איר טראַכט אָפּנעמען די מאַצעס? — האָט געפרעגט זאַלמען זײַן שאָכן.

— זאָל בא אײַך צאַליע באָקן מיט זאַלקינדן אָפּנעמען דאָס לאָשן, זיי זאָלן ניט קריכן אַהין ווו מע דאַרף ניט! עס האָבן זיך געיאָוועט דעם מאַלכאַמאָוועסעס פלימעניקלעך און ווילן אונדז מאַכן גליקלעך... ראַטעווען!..

— עפּשער וועלן די מענטשן פונעם זקיינים־הויז גיין אָפּנעמען די פּאָסילקעס?

— וואָס רעדט איר! אונדזערע אַלטע לײַט האָבן נעכטן זיך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע... זיי האָבן פאַרשאָלטן צאַליען די ביינער...

— איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז אַזא נעסאָזנאַטעלנע פאַרשוין, ווי אונדזער אַמאָליקער ראָוו, נעמט מען ניט אַרײַן אין אַרטעל. דאָס איז א קאַפּיטאַליסטיש רעשטל, ער וועט דיר דרײַ מאָל

א טאָג איבערקערן דעם פעלץ, ווײַזט אים נאָר דעם שפּיץ פונעם קערבל. עס איז אזא מענטשעלע — ווי דער ווינט בלאָזט...

— נו, און זײַן גוטער־ברודער, דער זאלקינד, איז לײַטישער, בעסער?

— מע וואָלט זיי ביידן געדארפט מעשאלייעך זײַן פונעם ארטעל, זיי זאָלן אונדז ניט פּאטשקען דאָס פּאָנעם...

— וואָס זשע, אזוי־אָ טרײַבט מען מענטשן ארויס פונעם ארטעל? און וואָס וועלן זיי טאָן, פון וואָס וועלן זייערע מישפּאָכעס עסן ברויט?..

מע האָט באטראכט דעם איניען פון אלע זײַטן און דערנאָך באשטימט, אז מע שיקט אָפּ צוריק קיין אמעריקע די פעקלעך מיט די מאצעס, און דערצו נאָך וועט מען אָנשרײַבן צו די אמעריקאנער באלטויוועס א בריוול, עס זאָל זיי דאָרטן ווערן פינצטער אין די אויגן.

און אזוי האָט באפאַליע טאקע געטאָן. מע האָט אָנגעשריבן יענץ בריוול, ניט שעמענדיק זיך פאר א שארף וואָרט, צאליען און לײַבעשן האָט מען געוואָרנט, אז אויב אזא מײַסע וועט זיך איבער־כאזערן, וועט מען זיי ארויסטרײַבן פונעם ארטעל. דערווײַל זאָלן זיי ארבעטן, עפּשער וועט זיך דאָך אײַנגעבן זיי מאכן פאר שטיקלעך מענטשן.

די פעקלעך מיט די מאצעס זײַנען בעשאָלעם צוריק אוועק מיט דער באַן און דערנאָך מיטן יאם קיין אמעריטשקע צו די געהויבענע באלטויוועס, וועלכע זאָרגן אזוי שטארק פאר באפאַליע און פאר די ייִדישע יאָמטויווים.

מע האָט שוין הײַנטיקס יאָר יאקאָס אָן זייער לאסקע אָפּגעפּראַוועט א סיידער, נאָר גאָר אַן אנדער סיידער. א רויטן סיידער. אָפּגעפּראַוועט האָט מען אים טאקע אין קלוב, באַ א פּולגעפּאקטן זאל. און מענטשן דערציילן, אז זינט באפאַליע איז באפאַליע, איז נאָך אזא סיידער דאָ ניט געווען. קימאט ביז טאָג האָט מען געזונגען און געטאנצט, עס האָט זיך געטאָן אָף טיש, אָף בענק און אָף קליינע בענקעלעך.

נאָר וואָס זשע, דאָך האָבן זיך געפונען עטלעכע אלטע לײַט, וואָס האָבן זיך פארבענקט נאָך מאצעס. האָט מען זיך אין ארטעל מעיאשעוו געווען און אין צעך, ווו מע האָט געגרייט די באריִמטע באפאַליער פּלעצעלעך און האָמענטאשן, אוועקגעשטעלט עטלעכע לאנגע טישן, געבראכט א מאשין און אָפּגעבאקן א ביסל מאצעס.

די געשיכטע מיט די אמעריקאנער מאצעס האָט מען אין באפאַליע אָף לאנג פארגעדענקט, און מער פון אלץ האָט דאָ פארדראָסן ניט אזוי דער געוועזענער פּאני ראָוו, ווי לײַבעש זאלקינד. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דער דאָזיקער פּארשוין איז גאָר ניט אזא גערעאָטן קינד, ווי עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן!

און וויבאלד מיר האָבן זיך דערקליבן צו אים, וואָלט נייטיק געווען זאָגן וועגן אים נאָך עט־לעכע קײַלעכיקע ווערטער, ווער ער איז און וואָס ער איז. מיט וואָס, הייסט עס, שמעקט ער.

אויסערלעך, דאכט זיך, א געוויינלעך מענטשל. עמעס, שטענדיק ברענען זײַנע פּולבלעכע בע־קעלעך אָף דעם פּעכקע, קײַלעכיקן פּענעמל; אָף דעם שמאָלן שטערן וועט איר קיין סימען פון קיין קנייטשעלע ניט געפינען, כאָטש זוכט מיט ליכט. איר וועט אויך אָף דעם פעטן פּענעמל ניט טרעפן קיין שמייכעלע, ווײַל שטענדיק איז דאָס אָנגעבלאָזן, בייז אָף זיך און אָף דער גאנצער וועלט. שטענ־דיק גייט דער פּארשוין ארום אָן אָנגעבלאָזענער, ווי אַן אינדיק, און קוקט אָף דער וועלט מיט צוויי גרינבלעכע, עטוואָס אויסגעסטארטשעטע אויגן.

ער איז טאָמיד אָנגעדראָלן. ער איז ניט צופרידן. דער שוך קוועטשט אים. און וועלכער — פּרעגט אים בעכיירעס!

וויפל איז ער אלט, ווייסט, דאכט זיך, אין באפאַליע קיינער ניט. ער האלט זײַנע יאָרן אונטער צוועלף שלעסער, ווי ער זאָל מוירע האָבן, עמעצער זאָל אים קיין גוט־אויג ניט געבן. אייניקע שאצן זײַנע יאָרן אין דער האלבער מייע, אנדערע געבן צו נאָך א ביסל, נאָר איין זאך ווייסט מען אין שטעטל יאָ — ער איז נאָך ביז אצינד א באָכער, קען זיך נאָך אלץ ניט אונטערקלײַבן קיין קאלע.

אין יענער צײַט, ווען ער איז אין ארטעל געווען נאָענט צו שענקמאנען אָדער בענקמאנען, האָט ער זיך דאָ געהאלטן פארן אייבערשטן פון שטייסל. אָף אלעמען געקוקט פון אויבן אראָפּ, זיך גע־בלאָזן, געמיינט, אז ער איז אין ארטעל א יא טאָבי דאם! שפּעטער, ווען די סאַנינספּעקציע האָט צוגע־שלאָסן דעם צעך פון פּלעצעלעך, בולקעלעך, ווו ער איז געווען בריגאדיר און ער האָט געמוזט אָנקומען צו שויעל דעם זיפּנמאכער, יענער זאָל אים אויסלערנען די מעלאָכע, איז ער געוואָרן בייז אָף דער גאנצער וועלט.

וואָס עמעס איז עמעס. לײַבעש זאלקינד האָט געקענט האלטן אָף א פארזאמלונג א לאנגע און געדרייטע דראָשע, ס׳איז ניט געווען קיין איין פארזאמלונג, קיין איין בארעטונג, ער זאָל ניט ארויס־שפּרינגען מיט קײַלעכיקע ווערטער. מע האָט אים אין באפאַליע געהאלטן פאר א קאָמפּמענטש. זײַנע רעדעס פלעג ער אזוי פארדרייען, אז קיינער האָט ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס ער רעדט און וואָס

ער מיינט. מע פלעגט צעפּעפּענען מויל און אויערן, זיך אײַנהערן און זאָגן אײנער צום אַנדערן: „נו, געהערט, ווי דער כאַסן־באָכער דערלאַנגט? מע דאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, מע זאָל עפּעס קענען פאַרשטיין!.. נו, דאַבאַרט ער! דאָס דאַרפן, זעט אויס, זײַן גאָר טיפע געדאַנקען, וואָס ניט יעדער קאָן זיי באַנעמען, ניט יעדער קאָן זיי צעקײַען...״

לייבעש זאַלקינד האָט פון זיך שטאַרק געהאַלטן און פון אַלע יאָרן געמיינט, אַז ער דאַרף זײַן אין באַפּאַליע דער ערשטער דייעזאַגער. ווו צווייי, דאָרט איז ער געווען אַ דריטער, ווו אַ געשפּטל, דאָרט איז ער געוואָרן אַ שוטעף, ווו אַ פּליאַטקע, אַ רעכילע, דאָרט איז לייבעש אויך געווען אין קאָן. ווען עס האָט געפּלאַצט זײַן געשעפט מיט די פּלעצעלעך, האָט ער באַ זיך באַשטימט, אַז אין זײַן דורכפאַל איז שולדיק דאָס גאַנצע שטעטל און זיך פון אַלעמען אָפּגעקערט. ער האָט פאַרטײַעט אַ סינע צו דער נײַער אַנפירונג פונעם אַרטעל, צו פרידלען, דעם פאַרטאָרג, און אַפילע צו שויעל דעם זיפּנמאַכער, וואָס האָט זיך גוט אַנגעמאַטערט, ביז ער האָט דעם פאַרשוין אויסגעלערנט אַרבעטן באַ די זיפּן.

דעם גרויסן דורכפאַל האָט לייבעש זאַלקינד געהאַט נאָך דעם, ווי עס איז זיך פאַרלאָפן די געשיכטע מיט די אַמעריקאַנער מאַצעס. נאָך דעם האָבן זיך געעפנט אַנדערע מײַעסע מײַסעס מיצאַד דעם פאַרשוינדל. דאָס האָט ער, לאָזט זיך אויס, אַמאָל פאַרצאַפּט שויעלן בלוט און אים געפּרוּווט שטעלן צום נאַר, אויסגעלאַכט אים און זײַנע זיפּן. דאָס האָט ער געשריבן אַף אים מעסירעלעך. ער האָט עס געטאָן אַזוי ספּריטנע און כיטרע, אַז מע האָט אים באַ דער האַנט ניט געקאָנט כאַפּן, און ערשט איצט האָט זיך די געשיכטע צעעפנט.

— איז אַט האָסטו דיר! בעעמעס, טו אַ מענטשן אַ טויווע, וועט ער דיר אונטערוואַרפן אַ כאַזער, אַ לונג־און־לעבער!

ער האָט אָבער געהאַט אַ שטיקל מאַזל. פאַר זײַנע מײַעסע שטיק וואָלט מען אים געוויזן אַ וועג פונעם אַרטעל, ער זאָל ניט דולן אַ ספּאָדעק, נאָר אונדזער פרידל, דער פאַרטאָרג, האָט אײַנגעשטילט די צעהיצטע קעפּ, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסטרײַבן פונעם אַרטעל זאַלקינדן. פרידל לעמבערגער האָט זיך געהאַלטן באַ זײַנעם, אַז מע דאַרף העלפן אַ מענטשן זיך שטעלן אַף די פיס, ווען ער גליטשט זיך אויס. אײַ אַ סאַך מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז אַ הויקער איז שווער אויסגלײַכן, האָט פרידל געזאָגט:

— נישקאָשע, קינדערלעך, אונדזער קאָלעקטיוו האָט אין זיך אַזאַ קויעך, אַז מיר קאָנען אויסגלײַכן אַפילע דעם גרעסטן האָרבאַטש...

דער אוילעם האָט געקנייטשט מיט די אַקסלען, נאָר צו פרידלס שטים האָט מען, ווי שטענדיק, זיך צוגעהערט.

אײַן לייבעש האָט עס ניט פאַרשטאַנען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ווײַבאַלד יענער האַלט אים אַזוי אונטער, איז עס דער בעסטער סימען, אַז אָן אים, לייבעש זאַלקינדן, קאָן מען זיך אין אַרטעל ניט באַגיין. און ער האָט אַפּסנײַ פאַריסן די נאָז.

נאָך מער, ער האָט באַשטימט, אַז ערשט איצט וועט ער זיך קענען צערעכענען מיט יענע, וועלכע האָבן אים אונטערגעהאַקט די פליגל.

דער פאַרשוין האָט זײַער גיך פאַרגעסן די גוטסקײַט פון מענטשן, און אַפּסנײַ זיך גענומען פאַר זײַנע מײַעסע שטיק, געשריבן מעסירעלעך, דערנידעריקט מענטשן און געשטערט מענטשן אַרבעטן, רוען, אָטעמען. אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז טאַקע אויסגעקומען זיך מיט אים אַף שטענדיק צעשיידן. און ניט נאָר מיט אים, נאָר אויך מיט דעם צאַליע באָק.

קאַפּיטל אַכט

## זקיינים האָבן גענומען דאָס וואָרט

עס איז שוין עטלעכע יאָר דערין, אַז ערעוו אַ יאָמטעוו גייט באַפּאַליע כאַדאָראָם. עס ווערט אַ גרויסער טומל, אַ הו־האַ.

עפּעס אַ קלייניקײַט, עס רוקט זיך אָן דער יאָמטעוו און מע דאַרף לייזן אַ סאַך אופגאַבעס! וועד, אַשטייגער, ווייל ניט, אַז זײַן פאַרטרעט זאָל מען אַרויסשטעלן אַפן רויטן טאָוול, וועד קלערט ניט באַקומען צום יאָמטעוו אַ שיינע פּרעמיע, אַ גראַמאָטע? און מע אײַלט, מע האָוועט, קעדיי גיכער אויספילן דעם פּלאַן, זיך ספּראַווען מיט דער פאַרפּליכטונג, וואָס מע האָט געגעבן צום יאָמטעוו. קיינער פון די בריגאַדעס ווייל ניט בלײַבן הינטערשטעליק, ווייל ניט זײַן אַ באַלכויוו צום יאָמטעוו. און דאָס איז ניט בלויז דאָ, אין אַרטעל, נאָר אַף אַלע שטעטלשע אונטערנעמונגען — אַף דער מאַסלאָבאָיקע, אין די אַנשטאַלטן און ווו דאָס שטעטל האָט אַן עק.

דער ערעוו־יאָמטעוודיקער פֿאַרמעסט דאַרף טאַקע פּינקטלעך פֿעסטשטעלן, ווער עס האָט מיט זײַן ערלעכער אַוואַדע פֿאַרדינט דעם קאָוועד צו זײַן אין דער ערשטער קאָלאָנע אויף דער יאָמטעוודיקער דעמאָנסטראַציע, טראָגן די פֿאָן, און ווער דאַרף גיין אַ ביסל ווײַטער...

אַמאָל איז דאָ געווען גאָרניט קיין יוישערדיקער מינהעג — אין סאַמע פֿאָרנט האָבן געשפּאַנט די עלטלעכע לײַט, וועלכע האָבן מער געטומלט, ווי געאַרבעט: די כעוורע פֿונעם פֿלייש־קאָמבינאַט, וואָס האָבן געהאַט אַ מיִעסע טעווע — זיך נעמען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פֿלייש, און דעם איבעריקן אויל̄עם געגעבן, וואָס עס איז איבערגעבליבן — די הויט מיט די ביינער. איצט האָט מען דערצו געמאַכט אַ סאָף. די אומלײַט און פֿאַלשע מענטשלעך האָט מען נאָענט צום יאָמטעוו ניט צוגעלאָזט, און אין דער ערשטער קאָלאָנע אַוועקגעשטעלט די עמעסע האָרעפּאַשניקעס, ניט אַבי־וועמען.

האָסטו מיט דײַן אַרבעט פֿאַרדינט דעם קאָוועד זײַן אין אויבנאָן — ביטע, פֿאַרנעם דאָס ערשטע אָרט, און זאָלן טאַקע אַלע זען און דיר מעקאַנע זײַן. שטעל זיך אַוועק אונטער דער סאַמע פֿאָן, לעבן די קלעזמער. האָסטו ניט פֿאַרדינט דעם אויבנאָן, וועט מען דיך, כאָלילע, אויך ניט מעוואַיעש זײַן, מע וועט דיך אויך אַרײַנעמען אין קאָן, וועסט ניט דאַרפֿן שטיין מיט דעם ביסל דעקלאַסירטע אויפֿן טראָטואַר, אָבער אין דער פֿאָרנטיקער קאָלאָנע — ניט. מעגסט אַפֿילע זײַן דעם פֿאָרזיצערס שוויגער אָדער שוועסטערקינד, דעם פֿינינספּעקטאָרס מומע, וועט עס דיר ניט העלפֿן — בלויז מיט דער פֿאַרדינטער ערלעכער אַרבעט קאָנסטו זיך דאָ דעראָבערן קאָוועד און שפּאַנען אין דער ערשטער קאָלאָנע!

אַזוי איז איצט דאָ אײַנגעפֿירט, אַזאַ איז דער נײַער מינהעג.

עמעס, עס איז געווען אַ גאַנץ בינטל באַליידיקטע פֿון יענע, וועלכע האַלטן שטאַרק פֿון קאָוועד, מיינען, אַז אייביק וועט זיי געהערן דער אויבנאָן און ווילן זיך ניט רעכענען דערמיט, וואָס קאָוועד דאַרף מען פֿריִער אָפּגעבן יענע, וועלכע פֿאַרדינען עס מיט זייער פּראַצע, די בריגאַדעס, וועלכע האָבן צום יאָמטעוו די ערשטע אויסגעפֿילט דעם פּלאַן.

אַזוי־אַרום האָט זיך אַזוי באַקומען — שוין שיינע עטלעכע יאָר, — אַז אין סאַמע פֿאָרנט אויף די דעמאָנסטראַציעס גייט מיט גאַדלעס שויעל דער זיפּנמאַכער מיט זײַן בריגאַדע, דער באָנדער מיט זײַן בראָנזשע, די שניידערס און קירזשנערס. און אַ סאַך זײַנען זיי טאַקע מעקאַנע אויך! ווײַל כּוח קאָוועד, באַקומען נאָך די מענטשן שיינע פּרעמיעס און זייערע פּאָרטרעטן שײַנען אויף דער רויטער ברעט אויפֿן באַפּאַליער פּלאַץ!

אָבער הײַנטיקס יאָר האָט זיך דער איניען מיט דער ערשטער קאָלאָנע געענדערט.

אין דעם אייסעק האָט זיך אַרײַנגעמישט די אַלטע גוואַרדיע פֿונעם באַפּאָליער זקיינים־הויז. זיי זײַנען געקומען אין יישעוו־ראַט און האָבן געמאָלדן, אַז דאָס יאָר ווילן זיי גיין די סאַמע ערשטע און אַז זיי האָבן אויף דעם די פֿולע רעכט. ניט ווייניק פֿון די מאַנצבלען און פֿרויען האָבן אָפּגעגעבן זייערע יאָרן מיטן געזונט, דאָס האַרץ און די נעשאָמע דער רעוואָליוציע, זיי האָבן זיך אויף זייער לעבן גענוג אָנגעהאָרעוועט און אָנגעבידעוועט. ניט אומזיסט האָט זיי די רעגירונג אַוועקגעזעצט אויף מעלוכישער קעסט, האָדעוועט זיי און טוט זיי פֿײַן אָן, האָט זיי אָפּגעגעבן דאָס איינציקע צווייִשטאָקיקע הויז אין באַפּאָליע, ווו עס האָט אַמאָל געוווינט אַ גרויסער רײַכער פּאָרעץ. פֿאַרוואָס זשע זאָלן די אַלטע ניט גיין אין סאַמע פֿרונט אויפֿן יאָמטעוו?!

די זקיינים האָבן זיך דערשלאָגן זייערס און זײַנען געווען אויפֿן זיבעטן הימל.

מע דאַרף זאָגן, אַז אַמאָל איז דאָ אויך געווען אַ מוישעוו־זקיינים, דאָס איז געווען אַ לעבעדיקער קייווער, אַ העקדעש, אַ באָגאַדעלניע, און אַז אָך און וויי איז געווען יענעם אָדער יענער, ווער עס איז אַהין אַרײַנגעפֿאַלן. אין אַ האַלב־פֿאַרוואַלגערטן קעלער אין עק פֿון דער באָד־גאַס האָבן זיך געמאַטערט אומגליקלעכע אַלטע לײַט, קאַליקעס, וועלכע האָבן געזען איין מאָל אין דרײַ טעג אַ שטיקל ברויט מיט אַ שיסעלע קוליש, וואָס דער באַפּאָליער אוילעם האָט פֿון ראַכמאָנעס אַרײַנגעטראָגן.

עמעס, די באָגאַדעלניע האָט פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם ביודזשעט, ווי מע רופֿט עס איצט אָן. וואָס פֿאַר אַ ביודזשעט, וועט איר, מיסטאַמע פֿרעגן?

לייקע מיט דווירען — דעם היגן גווירס דוואָרקינס אַלטפֿאַרזעסענע טעכטער, זײַנען אַלע וואָך אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער אין זייערע שטרויענע קאַפּעליושן מיט די פֿעדערן, מיט די שירעמס איבער די הײַזער און צונויפֿגענומען פֿאַר דער באָגאַדעלניע נעדאָוועס אויפֿן אָרעמען אויסקומעניש פֿאַר די אומגליקלעכע. ביידע צינגער האָבן גערעדט, אַז די צווייִ נעכבעניצעס האָבן אָפּטלעך דערבײַ אויך אָפּגעלעקט אַ ביינדל, עפּעס צוגעלאַקכנט פֿאַר זיך פֿון דער קאַסע...

איצט איז פֿון דער אַמאָליקער באָגאַדעלניע, פֿונעם נאַסן קעלער אין עק פֿון דער באָד־גאַס קיין זייכער ניט געבליבן.

דאָס זקיינים־הויז איז אינגאַנצן ניט ענלעך אויף יענעם העקדעש. דאָס איז אַ גאַנץ בעקאָוועדיקער אַנשטאַלט. דאָס הויז איז שיין אויסגעפֿאַרבט, עס שײַנט מיט די הויכע פֿענצטער. די צימערן אינווייניק — ריין, ציכטיק. אויפֿן דיל ליגן טעפּיכלעך, אויף די בעטן — פֿײַנע בעטגעוואַנט. פֿאַראַן אַ רויט ווינקל, ווו די זקיינים לייענען אַ פֿרישע צײַטונג, אַ זשורנאַל, מע שפּילט אין שאָך, אין דאָמינאָ, אַ

פּיאַנע איז אויך פאַראַן. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, זעצט זיך אוועק און קלאַפּט אױף די קלאַווישן. און אויב איר ווילט שטאַרק, זײַנען אויך דאָ אַ פּאָר אַלטע לײַט, וועלכע קענען אַרויסגיין אױף דער בינע און אויסזינגען אַ לידל, איבערלייענען אַ געדיכט און דערציילן עטלעכע געשיכטעס פונעם פאַרשאָלטענעם אַמאָל. איבער דעם זקיינים־הויז האַלט שעפּטום דער אָרטעל. די קינדער פון די צוויי שולן כאַפּן זיך אויך אַהער אַרײַן און העלפן מיט וואָס זיי קאָנען.

אויב מע וויל זיך האַלטן אַן אייצע מיט אַ קלוגן מענטשן, קאָן מען אים געפינען אינעם זקיינים־הויז. ווער וועט אײַך געבן אַ בעסערע אייצע, איידער יענע לײַט, וועלכע האָבן אָפּגעלעבט אַ גרויס לעבן?

דאָ, אין זקיינים־הויז, האָבן די ייִנגערע אײַנוווינער גרויס דערעכערעץ פאַר די עלטערע, מע הערט זיך צו צו זיי. און דאָס אייבערשטע פון שטייסל איז געוויס אַרן־געדאַליע, וואָס האָט שוין אַריבערגעפּוצעוועט דאָס אַכטע צענדליק. דאָס איז אַ וווּקסיקער מענטש מיט אַ געלאַסענעם גאַנג, אַ פּאָר אויסגעהאָרעוועטע הענט פון אַ פּאַטאָמסטווענעם האָרעפּאַשניק, אַ שמיד. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער שווער געאַרבעט און זיך דעראָבערט קאָוועד באַם אַרומיקן עולם.

דער עולם פונעם זקיינים־הויז האַלט פון אַרן־געדאַליען אַ וועלט! אַ קלוגער ייִד, אַ כאָכעם. דערצו נאָך לאָזט ער קיינעם ניט באַאוולען. ווער דען, זאָגט אַרן־געדאַליע, וועט די שכיינים מײַנע פאַרטיידיקן, אויב ניט איך? דער ריבוינעשעלוילעם פירט זיך די לעצטע צײַט ניט לײַטיש. ניט אַנדערש, ווי ער איז אַ ביסל געוואָרן אויוועבאָטל. אַפּאַנעמעסן, ווען אין דער יוגנט האָבן מיר געהאַט אַ סאַך כאַטאָיִם, האָט ער אונדז ניט געשטראָפט, ניט באַמערקט אונדזערע קרומע זאַכן, און איצט, ווען מע איז שוין געוואָרן אַלט און קאַלט און קיין גרויסע כאַטאָיִם דערלאָזן מיר ניט, האָט דער אַלטער זיך צו אונדז צוגעטשעפּעט, ווי אַ פּיאַווקע, און שיקט אונדז צו אַלעמאָל נײַע צאָרעס און ווייטיקן, זעט אויס, פאַר אונדזערע אַלטע כאַטאָיִם! איז טאַקע דערפֿאַר, זאָגט אַרן־געדאַליע, דאַרפֿן מיר זיך פאַרייניקן, זײַן צוזאַמען, קעדיי קענען אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פונעם אייבערשטן...

אַרן־געדאַליעס געהילף און דער אַלטער גוטער־ברודער איז דאָ יאָסל ביימענע. גלײַך ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, איז מען פון איין עלטער, פון איין וווּקס. עמעס, יאָסל איז אַן אײַזערנער שווײַגער, אויב אים פאַרגלײַכן מיטן באַריידעוודיקן און פריילעכן סטאַראָסטע. פאַרוואָס עפּעס „ביימענע”, וועט איר זיך דערוויסן עטוואָס שפּעטער, אויב אײַך וועט בלײַבן קויעך אויסהערן די דאָזיקע געשיכטע פונעם אָנהייב ביזן סאָף. נאָר מע מוז דאָ אָנווײַזן, אַז עס איז גראַדע קעדײַ זי אויסהערן. אַלע זײַנע יאָרן איז יאָסל געווען אַ גלעזער. וויפל זײַנע פיס האָבן אים געטראָגן איבער דער ערד, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ קעסטל גלאָז אויפן אַקסל און אַ בערעמעק קיט און געגלעזט פענצטער. מע זאָגט, אַז דער אַלטער האָט פאַר זײַן לעבן אָנגעגלעזט אַזויפיל טאַפּליעס, אַז פון דעם גלאָז וואָלט מען געקאָנט אויסבויען אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ.

אויב אײַך איז אַמאָל אויסגעקומען זײַן אין אונדזערע פּאָדאָליער שטעטלעך, האָט איר, אַפּאַנעם, באַמערקט, אַז דאָרטן זײַנען ניט געווען צווישן דעם האָרעפּאַשנעם עולם קיין שווײַגער. פאַרקערט — לעבעדיקע, פריילעכע, באַריידעוודיקע באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן קיינעם ניט געלאָזט אַרומגיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. און אויב עס האָט זיך צווישן דעם עולם געיאָוועט אַן אײַזערנער שווײַגער, איז דאָס געווען שוין אַ נײַס. דערבײַ האָט דאָ געשטעקט אַ וויכטיקע סיבע.

פאַר אַ שווײַגער האָט יאָסלען ביימענע געמאַכט דער קאַלטער, פאַרקאָוועטער סיביר, ווו ער איז, נעבעך, אָפּגעזעסן אױף קאַטאָרגע קנאַפּע צען יאָר. ניט מער און ניט ווייניקער. און פּאָפּאַדיעט האָט ער אַזש פון באָפּאָליע קיין סיביר איבער צוויי זאַכן: פאַר זײַן לאַנגער צונג. ער האָט זיך ניט גאָר איידל אויסגעברײַעט אויפן קייסער מיקאָלקע אין יענע שיינע יאָרן, ווען עס זײַנען געגאַנגען די „וויבאָרעס” אין דער דומע. און צווייטנס — איבער דעם פּאָרעץ סטריזשעווסקי מיט זײַן מאַיאָנטעק.

פּאָרגעקומען איז די זאַך אין פינפטן יאָר אינעם דאָרף קאָמאַריווקע. אַהין האָט מען יאָסלען פאַרבעטן אָנגלעזן פענצטער. געקומען איז ער אַהין אין רעכטן ברען, ווען די פּויערים האָבן אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד, גענומען שמעטערן און צינדן דעם פּאָרעצס מאַיאָנטעק.

אונדזער יאָסל האָט עס דערזען, האָט ער באַשטימט, אַז ער טאָר ניט שטיין אין אַ זײַט, ווײַל מיט דעם פּאָרעץ האָט ער געהאַט אַלטע כעזשבוינעס. ער האָט באַ אים יאַקאָס אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנצן סעזאָן, און יענער האָט אים דערפֿאַר קיין דרײַ גראָשן ניט באַצאָלט, פאַרקערט, אַרויסגעטריבן פונעם דאָרף און נאָך אָנגערייצט אױף יאָסלען זײַנע הינט.

יאָ, האָט דעמלט געזאָגט יאָסל, ניט אַנדערש, ווי עס איז נאָך דאָ אַ שטיקל גאָט אין הימל. זיך מעיאַשעוו געווען, האָט יאָסל אַוועקגעשטעלט אין דער זײַט דאָס קעסטל מיט גלאָז און אויך גענומען זיך צו דער אַרבעט, העלפן די פּויערים צינדן דעם פּאַלאַץ.

די אַרבעט איז געגאַנגען גאַנץ שיין — מע האָט זיך דערלעבט אַ נעקאָמע אינעם פּאָרעץ. דער פּאַלאַץ האָט גאַנץ פײַן געברענט, נאָר וואָס זשע, עס זײַנען אָנגעפאָרן אַהער זשאַנדאַרמען אױף די פערד. אַרויסגעכאַפּט די שווערדן און זיך געלאָזט אויפן עולם. די פּויערים האָבן זיך גענומען פאַר

די ווילעס. מע וועט ניט אַפּטרעטן! בלוט וועט זיך גיסן! יאָסל האָט געכאַפּט א האָלאַבליע אין די הענט און זיך געלאָזט צוזאַמען מיט די פּויערים אַף די זשאַנדאַרמען.

אונדזער גלעזער איז געווען אזוי איבעראַשט, אז ער האָט זיך אַרויסגערוקט מיט דער האָלאַבליע פאָרויס און אויסגעשריִען צו די זשאַנדאַרמען:

— אנו, פּרוווט נאָר, גאַזלאָנים נימעסע! אנו, שלאָגט, ביי מענע! פּרוווט נאָר, הינטישע צורעס! ביי מענע!..

די אומגעבראָכטע מאַסע האָט פאַרטריבן די זשאַנדאַרמען פונעם דאָרף און אַלץ וואָלט זיך, דאַכט זיך, געענדיקט גוט און פיין, נאָר שפּעטער, ווען עס האָט זיך איינגעשטילט דער אויפשטאַנד, איז קיין קאָמאַריוּוקע אַראָפּגעקומען א כאָפּטע נייע זשאַנדאַרמען, און מע האָט אָנגעהויבן כאַפּן מענטשן פאַר די פאַלעס און בעסויכעם אויך געכאַפּט יאָסל דעם גלעזער.

די אויפשטענדלער האָט מען געשמיסן אינמיטן דאָרף לעבן קלויסטער. א צענדליק מענטשן האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר און בעסויכעם — יאָסלען דעם גלעזער, וואָס האָט זיך פאַרדינט אין באַ־פאַליע דעם שיינעם צונאָמען: „יאָסל ביימענע".

אין די קאַלטע סיבירער מעקוימעס האָט אונדזער יאָסל ביימענע זיך גוט אָנגעבידעוועט, פאַר־לוירן אין די אַרצגרובנס דאָס שטיקל געזונט און זיך אומגעקערט פון יענע ערטער א צעבראָכענער, א קראַנקער און דערצו נאָך געוואָרן אן אייזערנער שוויַגער.

פאַר יאָסלען האָט מען דאָ געהאַט גרויס דערעכערעץ. עפּעס א קלייניקייט? א מענטש האָט זיך אזוי אָנגעבידעוועט. און דערביי געדענקט נאָך דער באַפאַליער אוילעם, ווי ער האָט זיך אהער אומגע־קערט פון סיביר, און כאָטש ער איז געווען גוט צעבראָכן, נאָר ער האָט זיך געשלאָגן פאַר דער ראַטנמאַכט מיט לייב און לעבן. דערנאָך, שפּעטער, הייסט עס, נאָך די פּאָגראָמען האָט ער דאָ, אין באַפּאַליע, אָנגעגלעזט א שיין ביסל פענצטער, און ווען ער האָט דערפילט, אז קיין קויכעס סטייען אים שוין ניט פאַר דער אַרבעט — און געווען איז ער איינזאַם, אָן א ווייב און אָן קינדער, זיי זיינען אומגעקומען בייס די פּאָגראָמען, — האָט ער זיך אויסגעיִישעוועט מיט זיין גוטן־ברודער אַרן־גדאַליען און מע האָט זיך באַזעצט אינעם זקיינים־הויז, אַף גאַסודאַרסטווענע קעסט.

דאָ איז קעדיי צו דערמאָנען, אז פון דעם פּאָרל האָט שטאַרק געהאַלטן שויעל דער זיפּנמאַכער. ווען דער דריַילינג האָט זיך באַגעגנט, איז געווען פּריילעך אין שטעטל! שויעל און אַרן־גדאַליע האָבן זיך געכאַכמעט, געווערטלט, און דער אַרומיקער אוילעם, בעסויכעם מיט יאָסלען, האָט געלאַכט, זיך געהאַלטן פאַר די זייטן.

איז טאַקע ניט קיין כידעש, וואָס שויעל דער זיפּנמאַכער איז געווען אינעם זקיינים־הויז אַן אָפטער גאַסט.

און ניט קיין געוויינלעכער־גאַסט. ער איז געווען באַפולמעכטיקט פונעם יִישעווּ־ראַט, ווי א דע־פּוטאַט, שפּירן, אז אין הויז זאָל זיין א גוטע אָרדענונג, די איינוווינער זאָלן זיין מיט אַלץ באַזאָרגט, מע זאָל זיי לייטיש האָדעווען, היילן, די קולטור זאָל שטיין אַף א געהעריקער הייך, אין רויטן ווינקל זאָל מען לייענען לעקציעס, עס זאָל אהער קומען א קרייזל פונעם קלוב און פון דער שול, מע זאָל עפּעס דערציילן, זינגען, שפּילן פאַר די אַלטע לייט. ער האָט נאָכגעשפּירט, שויעל, אז אַף דער קיך זאָל זיין ריין און ציכטיק, דאָס עסן זאָל האָבן א טאַם. קורץ גערעדט. דער אוילעם זאָל זיין צופרידן און אין גאַרנישט זיך ניט ניטיקן. אונדזער שויעל דער זיפּנמאַכער האָט זיך געסטאַרעט, אויסגעפילט זיינע פליכטן ראַיעל, פונעם גאַנצן האַרצן. פון אייביקע צייטן גיט מען דאָ אַפּ קאָוועד און מע האָט גרויס אַפּשיי פאַר די אַלטע לייט, פאַר די אָוועס.

די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלעבט אזא שווער לעבן אין ניקאָלקעס צייטן, האָבן פאַרדינט, מע זאָל זיי אכטן ניט אינדערוואַכן און אין א יאָמטעוו.

איז טאַקע ערעוו יאָמטעוו שויעל דער זיפּנמאַכער מיט א גאַנצער דעלעגאַציע פונעם זקיינים־הויז אוועקגעגאַנגען אין יִישעווּ־ראַט, און מע איז דאָרטן אַרויס מיט לאַשן:

— אזוווי, הייסט עס, די מערהייט פונעם זקיינים־הויז זיינען האַרעפּאַשניקעס, באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן אמאָל אַפּגעקאַליעטשעטעט א לעבן, דאָס הייסט, אַפּגעלעבט א לעבן און די ליכטיקע שיין ניט געזען, זיך גוט אָנגעבידעוועט, געלעגן ניין איילן אין דער אַדאָמע און דעם קאָפּ ניט גע־טאָרט אויפהייבן, און אזוווי א סאַך פון אָט די מענטשן האָבן ניט וויניק פאַרדינסטן פאַר דער רע־וואָליוציע און ראַטנמאַכט, וואָלט, דאַכט זיך, געווען יושערדיק, מע זאָל לאָזן די קאַלאָנע פונעם זקיינים־הויז אין אויבנאָן, די סאַמע ערשטע, ווייל ווען מע איז יונג און שטאַרק, וואָלט מען געאַרבעט ניט ערגער, ווי די איצטיקע מענטשן אין קאָמבינאַט און אין די אנשטאַלטן...

אזוי האָט געזאָגט אַרן־גדאַליע, און יאָסל ביימענע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי געוואָלט דערמיט זאָגן, אז געוויס איז אַרן־גדאַליע גערעכט.

עס איז ניט אויסגעקומען לאַנג זיך אַמפּערן, נאַטשאַלסטווע האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ די באַקאַשע און באַשלאָסן, אז מע דאַרף די אַלטע לייט גיין אַנטקעגן. זאָלן זיי קומען אַף דער דעמאָנ־

סטראַציע און זיך שטעלן אין דער ערשטער קאָלאָנע, באַנאַנד מיט די בעקאָוועדיקסטע מענטשן פון באַפּאָליע!

און כאָטש דער פּלאַן פונעם יאָמטעוו איז שוין פון לאַנג געווען אויסגעפּלאַנעוועט, באַטראַכט, האָט מען אַרײַנגעטראָגן ענדערונגען, ווײַל אויב די זקיינים ווילן, איז דאָך ניט שײַעך!

א שיינער, האַרבסטיקער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעשיילט פונעם גרויסן נעפּל, פון די סאָף־באַנאַכטיקע צעריסענע וואָלקנס. די זון האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטער דעם לוקיזוקער באַרגרוקן און זיך פאַרטשעפּעט מיט אירע שטראַלן פאַר די הויכע טאָפּאָליעס, וועלכע האָבן, ווי טרײַע סאָלדאַטן, זיך אויסגעשטעלט פון בײדע זײַטן שליאַך.

באַפּאָליע איז געווען יאָמטעוודיק פאַרפּוצט, ווי א קאַלע־מויד. עס האָבן געשײַנט רויטע פאָנען, געצאַפּלט אונטערן שטילן אָטעם פונעם לײַכטן, קילבלעכן ווינטל און אָנגעזאָגט, אז דער יאָמטעוו איז געקומען. די געסלעך און ליקלעך זײַנען אופגעלעבט געוואָרן, זיך צעטומלט מיטן הילכיקן געלעכטער פון די קינדער, וואָס האָבן באַלאַגערט די עטלעכע בוידן, אַף וועלכע עס זײַנען אַרויסגעפאָרן די באַלעגאָלעס, קעדיי אויך אָנטיילנעמען אין דעם יאָמטעוו.

פאַרפּוצטע אין נײַע רעקלעך און קאַרטוזן, אין רויטע האַלדזטוכן, פרײלעכע און דערהויבענע, זײַנען געפאָרן צו דער הויפּט־גאַס פּיאָנערן, און די קאָלימאַגעס האָבן מורעדיק געטראַסקעט איבער דעם ברוקירטן וועג. מענטשן האָבן געאײַלט. די ווײַבער זײַנען געווען פאַרטאָן, פאַרהאַוועט, — מע האָט געדאַרפט אָנהאָדעווען אין די שטײַגן דאָס ביסל אויפעס, די גענדז, די ציגן, און ווער עס האָט געדאַרפט אַרויסטרײַבן די בעהיימעס אין עק שטעטל, צו דער לעוואַדע, דער פאַסטעך זאָל זיי פאַרנעמען און אוועקטרײַבן אַפּן „וויפּאַס”.

מענטשן האָבן געאײַלט צו זייערע צעכן, אַנשטאַלטן, ווו עס האָבן זיך פאָרמירט די קאָלאָנעס, קעדיי גיין צום פּלאַץ, ווו דער הויכריידער האָט געזונגען און געשפּילט, — דאָס געזאַנג און געשפּיל האָט זיך אהער דערטראָגן אַזש פון מאָסקווע...

אַפן טראָטואַר, באַם סעדל פונעם זקיינים־הויז, זײַנען שוין געשטאַנען די אײַנוווינער פונעם הויז און מיט אומגעדולד געוואַרט, מע זאָל אָנהייבן גיין.

כאָטש עס איז געווען טרוקן אין דרויסן, נאָר אַלע זײַנען געווען פאַרפּוצט אין די נײַע שיך מיט קאַלאָשן — א מאַטאָנע פונעם אַרטעל... אין סאַמע פון פאָרנט איז געשטאַנען דער סטאַראָסטע פונעם זקיינים־הויז אַרן־געדאַליע. ער האָט פעסט געהאַלטן אין זײַנע אויסגעהאָרעוועטע, אָדערדיקע הענט די רויטע פאָן און מיט אַן אופמערקזאַמען בליק באַטראַכט זײַן קאָלאָנע. ער האָט אויסגעזען, ווי א פאָלקנפירער, וואָס דאַרף אָט־אָט פירן זײַן גוואַרדיע אין שלאַכט אַרײַן. האַרט לעבן אים איז געשטאַנען יאָסל ביימענע מיט א בוקעט בלומען, ניט וויסנדיק, וואָס מע טוט מיט זיי. ער האָט זיי געוואָלט איבערגעבן עמעצן פון די פרויען, נאָר אַרן־געדאַליע האָט אַף אים קרום א קוק געטאָן און ווי עמעצער רעדט: „באַלטאַכלעס, מע האָט דיך דאָ אוועקגעשטעלט מיט די בלומען, זאָלסטו שטיין, ווי א סאָלדאַטן!”

מע האָט אומגעדולדיק געוואַרט. שוין געווען צײַט זיך לאָזן צום פּלאַץ, נאָר מע האָט נאָך ניט געזען שויעל דעם זיפּנמאַכער, וועלכער האָט צוגעזאָגט צוגיין אהער, מע זאָל גיין צוזאַמען. וואָס איז די סיבע, וואָס שויעל פאַרהאַלט זיך? די סיבע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַשטימט ברענגען אהער די קאַפּעליע קלעזמער, מע זאָל גיין צום פּלאַץ מיט מוזיק, נאָר די אַרטעלניקעס האָבן זיך אײַנגעאַקשנט אין איין קאָל: זיי זײַנען בילכער...

שויעלן איז אויסגעקומען זיך גוט אויסוואָרטלען מיט דעם אוילעם קוסטאַרן, מיט די קלעזמער, נאָר דאָך אַרויס א זיגער. ער האָט אײַנגערעדט אַלעמען, אז די אַלטע גוואַרדיע וואַרט אַף די קלעזמער און ער האָט די מוזיקאַנטן אוועקגעשלעפּט צום זקיינים־הויז שיער ניט מיט גוואַלד.

די אַלטע לײַט האָבן דערזען שויעלן מיט די קלעזמער, האָבן זיי אופגעהויבן א פרײלעכן טומל, ווי מע זאָל דערזען מאַשיעכן. מע האָט זיך גלײַך אויסגעשטעלט, ווי עס דאַרף צו זײַן. אַרן־געדאַליע — פון פאָרנט מיט דער צעוויקלטער רויטער פאָן, לעבן אים — יאָסל ביימענע מיט די בלומען, און פון דער צווייטער זײַט — אַן עלטערע פרוי אין א רויטער קאָסינקע. פאַר דער קאָלאָנע האָט זיך אוועקגעשטעלט די קאַפּעליע קלעזמער, און אַרן־געדאַליע האָט געגעבן א קאָמאַנדע, מע זאָל זיך לאָזן אין וועג.

שויעל דער זיפּנמאַכער, א שײַנענדיקער, א דערהויבענער, מיט א גרויסן רויטן באַנט אַפּן לאַץ פון זײַן רעקל, האָט א צופרידענער געשפּאַנט באַ דער זײַט, קוקנדיק, ווי עס מאַרשירן זײַנע פּאָדשעפּנע. ער האָט פון מאָל צו מאָל אונטערגעוווּנקען צו אַרן־געדאַליען און יאָסל ביימענע, זיי זאָלן האָבן גאָט אין האַרצן, ניט יאָגן אַזוי שטאַרק, ווײַל נאָך זיי גייען דאָך מענטשן מיט שטעקלעך און קאָנען ניט דעריאָגן. דערצו נאָך איז פאַראַן צײַט. דער אוילעם ציט זיך צונויף צו דעם פּלאַץ, אַפּן מיטינג, און מע ווערט באַוויזן. אײַנצײַטיק האָט שויעל געבעטן די קלעזמער, זיי זאָלן שפּילן, ווײַל ניט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק טרעפן אַזעלכע יאָמטויווים אין באַפּאָליע.

— דערלאַנגט ארבעט, כעוורע! — האָט ער אונטערגעמונטערט די קלעזמער, — נישקאָשע, עס וועט פון אײַך גאָרניט אראָפפאלן, אויב איר וועט הײַנט שטארקער אָן ארבעט טאָן. אז דאָס הארץ פרייט זיך, דארף מען ניט זשאלעווען קיין מוזיק. דערלאַנגט, כעווערלײַט, פײַער, אלע סאָנים אפצו־לאָכעס!

מע געדענקט ניט נאָך אזא שיינעם יאָמטעוו, ווי הײַנט. פון אלע געסלעך האָבן זיך געצויגן צום פלאַץ יאָמטעווודיק־פארפוצטע מענטשן. דערהויבענע, פריילעכע, שײַנענדיקע. עס האָבן געײַלט קינדער פון די ביידע באפּאָליער שולן. מע איז געגאנגען, פאָכענדיק מיט בוקעטן בלומען, געגאנגען מיט געזאנג און טענץ. עס האָט ניט אופגעהערט שפילן די מאָסקווער ראדיאָ אפן פלאַץ.

דערזען די קאַלאָנע פונעם זקיינים־הויז און די קאפעלע קלעזמער, וואָס איז געגאנגען פון פאָרנט און אָן אופהער געשפּילט, האָט דער אוילעם זיי געמאכט א וועג, און די אלטע לײַט האָבן זיך אָפּגע־שטעלט בא דער סאמע טריבונע.

דער פלאַץ איז שוין געווען איבערפולט מיט מענטשן. ביסלעכווײַז איז דער טומל אײַנגעשטילט געוואָרן און עס האָבן זיך דערהערט די באגריסונגס־ווערטער פונעם פאָרזיצער פונעם ראט. ער האָט גערעדט הויך, מיט הארץ, די שטים זײַנע האָט זיך געטראָגן איבערן אײַנגעשטילטן פלאַץ און פון מאָל צו מאָל איבערגעריסן געוואָרן פון הילכיקע אפּלאָדיסמענטן און הורא־אויסגעשרייען.

די רעדנער האָבן זיך געביטן. אָט איז שוין ארויסגעטראָטן פרידל, דער פארטאָרג פונעם ארטעל, און דערציילט, מיט וועלכע דערגרייכונגען מע איז געקומען צום יאָמטעוו. אָט האָט זיך שוין פא־נאנדערגעטראָגן דאָס הילכיקע קאָל פון א קורנאָסע מיידעלע מיט לאנגע צעפּלעך און אין א רויטן האלדזטוך. זי האָט דערציילט, וויאזוי עס לערנען זיך די שילער און געדאנקט דער פארטיי און דער

רעגירונג פאַר דער גליקלעכער קינדהייט... עס זײַנען אַרויסגעטראָטן פאָרשטייער פון אַנשטאַלטן, פון דער פויערים־דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען פונעם נאָענטן קאָלווירט, איבער וועלכן באַפאַליע האָט גענומען שעפטום.

אָן עלטערע קאָלווירטניצע אין אַ געקווייטלטער פאַטשיילע האָט איבערגעגעבן אַ האַרציקן גרוס פון אַלע קאָלווירטניקעס פון איר אַרטעל, געדאַנקט פאַר דער הילף, וואָס באַפאַליע ווײַזט זיי אַרויס.

אַרן־געדאַליע איז געשטאַנען מיט דער פאָן, אײַנגעהערט זיך אין די ווערטער פון די רעדנער און געטראַכט, אַז ער וואָלט הײַנט אויך געקאָנט זאָגן עטלעכע ווערטער. ער האָט איבערגעגעבן די פאָן דער פרוי מיט דער רויטער קאָסינקע, וואָס איז געשטאַנען פון דער רעכטער זײַט, און זיך געלאָזט גיין צו דער טריבונע.

שויעל דער זיפּנמאַכער האָט עס דערזען, איז ער געבליבן ווי צעמישט. צוליב וואָס גייט דער אַלטער אַף דער טריבונע און וואָס קלײַבט ער זיך דאָרטן טאָן? נאָר אַרן־געדאַליע האָט עפּעס געזאָגט אַפן אויער דעם פאָרזיצער און, קנייטשנדיק שטאַרק אין די הענט דעם יאָמטעוודיקן קאַרטוז, צוגעגאַנגען צו דער פאָרענטשע פון דער טריבונע, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, מע זאָל הערן מיט קאָפּ, וואָס ער וועט זאָגן.

— כאַווײרים און בירגער פון באַפאַליע! — ער האָט מיט דער שווערער האַנט זײַנער פאַרשאַרט די גרײַז־גראָווע האָר, וואָס זײַנען געפאַלן צו די אויגן, — כאַווײרים און בירגער! אויב איר וועט פון מיר ניט לאַכן און לאָזן ריידן, וועל איך אויך הײַנט זאָגן עטלעכע ווערטער ווי אַ פּראָסטער אַמכאָ, אַ פּאַטאָמסטווענער קאָוואַל. אָט דאָ, לעבן דער טריבונע, שטייט אונדזער אַלטע גוואַרדיע, די מענטשן, הייסט עס, פונעם זקיינים־הויז, די פּענסיאָנערן, די קעסט־קינדער פון דער מעלוכע אונדזערער. מיר דאַנקען אײַך זייער פון גאַנצן האַרצן, וואָס איר האָט אונדז הײַנט אַרײַנגענומען אין אײַער קאָמפּאַניע און אונדז אוועקגעשטעלט אין סאַמע פראָנט... אויב איך בין אַרויסגעגאַנגען אַהער, וועל איך זאָגן, וואָס איך טראַכט און וואָס עס טראַכטן אונדזערע זקיינים. איז בעט איך אײַך מיר ניט שטערן און הערט אויס מיט קאָפּ... איר קענט גוט אַרן־געדאַליען, און אַרן־געדאַליע קען אײַך אויסגעבונדן. אַרן־געדאַליע זאָגט פון אַלע יאָרן נאָר דאָס, וואָס דער סאָוועסט זאָגט אים אונטער. מיר, אַלטע לײַט, האָבן אָפּגעלעבט אַמאָל אַ מיִעס, שווער, צעקאַליעטשעט שטיקל לעבן, אַ מיִסע־מעשונע אָפּן אַלטן רעזשים, אַף ניקאָלקען און אַף דער גאַנצער בורזשואַזיע!..

אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך שוין, באַרעכהאַשעם, צעביטן דעם נײַנטן צענדליק. אײַך וויל איך אויסזאָגן דעם גאַנצן עמעס, כאָטש איך האָב ניט ליב ציילן מײַנע יאָרן און אײַצע אויך אײַך דאָס ניט טאָן. איך בין אַלט אַכציק איינס. באַם אַלטן רעזשים וואָלט איך געזאָגט: אַכציק איינס און מיר איז אַלציינס... איצט זאָג איך: כאָטש מיר איז אַכציק איינס, נאָר מיר איז ניט אַלציינס. באַ אַזאַ וולאַסט, ווי אונדזערע, ווילט זיך לעבן און לעבן ביז מאָשיִעכס צײַטן... די וואָלסט האָט מיר געזאָגט בעזע האַלאָשן: הער אויס, אַרן־געדאַליע, דו האָסט אָפּגעלעבט אַ שווער לעבן, דערצו נאָך, אַרן־געדאַליע, ביסטו אין דער צײַט, ווען מיר האָבן זיך געשלאָגן קעגן דער קאָנטרע פאַר אונדזער וולאַסט, אויך ניט געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט, נאָר געהאַלטן אַ ביקס אין דער האַנט, זיך געשלאָגן פאַר דער רעוואָליוציע און בלוט פאַרגאָסן, טאָ האָסטו רעכט זיך אויסלעבן רויִק דײַנע יאָרן און האָבן קאָוועד פון מענטשן. איז וואָס זשע האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן? אַז איך בין אַמאָל געווען אַ קאָוואַל, דערנאָך אַ בלעכער, בין איך דעמלט געווען נידעריקער פון אַלע לעכער און אַז איך בין אַלט געוואָרן און געוואָרן אויס בלעכער, בין איך העכער פון אַלע דעכער... וואָס זאָגט איר, מענטשן? איך בין גערעכט, יאָסל, צי איך בין ניט גערעכט, האַ? — האָט ער זיך געווענדט צו זײַן אַלטן גוטן־ברודער.

— אַוואַדע, אַרן־געדאַליע, ביסטו גערעכט! — האָט פונעם אָרט אויסגעשריִען יאָסל ביימענע און זיך אויך אוועקגעלאָזט צו דער טריבונע, זיך אויפגעהויבן אַף עטלעכע טרעפּלעך און זיך געווענדט צום אוילעם: — געוויס, אַוואַדע איז מײַן גוטער־ברודער אַרן־געדאַליע גערעכט! וואָס זשע, עפּשער ניט? באַ־אָט נעמט מיך. איר ווייסט דאָך, אַז דאָס גאַנצע לעבן בין איך אין באַפאַליע געווען אַ גלעזער, באַגלעזט דאָס גאַנצע שטעטל, די פינגער זיך אָפּגעפרוירן, ווען איך האָב געגלעזט באַ אונדזער מאַנופאַקטוריסט, נאָכעם דוואָרקין, די פענצטער, און אין דער זעלבער צײַט זײַנען מײַנע אייגענע פענצטער געווען פאַרשטעקט מיט שמאַטעס און מיט שטרוי. אַמאָל האָט באַ מיר דער דאַלעס געסווישטשעט פון אַלע לעכער, דורכן קוימען און אין די קעשענעס. דערנאָך האָב איך אַמאָל, באַ ניקאָלקען, פאַרדינט קאַטאָרגע, סיביר. נאָר איך האָב ניט קיין כאַראָטע. ניט אומזיסט זיך געמוטשעט. דערפאַר האָט אין אונדז, אַלטע לײַט, די רעוואָליוציע ניט פאַרגעסן און מיר לעבן אין דער וואַרעם, אין זעט, אונטער אַ דאַך, באַ געגלעזטע פענצטער, און מיר האָבן טאַקע צו דאַנקען דער סאָוועטישער מאַכט און דער פּאַרטיע... איך זאָג עמעס, אַרן־געדאַליע, וואָס זאָגסטו?

דערזען, אַז מע הערט מיט אַזויפיל האַנאָע די זקיינים, יאָסלען און אַרן־געדאַליען, און מע שלאָגט זיי ניט איבער, האָט זיך אַרויסגערוקט נעענטער צו דער טריבונע אַף זײַנע קוליעס דער

אמאָליקער טשאבאַן פּראָקאָפּ מיכײַלאָוויטש קאטשורע, וואָס וווינט אין זקיינים־הויז אין איין צימער מיט אַרן־געדאַליען און יאָסל ביימענע. א ווונק געטאָן אף זײַנע קוליעס, האָט ער אויסגעשריִען אף א קאָל:

— טוט א קוק, מענטשן, וואָס פאר א מאטאָנע פאר מײַן ארבעט, פאר דעם, וואָס איך האָב זיך פארן קייסער געשלאָגן ניט אף לעבן, נאָר אף טויט, וואָס פאר א מאטאָנע איך האָב אמאָל פארדינט זיך באַם קייסער... קוקט! פאר ווּעמען האָב איך מײַן פוס און איין אויג פארלוירן? „זא וועראו, צאריא אי אָטעטשעסטוואָ!" — אף דער מעשוגענער מילכאָמע, אין די קארפּאטן... און ביז דעם, וואָס פאר א לעבן האָב איך אָפּגעלעבט? זיך געמוטשעט באַ דעם פּאַן טערעשטשענקאָ אין דער עקאָנאָמיע און זיך געמאטערט מיט מײַן ווײַב און קינדער... דאָ האָבן אַרן־געדאַליע און יאָסל ביימענע אײַך דערציילט, וויִאזוי זיי האָבן געבידעוועט אמאָליקע יאָרן. טאָ וויל איך אײַך אויך דערציילן, וואָס מיט מיר איז זיך פארלאָפן. ס'איז אַן עמעסע געשיכטע. קיין איין וואָרט ניט אויסגעטראכט... הערט מיט קאָפּ און פארגעדענקט!

פּראָקאָפּ האָט זיך אויסגעהוסט, א גלעט געטאָן זײַנע קאזאצקע הערלעכע וואָנצעס, כיטרע א שמייכל געטאָן אין דער באָרד און, כאַפּנדיק אף זיך אַזויפיל גוטמוטיקע שמייכלעך פונעם ארומיקן עולעם און פון זײַנע צוויי גוטע־פרײַנט, פאָרגעזעצט:

— איך בעט מיך אַנטשולדיקן, אויב עס וועט זײַן ניט אַזוי, נאָר איך מעגט דאָס אויסהערן. מענטשן, כאַווײרים! אָט צײלעם איך זיך איבער, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן!

ער האָט גערעדט גיך, גלײַך ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז מע וועט אים באַלד איבערשלאָגן און ניט לאָזן דערציילן זײַן געשיכטע...

— טאַקע וועגן דעם פּאַן טערעשטשענקאָ וויל איך אײַך עפּעס דערציילן... דער מיכײַלאָווקער קאָלווירט, וואָס איז ניט ווײַט פון באַפּאָליע, געפינט זיך אף טערעשטשענקאָס געוועזענער ערד. זעקס טויזנט העקטאַר, וואָס גיבן שיינע גערעטענישן און האָדעוועז, ווי א גוטע מאַמע. נאָר פאר דער רעוואָליוציע האָבן מיר קיין ברעקל ערד ניט געהאַט און געטרוימט האָבן כאָטש א דעסיאַטינקע טערעשטשענקאָס ערד... נאָר א פײַג האָט ער אונדז געגעבן, ניט קיין ערד!

וועל איך אײַך טאַקע באַלד דערציילן ניט קיין מײַסע, ניט קיין לידל, נאָר אַן עמעסע געשיכטע. איך בין אַליין דערבײַ געווען, מיט מײַנע אייגענע אויגן אַלץ געזען, מיט מײַנע אויערן געהערט און מיט מײַנע פיס אויסגעמאָסטן. גאַנץ מיכײַלאָווקע האָט געארבעט אף דעם טערעשטשענקאָ, זיך גע־מוטשעט, געהונגערט, אָפּגעקומען. האָט עמעצער פון די אַלטע מוזשיקעס געזאָגט — דאָס איז געווען פאר דער רעוואָליוציע, אַז מע דאַרף צונויפנעמען די גאַנצע גראָמאַדע און פארכאַפּן א טייל ערד באַ דעם פּאָרעץ. זיך דערוווּסט, וואָס די מוזשיקעס האָבן פארטראַכט, האָט זיך געיאָוועט טערעשטשענקאָס עקאָנאָם און זאָגט אונדז: „הערט אויס, מוזשיקעס, פאָלגט מיך, פארנעמט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן. די מיכײַלאָווקער מוזשיקעס האָבן שוין א פּאָר מאָל דאָס געפּרוּווט טאָן, און וואָס האָט זיך באַקומען? מע האָט זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער, געשמיסן אָפּן פּלאַץ לעבן קלויסטער און א סאַך פארשיקט קיין סיביר. אָט דאָס האָבן זיי באַקומען באַ טערעשטשענקאָן, ניט קיין ערד..."

— וואָס זשע טוט מען? וויפל זשע קאָנען מענטשן זיך מוטשען אָן א פּיצל ערד?

האָט דער עקאָנאָם, א כאָליערע אף אים, געמיינט ערנסט, צי אין שפּאַס, נאָר ער האָט געזאָגט: „אונדזער פּאָרעץ איז א גוטהאַרציקער פּאָרעץ, און זײַנע מוזשיקעס האָט ער שטאַרק ליב. ער וועט זיי גיין אַנטקעגן, און אַז איר וועט אים שטאַרק בעטן, וועט ער אײַך אָפּטרעטן א ביסל ערד, אָדער קלײַבט צונויף באַ דעם עולעם עטלעכע רובל, וועט ער אײַך פארקויפן, דאָס הייסט, אויסטיילן א כײלעק פון זײַן ערד..."

— נאָר ווי קומען מיר צום פּאָרעץ, אַז ער קומט ניט אַראָפּ אַהער, ער לעבט א מעשוגענעם טאָג אין פּאַריזש...

— דאָס איז עמעס, — זאָגט דער עקאָנאָם, — ער וווינט לעבן פּאַריזש, מיט זײַנע פּאָליובאָוו־ניצעס, אף א דאַטשע. איז ווען א פּאָר כאָדאָקעס פון אײַערע מוזשיקעס דערקלײַבן זיך צו אים, וואָלט ער אײַך פארקויפט, אָדער געשענקט א כײלעק ערד...

און וואָס מיינט איר, מענטשן, אייניקע פון אונדזערע מוזשיקעס האָבן דאָס גענומען אָפּן געדאַנק און מע האָט אָנגעהויבן ריידן צווישן זיך, עפּשער איז דאָס טאַקע א טאָלק אוועקשיקן א דעפּוטאַציע פון אונדזערע מוזשיקעס צו טערעשטשענקאָן קיין פּאַריזש...

נאָר עפּעס א קלייניקייט אויסצורעדן, ווו איז מיכײַלאָווקע, ווו איז באַפּאָליע און ווו איז פּאַריזש?! פאָלג מיך א גאַנג! דערצו נאָך דאַרף מען צונויפקלײַבן א ביסל געלט, כוץ דעם, דאַרף מען האָבן אף הויצאָעס און מענטשן, וועלכע וועלן גיין אין עק וועלט!

מע האָט זיך לאַנג געאַמפּערט אין דאָרף, באַטראַכט דעם איניען פון אַלע זײַטן. און וואָס מיינט איר? אונדזערע מוזשיקעס האָבן באַשטימט, אַז מע דאַרף שיקן א דעפּוטאַציע צום פּאָרעץ, קיין פּאַריזש.

גערעדט און געטאָן!

מע האָט אָנגעהויבן צונויפנעמען באַם אוילעם א ביסל געלט און שפּײַז אפן וועג, לאַנג צוגעקליבן די דעלעגאַציע — קיינער האָט ניט געוואָלט זיך שלעפּן אין אַזאַ מין ווײַטן וועג. קורץ גערעדט, עס האָבן זיך אויסגעזוכט עטלעכע מעשוגאָים גיין קיין פּאַריזש. אַזש פיר מענטשן, און איך אויך. ניקיטאַ וואָלאַסיוק, דער שמיד, איז געגאַנגען, דער מילנער מיקאָלאַ סטעציוק, אַנדריי וואָלאָסענקאָ און וואַסיל גרימײַלאָ... גרימײַלאָ איז געווען דער קאַזנאַטשיי, ער האָט געהאַלטן אין בוזעם־קעשענע דאָס ביסל צונויפגעזאַמלטע געלט. מע האָט אונדז אַלעמען אויפגענייט גוטע פּאָסטעלעס, טאָרבעס, זיי אָנגעפילט מיט קאַרטאָפליעס, ציבעלעס, ווער עס האָט געגעבן א שטיק סאַלע, א ביסל פלייש, זאַלץ, וואָס יעדערער האָט געקאָנט, און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צופוס קיין קאַזאַטין. דערנאָך האָבן מיר זיך דערקליבן קיין ברעסט — ווו מיטן צוג, ווו צופוס, — און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ביסל כאַר'טש. ניקיטאַ וואָלאַסיוק און מיקאָלאַ סטעציוק האָבן זיך צעבייזערט, א שפּײַ געטאָן און געזאָגט, אַז ווײַטער גייען זיי ניט. זיי ווילן ניט אומקומען. עס וואַרטן אף זיי אינדערהיים ווײַבער מיט קינדער. און דערצו נאָך האָבן זיי געמיינט, אַז פּאַריזש געפינט זיך ערגעץ לעבן קאַזאַטין... זײַנען מיר שוין געבליבן אינדרײַען — איך, גרימײַלאָ און וואָלאָסענקאָ. מיר האָבן באַשטימט, אַז מירן גיין ווײַטער. אויב מע האָט אונדז געשיקט, מוזן מיר אויספילן די שעליכעס פון דער גראָמאַדע...

א גאַנצן טאָג זײַנען מיר געגאַנגען און פאַרנאַכט זיך פאַרקליבן אין א וועלדל. איבערגעגעסן טיקט און געגאַנגען ווײַטער, זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס. דערנאָך האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין א פראַכט־וואַגאָן און געפאָרן ביז מע האָט אונדז ניט געכאַפּט און ניט אַוועקגעפירט אין אוטשאַסטאָק. אָפּגעזעסן דאָרט עטלעכע טעג, האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין ווײַטער, קיין פּאַריזש, צו אונדזער שיינעם פּאָרעץ טערעשטשענקאָ אויסבעטן בא אים א שטיקל ערד.

פון אונדזערע פּאָסטעלעס, פון אונדזערע סוויטקעס זײַנען געבליבן שמאַטעס. פּאַרוואַקסענע, ווי די בערן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע, האָבן מיר זיך דערקליבן צו דער גרענעץ. אומעטום האָט מען אונדז אויפגענומען, ווי די זשעבראַקעס, געטריבן, געשלאָגן, געזידלט, און מיר האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי זיך באַוועגן ווײַטער. אַז קיין לאָשן פאַרשטייען מיר ניט. מיר ריידן צו זיי אף אונדזער לאָשן, און זיי אף זייער לאָשן.

קוים מיט צאָרעס האָבן מיר זיך דערקליבן אין א דײַטשיש שטעטל. דאָ האָט מען אונדז געכאַפּט און פאַרשפּאַרט אין טורמע. לאָזט זיך אויס, מע האָט אונדז אויפגענומען, ווי די שפּיאָנעס, און געזאָגט, אַז מע וועט אונדז מישפּעטן ווי די שרעקלעכסטע פאַרברעכער און צעשיסן. דערווײַל האָבן די זשאַנדאַרמען אונדז גענומען באַזוכן און צוגענומען בא גרימײַלאָן דאָס געלט, וואָס מיר האָבן געפירט צו טערעשטשענקאָן, דאָס הייסט, האָבן זיי געזאָגט, מע האָט אונדז שטראָפירט פאַר דעם, וואָס מיר זײַנען ניט געזעצלעך געקומען קיין דײַטשלאַנד.

צוויי וואָכן האָבן די טײַוואָלאָנים אונדז געהאַלטן אין א מיִעסער קאַמער, דערנאָך אונדז גוט אָנגעבראָכן די ביינער און אַרויסגעטריבן.

דאָ האָבן מיר שוין באַשטימט, אַז מיר לאָזן זיך צוריק אַהיים, ווײַל מיר זײַנען געווען הונגעריק און פאַרמאַטערט ווי די גוטע הינט, נאָר וואַסיל גרימײַלאָ האָט געטײַנעט, אַז מיר דאַרפן זיך דאָך דערקלײַבן ווי־ניט־איז קיין פּאַריזש צו אונדזער פּאָרעץ. האָבן מיר זיך ווידער אַרײַנגעכאַפּט אין א פראַכט־וואַגאָן, וואָס איז געגאַנגען צו עלזאַס־לאָטאַרינגיע, און געפאָרן ווײַטער...

קורץ גערעדט, אײַדער אויסדערציילן, ווי מיר האָבן זיך געשלעפּט קיין פּאַריזש צום פּאָרעץ, וועט אויסקומען דאָ שטיין און דערציילן ביז טאָג. וועל איך דערציילן בעקיצער. העכער צוויי כאַדאָשים האָבן מיר זיך געשלעפּט קיין פּאַריזש. מענטשן האָבן אף אונדז געקוקט, ווי אף די מעשוגאָים, אונדז אויסגעלאַכט, נאָר עס האָבן זיך דאָך געפונען גוטע מענטשן און אונדז געגעבן געלט, רעקלעך, עסן און אונטערגעזאָגט, ווו מיר דאַרפן זוכן אונדזער פּאָרעץ טערעשטשענקאָן.

און מיר האָבן זיך טאַקע דערקליבן. מיר זײַנען געווען אײַנגעאַקשנטע כאַדאָקעס. טערעשטשענקאָס דאַטשע האָבן מיר געפונען לעבן א גרויסן וואַלד. געקומען צום טויער, האָבן מיר אָנגעקלאַפּט. לאַנג האָט קיינער ניט געענפערט, קיינער איז צו אונדז ניט אַרויסגעגאַנגען, נאָר אָט האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מיט א פאַרוואַקסן פּאָנעם, ווי א גאַזלען, א בייזער, ווי א לייב.

א קוק געטאָן אף די דרײַ אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע מוזשיקעס, האָט ער געמיינט, אַז מיר זײַנען גאַזלאָנים, געקומען באַראַבעווען דעם פּאָרעץ, האָט ער זיך אף אונדז צעשריִען, גענומען זידלען. מיר האָבן די זידלערײַ זײַנע ניט פאַרשטאַנען, נאָר, זעט אויס, דאָס זײַנען געווען בייזע, מיִעסע ווערטער... און אַז מיר האָבן אַלע דרײַ גענומען שרײַען, אַז מיר קומען אַזש פון מיכײַלאָווקע און דאַרפן זיך זען מיט אונדזער פּאָרעץ, האָט דער אַלטער געכאַפּט א ביקס און געדראָט, אַז ער וועט שיסן. דערזען, אַז מיר זעצן זיך אַוועק לעבן טויער, האָט דער אַלטער אַרויסגעלאָזט פון דער פסאַרניע עטלעכע הינט, ווי די לייבן. מיר האָבן זיך דערשראָקן אף טויט און גענומען אַנט־

לויפֿן. איין גליק, וואָס יעדער פֿון אונדז האָט געהאַט א גוטן שטעקן און זיך ווי־ניט־איז אָפּגעשלאָגן פֿון די הינט. נאָר אַליך הייסט, זיך אָפּגעשלאָגן. בא גרימײַלאָן און אנדריי וואָלאסענקאָן האָבן זיי אָפּגעריסן פֿון די רעקלעך גאנצע פּאָלעס און בא מיר צעריסן די הויזן... מיר זײַנען קוים לעבעדיקע ארויס פֿון די צערייצטע הינט.

אַף אונדזער'ע געשרייען איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן א גרויסער אוילעם, מע האָט צו אונדז עפּעס גערעדט, זיך אָנגעפֿרעגט, נאָר מיר האָבן קיין וואָרט ניט פֿארשטאַנען. דערנאָך האָט מען גערופֿן זשאנדארמען מיט הויכע היטלען, ווי בא די פּאָזשארניקעס, מע האָט אונדז לאַנג באטראַכט און דערנאָך אוועקגעפֿירט, פֿארשפּארט אין קוטוזקע.

זיך אָפּגעוואַלגערט אין א קאַלטער, נאַסער קאַמער עטלעכע טעג, האָט מען אונדז ארײַנגעזעצט אין א וואַגאָן, אָפּגעפֿירט ביז דער גרענעץ און געזאָגט, אז טאָמער קומען מיר ווידער קיין פּאריזש, וועט מען אונדז אַף עטלעכע יאָר פֿארשפּארן אין טורמע...

מער ווי צוויי כאַדאָשים האָט געדויערט אונדזער וועג קיין פּאריזש און צוריק. מיר האָבן גע־מיינט, אז מיר וועלן באקומען צו דרײַ ארשין ערד... און פֿארזאָגט קינדס קינדער מער צו טערע־שטשענקאָן נאָך ערד ניט גיין...

מיט גרויסע צאָרעס האָבן מיר, קוים לעבעדיקע, זיך אומגעקערט אהיים...

פּראָקאָפּ האָט געענדיקט די געשיכטע אונטערן הילכיקן געלעכטער פֿון די זקיינים און א זוך געטאָן צווישן אוילעם זײַן גוטן־ברודער ארן־געדאליען.

— ארקע, ווו ביסטו ערגעץ? — האָט ער זיך אָנגערופֿן, איבערשרײַענדיק דעם טומל, וואָס זײַן געשיכטע האָט ארויסגערופֿן. — דו האָסט, דאַכט זיך, פֿריִער געזאָגט, אז דאָס גאנצע לעבן האָסטו אונטערגעקאָוועט פֿערד און האָסט פֿאריכט דעכער, און אליין האָסטו ניט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ? דאָס איז עמעס. און מיר האָבן יאָרנלאַנג געאַקערט בא טערעשטשענקאָן די ערד און בא אלעמען האָט די סלינע גערונען פֿונעם מויל נאָך א פּיצל ערד. און נאָר בא דער ראַטנמאַכט האָט אונדזער מיכײַלאָוקע באקומען זעקס טויזנט העקטאַר ערד אומזיסט און אַף אייביק... טערע־שטשענקאָס ערד, וואָס האָדעוועט דעם אוילעם, ווי א גוטע מאַמע...

פּראָקאָפּ האָט מיטן ארבל אויסגעווישט דאָס פֿארשוויצטע פּאָנעם, גלײַך ווי נאָך א שווערער אַווידע, אָפּגעגאַנגען פֿון דער טריבונע, און אַף אים קוקנדיק, האָבן נאָך א פּאָר אײַנוווינער פֿונעם זקיינים־הויז זיך א לאָז געטאָן צו דער טריבונע. זעט אויס, מע האָט אויך געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער. מיט וואָס זײַנען זיי ערגער פֿון פּראָקאָפּן, פֿון יאָסל ביימענע, ארן־געדאַליען? נאָר דער פּאָרזיצער פֿונעם ייִשעוו־ראַט האָט זיי העפֿלעך אָפּגעשטעלט, ווי איינער רעדט: „ניין, מײַנע טײַערע, גענוג. דרײַ אײַערע קאָלעגן האָבן זיך ארויסגעזאָגט אויסער דעם פּלאַן, מער טאָר מען ניט. קיין צײַט ניטאָ... אַן אנדערש מאָל וועט איר ריידן...”

איבערן אוילעם האָט זיך צעטראָגן א קאָמאַנדע: אָנהייבן די יאָמטעוודיקע דעמאָנסטראַציע, און די קלעזמער האָבן גלײַך א זעץ געטאָן אין די טאַצן. עס האָט א דונער געטאָן דער פּויק.

די קאָלאָנעס האָבן זיך געלאָזט מיט געזאַנג איבער די גאַסן.

פֿריילעכע און אופֿגעלייגטע האָבן געשפּאַנט די מענטשן. מע האָט זיך זאַט ניט געקאָנט אָנ־ריידן און אָנלאַכן, ווי די זקיינים האָבן הײַנט גענומען דאָס וואָרט. ווער ווייסט ביז וויפֿל דער מיטינג וואָלט זיך פֿארצויגן, ווען דער פּאָרזיצער פֿונעם ייִשעוו־ראַט שטעלט זיי ניט אָפּ.

קאַפּיטל נײַן

# א גאַסט אין שטעטל

ווי זאָגט עס דאָרטן דאָס אלטע ייִדישע שפּריכוואָרטל: „א ייִד זינגט, ווען ער איז הונגעריק”. אָדער: „א ייִד זינגט דאָנערשטיק אינדערפֿרי אַפֿן ניכטערן הארצן, ווען דאָס ווײַב קומט מיטן קוישל, און דער מאַן האָט ניט קיין לעבעדיקן גראָשן איר געבן אין מארק ארײַן...”

און כאָטש, ווי באַוווּסט, זײַנען די שפּריכווערטלעך קלוג און אייביק, ווי אונדזער הימל און ערד, דאָך ווערן זיי צײַטנווײַז פֿארעלטערט, באַוואַקסן מיט בערד און פֿארלירן זייער כיין און גלאַנץ...

איצט, זאָגט מען, זינגט א ייִד, ווײַל ער איז זאַט און עס איז אים גוט אַפֿן הארצן. א סימען האָט איר, ווען דאָס אלטע ווערטל זאָל נאָך ביז הײַנט זײַן גילטיק, וואָלט דען אונדזער שויעל דער זיפּנמאַכער ארומגעגאַנגען און זיך אונטערגעזונגען א שיין ניגנדל?

א נעכטיקער טאָג!

ער וואָלט, נעבעך, געשוויגן.

דער קאָפּ וואָלט ניט געלעגן בא געזאנג.

איצט פּרוּווט באגעגענען שויעלן איינעם אליין. אָ, דאָס ניט! איצט גייט ער שטענדיק ארום נאָר אינצווייען — ער מיט א ניגנדל! ער וויל, צי ער וויל ניט, נאָר דאָס ניגנדל גייט אים נאָך, ווי א גוטער באגלייטער.

ווען שויעל פלעגט אמאָל אָפּהאָרעווען דעם טאָג, זיך אָנארבעטן ווי א פּויק אף א כאסענע און ארויסגיין זיך צוזעצן אף דער פריזבע איבערכאפּן א ביסל דעם אָטעם, פלעגן זיך גלייך צונויפגיין שכיינים, שכיינעס, גוטע-ברידער, זיך צוזעצן און נעמען באטראכטן די וועלט.

מע האָט קוידעמקאָל גענומען בארײדן פון קאָפּ ביז פיס די פארבייגייער, זיי נעמען אפן צימבל, טרייבן לעצאָנעס, פּונקט ווי דאָ זאָלן געוועזן זיצן די גרעסטע כאכאָמים און שיינהייטן.

איז דען געווען עפּעס בעסערס, ווי נעמען אף דער צונג א באַרישניע, א באָכער, א יונגערמאנטשיק, וואָס גייט פארביי? וואָס נאָך פאר אַן ארבעט האָט מען דעמלט געהאַט?

נאָר איצט — ווּ וועט איר איצט נעמען פרייע צייט, מע זאָל זיך אויסזעצן אף דער פריזבע, קנאקן קערלעך און כויזעק מאכן פון פארבייגייער און פון דער גאנצער וועלט?

שויעל ארבעט אָפּ אין ארטעל זיינע זיבן שאָ, און ערשט איצט האָט ער ארבעט! עמעס, אומזיסטע ארבעט. ווי מע זאָגט — קאָהאָלשע געשעפטן. ער איז דאָך א דעפּוטאט פונעם יישעוו-ראט און מע האָט אף אים ארופגעוואלגערט א בארג מיט ארבעט, אַז א שיר אָנלאָדונגען, אָנהייבנדיק פון האלטן אַן אויג, דאָס הייסט, שעפּטום איבערן זקיינים-הויז, ביז אכטונג געבן, אז אין באַפּאָליע זאָל ניט בלייבן קיין איין אנאלפאבעט, וועלכער זאָל ניט קענען אונטערשרייבן זיך לייטיש, לייענען א בלאט, א ביכל. דערצו נאָך קומט אים אויס א פּאָר מאָל אין דער וואָך זיך אראָפּכאפּן צום טייך, אהין, ווּ עס בויט זיך א נייער זיפּן-צעך. ווייל וויפל קאָן ער זיך מיט זיין בראנזשע זיפּנמאכער מוטשען איינעם אלטן צעך? דארף ער טאקע אכטונג געבן, אז די ארבעט זאָל גיין פרייליכער און מע זאָל אליץ מאכן ראיעל, באלעבאטיש.

די ארבעט האָט אים פארטרויט די פארוואלטונג פונעם קאָמבינאט און אויך דער טרעסט, וועלכער נעמט צו די גאנצע אויסגעארבעטע פּראָדוקציע. נו, און דער יישעוו-ראט טרייבערט אויך אליע מאָל די נעשאָמע און פרעגט זיך אָן בא זיין דעפּוטאט, ווי גייט בא אים די ארבעט?

שויעל האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאט אזויפיל ארבעט און אזויפיל דייגעס, ווי אצינד. נאָר וואָס זשע, ער איז איצט געוואָרן אזא באלמעלאָכע, וואָס עס סטייעט אים צייט אף אליץ. ווייל בא אים איז יעדער מינוט אפּן כעזשבן. אבי אזוי פאטערט ער ניט די צייט. ער לייגט אויס אין בלאָקנאָטל פאָרפריער זיין פּלאַן אפן גאנצן טאָג און ס'גייט בא אים ווי א מיזמער. עס סטייעט אים אפילע צייט אף פארברענגען מיט זיינע קינדער, ארייַנקוקן אין זייערע העפטלעך און „דניעווניקן”, וויאזוי זיי לערנען זיך, גרייטן די לימודים און וואָס פאר אַן אָפּשאצונגען שטעלט מען זיי ארויס. ער זוכט אויס אפילע צייט אף אראָפּכאפּן זיך מיט דעם ווייב אין קינאָ א קוק טאָן א נייעם פילם אָדער קומען אין קלוב זען א ספּעקטאקל פונעם באַפּאָליער דראמאטישן קרייַז.

אז די פּאָגאָדע איז א לייטישע, כאפּט ער זיך אוף גאנצפרי און לאָזט זיך אראָפּ צום טייכל, באָדט זיך גוט אויס, אָדער אויב עס איז דאָ א ביסל צייט, פארוואַרפט ער נאָך אין דער וואסער די ווענטקע, עפשער וועט ער כאפּן א ביסל קאראסיקעס, פּלאָטיצקעלעך, א העכטל. ווען ער ברענגט דער פּלויניעסטע דאָס ביסל פיש, ווערט זי גרעבער ווי לענגער, צעשיינט זיך, ווי דער מאָרגנשטערן און לויבט שויעלן אין טאָג אריין. כאָטש דאָס ביסל פיש קאָן מען אַן אנדערש מאָל קויפן אין מארק פאר א פּאָר קארבן, נאָר שוין דאָס אליין, וואָס שויעל האָט זיי אליין געכאפּט, דערפרייט זי שטארק.

הייַנט איז בא אונדזער שויעלן געוועזן גאָר אַן אָנגעלייגטער טאָג. אזא מין טאָג מעגן זיך ווינטשן זייַנע בעסטע פרייַנט און נאָענטע.

שויעל האָט אנומלטן אוועקגעשיקט זיין זון, שיקען, דעם לייטענאנט, וואָס דינט אין ארמיי, פּאָלג מיך א גאנג — ערגעץ לעבן די קיטייַצעס אָדער יאפּאָנצעס — א בריוו. וואָס הייסט עס, מייַן טייַערער בענאָק, דו שרייַבסט אונדז אזוי זעלטן א בריוול, און דערצו נאָך קומסטו ניט צו אונדז אין אורלויב א קוק טאָן, וואָס איז געוואָרן פון אונדזער באַפּאָליע, פארברענגען מיט טאטע-מאמע, מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך. דער גאנצער וועלט שטייט אָן פּאָרן אהער, צו שויעל דעם זיפּנמאכער, א קוק טאָן אף אים, אף זיין צעך און אף זייַנע זיפּן, וואָס האָבן א גרויסן שעם אין דער מעדינע און וועגן וועלכע מע שרייַבט אפילע אין די בלעטער, און דו ניט? וואָס הייסט עס, טייַערער שיקע, ליבער בענאָק? שוין צוויי יאָר האָבן מיר זיך מיט דיר ניט געזען און דו טראכסט ניט קומען. וואָס זשע, שוין העפקער א וועלט? ווי זשע קאָן מען פארגעסן טאטע-מאמע, די נעסט, פון וועלכער דו ביסט ארויסגעפלויגן אין דער גרויסער וועלט? מע פארשטייט גאנץ גוט, אז מע דארף דאָרט אָפּהיטן די גרענעץ, קיין שלעק זאָלן זיך צו אונדז ניט אריינגאנווענען, נאָר זיך אראָפּכאפּן א ביסל

צוגאַסט צו טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן זיך נאָך דיר אַזוי פאַרבענקט, איז גאָרניט קיין אַוועירע! דערצו נאָך האָסטו געשריבן, שיקע, אַז דו האָסט זיך אויסגעזוכט אַ פֿײַנע קאַלע, טאָ פאַרוואָס זשע זאָל טאַטע־מאַמע קענען אַ קומענדיקע שנור בלויז לויט דער פֿאָטאָגראַפֿיע?..

ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, און שאַ־שטיל! מע זעט ניט און מע הערט ניט קיין ענטפֿער. און מע האָט — שוין אָנגעהויבן איבערטראַכטן דער רועך ווייסט וואָס! ווי דו ווילסט ניט, דינען אַף דער גרענעץ, דערצו נאָך לעבן די יאַפּאָנצעס, די סאַמורײַען, ווי מע רופֿט זיי, איז ניט קיין שפּילכל. דאָרטן דאַרף מען זײַן וואַך יעדער מינוט, ווײַל די סאַמורײַען האָבן זיך פֿאַרקליבן ערגעץ אַף די אינדזלען און זיי האָבן אַ גרויסן אַפּעטיט אַף פֿרעמדער ערד, ווילן זיי פֿרוּוון באַ אונדז אָפּשטשיפּען אַ שטיק ערד אַפֿן ווײַטן מיזרעך, דאַרף מען באַ זיי אָפּשלאָגן די פֿליגלען, געבן גוט איבער די הענט. און ווער איז בעקויעך דאָס טאָן? טאַקע אונדזערע כעווערע, וואָס דינען דאָרטן, אַף דער גרענעץ. און צווישן זיי געפֿינט זיך שיקע, דער לייטענאַנט, שויעל דעם זיפֿנמאַכערס בענאַק, וואָס האָט ניט געוואָלט יאַרשענען באַם טאַטן זײַן מעלאָכע און איז געוואָרן אַ מיליטערמאַן, אַן אָפֿיצער.

און גראָדע הײַנט האָט שויעל באַקומען פֿונעם בענאַק דעם גרויסאַרטיקן ענטפֿער. און אַזוי ווי שיקע, זעט אויס, איז ניט קיין גרויסער בעריע אַף לאַנגע בריוו, האָט ער געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע. געציילטע עטלעכע ווערטער, אַז זונטיק, דאָס הייסט, איבערמאָרגן קומט ער צו פֿאָרן אין אורלויב.

דער טאַטע איז שיִר ניט אונטערגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד. און ניט בלויז ער איינער. אונדזער שויעל איז געקומען צו לויפֿן אַהיים אַ צעשײַנטער און דערהויבענער. די בסורע וועט באַ פּעסיען זײַן שטאַרק אָנגעלייגט. ער וועט אין איר האָבן אַ מיצווע.

ער איז אַזוי געלאָפֿן מיט דער טעלעגראַמע אַהיים, אַז ער האָט צעטריבן אַף דער גאַס אַלע אויפֿעס, איבערגעשראָקן אַלע הינט, וועלכע האָבן זיך מיט אַ שטאַרקער בילערײַ געלאָזט לויפֿן נאָך אים, ער האָט איבערגעשראָקן אַ סאַך מענטשן, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אַנטקעגן, איז ניט געקאָנט אָפּשטעלן און געמיינט, אַז גאַנץ באַפּאָליע ברענט, כאָלילע, און מע דאַרף לויפֿן לעשן די סרייפֿע...

אים האָט דאָס ניט געאַרט. אָט וועט ער גלײַך איבערגעבן די בסורע דער פּלוינעסטע און די קינדער, נאָר אַ נעכטיקער טאָג!

געקומען צו זײַן שטוב, האָט ער דורכן פֿענצטער דערזען זיצן דעם באָנדער און טרינקען טיי. יאָ, געוויס, דער טײַוול האָט אויסגעכאַפּט באַ אים פֿונעם מויל די בסורע און זי איבערגעגעבן פּעסיען. זעט אויס, אָט דאָס איז זי אים מעכאַבעד פֿאַר דער גוטער נײַס. אַרײַן אין שטוב אַ פֿריילעכער, נאָר עטוואָס אַן אַנטוישטער, וואָס מע האָט באַ אים אויסגעכאַפּט די בסורע־טויווע, האָט שויעל גראָדע געטראַכט ווערן אין כּאַס אַפֿן באָנדער, נאָר דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געפֿרייט און ער האָט איצט אַף קיינעם ניט געקאָנט ווערן אין כּאַס! פּעסיע האָט אים געוואָלט באַזעצן באַם טיש, אָנהאָדעווען, דערלאַנגען אַ גלעזל טיי מיט פֿריש אײַנגעמאַכטס, נאָר וואָס פֿאַר אַ טיי, וואָס פֿאַר אַן אײַנגעמאַכטס — דער קאָפּ איז ניט געווען דערבײַ! אָט־אָט קומט דער געהויבענער גאַסט און צײַט איז געבליבן אַפֿן שפּיץ מעסער.

דער באַלסימכע איז אַרויסגעלאָפֿן אין הייפֿל, זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט די שטוב, וואָס פּעסיע האָט געקאַלכט, געשמירט צום ערשטן מײַ, און אַ קלער געטאָן, אַז צום זונס קומען וואָלט ניט געשאַט ווידעראַמאָל אויסשמירן די שטוב, ברענגען אין אָרדענונג דעם פּאַליסאַדניק, אויפֿראַמען אין הייפֿל, עס זאָל שימערירן אין יעדן ווינקעלע.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

גאַנצפֿרי, ווען דער ערשטער האָן האָט נאָר צעעפֿנט דעם גראַגער, איז פּעסיע אַוועקגעלאָפֿן אין מאַרק, געבראַכט צו טראָגן אַן עמער ווײַסע ליים, ווײַס, ווי דער ערשטער שניי, אַ טאָרבעלע סינקע, וואָס מע זעט עס זעלטן אין גאַנצן ראַיאָן — עפּעס סינקע גאָר אַן אַנטיק!

זי האָט ניט געמאַכט קיין גרויסע שיִעס, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, אונטערגעבונדן דאָס קליידל און זיך גלײַך געשטעלט שמירן די שטוב.

אירע נאָענטע שכיינעס, אַז זיי האָבן עס דערזען, זײַנען זיי געוואָרן שטאַרק פֿאַרוווּנדערט, איבעראַשט. וואָס זשע, פּעסיע וויל זיך אַרויסווײַזן פֿאַר דער שענסטער בעריע אין באַפּאָליע? שיקע איז טאַקע איר גאַסט, נאָר זיי קענען אים, דעם מאַזיק, פֿון קינדווײַז אָן און ער וועט זיך מאַטריעך זײַן אויך צו זיי זיך אַרײַנכאַפּן. איז ער דאָך אויך זייער גאַסט, פּונקט ווי אירער. האָבן זיי זיך מאַטריעך געווען, די שכיינעס און אויך גענומען שמירן זייערע שטיבער, ברענגען די הייפֿלעך אין אָרדענונג, ראַמען און וואַשן. איז געוואָרן עפּעס גאָר אַן אָנשיקעניש אַף די באַפּאָליער ווײַבער. דאָס גאַנצע געסעלע האָט זיך געכאַפּט שמירן די הײַזער, אויפֿראַמען. עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס אין דער קאָאָפּעראַציע האָט מען אויספֿאַרקויפֿט די ווײַסע ליים און די סינקע, אַנדערש, זעט אויס, וואָלטן אויך די ווײַבער פֿון די שכיינעסדיקע געסלעך גענומען שמירן די הײַזער.

קיין באַפאַליע איז גראַדע אין דער צײַט אַרײַנגעפאָרן אַף זײַן אווטאָמאָביל דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, מאַטוויי דאַנילאָוויטש קורלאַט. דערזען, ווי די ווײַבער פוצן זייערע שטיבער, האָט ער זיך פאַרווונדערט. ער איז צוגעגאַנגען צו די ווײַבער און זיך אָנגערופן:

— וואָס פאַר אַ יאָמטעוו איז באַ אײַך, מײַנע טײַערע?

— מע גרייט זיך באַגעגענען געסט, מאַטוויי דאַנילאָוויטש. פראַווען אַ כאַסענע... — האָבן די ווײַבער געענטפערט.

— אָ, דאָס איז זייער גוט! — האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און צוגעגעבן: — ווען איר וועט פראַווען די כאַסענע, זאָלט איר ניט פאַרגעסן מיך אײַנלאַדן...

מע האָט זיך פריילעך דורכגעווערטלט, זיך דורכגערעדט און דער סעקרעטאַר איז אַוועקגעפאָרן אין קאָמבינאַט אַ קוק טאָן, ווי עס גייען דאָרטן די געשעפטן.

געקומען אין קאָמבינאַט, איז ער גלײַך אַוועקגעגאַנגען צו שויעלן און צעך זיך דורכרעדן מיטן בריגאַדיר און זײַנע מענטשן.

שויעל האָט דערציילט, אַז ער וואַרט אַפן זון, וואָס קומט אַזש פון דער ווײַטמיזרעכדיקער גרענעץ.

— איז אָט פאַרוואָס די ווײַבער שמירן די הײַזער! — האָט מאַטוויי דאַנילאָוויטש זיך אָנגערופן. — אַ גאַסט קומט? ווען? זונטיק? אויב אַזוי, וועל איך אײַך, כאַווער מאַזור, זונטיק גאַנצפרי צושיקן די מאַשין פון ראַיקאָם, אַ מאַשין פון ראַי־אויספּירקאָם און, מעגלעך, נאָך איין מאַשין, וועט איר קאָנען אופזעצן אײַערע כאַווײרים און פאָרן צום וואָקזאַל באַגעגענען דעם טײַערן גאַסט...

— אַ שיינעם דאַנק אײַך! — האָט זיך דערפרייט שויעל, — נאָר לעמײַ זאָלט איר זיך מאַטרי־עך זײַן, מיר וועלן דינגען אַ פּאָר באַלעגאָלעס...

— נו, נו — באַלעגאָלעס! וואָס זשע, מיר קאָנען זיך ניט פאַרגינען באַגעגענען בעקאָוועדיקע מענטשן אַף מאַשינען?.. אַזאַ בעקאָוועדיקער מענטש, ווי שויעל מאַזור, זאָל באַגעגענען זײַן זון מיט באַלעגאָלעס? ניט שיין!

— זאָל גאָט היטן, מאַטוויי דאַנילאָוויטש! ווער זשע זאָגט זיך אָפּ פון אווטאָמאָבילן? נאָר איר דאַרפט דאָך אַרומפאָרן איבערן גאַנצן ראַיאָן. אײַך איז אַ מאַשין נייטיקער...

— איך וועל זיך באַגיין. זונטיק גאַנצפרי וועלן צו אײַך קומען די מאַשינען, און באַגעגנט דעם גאַסט, ווי עס געהער צו זײַן. זאָל ער זען, אַז מיר ווערן רײַכער און שענער. דער גאַסט איז באַ אײַך שוין לאַנג ניט געווען?

— אַ כעזשבן פון אַ יאָר צוויי...

— אָט זעט איר! זאָל ער טאַקע אַ קוק טאָן, ווי דאָס שטעטל האָט זיך געענדערט, און די מענטשן...

— מאַכעטייסע, כאַווער סעקרעטאַר... — האָט שויעל אַ צופרידענער געזאָגט, — זאָל אײַך דער אייבערשטער געבן לאַנגע יאָר לעבן און מאַזל...

מאַטוויי דאַנילאָוויטש האָט זיך צעלאַכט און געגאַנגען ווײַטער איבערן קאָמבינאַט.

מע קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז אונדזער זיפנמאַכער האָט זיך ניט דערפרייט מיטן סעק־רעטאַרס אײַנפאַל. פאַרוואָס טאַקע זאָל מען ניט באַגעגענען שיקן מיט קאָוועד? וואָס זשע, ער האָט עס ניט פאַרדינט? אַ באָכער, וואָס היט אָפּ אונדזער גרענעץ און ניט אָט דאָ, באַנאַנד, נאָר אין אויסרײַסעניש, אין עק וועלט, אַפן ווײַטן מיזרעך, שוין אַזאַ צײַט ניט געווען אינדערהיים, טאָ זאָל ער זען, אַז באַפאַליע איז אויך ניט קיין הינקענדיקער שנײַדער, אַז באַפאַליע שטייט ניט אַף איין אָרט, זיצט ניט מיט צונויפגעלייגטע הענט.

ניט ווייניקער פון זײַן גוטן־ברודער האָט זיך געפרייט זאַלמען דער באָנדער. ער האָט מאַמעש געשײַנט:

— אַ גאָלדענע נעשאָמע באַ אונדזער סעקרעטאַר, — האָט ער געזאָגט, — זיך דורכפאָרן צו דער סטאַנציע אַף אַן אווטאָמאָביל — דאָס איז אַ זאַך! וויפל מיר איז געבליבן לעבן אַף דער וועלט, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל און דער טאַבעלשטשיק פונעם קאָמבינאַט. שווער איך אײַך, אַז זינט איך לעב אַף דער וועלט, בין איך נאָך ניט געפאָרן אַף קיין אווטאָמאָביל. איך ווייס אפילע ניט, מיט וואָס מע עסט עס. און מיר דאַכט זיך, אַז מע זאָל מיך איין מאָל אַ קאַטאַיעווע טאָן אַף אַן אווטאָמאָביל און דערצו נאָך אַפן סעקרעטאַרס אווטאָמאָביל, וואָלט מיר שוין ניט שווער געווען רויִק שטאַרבן.

— מעשוגענער! — האָט זיך אַף אים צעבייזערט שויעל דער זיפנמאַכער, — וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן? לעבן דאַרף מען! לעבן! זאָלן אונדזערע סאָנים שטאַרבן! באַ אונדז הייבט זיך ערשט אָן דאָס לעבן. דאָס, וואָס מיר האָבן געלעבט פריִער, איז געווען ניט קיין לעבן, נאָר אָן אָפּקומע־ניש... — אַ טיפן טראַכט געטאָן, האָט שויעל פאַרגעזעצט:

— מע זאָגט טאַקע, אַז ווען עס קומט צום לעבן, סטײַען ניט קיין יאָרן. נאָר נישקאָשע. יענע יאָרן, ווען מיר׳ האָבן זיך געמאַטערט, ווי אויפֿן טויט, וועלן מיר אַראָפּשרײַבן פֿונעם כעזשבן און אָנהייבן אַלץ פֿון סאַמע אָנהייב...

— פֿון דײַן מויל, שויעל, אין גאָטס אויערן... — האָט דער באָנדער איבערגעשלאָגן, — נאָר מע זאָגט, אַז גאָט האָט ניט קיין אויערן. ער הערט ניט די באַקאָשעס מיט די אָנקלאָגעס, וועלכע גייען צו אים פֿון דער ערד...

כאָטש די צײַט האָט זיך געצויגן מעשוגענערווײַז פּאַוואָליע — ווי שטענדיק, ווען דו וואַרטסט אויף עפּעס גוטס — נאָר עס האָט איר, דער צײַט, געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס. דער זונטיק־פֿרימאָרגן איז אַרײַנגעפֿאָרן קיין באַפּאָליע אין זײַן גאַנצער פּראַכט, אַ שיינער, אַ וואַרעמער, אַ מעכײַעדיקער, אַרײַנגעקומען, ווי אַ גוטער יאָמטעוו.

עס האָבן זיך נאָך די באַפּאָליער הענער ניט צעקרייט, ווי דרײַ אוטאָמאָבילן האָבן צעשטערט די אַרומיקע שטילקײַט און זיך אָפּגעשטעלט לעבן שויעלס שטוב.

די דריטע מאַשין האָט נאָך ניט באַוויזן אויסשליסן דעם גאַז, ווי די גאַנצע גאַס און די אַרומיקע געסלעך מיטן אוילעם זײַנען שוין געווען אויף די פֿיס. דעריקער — קליינוואַרג. מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן זײַנען די כעווראַניקעס אַרומגעלאָפֿן צווישן די אוטאָמאָבילן, געטאַפּט מיט די הענטלעך דאָס, וואָס האָט זיך געלאָזט גלעטן, מיט קינע געקוקט אויף די יאָמטעוודיק־פֿאַרפּוצטע מענטשן — אויף שויעלן, זײַן ווײַב, די קינדערלעך, פֿרײַנט, וועלכע וועלן זיך באַלד אַרײַנזעצן אין די מאַשינען און פֿאָרן. אָט זײַנען זיך שוין צונויפֿגעקומען אהער שויעלס בעסטע גוטע־ברידער מיט בלומען — מע וועט זיך באַלד אָוועקלאָזן צו דער סטאַנציע. די באַלעגאָלעס זײַנען געשטאַנען בײַ דער זײַט מיט זייערע פֿורשעלעס, געשטאַנען אָנגעבלאָזענע, אומצופֿרידענע, געקוקט אויף די מאַשינען און געווען בעעמעס אין קאַס אויף זיי, וואָס האָבן געשטערט כאַפּן אַ פּאַרדינסטל.

שויעל מיט פּעסיען, זייערע קינדער האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם ערשטן אוטאָמאָביל, די פֿרײַנט און קרויווים האָבן זיך ווי־ניט־איז צונויפֿגעשטויסן אין די צוויי אַנדערע מאַשינען, און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג צו דער סטאַנציע.

דער וועג איז געווען, דאַרף מען אײַך זאָגן, אַ גאַנץ ווײַטער, נאָר איצט האָט דאָס קיינעם ניט געאַרט. מע גייט דאָך ניט צופֿוס, נאָר מע פֿאָרט און עס איז אַ מעכײַע אַזאַ פֿאָרערכץ. אויף די באַלעגאָלישע קאָלימאַגעס איז אַ סאַך שווערער, עס זעצט מאַמעש אַרויס די קישקעס מיט די גערערעם, ווען מע פֿאָרט מיט אַ באַלעגאָלע.

צו דער סטאַנציע איז — פֿאָלג מיך אַ גאַנג! וועט איר פֿרעגן פֿאַרוואָס?

איז דאָס אַ באַזונדערע געשיכטע.

...באַפּאָליע האָט ניט געהאַט קיין מאַזל צו דער אײַזנבאַן. מע דערציילט, אַז ווען מע האָט זיך געשטעלט בויען די קאָלייקע אין די דאָזיקע קאַנטן, האָט מען זי גראַדע געפּלאַנירט פֿירן לעבן באַפּאָליע. און מע האָט שוין אַפֿילע דאָ ניט ווײַט גענומען בויען אַ קליינינקע סטאַנציע, געבראַכט סלופּעס, רעלסן, שפּאַלעס, שטיינער. האָבן זיך פּלוצעם צעבונטעוועט די גראַפֿיניע בראַניצקאַ און דער פֿאָרעץ טערעשטשענקאָ און געמאָלדן, אַז זיי וועלן ניט דערלאָזן, מע זאָל פֿירן די קאָלייע איבער זייער ערד. מע האָט בײַ זיי ניט געקאָנט פּויעלן, זיי זאָלן לאָזן דאָ בויען אַ ליניע און אַ סטאַנציע. מע האָט ניט געקאָנט אויסקומען מיט דער פֿרײַז פֿאַר דער ערד.

און אויף יענע פּריצים איז ניט געווען קיין אופּראַווע, ווײַל עס איז געווען זייער וואָלאַסט. און אין דעם באַשטייט די סיבע, וואָס די סטאַנציע געפֿינט זיך אַ ווערסט צוואַנציק פֿון באַפּאָליע.

איצט איז אַ מעכײַע געווען צו פֿאָרן אויף די אוטאָמאָבילן. ווען מע איז געקומען אויף דער סטאַנציע, האָט מען דאָרטן נאָך ניט געזען קיין לעבעדיקן נעפֿעש. ס׳איז געווען שטיל, ווי אויף אַ בעסוילעם. עס האָבן נאָר געגלאַנצט אונטער די זון־שטראַלן די רעלסן. דעם צוג האָט מען נאָך ניט געזען, דער האַלב־פֿאַרשלאָפֿענער נאַטשאַלניק פֿון דער סטאַנציע, מיט אַ גרויסן רויטן קאַשקעט אויפֿן קאָפּ, האָט געזאָגט, אַז מע איז צו פֿרי געקומען און אויפֿן צוג וועט מען דאַרפֿן וואַרטן אַ שאָ. שויעל, וואָס האָט ליב, אַז ער קומט אויף אַ נײַ אָרט, זיך אַרומקוקן און אַלץ באַטראַכטן, האָט פֿונדערווײַטנס דערזען אַ קרענעצע מיט אַ לאַנגן זשוראַוועל, האָט ער זיך מאַטריִעך געווען און אַרויסגעצויגן פֿון דער קרענעצע אַ קאַלטן עמער וואַסער, זיך אַרומגעוואַשן, אַ רוף געטאָן דעם פֿאַרשטויבטן אוילעם, און אַלע האָבן זיך גענומען פֿליוסקען, זיך גוט אַרומגעוואַשן פֿונעם שטויב, געקומען אַ ביסל צו־זיך נאָך דעם, ווי מע האָט זיך אָנגעהעצקעט אויפֿן וועג. ס׳האָט זיך אַ רוק געטאָן די צײַט, און דער נאַטשאַלניק מיטן רויטן קאַשקעט האָט זיך ווידער אַרויסגערוקט פֿון זײַן שטיבל, אײַנקוקנדיק זיך אין יענער זײַט, פֿונוואַנען דער צוג האָט געדאַרפֿט אָנקומען.

אַלע האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אײַנקוקן אין יענער זײַט, זיך אײַנהערן, אָבער דערווײַל האָט מען בלויז געהערט, ווי דער וואַלד, וואָס ציט זיך פֿון ביידע זײַטן קאָלייע, רוישט שטיל.

מער פֿון אַלעמען זײַנען געווען, פֿאַרשטייט זיך, אומגעדולדיק שויעל דער זיפּנמאַכער און זײַן פֿלוינעסטע, פּעסיע. און אָט האָט זיך דערטראָגן אַ פֿײַפֿערײַ פֿונעם לאָקאָמאָטיוו, אינגיכן האָט דער לאַנגער צוג זיך אָפּגעשטעלט, דער אוילעם האָט גענומען לויפֿן לענגויס די וואַגאָנען, אַרײַנקוקן אין די פֿענצטער. פֿון עטלעכע וואַגאָנען זײַנען אַרויסגעקראָכן עטלעכע פּאַסאַזשירן. דער צוג האָט זיך שוין געקליבן לויפֿן ווײַטער. זײַנע פּאָר מינוט שטיין בא דער פּלאַטפֿאָרמע האָבן זיך אויסגעלאָזט. ער האָט געריַרט פֿון אָרט און מע זעט ניט און מע הערט ניט פֿונעם גאַסט. ניטאָ שיקע, כאָטש שרײַ גוואַלד!

שויעל איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרלוירענער — אַ ראַכמאָנעס געווען אויף אים צו קוקן. פּעסיע האָט זיך צעוויינט אויף אַ קאָל און מע האָט זי קוים באַרויִקט. צוליב וואָס איז דאָס געווײן? וואָס דאַרף מען זיך נעמען צום האַרצן? מיסטאָמע האָט שיקע ניט געקאָנט אַרויספֿאָרן. ער איז דאָך אַ מיליטערמאַן, ניט בא זיך אין די הענט. מע דאַרף זיך ניט נעמען צום האַרצן.

בא שויעלן איז געווען אַ מוירעדיקער פֿאַרדראָס מיט אַ ווייטיק. אַזוי אונטערגעפֿירט! אויף זײַן שיקען איז דאָס ניט ענלעך. ער איז אַ פּינקטלעכער פֿאַרשוין, אַ קאָמאַנדיר, אַ וואָרט איז בא אים טאָמיד געווען אַ וואָרט. אָט ליגט אין קעשענע די טעלעגראַמע, אַז ער פֿאָרט אַרויס. וואָס זשע האָט געקאָנט געשען? עפּשער עפּעס אַן אומגליק?

זײַנע באַגלייטער האָבן אים און זײַן ווײַב ווידער גענומען באַרויִקן, נאָר דאָס האָט ווייניק געהאָלפֿן.

זאַלמען דער באָנדער איז אָוועקגעלאָפֿן צום נאַטשאַלניק און גענומען זיך דערפֿרעגן, פֿאַרוואָס איז דער גאַסט ניט געקומען? יענער האָט נעבעך געקנייטשט מיט די אַקסלען, ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן. איין זאַך האָט דער נאַטשאַלניק יאָ געוווּסט, אַז הײַנט וועט דאָ מער קיין צוג ניט דורכגיין. ערשט מאָרגן אין דער צײַט וועט זײַן דער קיִעווער, טאָ זאָל מען זיך מאַטריִען זײַן קומען מאָרגן.

ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ אייצע? אַ שיינע אייצע, יאָ? און וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם וועט האָבן שויעל, ווען ער וועט זיך אומקערן מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע אַהיים מיטן בײַטשל? וואָס וועט ער זאָגן דעם סעקרעטאַר, וועלכער האָט אים צוגעשיקט דרײַ אווטאָמאָבילן, ער זאָל באַגעגענען דעם כאָשעווען גאַסט? און וואָס וועלן זאָגן די שאָפֿערן? זיי וועלן טראַכטן, אַז דער זיפּנמאַכער האָט אונטערגעפֿירט, אָפּגענאַרט דעם סעקרעטאַר, אַז אַ זון קומט צו אים צוגאַסט, מע האָט זיך, זעט אויס, פֿאָשעט געוואָלט דורכפֿאָרן אויף די מאַשינען. ווען ער האָט אַ טעווע ווײַנען, שויעל דער זיפּנמאַכער, וואָלט ער זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט. הערט נאָר אַ פּאַטעפּאַלנעסט! געפֿאָרן אַזאַ וועג אומזיסט און אומנישט!

שויעלן האָט מען נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געזען אַזאַ געפֿאַלענעם, מיט אַזאַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָן אַ פֿונק פֿײַער אין די אויגן.

בעקיצער, דער אוילעם האָט זיך ווידער אַרײַנגעזעצט אין די אווטאָמאָבילן קעדיי פֿאָרן אַהיים. אָן אַנדער ברירע האָט מען געהאַט?

די גאַנצע גאַס איז שוין געווען לעבן שויעלס שטוב, מע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן גאַסט, ווײַל אַלע האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז בעשאַס עס קומען צו שויעלן און פּעסיען זייערע קינדער צוגאַסט, וועט זיך אין שטוב שטענדיק געפֿינען אַ קויסע, אַ פֿאַרבײַסעכץ, געבעקס, עס וועט זיך טאָן אויף טיש און אויף בענק און אויף קליינע בענקעלעך, דערצו נאָך, אַז עס קומט זייער ליבלינג, שיקע, דער קאָמאַנדיר זייערער. יאָ, מע האָט זיך שוין פֿאָרגעשטעלט, ווי מע זעצט זיך אויס אַרום די טישן און מע הערט פֿון שיקען, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, מע מאַכט אַ קויסע און מע זינגט אַ לידל.

און אָט האָבן זיך אויפֿן ראָג באַוויזן די אווטאָמאָבילן און דער אוילעם האָט אויסגעצויגן די העלדזער, געקוקט, ווער עס קריכט אַרויס פֿון די מאַשינען, נאָר דעם גאַסט האָט מען ניט געזען. מע האָט בלויז דערזען די פֿאַרוויינטע פּעסיע און דעם פֿאַרומערטן שויעלן.

— סטײַטש, און דער גאַסט?

— ווו זשע איז דער גאַסט? ווו איז שיקע?

זאַלמען דער באָנדער האָט גענומען צווינקען צום אוילעם, מע זאָל שווײַגן, ניט פֿאַרגעבן קיין איבעריקע קאַשעס, ווײַל דער גאַסט איז ניט געקומען.

די אווטאָמאָבילן האָבן פֿאַרקערעוועט די דישעלס צוריק אין ראַיאָן, און שויעל מיט פּעסיען זײַנען, ניט קוקנדיק אויף קיינעם, אַוועק צו זיך אין שטוב.

דער באַפֿאַליער אוילעם געהערט ניט, כאָלילע, צו יענעם מין מענטשן, וואָס קאָנען לאַנג אַזוי שטיין ערנסט, אָנגעדראָלן און זיך נעמען צום האַרצן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען זיך שוין גענומען כאָכמענען, זיך וויצלען, לאַכן, ווײַל מע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז געשען עפּעס אַ מיספֿאַרשטייעניש, אויב ניט מיט דער פּאָטשט, מיטן

טעלעגראַף, איז מיט דער אײַזנבאַן, און שיקע איז ניט קיין ייִנגעלע, ער זאָל ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט ווערן. מע דאַרף זיך אָנעמען מיט געדולד און וואַרטן.

אָבער שויעלן און זײַן פעסיען האָט געמוטשעט דער געדאַנק, צי איז מיט שיקען אין וועג עפּעס ניט געשען? דאָס איז דאָך ניט קיין וועג פון כמעלניק ביז הײַסין, צי פון זשיטאָמיר ביז וואַפּניאַרקע. ער פאָרט דאָך פונעם ווײַטן מיזרעך, פון די יאַפּאָנצעס!

און ניט בלויז שויעל און פעסיע זײַנען געזעסן אין שטוב פאַרומערט. אויך די קינדער זײַנען אַנשוויגן געוואָרן.

— ניט געקומען שיקע... אַזוי אונטערגעפירט...

שויעל איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אָן אַ קאָפּ און ניט געוווּסט, צו וואָס מע נעמט זיך. ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן, און אין מויעך זײַנען געקראָכן דער רועך ווייסט וואָס פאַר אַ געדאַנקען.

פעסיע איז צו אים אַלעמאָל צוגעשטאַנען, לעמײַ זעצט ער זיך ניט צום טיש און כאַפּט ניט איבער? ער האָט דאָך פון גאַנצפרי אָן קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט. און ביכלאַל, וואָס מאַכט ער אין שטוב טישעבאָוו? גאָט וועט העלפן, און שיקע וועט געבן וועגן זיך צו וויסן. ער איז דאָך ניט באַ זיך אין די הענט, אָן אַפּיצער, און נאַטשאַלסטווע איז איבער אים באַלעבאָס...

נאָר אויך אירע גאָלדענע ווערטער האָבן אויף אים ניט געווירקט. עפּעס אַ מיִעסער וואָרעם האָט אים אָן אויפהער געטאָטשעט און געטאָטשעט. בייזע געדאַנקען האָבן אים ניט אויפגעהערט מאַטערן. נאָך ניט געוועזן אַזוינס, שיקע זאָל אים אַזוי מיִעס אונטערפירן!

קעדיי די צײַט זאָל וואָס גיכער איבערגיין, האָט שויעל גענומען דעם זאַסטעפּ און אַרויסגעגאַנגען אין פּאַליסאַדניק זיך באַברעווען אין דער ערד. ער האָט עס פון אַלע יאָרן ליב געהאַט. דאָס האָט אים שטענדיק באַרויִקט. און די גרעסטע כאַכמע פון דער וועלט, האָט ער געהאַלטן, איז דאָס, וואָס מענטשן זײַנען באַפרײַנדעט מיט דער ערד. אַ קליינקייט אויסצורײדן — טוסט זיך אַ פּאַרע באַ דער ערד, לייגסט אין איר אַרײַן אַ ביסל האַרעוואַניע, זריִע, און זי האַדעוועט דיך, ווי אַ געטרײַע מאַמע, גיט דיר די בעסטע און שענסטע פּיירעס, דאָס שטיקל ברויט און צום ברויט! סאַראַ פאַרגעניגן צו קוקן, ווי די ערד וואַכט אויף נאָך די קעלטן, פרעסט, שנייען, ווי זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שיינהייט! אָט דאָס שטיקעלע ערד, דער פּאַליסאַדניק, ברענגט אים אַזויפיל פאַרגעניגן און רופט באַ אים אַרויס אַזויפיל טײַערע געפילן, גיט אים צו אַ גוטע שטימונג, פרישע קויכעס!

ער האָט זיך איצט געבאָברעט אין דער ערד פּאָשעט, קעדיי פאַרטרײַבן פון זיך די שווערע געדאַנקען, וועלכע זײַנען אָן אויפהער געקראָכן אין קאָפּ, און מיטאַמאָל האָט זיך דער זאַסטעפּ צעסקריפּעט, זיך פאַר עפּעס פאַרטשעפּעט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן און אַרויסגענומען אַ פאַרזשאַווערטע ביקס. אַ מאָדנער ציטער איז דורכגעלאָפן איבערן לײַב. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, אָפּגעטרייסלט פון דער ביקס די ערד, דעם אייבערשטן זשאַווער און לאַנג, לאַנג זי באַטראַכט, די ביקס. וואָס־וואָס, נאָר אונדזער שויעל איז געווען באָקי אין געווער. ניט ווייניק עס איבערגעהאַלטן, ווען ער איז געווען אויפן פראָנט, אַ סאָלדאַט. נאָר דאָס איז געווען עפּעס גאָר ניט אַזאַ ביקס, זעט אויס, אָן אוראַלטע, און ווען זי קאָן ריידן, וואָלט זי אַ סאַך דערציילט וועגן מילכאָמעס, שלאַכטן, סאָלדאַטן, אין וועמענס הענט די ביקס איז אײַנגעשטאַנען.

דער רועך זאָל עס נעמען, — האָט זיך געטראַכט שויעל דער זיפּנמאַכער, — ווער האָט זיי אויסגעטראַכט, די ביקסן? וואָלטן זיי ניט געווען, עפשער וואָלטן ניט געווען קיין מילכאָמעס? מענטשן וואָלטן געלעבט בעשאָלעם, יעדער איינער וואָלט געהאַט זײַן טועכץ. זעט אויס, אַזוי לאַנג, וויפל מענטשן לעבן אויף דער ערד, טרעטן זיי שטענדיק אַרײַן אין געשלעגן, מילכאָמעס, הארגענען איינער דעם אַנדערן. ווער ווייסט, וויפל האָט דאָס שטיקל פאַרזשאַווערטע אײַזן אומגעבראַכט מענטשן!

ווען ניט אָט די ביקס, וואָלט זײַן שיקע ניט געדאַרפט דינען ערגעץ אין אויסרײַסעניש, אויף דער גרענעץ, און זי אָפּהיטן פון די סאָנים, און ער, דער טאַטע, זאָל זיך אויסקוקן די אויגן, וואַרטנדיק, דער זון זאָל קומען כאָטש אויף עטלעכע טעג אַהיים, מע זאָל זיך זען. ווען ניט די ביקסן, וואָלט שיקע געזעסן לעבן אים, אין באַפּאַליע. ווען ניט די ביקס, וואָלט די טאָכטער, ליזע, ניט געדאַרפט וווינען מיט איר מאַן, שעוועטשוקן, דעם אָפּיצער, ווער ווייסט ווו, און מע זאָל אים אַלעמאָל איבערפירן פון איין פּאָלק אין צווייטן, פון איין גאַרניזאָן אין אַן אַנדערן. מע וואָלט זיך געלעבט שטוב באַ שטוב און געגאַנגען איינער צום אַנדערן צוגאַסט, געקליבן נאַכעס פון די קינדער און אייניקלעך...

נאָר גיי, טו עפּעס, אַז די ביקס, אַ כאָליערע אין איר, שטייט אינמיטן וועג און מע דאַרף זי שטענדיק האַלטן אין די הענט, קיין שוואַרץ־יאָר זאָל אויף אונדז ניט אָנפאַלן...

זיצנדיק אַזוי און באַטראַכטנדיק די פאַרזשאַווערטע ביקס, קלערנדיק, אין וועמענס הענט איז זי אויסגעוועזן און וויפל לעבנס אומגעבראַכט, האָט שויעל פאַרגעסן, ווו ער האַלט אין דער וועלט,

ווייפֿל האַלט דער זייגער און וואָס פֿאַר אַן אַרבעט שטייט אים נאָך היינט פֿאַר. די זון האָט מעכייַע־דיק געוואָרעמט. איבערן קאָפּ האָבן געזשומעט די בלעטער פֿון די ביימער און געבראַכט אַהער אַ מעכייַעדיק ווינטל מיט אַ שאָטן. מע וואָלט אַזוי געקאָנט זיצן ביז מאַשיִעכס צייַטן, נאָר צעשטערט זייַנע געדאַנקען האָט אים דער באַנדער. יענער איז שוין געווען אין אַ גוטער שטימונג. דערזען זייַן גוטן־ברודער זיצן אויף דער קלאָץ אין פֿאַליסאַדניק, און ניט גלאַט זיצן, נאָר מיט אַ פֿאַרזשאַווערטער ביקס אין די הענט, איז דער באַנדער שטילערהייט, אויף די שפּיץ פֿינגער צוגעגאַנגען צום פּלויטל און, קוקנדיק, וויִאַזוי יענער רעדט עפּעס צו דער ביקס, זיך הילכיק פֿאַנאַנדערגעלאַכט אַזוי, אַז שויעל איז פֿון אומדערוואַרטקייַט אונטערגעשפּרונגען:

— פֿאַרזיכטיקער, שויעל! — האָט דער באַנדער זיך אָנגערופֿן, — דו קאָנסט נאָך, כאָלילע, איבערשרעקן די געגנדז אויפֿן בוידעם! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטיקל קלייזייַען? דו קלייַבסט זיך שוין עפּשער אויף אַ נייַער מילכאָמע?

— טפֿו אויף מייַנע סאָנימס קעפּ! — האָט אויסגעשפּיגן שויעל. — האָסט מיך שיִר ניט איבער־געשראָקן אויף טויט! — און, באַרויִקנדיק זיך אַ ביסל, אַ ווונק געטאָן אויף דער ביקס: — אָן אויצער האָב איך בײַ מיר אין הייפֿל געפֿונען... — האָט ער ביטערלעך אַ שמייכל געגעבן, — ס'לאָזט זיך אויס, אַז אַמאָל איז באַפֿאַליע געווען אַ שטאָט און דאָ זייַנען געווען מילכאָמעס. אַ סימען האָסטו — די ביקס...

— וואָס זשע מייַנסטו, שויעל, די מילכאָמעס האָבן זיך אָנגעהויבן דעמלט, ווען דו ביסט גע־ווען בײַ בודיאָנין? מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט באַר־קאָכבאַ אויפֿגעהויבן אַן אויפֿשטאַנד קעגן די רוימער... און ווייפֿל מילכאָמעס האָבן געפֿירט אַנדערע פֿעלקער?.. מע זאָגט, אַז וואָלט אָדעם האָרישן

ניט געווען קיין בעניאַכיד באַם אייבערשטן, וואָלט ער אויך צוניפגענומען א מאכנע און זיך געגאַנ־גען שלאָגן... געגנומען דאָס פארזשאַווערטע ביקסל אין זיינע הענט, האָט דער באַנדער צוגעגעבן:

— דאָס ביקסל וועל איך נעמען צו זיך, עס גוט אָפּרייניקן פונעם זשאַווער, וועט מען עס קאָנען איבערגעבן אונדזער סטאַראַזש פונעם קאָמבינאַט, ווייל ער גייט נעבעך אַרום דורך די נעכט מיט איין שטעקן און האָט א פּאַנעם פון כּויזעק. דערצו נאָך, ווען דער אַלטער וועט שטיין אין בודקע אַף דער וואַך, וועט ער מוירע האָבן, אַז די ביקס זאָל ניט אויסשיסן, און וועט אַפן פּאָסטן ניט שלאָפן...

דער באַנדער האָט געקוקט אַף זיין פּאַרומערטן גוטן־ברודער און פאַרשטאַנען, אַז ער איז נאָך אַלץ דערשלאָגן צוליב דעם שפּיצל, וואָס דער זון האָט אים אָפּגעטאָן. ער האָט געוואָלט אים אַפּווענדן פון זיינע שווערע מאכשאָווע, דערציילט עפּעס א באַבעמייסע, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן און ער איז שטיל געבליבן. ארויסגענומען דאָס טאַרבעלע מאַכאָרקע, פאַרדרייט א ציגאַר.

— שויעל, האָסט ניט קיין שוועבעלע? גיב צורייכערן...

— צורייכערן? דו דאַרפסט שטארק האָבן אַט דאָס ביסל סאַם? סאַרא גוטע לופט אונטער די ביימער, דאַרפסטו האָבן דעם רויך?

— וואָס זשע מיינסטו, ברודער־לעבן, אַז נאַראָנים, פּוסטע קעפּ האָבן צוגעטראַכט דאָס רייכערן? אונדזערע אָוועס, מיינסטו, האָבן ניט גערייכערט? כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז אַפילע מוישע ראַביינו, ווען ער האָט געפירט די ייִדן איבערן מידבער, האָט ער גערייכערט, ווי א פאַראָוואָז. דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען ער רייכערט ניט? פערציק יאָר האָט ער געפירט זיין קאָמפּאַניע, זיי זיינען אים, נעבעך, דערגאַנגען די יאָרן, געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אריין, לעמיי ער פירט זיי אַזוי לאַנג און גיט זיי ניט קיין עסן. ווען ער רייכערט נאָך ניט, וואָלט ער אינגאַנצן זיך געריררט פון די געדאַנקען, — און דער באַנדער האָט ערשט געוואָלט זיך נעמען צו דער אַלטער מייַסע, וויאַזוי מוישע האָט געפירט די ייִדן איבערן מידבער, נאָר פּלוצעם האָט זיך דערהערט פון ערגעץ א שטאַרקער גערויש, און ער איז געבליבן זיצן אַפן אָרט אַן לאָשן.

שויעל האָט אויך דערהערט דעם גערויש און זיך איינגעקוקט צום האָריזאָנט. עפּעס א מאָדנער גערויש. וואָס זאָל דאָס באַטייטן?

אָבער לאַנג טראַכטן און ארויסקוקן האָט מען ניט געדאַרפט. אין הימל האָט זיך באַוויזן אַן אַעראָפּלאַן. ער האָט מוירעדיק געגראַגערט, געפלויגן נידעריק, שיר ניט איבער די סאַמע דעכער, און דער שאָטן פונעם אַעראָפּלאַן האָט געשוועבט איבער די געסלעך, סעדער, הייזער.

פון די שטיבער זיינען ארויסגעלאָפן מענטשן — קינד און קייט. מיט דערשראָקענע אויגן זיך איינגעקוקט אַף דעם אומדערוואַרטן פויגל, ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס איז ער אַהער פאַרפלויגן און וואָס הודזשעט ער אַזוי, אַז די טאַפּליעס אין די פענצטער האָבן געגומען שטאַרק ציטערן.

אַט האָט דער אַעראָפּלאַן זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער און פאַרקערעוועט צום טייך, צו יענער זייט ברעג, צו דער טאָלאָקע, ווו מע פּאַשעט די באַפּאַליער שאָף און בעהיימעס.

אַף די געסלעך האָט זיך אופגעהויבן א מוירעדיקער טומל פון די כעווערלייט. מע האָט זיך געלאָזט לויפן אהין, צו דער בריק, צו דער טאָלאָקע, ווו דער אַעראָפּלאַן האָט, זעט אויס, זיך גע־קליבן אוועקזעצן.

דאָס מאַשינדל האָט אופגערודערט גאַנץ באַפּאַליע, און עס זיינען שוין אהין, צו דער בריק, געלאָפן קליין און גרויס.

דער באַנדער האָט א טאַרע געטאָן זיין גוטן־ברודער און געזאָגט:

— קום, שויעל, מע דאַרף כאַפּן א קוק, וואָס איז דאָרטן געשען... עפּשער איז דער גראַגער קאַליע געוואָרן, זיך אַראָפּגעזעצט און מע דאַרף אים העלפן?

— מיט וואָס וועסטו אים העלפן, מיט א קרעכץ? — האָט שויעל זיך א בייזער געטאָן.

— מאַלע וואָס עס האָט מיט אים געקאָנט טרעפן. אמאָל קאָן מען אויך מיט א קרעכץ העלפן... דערצו נאָך זיינען מיר דאָך עפּעס שטיקלעך באַלמעלאָכעס.

— ווילסט, לויף, נאָר טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! באַ מיר ליגט עס ניט אין קאָפּ... איך האָב מיינע צאָרעס!.. איך קאָן זיך נאָך אַלץ ניט באַרויקן. וואָס איז געשען מיט מיין שיקזן?

נאָר דער באַנדער געהערט צו יענע מענטשן, וואָס האָט ליב אַלץ זען מיט זיינע אויגן און הערן מיט זיינע אויערן.

זינט עס לעבט אַף דער וועלט, האָט נאָך באַפּאַליע, דאַכט זיך, ניט געזען נאָענט אַזא פויגל. דערצו נאָך, עס זאָל זיך אוועקזעצן פון יענער זייט טייך, אַף דער לאָנקע... דאָס גאַנצע שטעטל לויפט א קוק טאָן, וואָס דאָרטן איז געשען, וועט ער, זאַלמען, דאַ קענען איינזיצן און באַטראַכטן שויעלן, וועלכער זיצט אַף דער קלאָץ, ווי א כמאַרע?

און ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן צוזאַמען מיטן גאַנצן אוילעם אין יענער ריכטונג, צו דער בריק. דער טומל, דער ראַש און די אויסגעשרייען פֿון די מענטשן איז אַנגעוואַקסן, ווי אַ שטורעם אין ים. שויעל האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון דער קלאָץ און ווי אין אַ כאַלעם זיך אויך געלאָזט אַהין צו דער בריק.

ניט באַוויזן צוגיין אַהין, האָט ער דערזען, ווי עטלעכע פּאַרשײַטע ייִנגלעך האָבן זיך געטראָגן פֿון דאָרטן פֿאַרפּאַליעטע און פֿאַרוויטלטע.

— כאַווער שויעל, רעב שויעל, גייט גיכער! גיכער גייט! אײַער זון, שיקע, איז געקומען צו פֿליִען!..

שויעל איז געבליבן שטיין, ווי צעמישט, ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס די יאַטלעך שרײַען צו אים, ניט אַנדערש, אַז זיי איזדיעקוועון זיך, לאַכן פּאַשעט אים אויס... נאָר די כעוורע האָבן געשריִען נאָך שטאַרקער:

— רעב שויעל, מיר לײַגן ניט! ערן פּיאָנעריש וואָרט! אײַער שיקע איז געקומען...— און זיי האָבן געטײַטלט מיט די פֿינגער אין דער ריכטונג, ווו דאָס קליינע אַעראָפּלאַנדל איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט מענטשן.

שויעל האָט ניט געוווּסט, פֿונוואַנען עס האָבן זיך צו אים גענומען קויכעס? ער איז שוין ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿן איבער דער הילצערנער בריק, זיך אַריבערגעקליבן אױפֿן אַנדערן ברעג און פֿאַרקערעוועט צו דעם אַעראָפּלאַן. און אָט האָט ער דערזען דעם זון. אָט איז ער אופֿגעשטאַנען פֿאַרן טאַטנס אויגן אַ שלאַנקער, פֿאַרברוינטער, קרעפּטיקער קאָמאַנדיר אין אַ שיינעם מונדיר, וואָס האָט אים שטאַרק געפּאַסט. שיקעס קאַרע אויגן האָבן געשײַנט פֿון גליק. ער האָט זיך מיט ברייט פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס געלאָזט צום פֿאָטער, אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך.

שויעל האָט ניט געקאָנט זאָט אָנשפּיגלען זיך אין זײַן געראָטענעם זון. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז עפּעס אַ גוטער כאַלעם. הער נאָר, ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט שיקע צו אַעראָפּלאַנען, אַז ער דינט אין פּעכאָטע, אַף דער גרענעץ?

נאָר גיי ווייס, אַז דאָ איז געשען עפּעס אַ שטיקל נעס. אַן אומדערוואַרטע געשיכטע, וואָס טרעפֿט, זעט אויס, איין מאָל אין הונדערט יאָר.

און די קאַץ איבערן וואַסער קומט, לאָזט זיך אויס, פּאַשעט.

שיקע וואָלט גראַדע אינדערפֿרי ניט אונטערגעפֿירט און געקומען צו דער צײַט, נאָר זײַן צוג, וואָס איז געקומען פֿון מאָסקווע, האָט פֿאַרשפּעטיקט אַף אַ שאָ, און דער אַנדערער צוג, וואָס גייט קיין באַפּאַליע, האָט ניט געוואָלט וואַרטן און אַוועקגעפֿאָרן אָן דעם לאַנגדערוואַרטן גאַסט.

און מע דאַרף זאָגן, אַז שיקע איז געוועזן ניט ווייניקער דערצאַרנט, ווי דער טאַטע, לעמײַ ער האָט ניט געקאָנט אַריסקאָרן צו דער צײַט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין באַפּאַליע וועט מען אים באַגעגענען און מע וועט זײַן באַאומרויִקט, וואָס ער איז ניט געקומען. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן?

אַ צעטראָגענער, האָט שיקע זיך אוועקגעלאָזט פֿונעם וואָקזאַל אין שטאָט אַרײַן זוכן אַ נאַכטלעגער און פֿלוצעם באַגעגנט זײַנעם אַ גוטן-ברודער, אַן אַפּיצער, מיט וועלכן ער האָט צוזאַמען געלערנט אין מיליטער-שול. מע האָט זיך דערפֿרייט, און שיקע מאַזור האָט יענעם אַרויסגעזאָגט, וואָס מיט אים איז געשען און אַז ער האָט אַזוי מיִעס אונטערגעפֿירט ניט איבער זײַן שולד די עלטערן און די קרויווים אין באַפּאַליע.

לאָזט זיך אויס, אַז זײַן גוטער-ברודער — אַ פּילאָט, וויקטאָר זעמצאָוו הייסט ער, — פֿאַרנעמט זיך אַצינד מיט אַן אומגעווייִנלעכער פֿאַרגעבונג. ער פֿלִט אויס עטלעכע אַגיטריסן פֿון „אַסאַאוויאַכים". ער קלײַבט זיך פֿליִען אין די שטעט און שטעטלעך פֿון פּאָדאָליע. האָט ער די מעגלעכקײַט הײַנט פֿליִען קיין וויניצע. דאָס איז ניט ווײַט פֿון באַפּאַליע, וועט ער אין איינוועגס אָפּפֿירן אַהיים זײַן כאַווער, אַף וועלכן מע וואַרט אַזוי שטאַרק... איז מען געקומען קיין באַפּאַליע! שויעל האָט איצט, נאָך דער האַרציקער באַגעגעניש מיטן זון, זיך דורכגעשטויסן צום פּילאָט, וועלכער האָט געבראַכט בעשאַלעם דעם זון, אים שטאַרק געדריקט די האַנט, זיך באַקענט מיט אים, אײַנגעלאַדן צו זיך, ווײַל עס וואַרט אַף זיי אַ שיין געדעקטער טיש, נאָר זעמצאָוו און זײַן נאַטשאַלניק, אַ יונגער בלאָנדער קאַמסאַמאָלעץ מיט אַ גרויסן פּאַרטפֿעל, האָבן שיין אָפּגעדאַנקט, געזאָגט, אַז אַ צווייט מאָל וועט מען זיך באַנוצן מיט דער פֿרײַנטלעכער אײַנלאַדונג, נאָר הײַנט, זעט אויס, וועט קיין צײַט ניט קלעקן. עס שטייט זיי נאָך פֿאַר פֿליִען אין צוויי אַנדערע ערטער. און דער בלאָנדער באָכער מיטן גרויסן פּאַרטפֿעל האָט זיך אופֿגעהויבן אַפֿן פֿליגל פֿונעם אַעראָפּלאַן, באַרויִקט דעם אוילעם און דערציילט, וואָס פֿאַר אַ ווינט עס האָט אים און דעם פּילאָט געבראַכט אַהער.

דער אײַנגעשטילטער אוילעם, וועלכער איז געשטאַנען אַרום דעם אַעראָפּלאַן, האָט אופֿמערקזאַם געהערט דעם באָכער. ער האָט גראַדע גערעדט, דער באָכער, ניט לאַנג. אַזוי־ווי, הייסט עס, עס גייט דער כוידעשניק פֿון „אָסאַאוויאַכים", דאַרף דער אוילעם זיך פֿאַרשרײַבן פֿאַר מיטגלידער

פון דער אָרגאַניזאַציע, שאַפֿן קרײַזלעך, זיך לערנען, גרייטן זיך פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד, אויב די וועלט־בורזשואַזיע וועט וואַגן אָנפֿאַלן אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד. נאָך האָט ער געזאָגט, אַז יעדער איינציקער, פּרײַוויליק, פֿאַרשטענדלעך, קאָן און דאַרף קויפֿן לאָטעריי־בילעטן, דאָס וועט געבן די מעגלעכקייט פֿאַרפֿעסטיקן די שוץ פֿונעם לאַנד. אויף די לאָטעריי־בילעטן קאָן מען געווינען אַ סך, נאָר דער גרעסטער געווינס וועט זײַן דאָס, וואָס מיר וועלן פֿעסטיקן דעם קויעך פֿון דער רויטער אַרמיי...

דער באָכער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם פֿליגל, צעעפֿנט דעם פּאָרטפֿעל און דער אוילעם האָט זיך צו אים געלאָזט קויפֿן בילעטן.

עס איז ווידער געוואָרן אַ טומל, אַ שטופּערײַ. יעדער איינער, ווער עס האָט בײַ זיך געהאַט דאָס ביסל מינץ אין קעשענע, האָט געוואָלט אויסכאַפּן דעם בעסטן בילעט, דעם גרויסן געווינס...

נאָך דעם, ווי דער טוער פֿון אָסאָאַוויאַכים האָט פֿאַרשפּרייט די בילעטן און דערקלערט דעם אוילעם, וויאַזוי מע דאַרף אין שטעטל אוועקשטעלן די אַרבעט פֿון די קרײַזלעך, האָט וויקטאָר זעמצאָוו אַ פֿרעג געטאָן, ווער האָט כּיישעק זיך אַרײַנזעצן אין אַעראָפּלאַן און זיך מיט אים אַ ביסל דורכפֿליִען איבער באַפּאָליע?

דער אוילעם איז אײַנגעשטילט געוואָרן, באַטראַכטנדיק דעם פֿרייִלעכן פּילאָט, וועלכער האָט זיך אויפֿגעהויבן אין זײַן קאַבינע. די ייִנגערע כעווירע האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי מע וואָלט געפֿרעגט איינער באַם אַנדערן: נו, ווער איז דער ערשטער?

דער אַעראָפּלאַן האָט זיך שטאַרקער צערוישט, דער פּראָפּעלער האָט אויפֿגעהויבן גאַנצע הויפֿנס שטויב, די אויערן זײַנען פֿאַרלייגט געוואָרן. זעמצאָוו האָט פֿון דער קאַבינע געקוקט שמייכלענדיק אויף די יונגע כעווירע:

— נו, כעווירע, זײַנען צווישן אײַך נישטאָ קיין באַלאָנים זיך אויפֿהייבן מיט מיר אינדערלופֿטן? נו, ווער וועט פֿליִען?

— ווער עס האָט פֿליגל, דער זאָל פֿליִען... — האָט זיך צעלאַכט דער באַנדער, — ווען איך בין ייִנגער מיט אַ מיטוואָך, וואָלט איך זיך אויפֿגעהויבן.

— עס איז ניט קיין מוז, אַז יונגע זאָלן פֿליִען... — האָט זעמצאָוו אויסגעשריִען, — עס קאָנען אויך פֿליִען עלטערע מענטשן. עס איז גאָרניט געפֿערלעך. איר מעגט מיר גלייבן...

שויעל האָט באַטראַכט דעם שווײַגנדיקן אוילעם און אים איז עפּעס געוואָרן אַ ביזאָיען פֿאַר דער כעווירע. וואָס זשע, זאָל זיך צווישן אַזאַ אוילעם ניט געפֿינען קיין באַלן זיך אויפֿהייבן אינדערלופֿטן אויף דעם אַעראָפּלאַן? אָט האָט זיך דער זון, שיקע, אויפֿגעהויבן און בעשאָלעם געקומען אַהיים. אָט דער בלאָנדער באָכער מיט דעם גרויסן פּאָרטפֿעל און דער פֿליִער, וויקטאָר זעמצאָוו, פֿליִען די גאַנצע צײַט אַרום און דער רועך, דאַנקען גאָט, נעמט זיי ניט. איז וואָס זשע?

און אין דער מינוט האָט שויעל אָנגערוקט אויפֿן שטערן דעם יאָמטעוודיקן קאַרטוז, דער ווינט זאָל אים ניט אַראָפּשלעפּן, אויפֿגעהויבן די האַנט און זיך געלאָזט גיין צו דעם אַעראָפּלאַן:

— איך וועל זיך אַרופֿזעצן! איך וועל פֿליִען!..

— שויעל, וואָס טוסטו! — האָט אים איבערגעשניטן דעם וועג דאָס ווײַב, — ביסט מעשוגע, צי כאָסערדייע? וואָס זשע, נישטאָ קיין ייִנגערס פֿון דיר?

— טשעפּע ניט, פּעסיע, מאַך מיך ניט מעוואַיעש! עס וועט מיר גאָרנישט ניט שאַטן...

דער אַרומיקער אוילעם האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, קוקנדיק אויף שויעלן. דער זון איז אונטערגעלאָפֿן, געהאָלפֿן אים זיך אויפֿהייבן אויפֿן אַעראָפּלאַן.

— שיקע, זונעניו! — האָט די מוטער אָנגעכאַפּט דעם גאַסט פֿאַר דעם אַרבל. — וואָס טוסטו? פֿאַר אים איז דאָס ניט קיין שפּילכל. דאָס האַרץ, דאָס האַרץ...

— מאַמע, שרעק זיך ניט. עס איז ניט געפֿערלעך. — האָט שיקע זי גענומען באַרויִקן און אָפּפֿירן אין דער זײַט, — דער טאַטע וועט בלויז האָבן אַ ביסל פֿאַרגעניגן... ער וועט זיך באַלד אַראָפּזעצן...

דער רויש פֿונעם אַעראָפּלאַן האָט אײַנגעשלונגען זײַנע ווערטער. די אַרומיקע האָבן מיט נײַגער געקוקט, ווי די מאַשין צעלויפֿט זיך אַלץ שטאַרקער, און אָט איז זי שוין אינדערלופֿטן, איבער די קעפּ פֿון די מענטשן. דער פּילאָט מאַכט צום אוילעם מיט דער האַנט, און אויף אים קוקנדיק מיט אַ ביסל שרעק אין די אויגן, פּאַכעט מיטן קאַרטוז שויעל דער זיפֿנמאַכער. אָט איז שוין דער אַעראָפּלאַן הויך אין הימל, ער מאַכט אַ גרויסן קרײַז איבערן טײַך, איבער דער בריק, איבער באַפּאָליע.

פֿאַריסן צום הימל די קעפּ, האָט דער באַפּאָליער אוילעם געשפּירט נאָכן אַעראָפּלאַן, געפּאַכעט מיט די היטלען, פּאַטשיילעס, מיט די טיכעלעך, געלאַכט, עפּעס נאָכגעשריִען, נאָר פּעסיע איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענע, זיך אָנגעהאַלטן אין דעם זונס אַקסל, זיך געטרייסלט פֿון שרעק:

— זעט נאָר אַן אַקשן... וואָס זשע, עס איז שוין ניט געווען קיין ייִנגערס פֿון אים אין באַפּאָליע?.. מיט זײַן האַרץ פֿליִען... מיט זײַן האַרץ...

— נאַרעלע, וואָס דו ביסט! — האָט געטרייסט פּעסיען דער באַנדער. — וואָס ערגערסטו זיך אַזוי? וואָס זשע, ער פליט דען מיטן האַרץ? ער פליט דאָך מיטן עראָפּלאַן!..

זי האָט אים בייז אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס:

— טאַקע געפונען אַ צײַט, ווען זיך כאָכמענען!

די מאַשין האָט געמאַכט דעם לעצטן קרײַז איבער באַפּאַליע און לײַכט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז. דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַהין אַ קוק טאָן, מיט וואָס פאַר אַ פּאָנעם עס קריכט אַרויס פונעם עראָפּלאַן שויעל דער זיפנמאַכער. מע האָט געלאַכט, קוקנדיק, ווי ער דראַפּעט זיך אַרויס פון דער קאַבינע.

— קינדערלעך, איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז עס איז גאָר ניט שרעקלעך פליִען! — האָט ער, שווער אָטעמענדיק, זיך אָנגערופן אויף אַ קאָל. — עמעס, די ערשטע עטלעכע מינוט, בעשאַס דער מאַמזער רײַסט זיך אָפּ פון דער ערד און דערנאָך, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ, איז אַ ביסעלע קאַלעמוטנע. נאָר נישקאָשע... ניט ערגער, ווי פאָרן אויף אַן אויטאָמאָביל...

פּעסיע איז אונטערגעלאָפן און אים גענומען פאַרן אָרבל.

— גענוג, קום שוין אַהיים! מיר האָבן אַזאַ טײַערן גאַסט, און דו פאַרנעמסט זיך מיט נאַרישקײַטן!..

אַרום עראָפּלאַן האָט זיך שטאַרק געטומלט. ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך געשטויסן אַרום אים, געבעטן דעם פּילאָט, ער זאָל זיי אויך אויפהייבן אינדערלופטן, און ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן. אין דער צײַט, ווען דער באָכער מיטן גרויסן פּאָרטפעל האָט געשמועסט מיטן אוילעם, פאַרקויפט לאָטעריי־בילעטן, האָט וויקטאָר זעמצאָוו, אַן אויפגעלייגטער, אַ פריילעכער, אײַנגעלאַדן די כעוורע אין מאַשין, און דאָ האָט זיך שוין אויסגעשטעלט אַ לאַנגע ריי אויף פליִען.

שויעל איז צוגעגאַנגען צום פּילאָט און צו דעם אָסאָאוויאַכימאָוועץ, אײַנגעלאַדן זיי אַרײַנקרמען צו אים אין שטוב זיצן אַ ביסל באַם געגרייטן טיש, איבערכאַפּן, זיך אָפּרוען, נאָר זיי האָבן אָפּגעדאַנקט, ווײַל די צײַט איז שטאַרק באַגרענעצט, זיי דאַרפן נאָך הײַנט זײַן אין צוויי פּונקטן און זיך אומקערן צו זיך אויפן עראָדראָם. שיקע האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיי, געווונטשן אַ גליקלעכן שליטוועגס, גענומען דעם טאַטן און די מאַמע אונטער די הענט, זיך אוועקגעלאָזט מיט זיי און מיט אַ כאַליאַסטרע קרוויוים און גוטע־פרײַנט אַהיים.

אינמיטן וועג האָט שויעל זיך אָפּגעשטעלט. וואָס איז געשען? ער וועט צולויפן קויפן נאָך אַ פּאָר לאָטעריי־בילעטן. עמעס, ניט שטענדיק שפּילט אים צו דאָס מאַזל, נאָר ער וועט אַ פּרווו טאָן.

געקויפט עטלעכע בילעטן באַ דעם באָכער מיט דעם גרויסן פּאָרטפעל, האָט ער נאָכאַמאָל אָפּגעדאַנקט דערפאַר, וואָס מע האָט אים אויפגעהויבן אין הימל, און גענומען דעריאָגן דעם גאַסט, וואָס איז שוין געווען אויף יענער זײַט בריק.

אַ שײַנענדיקער, אַ גליקלעכער, מיט אַ הויך פאַרהויבענעם קאָפּ, האָט געשפּאַנט באַנאַנד מיט זײַן גאַסט שויעל דער זיפנמאַכער, און מענטשן, וועלכע האָבן אים אין דער מינוט באַגעגנט, האָבן געקאָנט שווערן, אַז אַזאַ גליקלעכן האָבן זיי שויעלן קיינמאָל ניט געזען. ניט ווייניקער צופרידן און באַגײַסטערט מיט איר זון איז געווען די מוטער, זיך געשפּיגלט אין איר כיינעוודיקן, פעסטגעבויטן אָפּיצער.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז שוין שויעל דעם זיפנמאַכערס שטוב געווען איבערפולט מיט שכיינים. די שטוב האָט ניט געקאָנט אַרײַננעמען אַלעמען. מע איז געקומען פון אַלע עקן באַפּאַליע אַ קוק טאָן אויף שויעלס גרויסאַרטיקן קאָמאַנדיר, עפּעס הערן, וואָס ער וועט דערציילן וועגן דעם ווײַטן קאַנט, ערגעץ אין עק לאַנד, ווו ער דינט.

ווער עס האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַרום דעם געדעקטן טיש, און ווער עס האָט זיך צוגעשפּאַרט, ווו עס האָט זיך געלאָזט.

מער פון אַלעמען האָט שיקען ניט געלאָזט זיצן רויִק דער באַנדער. יענער האָט אים מאַמעש פאַרשאָטן מיט פראַגן. דעריקער האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויפן קאַנט, ווו־הין עס האָט שיקען פאַרטראָגן דער גוירל זײַנער.

— זאָג נאָר, שיקע טײַערער, וווּהין האָט עס דיך פאַרטראָגן? קיין סיביר? — האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן דער באַנדער.

— ניין, מײַן טײַערער, דאָס איז נאָך ווײַטער פון סיביר... — האָט מיט זײַן גוטמוטיקן כיינעוודיקן שמייכעלע געענטפערט שיקע, — אַ סאַך ווײַטער פון סיביר. פון סיביר צום אַמור דאַרף מען נאָך פאָרן און פאָרן...

— גאָטעניו זיסער! — האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ די מוטער, — שוין א שיינע פּאָר יאָר, אז דו דינסט דאָרטן, איז עפשער וואָלט שוין צײַט געווען, זאָלסט זיך אומקערן אהיים?

שיקע האָט געענטפערט:

— וואָס רעדסטו, מאמע, דאָרטן לעבט מען פּונקט ווי דאָ, בא אײַך. איך וואָלט קיין שום אָרט ניט געביטן אפן ווײַטן מיזרעך, קיין שום טײַך ניט געביטן אף אמור-באַטיושקאַ. א טײַך א וואונדער! עמעס, פון יענער זײַט טײַך איז שוין מאנדזשוריע און מע דאַרף אָפּהיטן די גרענעץ. דאָרטן ענדיקט זיך אונדזער ערד... דער קלימאַט איז דאָרטן, באַם אמור, ניט אזא ווייכער, נאָר אז מע געוווינט זיך צו, דאַרף מען ניט קיין אנדער קאנט. דאָרטן איז א וואונדער-שיינער פרילינג, א מעכײַעדיקער זומער, א שיינער, ווי גאָלד, הארבסט. עמעס, דער ווינטער איז עטוואָס שטרענגער, ווי בא אײַך, נאָר ניט געפערלעך. דאָרטן לעבן מענטשן און פילן זיך גאַנץ גוט. ווען איר ווייסט, סאַראַ רײַכער קאנט דאָס איז! וואונדערלעכע ערד! עמעס, ווילד, בעריישיסדיק, צו דער ערד, צו דעם קאנט דאַרף מען צולייגן הענט, קויכעס. אף יענער ערד וואַקסט אלץ, וואָס א מויל רעדט אויס. אין דער ערד איז פאַראן אי נאַפט, אי זילבער, מאַרמאָר, וואָס איר ווילט. איר ווייסט, אונדזערע סאָלדאַטן און אָפיצערן, אז זיי ענדיקן די דינסט, פאַרבלײַבן זיי דאָרטן אף שטענדיק. און ווען איך וועל ענדיקן די דינסט, טראַכט איך אויך פאַרבלײַבן אפן ווײַטן מיזרעך.

— מעשוגע מײַנע סאָנים! — האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ די מוטער. — וואָס רעדסטו, שיקע, מײַן זון! מיר קוקן שוין אַרויס, זאָלסט ענדיקן די דינסט און זיך אומקערן צו אונדז קיין באַפּאָליע. וואָס איז דאָס פאַר א לעבן — דו געפינסט זיך אין איין עק וועלט, מײַן טאָכטער ליזע מיטן איידעם מיט זייער קינד אין צווייטן עק וועלט. וואָס זשע איז דאָס פאַר א לעבן?! מע דאַרף זיך דאָך אמאָל צונויפקומען, מיר זאָלן מיטן טאַטן קענען ניאַנטשען אונדזער אייניקל...

— זייער גוט!.. — האָט איבערגעשלאָגן שיקע, — און איך טראַכט, עפשער וועט איר אַריבער-פאָרן צו מיר... דאָרטן וועט אײַך זײַן גאָרניט שלעכט...

— וואָס זשע, שיקע, מיר האָבן שוין ניט וואָס צו טאָן, ווי זיך פאַרקלײַבן אזוי ווײַט? אהין איז געוויס א שיינע עטלעכע הונדערט ווערסט...

שיקע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, צוגעגאַנגען צו דער מוטער און זי אַרומגענומען.

— האָסט, מאַמעניו, א טאָעס אין כעזשבן. ניט קיין הונדערטער ווערסט, נאָר בא די אכט-נײַן טויזנט ווערסט. און אהין דאַרף מען פאָרן מיטן שנעלצוג בא צוויי וואָכן.

— טאַקע זייער שיין... זיך העצקען מיטן שנעלצוג בא צוויי וואָכן. — האָט שויעל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — מירן שוין בעסער זיצן דאָ, אין באַפּאָליע...

— ניט שרעקלעך, טאַטע! עס וועלן אוועקגיין עטלעכע יאָר, וועלן אהין אָנהייבן פליִען עראָ-פּלאַנען. וועט מען זיך קאָנען צו אונדז דערקלײַבן פאַר א טאָג-צוויי... און נאָך שפּעטער וועט מען מיט אן עראָפּלאַן קאָנען דערפליִען פאַר עטלעכע שאָ...

— אָ-אָ! דאָס וועט זײַן שוין נאָך אונדז. אין הונדערט יאָר אַרום... — האָט אַרײַנגעשטעלט דער באָנדער.

— פאַרוואָס? מיר, דאַכט זיך, אז א סאַך פריִער... — האָט געזאָגט שיקע, — אויב די אימפּע-ריִאַליסטן וועלן אונדז ניט שטערן, ניט אָנפאַלן אף אונדזער לאַנד, וועלן מיר אין עטלעכע יאָר אַרום געבן אזא שפּאַן מיט דער טעכניק, אז מע וועט אונדז מעקאַנע זײַן... זייער א רײַכער קאנט! אַרום — סאָפּקעס, טײַכן און טײַכלעך, אָזערעס... זיי זײַנען פול מיט פיש, און נאָך אוועלכע! אף טויזנטער מײַלן ציט זיך די טײַגע...

— שיקע טײַערער! — האָט עמעצער פונעם אוילעם זיך אָנגערופן, — זאָגסט דאָך אליין, אז דאָס איז א ווילדער קאנט, אָזערעס, זומפּן, טײַגאַ. ווער זשע דאַרף דאָס האָבן, אז בא אונדז אין באַפּאָליע איז אויך ניט שלעכט...

— נו, פאַרשטייט זיך, נאָר מע טאָר ניט לאָזן, אז אזא רײַכער קאנט זאָל פּוסטעווען און אונדז ניט אָפּגעבן זײַנע רײַכקײַטן... — האָט שיקע פאַרגעזעצט. — די רײַכקײַטן מוז מען אַרויסבאַקומען... א סאַך מענטשן פאָרן איצט אַריבער אהין, מע בויט שטעט, דערפער, פאַבריקן, קאָלווירטן...

ער האָט זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— איר ווייסט, איך האָב דאָרטן געזען, ווי עס קומען אָן עשעלאָנען מיט ייִדישע איבערוואַנ-דערער... הונדערטער מישפּאָכעס פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד פאָרן אהין און שטעלן זיך אַרבעטן, קאָרטשעווען אויס שטיקער טײַגע, בויען הײַזער. די ערשטע צײַט איז דעם אוילעם ניט גרינג, נאָר מע געוווינט זיך צו און עס וועט קומען א צײַט, וועט דאָרטן אויסוואַקסן א ייִדישע געגנט...

דער אוילֿעם האָט זיך אײַנגעהערט אינעם גאסטס ווערטער. ער האָט וועגן דעם דערציילֿט מיט אזא באגײַסטערונג, גלײַך ווי ער וואָלט געוואָלט, אז באפּאָליע, זײַן לֿיב געבורטס־אָרט, זאָלֿ אויך אריבערפאָרן אין יענעם ווײַטן קאנט.

— ווארט נאָר אויס א ווײַלֿע... — האָט זיך צעשײַנט דער באַנדער און צוגעגאנגען נעענטער צו שיקען, אים ארײַנגעקוקט אין פּאָנעם ארײַן, — אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, שיקע טײַערער, גייט א רייד וועגן יענעם ווינקל, ווי הייסט עס דאָרט? א־א, בירא, בירא־בירא־בידזשאן...

— אָט־אָט! בירא־בידזשאן!.. — האָט אונטערגעכאפּט שיקע, — אהין פאָרן עשעלאָנען איבערוואנ־דערער. מענטשן פאָרן אפילֿע פון אויסלאנד... אין עטלֿעכע יאָר ארום, אויב מע וועט זיך נעמען גוט צו דער ארבעט, קאָן אויסוואקסן א גוטע, רײַכע געגנט.

דער באָנדער האָט א שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס:

— איך האָב א ביסל געהערט וועגן בירא־בידזשאן, נאָר ווי זאָגט עס דאָס אוקראַאינישע ווערטל: „ביז די זון וועט אופגיין, וועט די ראָסע אופעסן די אויגן". אין אונדזערע יאָרן זיך שלֿעפּן ערגעץ אין אויסרײַסעניש, קעדיי זיך אויסבויען א נײַע נעסט, איז אן ארבעט פאר א לֿיידיקגייער...

שיקע האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסלֿען:

— נו, כאוועה זאלמען, דאָס איז א זאך א פרײַוויליקע... קיינעם צווינגט מען ניט. מענטשן, באלֿאָנים צו פאָרן אהין, זײַנען פאראן, זעט אויס, א סאך. עס פאָרט די יוגנט, עלֿטערע מענטשן פאָרן און מע מאכט ניט שלֿעכט. מע דארף דאָך אופבויען אונדזער לֿאנד... בירא־בידזשאן איז אויך אונדזער ערד און מע דארף זי באהערשן, זען, זי זאָל דינען דעם לֿאנד...

און א טיפן טראכט געטאָן, האָט שיקע צוגעגעבן:

— מיר איז דאָרטן זייער געפעלֿן... און די הונדערטער מישפּאָכעס, וועלכע פאָרן אהין, — אויך! איך, לֿעמאָשל, ווען איך וועל זיך דעמאָבילֿיזירן פון דער ארמיי, וועל איך מיט פארגעניגן בלײַבן דאָרטן ארבעטן...

— וואָס רעדסטו אלֿץ, שיקעלֿע, וועגן בלײַבן דאָרטן? — האָט זיך ווידער אָנגערופן די מאמע. — ס'איז דען ניט געקומען די צײַט, מיר זאָלֿן לֿעבן איינס לֿעבן אנדערן?

— שא, פּעסיע טײַערינקע, — האָט איבערגעשלאָגן שויעל דער זיפּנמאכער. — ווער צו וועמען עס וועט זיך דארפן אמאָל איבערקלײַבן, וועלֿן מיר זען שפּעטער. דערווײַל טרײַבט אונדז נאָך דאָס לֿעבן ניט אונטער, מיר זאָלֿן זיך זעצן אף דער פור און הײַדא, צו די קינדער. מע וועט לֿעבן, וועט מען זען! און דערווײַל האָבן מיר בא זיך אזא טײַערן גאסט, טאָ לֿאָמיר זיך פרייען. און וואָס וועט זײַן מאָרגן, — זאָל זיך דער אייבערשטער זאָרגן!..

— דאָס איז עמעס, — האָט זיך אפּסנײַ ארײַנגעמישט דער באָנדער, — נאָר לֿויט מײַן פאר־שטאנד, האָב איך אופגעכאפּט, וואָס איז שיקע געוועזן אויסן דערמיט, וואָס ער האָט דערציילֿט וועגן בירא־בידזשאן. ווער עס וויל אהין פאָרן, — איז מיטן גרעסטן קאָוועד, און מיר וועלֿן זיך דערווײַל דאָ דורכלֿעבן די יאָרן. מיר קאָנען דאָ אויך בויען דעם סאָציאַליזם. יענע ערד, די טײַגע, איז, מעגלֿעך, זייער רײַך און דאָרטן איז דאָ א סאך אווידע, נאָר מיר זיצן דאָ אויך ניט מיט ארא־פּגעלאָזטע הענט... ארבעט וועט דאָ פאר אונדז נאָך סטײַען אף א הונדערט יאָר, אויב ניט מער... און קאָלֿזמאן אונדזער ארטעלֿ, דאָס הייסט, אונדזער קאָמבינאט וועט לֿעבן, וועט קיינער פון אונדז זיך ניט רירן פונעם אָרט...

— ברודער־לֿעבן, וואָס בייזערסטו זיך אזוי אף שיקען? — האָט זיך אָפּגערופן עמעצער פון די געסט. — ווער רופט דיך דען אהין? וואָס זשע מיינסטו, אז אָן דיר און אָן דײַנע פעסלֿעך און דייזשעס קאָן מען זיך אין בירא־בידזשאן ניט באגיין?..

ווער ווייסט, וויפל דער אומדערוואַרטער סיכסעך וואָלט זיך פארצויגן, ווען עס לֿעשט זיך ניט אויס די עלֿעקטרישע שײַן און דער אוילֿעם וואָלט זיך ניט אָנגעהויבן פאנאנדערגיין. און עס איז שוין טאקע געווען גאנץ שפּעט, און דער גאסט האָט זיך געדארפט א ביסל אויסרוען, זיך לֿייגן שלֿאָפן נאָך אזא ווײַטן און שווערן וועג. די באלֿעבאָסטע האָט געבעטן דעם אוילֿעם, מע זאָל ארײַנקומען מאָרגן, ווײַל דער גאסט וועט נאָך אזוי גיך ניט אוועקפאָרן.

דעם אוילֿעם האָט מען ניט געדארפט לֿאנג אײַנריידן. מע ווייסט שוין, אז ווען עס לֿעשט זיך אויס די שײַן, איז א סימען, אז אף דער עלֿעקטראָסטאנציע איז עפּעס געשען און ביז מע וועט פא־ריכטן, וועט ווערן טאָג.

זײַנען זיך אלֿע פאנאנדערגעגאנגען, און פּעסיע האָט גענומען גרייטן דעם געלֿעגער פאר איר געהויבענעם גאסט.

וואָס איז שווער א סאך צו ריידן — דאכט זיך, קיינער אין דער וועלט האָט זיך אזוי ניט דער־פרייט מיטן געהויבענעם גאסט, מיטן עלטערן ברודער, ווי דאווידקע, דער ייִנגערער מאזיק.

דאָס באַכערל איז מאמעש געווען אפן זיבעטן הימל פון פרייד. ערשט ניט לאַנג האָט ער אריבער־געטראָטן די שוועל פון זײַנע פופצן יאָר, נאָר געבליבן יענץ זעלבע פארשייַטע ייִנגל, ווי געווען.

א פייער איז דאָס געווען, ניט קיין ייִנגל! קיין רעגע האָט ער ניט געקאָנט אײַנשטיין רויִק און עפּעס ניט צוטראכטן. אפילע אין שול האָבן די לערער פון אים געהאט שווארצע יאָר. אזוי האָט ער זיך גראדע גוט געלערנט, ווײַל ער האָט געהאט, האָבן געזאָגט די לערער, א שארפן קאָפּ, נאָר בעשאס די לימודים ליב געהאט אָפּטאָן זײַנע כעוורע שפּיצלעך, אונטערגעזאָגט, ניט אײַנגעזעסן רויִק אף דער פּארטע, געצויגן די מיידלעך פאר די צעפּלעך, און יענע האָבן אופגעהויבן א קוויטשערײַ, אז מע האָט עס געקאָנט הערן פון יענער זײַט באפּאָליע.

מיילע, וואָלט ער אליין געווען אזא, נאָר אלע ייִנגלעך פון זײַן קלאס האָבן אים נאָכגעטאָן, זײַן וואָרט איז פאר אלעמען געווען הייליק, און מע האָט אָפּטלעך ארויסגערופן אין שול דעם טאטן און זיך געקלאָגט אף דאווידקען.

און דער טאטע, נעבעך, האָט אויסגעהערט די לערער, געקוקט בייז אפן בענאָק, געקנייטשט מיט די אקסלען און געזאָגט איינס און דאָס זעלבע:

— נישקאָשע, אָט וועט דער מאזיק אונטערוואקסן וועלן מיר אים אָפּגעבן פאר א קוימענקע־רער...

וואָס־וואָס, נאָר ניט געקוקט אף זײַנע שפּיצלעך, האָבן אים די כעוורע ליב געהאט. אָן אים איז קיינער ניט געגאנגען אין נאָענטן וואלד שפּאצירן, קלײַבן שוואָמען, מאלינעס און יעזשעוויקע, אָן אים איז קיינער פון די כעוורע ניט געגאנגען צום טײַך זיך באָדן, כאפּן פיש, זיך פארמעסטן, ווער וועט גיכער אריבערשווימען אף יענעם ברעג און צוריק.

געשען איז אזוינס, אז ער האָט געקאָנט צונויפנעמען עטלעכע כעוורע און זיך מיט זיי אוועקלאָזן אין א שכײניִשן שטעטל, אין די ארומיקע וועלדער און זיך פארהאלטן אין וועג א דרײַ טעג. דעמלט האָבן די באפּאָליער ווײַבער אופגעהויבן א שטארקן גוואלד, געלאָפן צו שויעלן, צו זײַן פּלוינעסטע און אָנגעפאלן אף זיי. וואָס איז דאָס מיטן באלטאכלעס? פארוואָס ברעכט מען אים ניט אָן די ביינער פאר זײַנע שטיק? דאָס איז דאָך עפּעס א ווילדע בריִע! מיילע, ער וויל גיין איבער די וועלדער, נעכטיקן אין פעלד, זיך דראפּען אף די גלײַכע ווענט, איז דאָס זײַן זאך, נאָר וואָס האָט ער צו די קינדער, וועלכע ער שלעפּט מיט זיך און פירט זיי אראָפּ פונעם גלײַכן וועג? א נײַער אטאמאן האָט זיך געיאַוועט!

שויעל האָט מיט קאָפּ אויסגעהערט די טײַנעס און געענטפערט:

— מיילע, מײַנע טײַערע, ווען דאָס וואָלטן געווען מיידלעך, וואָלט איר געקענט מוירע האָבן, זיי זאָלן אײַך, כאָלילע, ניט ברענגען קיין מאמזיירים אין די פארטעכער, נאָר דאָס זײַנען דאָך ייִנגלעך. וואָס זשע האָט איר מוירע, וואָס זיי פארהאלטן זיך ערגעץ? איר ווילט, די כעוורע זאָלן וואקסן, ווי די פארשלאָפענע מאלאָכים? לאָזט זיי געניסן פון די קינדערשע יאָרן, קאָלזמאן זיי זײַנען נאָך ניט באזעצט מיט ווײַבער און מיט מישפּאָכעס, זאָלן זיי פארברענגען. פאָלגט מיך!

דער באָנדער איז אויך געווען אויסער־זיך: שויעלס מאזיק פירט אראָפּ פון גלײַכן וועג זײַן ייִנגל, יאָשקען. אזא שטילינקער, העכערט קיינמאָל ניט די שטים, פירט זיך לײַטיש, נאָר איז פאר־ליבט אין דאווידקען. אומעטום גייט ער אים נאָך, ווי א שאָטן, און טוט אים נאָך, ווי א מאלפּע. דא־ווידקעס א וואָרט איז פאר יאָשקען טוירעס־לאָקש... און ווער ווייסט, יענער קאָן אים נאָך, כאָלילע, אראָפּפירן פונעם גלײַכן וועג...

אין א פּאָר טעג ארום האָבן די עלטערן און אויך דער באָנדער פארקלאָגט דאווידקען פארן גאסט, פאר שיקען. זיי האָבן געמיינט, אז ער וועט דאווידקען גוט אָנדרייען די אויערן, נאָר א נעכטי־קער טאָג! קיין אויסרייד אים אפילע ניט געמאכט, פארקערט, שיקע איז צוזאמען מיט דאווידקען און יאָשקען געגאנגען אין וואלד, געשווומען אין טײַך, זיך געבאלעוועט און געקערט וועלטן.

דער באָנדער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט שויעלן:

— נו, ברודער־לעבן, געפעלט דיר די שפּיל? שיקע קוקט צו, וואָס דײַן בענאָקל טוט אוף און עס ארט אים, ווי דעם פאראיאָריקן שניי. האלעווײַ זאָל איך ליגן זאָגן, איך האָב מוירע, אז מיט דײַן טאכשיט, מיט דאווידקען, וועסטו נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן. ער וואקסט בא דיר, ווי קראָפּעווע, און דו האָסט אים צו שטארק אָפּגעלאָזט די ווישקעס. עפּעס דאָס הארץ זאָגט מיר אונטער, אז ער וועט זיך צעפּאָלאָכען, וועט זײַן שלעכט, וועסט אים דאן ניט אײַנהאלטן.

און א טראכט געטאָן, האָט ער צוגעגעבן:

— בא דיר, שויעל, איז א גאנצע שטוב מיט קינדער, קיין אײַנהאָרע, קאָנסטו זיך פארגינען, איינער זאָל בא דיר קוקן אוליסי, דער צווייטער אוסטריסי. דײַן טאָכטער ליזען האָט עס אוועקגעטראָגן

פון דער שטוב עךגעץ דער רועך ווייסט וווהין, און זי פאָרט אַרום מיט איר קאָמאַנדיר, ווי אַ ציגײַנערטע, דאָס אין איין שטאָט, דאָס אין דער צווייטער. זיי וואַנדערן הײַנט אין איין גאַרניזאָן, מאָרגן אין אַ צווייטן — מע איז פאָרט ניט בא זיך אין די הענט. דײַן שיקען האָט פאַרטראָגן אין דער טײַגע, איצט ווייס איך ניט, וואָס פאַר אַ שפּיצל עס וועט דיר נאָך אָפּשפּילן דײַן דאַווידקע... נאָר וואָס זשע, דו האָסט כויץ זיי נאָך דרײַ מאַזיקים, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך פאַרמאָג אַ בעניאַכיד, יאַשקען, ווי איין אויג אין קאָפּ, און טאַמער טרעפט מיט אים עפּעס צוליב דײַן באַלטאַכלעס, וועל איך דאָך בלײַבן ווי אַפּן וואַסער...

שיקע האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און אונטערגעשמייכלט מיט זײַן כיינעוודיק־מאַמזערישן שמייכעלע:

— דאַווידקע און יאַשקעלע זײַנען טײַערע כעוורע. גאָלדענע ייִנגלעך... וואָס זשע, מע איז אַ קאַפּעלע ווילד, פאַרשײַט, וואָס זשע איז דער אומגליק? זאָגט מיר נאָר, ווער איז אין זייערע יאָרן געווען אַנדערש? זיי וועלן אײַנגיכן איבערבראַדיען און אַלץ וועט זײַן גוט און פײַן. איר געדענקט דען ניט, וואָס די שכיינים האָבן וועגן מיר גערעדט, ווען איך פלעג גאַנצע טעג אַרומלויפן מיט מײַנע טויבן? געווען אַ צײַט פאַר טויבן, איצט פאַרנעמט מען זיך מיט ערנסטע זאַכן. אַזוי גייט דאָס לעבן...

— דו, שיקע טײַערער, ביסט אַ ביסל גערעכט, נאָר ניט אינגאַנצן, — האָט געזאָגט דער באָנדער, — האַלעווײַ זאָל איך ליגן זאָגן, דאַווידקע וועט פאַרשאַפן דעם טאַטן און דער שטוב אײַערער גרויסע צאָרעס... עפּעס זאָגט מיר מײַן האַרץ אונטער, אַז עס וועט זײַן מיט אים ביטער און פינצטער. מירן לעבן, וועלן מיר זען...

סאָף פונעם ערשטן טייל

## 70 יאָר אָקטיאַבער
פון אונדזער ליטעראַטור־אוצער



„די ליד וועגן אָפּאַנאַסן“ איז געוווען איינס פון די פּאָפּולערסטע דיכטערישע ווערק אין די 30־ער יאָרן, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף צענדליקער שפּראַכן פון די סאָוועטישע פעלקער. דער אוטאָר פון דער יידישער איבערזעצונג איז יאַשע זעלדין, א שילער און פריינט פון דעם גרויסן רוסישן סאָוועטישן דיכטער עדואַרד באַגריצקי.

---

עדואַרד באַגריצקי

# די ליד וועגן אָפּאַנאַסן

1

איבער וועגן טויק־נאַסע,
איבער סטעפּ צעפּראָלטן
טראָגט מיט אימפּעט אָפּאַנאַסן
פון דעם שטעטל באַלטע.
שטעכלקעס די פיס אים רייסן,
סווישטשען פעלדער קאָרן,
און די שטערן זיי באַווייזן

אים א וועג א קלאָרן.
ווייזן אים א וועג א גלייכן
פון דער הייך די שטערן
צו די קאַלאַניסטן רייכע,
צו דער גרויסער פּערם.
אָפּאַנאַסע, אויף די שליאַכן
היט זיך און גיב אכטונג, —

זעסט, עס שוואַרצט זיך א פּאַפּאַכע
דאָרטן פון א וואַכמאַן.
ווײַזט אויס, אומריין דײַן געוויסן,
וואָס דו לויפסט פון באַלטע,
קלײַבסט זיך צו די קאַלאַניסטן,
און מאַכנאָ פאַרהאַלט דיך!
בא מאַכנאָ איז ביז די פּלייצעס
א געדיכטער קאַלטן.
— היי, פאַרשוין, פונוואַנען גייסט עס
און פון וועלכע קאַנטן?
ביסט צו מיר אַרײַנגעפאַלן
סטאַם אָדער אומיסטן?
— אײַ, באַטקאָ, איך לויף צו שטאַלן,
צו די קאַלאַניסטן.
אוי, עס גריזעט מיך א וויטיק,
א פאַרדראָס דאָ טראָג איך!
פון אַטריאַד געמאַכט די פּלייטע
פונעם ייִדן קאַגאַן...
איבער וועגן, דערפער זאַטע
ווי א וואָלף ער נישטערט
רוקט דעם שנוק אין רײַכע כאַטעס,
יעדער זאַך דערוויסט ער!
מיט אויגאַנעס קוקט ער איבער,
סאַפּענדיק פאַרצאַרנט:
— גראַבט אַרויסעט פון די גריבער
דעם פאַרשטעקטן קאָרן!
מאַכט ווער, ברודערקע, א טומל —
איז זײַן סאָף א וויסטער,
ער באַקומט א קויל אין גומען,
מיט דער נאָז אין מיסט־גרוב!
שוואַרצערד רינט שוין ווי א בלאָטע,
יורט מיט שוויס און בלוטיקט —
כ׳וויל מער מיט דער ביקס ניט פּאַכען,
כ׳וויל שוין צו דער סאָכע!
אוי, באַטקאָ, איך בעט דיך, ווײַז מיר,
ווו איז זי פאַרפאַלן

יענע פערם מיט די הײַזער
פונעם רײַכן שטאַלן?
— וועלכער שטאַליע, אַט דער געלער,
דער געפּאַקטער פאַרצעף,
אַז־אַ ליגט ער בא זײַן קעלער
מיט א קויל אין הארצן.
דיר זשע וועט מיט מײַנע אָדלערס
זײַן באַשערט זיך טראַגן.
ז׳רייסטו אויסעט די האַלאַבליעס,
וועט א קויל דיך שלאָגן!
גיט א פּוטער אַפּאַנאַסן,
שטאַטישע געוואַנטן.
טראַגט אים אונטער, אַפּאַנאַסן,
יונגן ווײַן פון ווײַן־טון!
שטײַפע שטיוול שלאָגט אים אונטער
מיט געשמידטן אײַזן,
גיט א היטל אים א בונטע,
באַמבעס און א מאַוזער!
מירן ווײַט מיט דיר א פּלייץ טאָן
איבער קאַנט און קאַנטן!... —
בא מאַכנאָ איז ביז די פּלייצעס
א געדיכטער קאַלטן...

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

אונדזער גוירל, אַפּאַנאַסע,
מיטן שווערד הײַנט מינעט —
הולײַפּאָליער באַנדעס ראַשן
איבער אוקראַינע.
אוקראַינע! מאַמע טרײַע!
סטעפּעס מײַנע בלאָע!
אַפּאַנאַסע, וועלכער פּײַער
טראַגט דיך צו מאַכנאָען?
אוקראַינע! מאַמע טרײַע!
קאָרן־פעלד צעבליטער!
פרײַער — זאַפּאַראָזשצעס פרײַע,
און אַצינד — באַנדיטן!

## 2

האָט פאַרציטערט הולײַפּאָל־ע
פון א טאַנץ א גרוילן —
אַפּאַנאַסעס פערד א ווילער
שפּרינגט אין סטעפּ אין הוילן.
און פאַרפּוצט איז אַפּאַנאַסע,
שײַנט ווי א קאַרטינע
אין א פרענטש ווי אויסגעגאָסן,
פון געוואַנטן דינע.
און א פּוטער א גראַמער,
בא דעם ראַנד פאַרבויגן —
פון א טויטן ראַוו בא האַמעל
אים אראָפּגעצויגן.
אונטער פּוטערדיקע פּוכן
הייסע שווייסן רינען,

א געגרײַזלטע פּאַפּאַכע
זיצט אַף דער טשופּרינע.
אין די הענט — א שטײַפע פּאַכעט
פּײַפיק א נאַהײַקע
מיט א דראָט א דורכגעפלאָכטן
און געפילט מיט בלײַקעס.
אַף א קייט פון א קאַדילע
הענגט בא אים א שפּײַער.
טראַגט ער זיך אַזוי א דולער
איבער סטעפּעס פרײַע.
ס׳איז דײַן מאַזל אַפּאַנאַסע,
אין טומאַן אין גראָען, —
ווילסט די ערד מיט שוויס באַוואַשן,
טראַגט דיך צו מאַכנאָען!

איבער וועגן קלאָרע פּליסטו
ווי א בייזער שפּאַרבער —
יידן שלאָגן, קאָמוניסטן
איז א גרינגע אַרבעט!
און מאַכנאָ ווי פון טומאַנען
פליט ער אײַליק אָנעט,

3

ברויט צונויפגעזאמלט ווייניק,
סקריפּעט ניט דער וואָגן.
באַ א קאַרנבּרויט מיט האָניק
זיצט אין כאַטע קאַגאַן.
צווישן פּויערים דאָרט זיצט ער
מילך פון קרוג ער כליאַבּעט,
מיט דיבורים באַלשעוויצקע
איז ער זיי מעכאַבּעד.
— ענטפערט מיר אָן הינטערוועגן,
קוקט מיר גלײַך אין פּאָנעם:
וויפל דאָ אין אײַער געגנט
קאַכן סאַמאַהאָנע?
צי וועט האַיאַר זריע סטײַען?
צי די שאָף זי פּאַלט ניט?
און ווי האַלט עס מיטן שטײַער,
ווער האָט ברויט באַהאַלטן? —
און דערווײַלע אַף די שליאַכן
שליאַנדערן מאַכנאָוועס...
פערד אַף אויסגעווייכטע פלאַכן
מיט די טלאָען טאַפּטשען...
אַפּאַנאַסע בייגט זיך אָנעט,
מיט א בליק א קלאָרן:
ער באַקוקט פון אונטער דלאָניע
ווי עס וואַקסט דער קאָרן.
האַלבנאַכט סטעפּישע עס נידערט
אַף דער קריגער־מאַכנע,
בלויז מיט קאַנעצלעך עס גליט דאָרט
ווײַט א דאָרף א רײַכער,
אין די הויפן העגער קרייען,
בילן קלאָווים היטער...

4

טאַפּאָלן א גרויע סטײַע,
לופט מיט טאַפּאָל כליגעט...
אוקראַינע! ליד מײַן פרײַע!
מאַמע אוקראַינע!
איבער דײַנע סטעפּעס לויערט
אום דער וואָלף דער גרויער,
אַף דײַן אַקער־פעלד עס הויערט
קראַקענדיק די קראָע.

מאַנאַסטירער שאַראַבאַנען
אונטער שווארצע פּאַנען.
קרעכצעט, קרעכצעט הולײַפּאָליע
פון א טאַנץ א גרוילן, —
אַפּאַנאַסעס פערד א ווילער
שפּרינגט אין סטעפּ אין הוילן.

זײַנען פּאַדערשטיקע רייען
שטיל אַרײַנגעריטן.
זײַנען שטיל אַרײַנגעריטן
פּאַדערשטיקע רייען
און די סנאָפּעס אויסגעשניטן
קאַגאַנס פּראָד־אַרמייער.
בילט זשע, רײַסט זיך אַף די קייטן,
כוטער־הינט אין בײַדלעך.
יאָסיף קאַגאַנען דער טויט וועט
איצטער ניט פאַרמײַדן.
ווי אין קאָרן־פעלד א פויגל
האָט מען אים געפאַנגען,
העגט אַף הינטער אים פאַרצויגן
מיט די שטריק ווי צוואַנגען.
מע האָט אים געפירט דורך וועגן
סטעפּיקע און גראָע,
האָבן זיך אין וועג באַגעגנט
קאַגאַן מיט מאַכנאָען.
בייגט זיך אָן מאַכנאָ אין זאָטל,
טוט א קוק א שטרענגן,
טוט בלויז מיטן קאָפּ א שאָקל,
רעדט קיין וואָרט מיט קיינעם.
אוי, דײַן לעצטע שאָ געשלאָגן
האָט שוין, יאָסיף קאַגאַן,
אויב אַף אַפּאַנאַסעס וועגן
האָט דיך אַנגעטראָגן.
אַפּאַנאַס, ער שטעלט דעם פוס אויס,
ער שטאָלבירט און פרייט זיך.
כאַוואַער קאַגאַן, מײַן גערוס אײַך,
אַף א באַד הײַנט גרייט זיך.

זון גייט אויף אַף סטעפּ אַף גראָען,
קריגעריש נעמט טאָגן.
אַפּן וועג איצט שטייען נאָענט
אַפּאַנאַס און קאַגאַן.
קנוילן רויכיקע זיך טראָגן,
ליגט די ערד אין בראַנד־היץ:
קאָמיסאַר — דער כאַוואַער קאַגאַן
טוט אויס זײַנע טראַנטעס...

האָט זיך אױף זײַן לײַב זײַן ווײַסן
יונגע זון צעגאָסן...
— נעם די קליידער, אַפֿאַנאַסע,
איידער סט'מיך דערשאָסן.
כ'זשאַלעווע ניט די פּאָר הויזן,
קענסט זיך מיט זיי פּרייען,
פּאָרט אין מײַן אָטריאַד געוועזן
ביסט אַ פּראָד־אַרמייער!..
הענגט אַ זון אַ קריגערישע,
הייסע ווינטן וואָיען,
וואָיעט דערווינט דורך קוקורוזע
אַפֿאַנאַסן אין אויער:
— פֿלעגסט דאָך גיין מיט דײַנע רינדער
אַקערן די ערד דאָ,
וואָס זשע שטייסטו דאָ אַצינדערט
ווי אַ בייזער מערדער?
און אין טאַנץ פֿאַרדרייט אין ראַשן
גאָרע געגנט טײַנעט:
— אַפֿאַנאַסע, אַפֿאַנאַסע,
טאַליען, בייזער טאַליען!..
סטעפּ־אָדלער אין הייך זיך טראָגן
פֿון געשריי פֿאַרכלינעט:
— מיט אַנטוואָפּנטע זיך שלאָגן
ז'אַ געמיינער איניען! —
שרײַען טײַכן, בוג און דניעסטער
שוימען און זיי כוואַליען,
שרײַען כײַעס,ביימער, גרעזער:
טאַליען, בייזער טאַליען!..
אַפֿאַנאַסען אין די אויגן
קוק ניט, זון דו רויטע,
ווי פֿון בראַנפֿן וואָלט אים נאָגן
און ער וויל ניט טויטן...
אַזאַ הייסער שווייס באַנעצט אים,
מידיקייַט באַפֿאַלט אים,
טאַפּט ער אָן אין ביקס די לעצטע
דרײַ פּאַטראָנעס קאַלטע.

בלוט פֿאַרגיסן שוין דערעסן
איז דעם מענטש פֿון אַקער.
— לויף זשע, לויף אין קוקורוזע,
שיסן כ'וועל אין נאַקן!
כ'וועל דיך מיטן שאָס ניט לייגן,
כ'לאָז דיך לעבן, הוליע!..
שמייכלט קאָגאַן מיט די אויגן,
ווישט ער די שפּאַקולן.
— ציל זיך בעסער, אַפֿאַנאַסע,
אױף דער ביקס גיב אַכטונג,
פֿאַר אַ קאָמוניסט עס פּאַסט ניט
לויפֿן ווי אַ יאַגד־הונט!
וואַרף איך זיך פֿאַרויס — אין נעפּל
לויערן דאָרט טײַכן,
לינקס — די וואַכלײַט, און דערנעבן —
כוטער־דײַטשן רײַכע!
איז שוין בעסער, אַז איך פֿאַל שוין
פֿון דײַן קויל דײַן פֿאַלשער!..

שטילקײַט אינעם סטעפּ צעברעכט זיך
פֿון אַ שאָס אַ הייסן,
טוט ער, קאָגאַן, בלויז אַ קרעכצע,
טוט ער זיך אַ טרייסל.
לאַנגזאַם לאָזט ער זיך אַרונטער
אױף אַ זײַט פֿאַרבויגן...
פֿונעם בליי פֿאַרבאַקט זיך צונטער
בלוט אים אױף די אויגן.
פֿונעם ווײַטן סטעפּ געטראָגן
שטויב האָט אױף די וועגן,
מיט דער נאָז אין שטויב איז קאָגאַן
אױפֿן וועג געלעגן.
הינטער גלעזלעך פֿון שפּאַקולן
קאַלט איז שוין און פּוסט איז,
ליגט ער צו דער ערד געטוליעט
אַפֿאַנאַס צופֿוסנס.

## 5

באַ די ברעגן באַ די ברייטע,
וווּ דער דניעסטער טראָגט זיך,
רופֿט צונויף די רויטע רײַטער
קאָמאַנדיר קאָטאָווסקי.
מיט זײַן קאָמאַנדירסקן קוק
ער נעמט אַרום די טאָלן,
און זײַן פֿערד, ער גלאַנצט ווי צוקער,
גראָבט די ערד מיט טלאָען.
פּרוּווט די ערד מיט פּיס מיט שלאַנקע,
מונטערט זיך און רײַסט זיך,
גריזעט בייז די צוים די בלאַנקע,
שפּריצט מיט שוים מיט ווײַסן.
אױף זײַן רוף עס פֿליִען אָנעט
אין דעם פֿרי דעם ריינעם

רויטע רײַטער־עסקאַדראָנען
פֿון פּאָפּאָווער פֿליינען...
שווערדן, שפּיזן בלאַנקען, בליצן,
די שינעלן נײַע, —
אויסגעשטאַט מיט אַמוניציע
ווי פֿאַר ניקאָלײַען.
צורעס גלאַטע פֿון געקעכטסן,
און דער טראָט פֿאַרשײַט איז,
אַזש די ערד די שוואַרצע קרעכצעט
אונטער זייער רײַטן...
דעמפֿן זיך די פֿערד און גלאַנצן,
זייפֿן זיך אין שווייסן:
נאָך מאַכנאָ אַ וואָך אַ גאַנצע
גייט אַ יאַגד אַ הייסע.

. - - - - - - - - - -

אַף די פעלדער די צעבליטע
ניט קיין קאָרן הוידעט,
דאָס באהאלטן די באנדיטן
אין טשומאצקע בוידן.
אין ראַגאַזשע־בויד אין גראָער,
בא א שנאפּס א רעכטן,
פירט בונטשוזשנע מיט מאכנאָען
א געשפּרעך אַן עכטן:
— מע באדארף די באָלשעוויקעס
אָנגעבן א שלאכט הײַנט,
דארף מען אויסשפּירער צעשיקן,
אויסשטעלן די וואכלײַט.
צו די פאָלקן גיי ארויסעט,
גיב פאר זיי א דריי זיך,
מיט דײַן קלוגשאפט מיט דײַן גרויסער
מונטער אוף, דערפריי זיי!.. —

אז מאכנאָ גיט עס א בראזגע
מיטן פויסט אין טישל,
אז מאכנאָ גיט עס א טראסקע
מיטן קרומען פּיסל:
— גיב ארויסעט פאר דער שלאכט הײַנט
פעט און זאט צום פרעסן,
זעץ ארויסעט פאר דער שלאכט הײַנט
דעקן פון די פעסער.
אזש די הענט זאָלן זיך בלוטן
אַף די קוילנווארפערס,
זאָלן כלאָפּצעס אונטער היטלען
אויסזען ווי די שפּארבערס.
זאָל מיט פולווער־רויך פארשטריקן
דעם טײַך דעם דניעסטער,
זאָל קאָטאָווסקי זיך דערשטיקן
פון פארדראָס דעם גרעסטן!..

6

האָבן דלאָניעס זיך גענומען
פאר די קרומע שווערדן,
מיט א כראָפּען, מיט א ברומען
פליִען שוין די פערד אָן,
שפּרייטן זיי, די פערד, און יאָגן
איבער ערד די בײַכער,
איבער די טשומאצקע וואָגנס,
איבער גריבער, טײַכן.
ניט קיין סטעפּ־אָדלער עס טראָגט זיך
מיט צעשפּרייטע פליגל,
אַף זײַן פערד דאָס פליט קאָטאָווסקי
פאר די רויטע קריגער.
אין זײַן האנט די שווערד צעגליט איז
פון א קראפט א שטארקער,
און פארוקט זײַן רויטע היטל
אַף ראזירטן קארק איז.
טרייסלען זיך צום טאקט די אקסלען
אינעם גלאטן זאָטל,
פלוצלינג איז ארויסגעוואקסן — — — —
אָפּאנאס פון שאָטן.
— פלי זשע אָן, מײַן פערד מײַן ווילער,
טראָג אפּן קאָמבריג אָן,
מיט דער שווערד צי מיט א קויל איצט
לאָמיר אים דאָ קריגן!.. —
אָנגעפלויגן, זיך צעשטויסן,
ווידער זיך דערנעענטערט,
און עס האָט א שטרײַט א הייסער
אינעם סטעפּ צעברענט זיך.
ווילדע פערד די צוימען גריזען
היציקע, צערייצטע,
האָבן שווערדן קרומע ריזלען
בליצנדיק פארקרייצט זיך.
באם קאָמבריג אין ברוסט געבליטן
קריגערישע קאָכן,
אָפּאנאסעס שווערד צעשפּליטערט
האָט ער מיט איין פאָכע.
זיצט ער שטאָלץ אזוי און מונטער
אינעם גלאטן זאָטל,
ער ווארפט אָפּ די שווערד אהינטער,
מיט די אויגן דראָט ער:
— דיך צעבראָקן האָט קיין צורע,
ס'איז קיין קונץ קיין גרויסער
דו באווײַז אצינד דײַן גוורע
אַף די גאָלע פויסטן, —
באם קאָמבריג א פויסט א פעסטער,
יאָדערדיק און טרוקן,
אז ער גיט עס א פארמעסט זיך
און א טונק אין שנוק אים!..
— — — — — — — — —
טוט זיך אָפּאנאס א קולע,
פונעם טראסק א דולער
און פארכלינעט זיך, פארדרייט זיך,
פאלט ער אַף די פלייצעס.
הענט און פיס זײַנען צעוואָרפן,
בלוי אַן אויג פארלאָפן,
פון די ציינער די פארקריצטע
רינען רויטע ריטשקעס.
אונדזער גוירל, אָפּאנאסע,
מיטן ווינט צעווייט איז,
אָפּגעהוליעט, אָפּגעראשט שוין,
ווארט אַף דיר דער סוף איצט.

באַלטע איז א טײַער שטעטל,
באַלטע ז'מיר צום הארצן:
ווי איז נאָך אזעלכע עפּל
און אזעלכע קארשן?
מיט ארבוזן און מיט טרויבן
אירע מאַרק־טעג קלינגען,
איבער דעכער — בונטע טויבן
יאָגן אום די ייִנגלעך.
אַפּאַנאַסע, האָסט געטראַכט וועז,
האָסט אַמאָל געכאַלעמט.
דו זאָלסט דאַרפן איבער טראַקטן
איבער מאַלאַכאַלנע
שלעפּן זיך, א שטרענג באַוואַכטער,
דורכן שטעטל באַלטע.
איבער געסעלעך פּאַרטראַכטע,
פּאַרבײַ ביימער אַלטע;
און אַז ווײַבער דיך באַגלייטן
וועלן בא די שטיבער
מיט א נאַגנדיקן וויטיק
און מיט בליקן טריבע;
און באַם שטאַב דאָרטן א וועכטער
וועט דיך א צערייצטער
מיט א ביקס א בוכץ א רעכטן
געבן דיר אין פּלייצע...
אוי, טשומאַקישע איר ברייטן —
ביטער דער פּאַרלוסט איז!..
שטרענגע וואַכלײַט איצט באַגלייטן
אַפּאַנאַסען פּוסטריט.
קאַרידאָרן, קאַרידאָרן,
טויבע טירן שווערע,
וואַכלײַט מיט געווער באַוואָרנט
פירן צום פאַרהער אים.
און דער אויספאָרשער פון שטאַב דאָרט
האָט אַן אַלטן שפּיצל —
אים מיט א ציגאַר מעכאַבעד,
גיט א שטול צום זיצן:
— בירגער, — זאָגט ער צו אים איידל, —
כ'בעט נאָר עמעס ריידן:
וויפל צײַט האָסט איר געוואַנדערט
מיט מאַכנאָ אין באַנדע,
וויפל פערד בא אים פאַראַנען,
וויפל שווערדן ציילט ער,

## 7

קוילנוואָרפערס, שאַראַבאַנען,
אויספירלעך דערציילט מיר.
ווו באַהאַלט ער אויס זײַן באַזע
מיט זײַן רויב־פאַרמעגן,
ווער האַלט אויסעט מיט פוראַזש אים,
וועלכער דאָרף אין געגנט.
איר האָט דאָך מיט אים געוואַנדערט,
מוז אײַך דאָך באַקאַנט זײַן,
ווו עס שליאַנדערט איצט זײַן באַנדע,
איבער וועלכע קאַנטן?
— וואָס געוווּסט און וואָס איך ווייס איצט:
פערד און שווערד און לייצעס!
ניט מיט ווערטער צו דערציילן,
ווי דער סטעפּ געצײַטערט
האָט אַף ווײַט־צעוויגטע מײַלן
אונטער טלאָ צעגליטע
אזש א היץ ארומגעכאַפּט האָט
און צעפלאַמט דעם הימל,
אונטער אונדז האָט זיך געצאַפּלט,
מאַמע אוקראַיִנע.
אונדזער רעדערדיקן דונער,
אונדזער פּלי דעם הייסן
פאַרגעדענקען לאַנג וועט דובנע,
זשיטאָמיר און הײַסין.
ער, פּאַרשײַטקײַט האָט געטרעשטשעט
גאָט אין הארץ, אין מאָגן,
איינס נאָר וועל איך ניט פאַרגעסן:
ווי געשטאָרבן ז'קאָגאַן.
וועלן מיך די פיס ניט טראָגן
מער אַף שליאַכן ברייטע,
אויב נאָר אויסגעצויגן קאָגאַן
ליגט אַף זיי א טויטער...
האָרך זשע, שטאַב־מאַן, איצט מיט קאָפּ אויס,
טינט און פּעדער קארג ניט,
מיט דער זעלבער האַנט איך האָב עס
קאָגאַנען דערהארגעט.
טאָ פאַרפאַל זשע, הוליַפּאָליע,
יונגער גרינער קאַרן!..
— — — — — —
אַפּאַנאַס, מיט דיר האַלט שמאָל איצט,
ווײַ צו דײַנע יאָרן!..

## 8

אַפּאַנאַסע, דרייסטער גיי זשע,
מאַך א פײַנעם אויסזען,
וועסט ניט היקען מער, ניט שפּרינגען,
מיט דער שפּאָר ניט קלינגען.
מיט די שוואַכע פינגער שווער איז
פּעכטן מיט דער שווערד איצט,
מיט דער נאַכט הײַנט קומט דײַן עק אָן,
קענסט מיט גאַרניט דעקן!
ס'איז דײַן וועג איצט א באַפרײַטער
ביז דער שוועל, ניט ווײַטער.
נאַכט א טרוקענע א הייסע,
און אין שטאָל איז כוישעך.

צאנקט א לעמפּל אונטער דעכל,
היי, דעם קאָפּ האלט העכער!..
און אנטקעגן קומט פון שוועל אָן
קאָגאן דער געטייטער,
באקן וואקסענע און געלע,
גלאט פארקעמט דער שייטל.
— אַפאנאסע, פרייַנט געערטער.

דייַנע אָרעמס עפן,
אַט ווו עס איז הייַנט באשערט אונדז
נאָכאמאָל זיך טרעפן.
און מיט טויטע ליפּן בלייכע,
שטרענג אזוי ער שמייכלט:
— אַפאנאסע, פרייַנט געשעצטער,
די נאכט איז דייַן לעצטע...

## עפּילאָג

אַפ די פעלדער דייַנע גרינע,
מאמע אוקראַינע,
האָבן רוישיק אָפּגעצאַרנט
קריגערישע יאָרן...
אָפּגעצאָרנט, אָפּגערודערט
אונטער הימלען ריינע,
און איך ווייס ניט, ווו עס רוט דאָרטי
אַפאנאסעס ביינער:
צי אונטער אַן עלנט קוסטל
צי אין פעלד אין פוסטן...
בלויער דניעסטער שרייַט אַין שלאָגט זיך
אין די גרינע ברעגן.
פון קאָטאָווסקיס קייווער טראָגט זיך
רום אַף גאָרער געגנט.
אין די סטעפּעס אין די ריינע,
ניט קיין באנדעס פאָרן,
איבער ווייַס־צעגליטע ביינער
בליט איצט יונגער קאָרן.
וועט אמאָל א רויטארמייער,
פאָרנדיק אין אורלויב,
פונעם שליאַך אין סטעפּ פארדרייען,
אָפּשטעלן דאָס פורל
און דערזען, א שטיין אין וועג ליגט
אויסגעווייַסט פון רעגן,

וועט ער זיך צו אים פארבויגן,
נעמען אַף דער דלאָניע,
און מיט יונגע בלויע אויגן
וועט ער באלד דערקאָנען:
ס׳איז א שארבן, דורכגעבויערט
מיט א קויל אין מויעך.
וועט א טויטע קאלטע סקרוכע
אַפּ זייַן לייַב אדורכעט,
און צוריק אין גראָז אין קאלטן
וועט ער אים באהאלטן:
— האָסט דעם טויט באגעגנט ערלעך —
וועט ער זאָגן ערנסט,
גלייַך דער שארבן אָט דער העלער
וואָלט זייַן וואָרט דערהערן.
און צוריק זיך לאָזן פאָרן
דורכן יונגן קאָרן,
דורך דער יונגער אוקראַינע,
צו זייַן דאָרף זייַן גרינעם.

— — — — — — — — — — —

איך וואָלט אויך זיך ווינטשן פאלן
בא פאַפּאָווער לאָגע
אזוי רומפול, ווי געפאלן
דאָרט איז יאָסיף קאָגאן!..

טעוויעגען

# צעשיידונג און באַגעגעניש

## פאַרשטעלונג אין פינף עפּיזאָדן

אַנטיילנעמער:

לעוו באַריסאָוויטש כאַנין
פאַלינע יאַקאָוולעוונע, זײַן פרוי
וואָלאָדיע, איר זון פונעם ערשטן מאַן
העניע, לעוו באַריסאָוויטשעס שוועסטער
האַרי, לעוו באַריסאָוויטשעס ברודער
מיכל פּרילוצקי
איטע, מיכלס פרוי

ליזע, זייער טאָכטער
אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש רײַסקי
ביקאָלײַ אָסקאָלצעוו
וואַכטאַנג גאַבערידזע
יאַשע קליינערמאַן
מאַניקע
ליובאַרסקי

### ערשטער עפּיזאָד

ליובאַרסקי (אַף דער וואָנסטענע באַם פאַרמאַכטן פּאַרהאַנג): שאָלעם־אַלייכעם און אַ גוטן אָוונט אײַך, ליבע צושויער, לאָמיר זײַן באַקאַנט. איך בין אַ זשורנאַליסט. מע רופט מיך ליובאַרסקי מענדל זאַכאַראָוויטש. איר זײַט געקומען פּונקט צו דער צײַט, ווען בײַ מײַן אַלטן באַקאַנטן לעוו באַריסאָוויטש כאַנינען פּראַוועט מען כאַנוקאַס־האַבאַיִס, ער האָט געקראָגן אין אַ נײַ הויז אַ דרײַצימערדיקע דירע. איז לאָמיר זיך מעסאַמייעך זײַן צוזאַמען מיט אים. איר הערט, ווי מע זינגט שוין דאָרטן און מע פּליעסקעט, די סימכע איז אין רעכטן ברען, אין קולמינאַציע.

ס׳עפנט זיך דער פּאָרהאַנג

א צימער מיט בלאַנקענדיקע טאַפּעטן אַף די ווענט. אַ פינפהאָרנדיקע ליוסטרע הענגט אַראָפּ פון דער סטעליע. דאָס מעבל בײַ די ווענט — אַ סערוואַנט, אַ דיוואַן, צוויי ביכער־שאַפעס. לענגויס דעם צימער אַ געדעקטער טיש, בײַ וועלכן עס זיצן אָסקאָלצעוו, גאַבערידזע, קליינערמאַן, מאַניקע, מיכל, איטע, וואָלאָדיע, ליזע. פּאַלינע יאַקאָוולעוונע טראָגט אונטער אַף אַ טאַץ געבעקס צום טיש.

ליובאַרסקי: איר האָט דאָ קימאַט אַלע אַנטיילנעמער פון אונדזער פאַרשטעלונג, נאָר דער הויפּט־באַלסימכע איז ניטאָ. מע האָט אים עקסטרע אַרויסגערופן אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. ער וועט אינגיכן קומען. דערלויבט דערווײַל אײַך פאָרצושטעלן די, וואָס זײַנען דאָ. פּאַלינע יאַקאָוולעוונע כאַנינע, לעוו באַריסאָוויטשעס באַשערטע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, זי איז אַ דאָקטער־טעראַפּעווט און, ווי איר זעט, ניט קיין שלעכטע באַלעבאָסטע. די מײַכאָלים אַפן טיש, כוץ די, וואָס זײַנען אײַנגעקויפט אין מאַגאַזין „קולינאַריע", האָט זי אַליין צוגעגרייט.

איטע: אַלץ איז טאַם גאַניידן, ס׳צעגייט זיך אין מויל.

ליובאַרסקי (ווײַזט אַף איטען): איטע, פּאַלינע יאַקאָוולעוונעס שכיינע.

איטע: קיין בעסערע שכיינע ווינטש איך זיך ניט. איך האָב איצט אַן אייגענעם טעראַפּעווט אין שטוב, אין מײַן פּאַדיעזד. מע קאָן אַרײַנגיין אָן אַן אָטשערעד, ס׳איז ניט אין פּאָליקליניק, ווו מע מוז האָבן אַ טאַלאָנטשיק. (צו מיכלען): עקסעלע, כ׳מיין, מיכל, וואָס שוויַיגסטו, מע וועט דאָך מיינען, אַז דו האָסט ניט קיין גאָלאָס.



די רעדאקציע און די רעדקאָלע־גיע פון „סאָוועטיש היימלאנד” באגריסן האַרציק דעם שרײַבער טעוויע גען מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

---

מיכל: ס'איז גענוג, וואָס דו האָסט נײַן מאָס רייד.

איטע: כ'וועל נאָך מיט דיר א רעד טאָן אין שטוב!

ליובארסקי (ווײַזט אף מיכלען): איטעס מאַן. ער איז אף פּענסיע, נאָר אויב איר דאַרפט א פֿײַן היטעלע, א שיין קאַשקעטעלע, וואָס איר וועט ניט געפינען אין א מאַגאַזין, וועט עס אײַך מאכן דער אַלטער קירזשנער מיכל פּרילוצקי.

ליובארסקי (ווײַזט אף וואָלאָדיען און ליזען): דאָס ייִנגסטע פּאָרל בא אונדזער טיש. לעוו באָריסאָוויטשעס און פּאָלינע יאקאָוולעוונעס זון וואָלאָדיע, און איטעס און מיכלס טאָכטער ליזע.

איטע (צו וואָלאָדיען): וואָלאָדיעטשקע, זײַ מעכאבעד ליזאָטשקען מיט א שאָקאָלאַדנע קאָנפעט.

וואָלאָדיע טראָגט צו צו ליזעס מויל א קאָנפעט.

איטע (צו ליזען): נעם, נעם, ס'איז „קאראקום”.

ליובארסקי: איצט וועל איך אײַך פאָרשטעלן די געסט פון דער לאַבאָראַטאָריע „אומופּ־הערלעכער שטראָם”: עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער ניקאָלײַ אָסקאָלצעוו; עלטערער וויסנ־שאפטלעכער מיטארבעטער וואכטאנג גאָבערידזע; ייִנגערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער יאשע קליינערמאַן, כוץ דעם איז יאשע קליינערמאַן א פּאָעט.

קליינערמאַן. כ'וועל אײַך דערנאָך לייענען מײַנע לידער, וועט איר זען, אז אָט דעם נאָמען האָב איך ערלעך פאַרדינט.

ליובארסקי: ס'איז מיר נאָר געבליבן דער גרויסער פאַרגעניגן פאָרצושטעלן די סעקרע־טאַרשע פון דער לאַבאָראַטאָריע — מאָניקען.

קליינערמאַן: לעקאָוועד מאָניקען האָב איך מיט א פּאָר כאדאָשים צוריק צום אכטן מאַרט פאַרפּראַגראַמירט א ליד, ווו יעדעס וואָרט הייבט זיך אָן מיטן בוכשטאַב „מ”, און אונדזער אינסטי־טוטישע עלעקטראָנישע רעכנמאשין האָט ארויסגעגעבן אזא שעדעוור:

## מאַניקע — מימאַזע

(מאַרט־מיניאַטיור)

מימאַזעס מאַרשרוט — מאַצעסטע—מאָסקווע.
מענגעס מאַנצבלען מיט מימאַזעס.
מימאַזעס — מײַן מילדער מאַניקען,
מאַנומענטן מימאַזישע — מאַניקען!

א י ט ע. וואַלאַדיענקע, ליזאַטשקע, וואָס זיצט איר? כאַפּט א טאַנץ און איך מיט דיר, עקסעלע, כ׳מיין מיכל, לאָמיר אויך... (וואַלאַדיע און ליזע, איטע און מיכל טאַנצן.)

ס׳קומט אַרײַן כאַנין. ס׳ווערט שטיל.

ל י ו ב א ר ס ק י: טוט נאָר א קוק, ווי ער שײַנט, מיסטאמע, א גוטע נײַס געבראַכט. נו, מער אין מײַנע קאָמענטאַרן נייטיקט מען זיך ניט, ס׳איז געקומען דער באַלעבאָס און ער אליין וועט אַלץ דערקלערן און דערציילן (ליובארסקי זעצט זיך אויך אוועק באַם טיש.)

כ א נ י ן: מײַנע ליבע פרײַנט, ס׳איז מיר גוט אַפן האַרצן, ווי קיינמאָל ניט.

מ אַ נ י ק ע: אוודע, לעוו באַריסאָוויטש. אזא שיינע נײַע דירע.

כ א נ י ן: די דירע איז זייער א גוטע, נאָר מע לייגט פאַר נאָך א בעסערע.

א ל ע: וואָס הייסט?

א י ט ע: און די איז שלעכט? אַף אַלע מײַנע גוטע־פרײַנט געזאָגט געוואָרן.

מ י כ ל: עס איז פאַראַן א שפּריכוואָרט: איבערקלײַבן זיך איין מאָל פון איין דירע אין א צווייטער איז געגליכן צו איין סרייפע; איבערקלײַבן זיך צוויי מאָל — איז ווי צוויי סרייפעס.

כ א נ י ן: ס׳וועט זײַן א פײַער א גרעסערער פון איטעווידער סרייפע. לאָמיר, מײַנע פרײַנט, אויפהייבן א טאָסט פאַר אונדזער קומענדיקן שמעלץ־אויוון, וואָס וועט זיך אָנצינדן אין סיביר.

אלע (פאַרוואונדערט): אין סיביר?

כ א נ י ן: אונדזער לאַבאָראַטאָריע „אומופהערלעכער שטראָם" וועט זיך איבערבאַזירן קיין נאָוואָסיבירסק. די אויספאָרשונגען וועלן מיר דורכפירן אין קאָנטאַקט מיטן סיבירער פיליאַל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

אָ ס ק אַ ל צ ע ו: וועמענס פאָרשלאָג איז דאָס?

כ א נ י ן: ס׳איז דער פאָרשלאָג פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און איך נעם אים אָן מיט בײדע הענט. אין סיבירער אַקאַדעם־שטעטל זײַנען שוין איבערגעפאָרן גרויסע וויסנשאַפטלעכע קאָלעקטיוון, איך גלייב, אַז אונדזער קאָלעקטיוו, יעדנפאַלס, די מערהײַט מיטאַרבעטער פון דער לאַבאָראַטאָריע, וועלן מאַסקים זײַן איבערצופאָרן. דעם עקספּערימענטאַלן שמעלץ־אויוון וועלן מיר בויען אַפן מעטאַלורגישן זאַוואָד אינדערנאָענט פון אַקאַדעם־שטעטל.

ס׳קומט אַרײַן רײַסקי.

ר ײַ ס ק י: א גוטן־אָוונט אַלעמען. כ׳בין דורכגעגאַנגען פאַרבײַ און כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז מײַן אַלטער ליבער קאָלעגע האָט געקראָגן א נײַע דירע. איך בין העכסט צופרידן. איך באַגריס אײַך.

פ אַ ל י נ ע י אַ ק אָ װ ל ע װ נ ע (צו רײַסקין): ביטע, זעצט זיך און זײַט זיך מעכאַבעד.

כ א נ י ן: א צײַט האָבן מיר זיך ניט געזען. וואָס הערט זיך, אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש?

ר ײַ ס ק י: בא מיר איז אַלץ אין אָרדענונג, לעוו באַריסאָוויטש. און בא אײַך?

כ א נ י ן: בא מיר איז אויסגעצייכנט. איך האָב זיך דערמאָנט, מײַנע פרײַנט, א קאָמישן עפּיזאָד.

ל י ו ב א ר ס ק י: דערצייל, דערצייל, וועל איך האָב וועגן וואָס צו שרײַבן.

כ א נ י ן: הערט זשע, מיט יאָרן צוריק, אין איינעם אַן אָנהייב־פרילינגדיקן אָוונט, איז אין מאָסקווער „וועטשאָרקע" אָפּגעדרוקט געווען א מעלדונג, אַז אין אזא און אזא טאָג, אין אזא און אזא אַאודיטאָריע פון אזא און אזא אינסטיטוט וועט ל. ב. כאַנין פאַרטיידיקן זײַן דיסערטאַציע אַף דער טעמע: „מינימאַלע און אָפּטימאַלע רעזשימען פון שמעלץ־אויוונס". געווען בין איך שוין דאַן ניט אזוי יונג און נאָך אַלץ אזא ווי כ׳בין געקומען פון דער מילכאָמע — א מענטש אָן א מישפּאָכע, אָן קינד און רינד. איבער דער דיסערטאַציע האָב איך געאַרבעט אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן. איך בין געווען פאַרטאָן אין מײַנע עקספּערימענטן, אין די טאַבעלעס און סכעמעס, און כ׳האָב דאַן ניט געדאַרפט זיך זאָרגן, ווו אַהינטאָן די לאַנגע איינזאַמע אָוונטן. ווי געוויינלעך אַף אַן אָרדינאַרער פאַרטיידיקונג, האָט זיך צוזאַמענגעקליבן א גאַנץ קנאַפּער עולעם. די ווײַטסטע באַנק האָט פאַרנומען אַן אומבאַקאַנטע יונגע פרוי, אין א געשטריקט קאַפּטל, קאַווע־קאָליר.

פ אַ ל י נ ע י אַ ק אָ װ ל ע װ נ ע: זעט נאָר, ווי ער האָט פאַרגעדענקט דעם קאָליר פונעם קאַפּטל, וואָס איך האָב דעמלט געטראָגן.

**כאַנין:** קיין קרוויווע מײַנע איז זי ניט געווען, קיין באַקאַנטע אויך ניט, צווישן די אַספּיראַנטן און סטודענטן — קיינמאָל ניט געזען. פֿונוואַנען האָט זי זיך גענומען אַף מײַן דיסערטאַציע, וואָס גייען איר אָן, וואָס קאָנען איר אָנגיין מײַנע טערמאָ־אָפּטימיזאַציעס, מינימיזאַציעס? מײַן דײַגע! כ׳האָב ניט געקוקט אין איר זײַט, נאָר איר אויפֿמערקזאַמען בליק האָב איך געפֿילט, דערנאָך האָב איך בײַ איר געפֿרעגט, וואָס האָט זי געשטויסן בײַצוזײַן אַף מײַן דיסערטאַציע? האָט זי געענטפֿערט: — זי איז געגאַנגען איבער דער קאַלוזשסקער גאַס, און עס איז געווען אַ קאַלטער טאָג, אַ ווינט און אַ שניי, ווי עס טרעפֿט אין אָנהייב פֿרילינג, אַפֿן טויער פֿונעם באַרג־אינסטיטוט האָט זי דערזען אַ מעלדונג, אַז עמעצער פֿאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע, איז זי אַרײַנגעגאַנגען זיצן אַ ביסל אין דער וואַרעם, אַזוי ווי מע כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ שלעכטן וועטער אין קינאָ אָדער אין אַ געריכט־זאַל.

**איטע:** (אַרײַנגעקומען אַף אַ ווײַלע זיך אָנוואַרעמען און אָנגעוואַרעמט זיך אַפֿן גאַנצן לעבן. ניט אַזוי ווי אַנדערע ווײַבער בײַ זייערע מענער. (צו מיכלען, שטיל): שטורכע מיך ניט מיטן עלנבויגן, כ׳מיין ניט דיך!

**ליזע** (צו וואַלאַדיען, שטיל): דײַן טאַטע דערציילט אַזוי אינטערעסאַנט.

**וואָלאָדיע** (שטיל): און דײַן מאַמע גיט אַזעלכע גוטע רעפּליקעס.

**כאַנין:** אין יענעם גליקלעכן אָוונט האָט נאָר איין קלייניקײַט, טאַקע גאָר אַ קלייניקײַט אַ ביסל מיר פֿאַרשטערט מײַן פֿרייד. ווי איך בין ניט געווען אויפֿגעלייגט, סימכע־וועסאָסן, האָט זיך דאָך אַרײַנגעכאַפּט און מיך גענומען פּיקן, טאַטשען אַ וואָרעמל, עס האָט מיך ניט געלאָזט צורו. געוויסע קלייניקײַטן קאָנען, ווי באַוווסט, היפּשלעך אַפּסאַמען דאָס גאַנצע ביסל גליק, וואָס עס פֿאַלט אויס אַ מענטשן עפּשער איין מאָל אין לעבן. די מײַסע איז געווען אין דעם, וואָס פֿון די פֿערצן מיטגלידער פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן ראַט, וועלכע זײַנען בײַגעווען אַף דער פֿאַרטיידיקונג און האָבן אָנטייל גענומען אין דער געהיימער אָפּשטימונג, זײַנען דרײַצן שטימען געווען פֿאַר דעם, אַז מע זאָל מיר געבן דעם טיטל קאַנדידאַט פֿון טעכנישע וויסנשאַפֿטן און איין שטים איז געווען קעגן. דרײַצן איז אויך גוט, אַפֿילע זייער גוט. איין שטים — קעגן, וואָס קאָן שוין זײַן ווייניקער? און ווו איז געשריבן, אַז דורכויס אַלע דאַרפֿן שטימען פֿאַר, אָבער אין קאָפּ האָט זיך ניט אויפֿגעהערט דרייען די נאַרישע פֿראַגע: ווער איז דאָס? אַלע, דורכויס אַלע מיטגלידער פֿונעם ראַט האָבן דערנאָך מיך האַרציק באַגריסט, געדריקט די האַנט, בעסויכעם, הייסט עס, אויך דער, וואָס האָט געשטימט קעגן. ווער זשע קאָן דאָס זײַן? פֿאַרוואָס איז ער אָפֿן ניט אַרויסגעטראָטן און ניט אָנגעוויזן אַף די גרינטלעכע כעסרויינעס פֿון דער דיסערטאַציע? קיינער זאָל קיינמאָל ניט געפּרווט ווערן צו זוכן איינעם און האָבן אַ פֿאַרדאַכט אַף יעדערן. עטלעכע טעג האָט מיך געבויערט דער קאָפּ, ווי פֿון אַ קראַנקן צאָן. דערנאָך האָב איך פֿאַרגעסן וועגן דעם, עס האָט זיך אויסגעמעקט פֿון מײַן זיקאָרן, און ווידער האָב איך זיך דערמאָנט, ריכטיקער צו זאָגן, ניט איך האָב זיך דערמאָנט, נאָר מע האָט מיך דערמאָנט. געווען איז דאָס אין אַזאַ יאָר, ווען מײַנע עקספּערימענטן, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן. מע האָט באַשלאָסן באַהאַנדלען מײַן אַרבעט אַף אַ פֿאַרזאַמלונג. דאַן איז אַרויסגעטראָטן דער דאָצענט אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש רײַסקי.

**פֿאָלינע יאַקאָוולעוונע** (כאַנינען): ליאָווע, הער אויף! הער די מינוט אויף!

**כאַנין:** ווען אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש זאָל דאָ ניט זײַן, וואָלט איך זײַן נאָמען ניט אָנגערופֿן. אונטער די אויגן רייד איך ניט, נאָר אין די אויגן.

**רײַסקי.** בײַ אײַך איז אַ בייזער זיקאָרן, קאָלעגע. אַ זאַך, וואָס איז שוין לאַנג דורך, אַן עפּיזאָד, אַ מיספֿאַרשטייעניש...

**כאַנין:** אַף יענער פֿאַרזאַמלונג איז אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש מוידיע געווען אַלעמען, אַז די באַציִונג זײַנע צום פּסעוודאָ־געלערנטן כאַנינען, צום דאָזיקן פּרוכטלאָזן דאָן־קיכאָט אין דער מעטאַלורגיע, האָט ער אויסגעדריקט נאָך מיט אַ צײַט צוריק, ווען ער, דער איינציקער, האָט אַף דער פֿאַרטיידיקונג פֿון כאַנינס דיסערטאַציע געשטימט קעגן אים. די אָפּשטימונג איז געוויינלעך געווען אַ געהיימע, דאָך האַלט ער, האָט אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש געזאָגט, פֿאַר זײַן כויוו איצט, אין אַ צײַט אַרום, דערציילן וועגן דעם, ווײַל שוין דאַן האָט ער אײַנגעזען אינעם דיסערטאַנט אַ מענטשן, וואָס איז ניט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פֿון אַ געלערנטן.

**רײַסקי:** איך באַדויער אויפֿריכטיק און פֿון גאַנצן האַרצן, וואָס צווישן אונדז, כ׳מיין צווישן מיר און לעוו באָריסאָוויטשן, איז אַמאָל אַזעלכס פֿאָרגעקומען. עס איז אָבער פֿאַראַן אַזאַ יורידישער באַגריף — פֿאַרעלטערונגס־טערמין, מע געברויכט אים, דעם טערמין, אָפּטמאָל אין צוזאַמענהאַנג מיט די נאַציסטישע פֿאַרברעכער. בענעגייע זיי קאָן ניט זײַן גילטיק קיין שום פֿאַרעלטערונגס־טערמין. אין דעם איז פֿאַראַן זין און אַ גרויסער גערעכטיקײַט. אָבער פֿאַר אַלע איבעריקע מענטשן מיט זייערע שוואַכקײַטן, מיט זייערע קלענערע און גרעסערע נאַרישע זאַכן, וואָס זיי טוען אָפּ אין זייער לעבן, איז דער פֿאַרעלטערונגס־טערמין זייער צוגעפּאַסט. דאָס, וואָס עס האָט אַמאָל אויסגעזען צו זײַן זייער וויכטיק און ערנסט, פֿאַרלירט די וויכטיקײַט און ס׳ווערט פֿאַרעלטערט, פֿאַרגעסן, און

ס'בלײַבט נאָר מוחל צו זײַן, ס'קומט די צײַט, ריכטיקער געזאָגט, ניט זי קומט, זי גייט אַוועק, און עס ווערט אַלץ פֿאַרגעסן, עס ווערט באַדעקט מיטן געוווּנטשענעם בערגל אַש. עס ברענט ניט, עס בריט ניט, עס טליִעט שוין אַפֿילו ניט. פֿאַר אַלע אונדזערע געגנג און טאָטן איז ניט פֿאַראַן קיין בעסערער דאָקטער, ווי גופֿע די צײַט.

כ א נ י ן: אַ קלוגע, אַ ניכטערע פֿילאָסאָפֿיע, אָבער איך בין ניט אירער אַן אָנהענגער. איך בין אַ מענטש, וואָס האָט פֿײַנט צו פֿאַרגעסן. איך געדענק מײַסים־טובֿים און געדענק מײַסים־ראָים. עס איז עפּשער ניט קיין גוטע אייגנשאַפֿט — אַלץ געדענקען, נאָר אַזוי בין איך, יאָ, אָט אַזוי בין איך!

ר ײַ ס ק י: איך בין געקומען מיט אַן אָפּן האַרץ, נאָר אויב איר ווילט ניט... (הייבט זיך אויף, גייט צו דער טיר.)

פֿ אָ ל י נ ע י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע (צו רײַסקין): באַליידיקט זיך ניט. (שטילער.) אַז ער צעהיצט זיך...

ר ײַ ס ק י: זייער אַ שווערער כאַראַקטער באַ אײַער מאַן. (שטילער.) באַ אײַך איז געוויס אַ גרינגערער.

פֿ אָ ל י נ ע י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: כ'ווייס ניט, נאָר דאָס, וואָס מע דאַרף ניט געדענקען, געדענקט איך ניט.

ר ײַ ס ק י: איך בין אויך אַזאַ. (קושט איר די האַנט, גייט אַוועק.)

א י ט ע: דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

כ א נ י ן: אונדזער סודע האָט זיך אַ ביסל אָפּגעווענדט אין אַ זײַט און איך, דער טאַמאַדאַ, פֿיר זי אַוועק ווידער אין דער נייטיקער ריכטונג. אַלע געסט זײַנען מיר שוין מעקאַבל־פּאָנעם געווען? קיינעם ניט פֿאַרגעסן?

מ אָ נ י ק ע: נאָר אײַך נאָך ניט, לעוו באָריסאָוויטש.

אַלע זינגען.

לאָמיר אַלע אינײנעם, אינײנעם
לעוו באָריסאָוויטשן מעקאַבל פּאָנעם זײַן.

א י ט ע: און געטאַנצט האָבן מיר שוין אויך. אַ דאַנק אײַך, ליבע פֿאָלינע יאַקאָוולעוונע און לעוו באָריסאָוויטש, פֿאַרן קאָוועד, וואָס איר האָט אונדז אײַנגעלאַדן. מאָרגן פֿאַרבעטן מיר אײַך אויף נאָוואָסעליע צו אונדז (צו מיכלען): עקסעלע, כ'מיין מיכל, מיר דאַרפֿן שוין זיך אויפֿהייבן אויף אונדזער עטאַזש. (צו ליזען און וואָלאָדיען): און איר, קינדערלעך, שפּאַצירט זיך דורך אַ ביסל. ס'איז אַ שיינער אָוונט, אָבער ניט אויף לאַנג, ליזאָטשקע.

ל י ז ע: גוט, מאַמע, ניט אויף לאַנג. (איטע, מיכל, וואָלאָדיע און ליזע גייען אַוועק.)

מ אָ נ י ק ע (צו אָסקאָלצעוון, גאָבערידזען און קליינערמאַנען): ייִנגלעך, מיר דאַרפֿן שוין אויך גיין. לעוו באָריסאָוויטש איז פֿאַרמאַטערט.

כ א נ י ן: מאָניקע, וויִאַזוי קאָן מען זײַן פֿאַרמאַטערט אין אַזאַ וווּנדערלעכן אָפּדערנאַכט? נו, איז ווי, מײַנע יונגע פֿרײַנט, קוקט איר אויפֿן פּלאַן אַריבערצופֿאָרן?

אָ ס ק אָ ל צ ע ו ו. דער פּלאַן איז אַן ערנסטער, מע דאַרף אים גוט באַטראַכטן.

ג אָ ב ע ר י ד ז ע. אַן עמעסער אָפּטימיסט האַלט זיך ניט אַזוי באַ דער מיינונג, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, ווי באַ דער מיינונג, אַז ניט אַלץ וועט זײַן שלעכט.

מ אָ נ י ק ע: אַ פּעלצל האָב איך, וואַליקעס וועל איך קויפֿן.

ק ל יי נ ע ר מ א ן: איך האָב שוין איין שורע פֿון אַ נײַער ליד, ווי יעדעס וואָרט וועט זיך אָנהייבן פֿון אַ סאַמעך:

סיביר, סיביר, סטעזשקעלע סיבירער...

כ א נ י ן: מאָרגן אין דער לאַבאָראַטאָריע וועלן מיר געניי אַלץ אַרומריידן.

אָסקאָלצעוו, גאָבערידזע, קליינערמאַן, מאָניקע געזעגענען זיך מיט כאַנינען און פֿאָלינע יאַקאָוולעוונען און גייען אַוועק.

פֿ אָ ל י נ ע י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: דערציייל זשע מיר אויך, וואָס אַלע ווייסן שוין, וועל איך דיר אויך אָפּגעבן מאַזלטאָוו, אָבער איך מיין, אַז דאָס איז אַ שפּאַס.

כ א נ י ן: ניין, פֿאָליע, ניט קיין שפּאַס.

פֿ אָ ל י נ ע י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: וועגן מיר, וועגן וואָלאָדיען האָסטו גאָרניט אַ טראַכט געטאָן? און וועגן זיך אַליין האָסטו געקלערט? דו, מיט דײַן האַרצפֿעלער...

כ א נ י ן: אין דער אַקאַדעמיע האָט מען מיך טאַקע געפֿרעגט, ווי פֿיל איך זיך אין געזונט?

פֿ אָ ל י נ ע י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: און וואָס האָסטו געענטפֿערט?

כ א נ י ן: איך האָב געענטפערט, אז דאָס געזונט בא מיר איז ניט צו פארזינדיקן. עמעס, אין דער יוגנט האָט מען בא מיר געפונען א הארצפעלער און מע האָט מיר געגעבן א ווייַסן בילעט. א ווייַסבילעטניק, בין איך מילכאָמע־צייַט אוועק אין אַפּאָלטשעני־ע, געווען אפן פראָנט, געלעגן אין די טראנשייען, מארשירט, פאַרסירט טייַכן, געווען שווער פארווונדעט, געלעגן אין שפּיטאָל אפן אָפּעראציע־טיש — אלץ מיטן הארצפעלער, און כ׳האָב אויסגעהאלטן, וועל איך אין סיביר אויך אויס־האלטן.

פ אַ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: אזוי האָסטו געענטפערט?

כ א נ י ן: נו, יאָ.

פ אַ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: און דו ביסט טייקעף מאסקים געווען אריבערפאָרן?

כ א נ י ן: מע זאָל ניט מיינען, אז איך בין א צו היציקער, האָב איך געזאָגט, אז איך וועל א טראכט טאָן, אָבער אין־זיך האָב איך גלייַך באשלאָסן, אז יאָ, ווי זשע אנדערש? פון דעם איז דאָך אָפּהענגיק מייַן גאנצע ווייַטערדיקע ארבעט.

פ אַ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: האָסטו כאָטש געזאָגט, אז דו ווערסט זיך האלטן אן אייצע מיטן ווייַב? איך בין שוין בא דיר גאָרניט?

כ א נ י ן: פאָליע, וואָס רעדסטו? דו ווייסט דאָך זייער גוט...

פ אַ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: א שטוב איז א שטוב, און א מישפּאָכע איז א מישפּאָכע. מיט א מישפּאָכע עקספּערימענטירט מען ניט. ס׳איז ניט קיין שמעלץ־אויוון. עס איז מיר געוואָרן הייס. א בריִענדיקע היץ גייט איבערן לייַב.

כ א נ י ן: איך בעט דיך, באַרויִק זיך.

פ אַ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: פאָר, פאָר, געזונטערהייט, וווּהין דו דארפסט, און איך מיט מייַן זון וועלן בלייַבן דאָ.

כ א נ י ן: אוואדע וועט איר דערווייַל פארבלייַבן דאָ, ביז איך וועל זיך ארומקוקן אפן נייַעם אָרט. נארעלע, איך וויל דען, אז עס זאָל זייַן שלעכט?

ס׳קומט אריַין העניע.

כ א נ י ן: העניע! שוועסטער מייַנע! פארוואָס אזוי שפּעט? (נעמט זי ארום.)

פ אַ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: זעץ זיך, העניע, צום טיש. שוין דערלאַנג איך א הייסע גלאָז טיי.

ה ע נ י ע: כ׳וועל ניט זיצן, פרייען זיך קאָן איך ניט און פארשטערן די סימכע האָב איך ניט געוואָלט. איך בין נאָר אריַין אף א ווייַלע. (ס׳קומט אריַין וואָלאָדיע) וואָלאָדיענקע! טראָגסט דאָך דעם נאָמען פון מייַן זון וואָלאָדיען, ער איז אף צוויי יאָר געווען עלטער פון דיר. אומגעקומען, און ווען? ערעוו מיַי 1945־טן יאָר. מיר איז מייַן זונעלע, דיר, וואָלאָדיע, צו לאַנגע יאָר, יענע נאכט גע־קומען צו כאָלעם, ער האָט ארופגעלייגט זייַן האנט צו מיר אפן אקסל, איך פיל זי, די האנט, נאָך איצט אף זיך, אָט אָ־דאָ (ווייַזט אפן רעכטן אקסל), און ער זאָגט צו מיר, מייַן קינד: „קום, מאמע, מיט מיר״. איך גיי מיט דיר, זון מייַנער, — האָב איך אים געענטפערט, — אוואדע גיי איך. אפילע א האלבע שאָ וויל איך ניט בלייַבן אליין, אָן דיר. נאָר פלוצעם לאָזט ער זיך לויפן, איך יאָג אים נאָך, ביז עס פארצאמט מיר דעם וועג מייַנעם א באן מיט א סאך וואגאָנען. דאָס זונעלע מייַנס פאָכעט צו מיר מיט א האנט איבער די וואגאָנען, ער רופט מיך, און איך שטיי א פארגליווערטע, גיב זיך ניט קיין ריר.

פ אַ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע (אין א זייַט): אָט אזוי גייט מען אראָפּ פון זינען. און ווען זי קומט ניט, מאכט זי אזוי שווער אפן הארצן. (הועניען): נעם זשע עפּעס איז מויל, פארזוך די קיכלעך, וואָס כ׳האָב אויסגעבאקן.

ה ע נ י ע: איך וויל גאָרניט. איך בין אריַינגעקומען אף איין מינוט. איך ווינטש מייַן ליבן ברודער מיט זייַן מישפּאָכע געניסן פיל פרייד און גליק אין דער נייַער דירע.

כ א נ י ן: מעגלעך, אז איך וועל אריבערפאָרן ארבעטן קיין סיביר.

ה ע נ י ע: וועל איך שוין בלייַבן אינגאנצן אליין. איך וועל פאָרן מיט דיר. ניין, וווּהין וועל איך שוין פאָרן? איך האָב שוין נאָר איין אָרט...

כ א נ י ן: מע טאָר ניט אזוי ריידן, העניע.

ה ע נ י ע: פאָליע וועט אויך פאָרן?

כ א נ י ן: פאָליע וועט, ווייַזט אויס, דערווייַל בלייַבן. (שטיל): פארוואָס האָסטו זיך דערווייַטערט פון איר?

ה ע נ י ע (שטיל): פאָליע איז א ווילע פרוי, נאָר דו ווייסט דאָך, זי האָט ניט ליב צו דער־מאָנען קיין אומגליקן, און איך — ניט דערמאָנען קאָן איך ניט. א ווייַב פארגעסט, א מאמע — קיינ־

מאָל ניט. (אינדערהויך): איך וועל עפשער ־י־ טעג אַרײַנקומען אין אָוונט. איצט — אַ גוטע נאַכט (גייט אַוועק.)

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: וואָלט זי שוין בעסער געזעסן אינדערהיים.

כ א נ י ן: אינדערהיים איז איר אויך שווער. אַז מע פאַרלירט דעם איינציקן זון...

ו ו אָ ל אָ ד י ע: מיר, טאַטע, האָט אָפּגעגליקט, ביסט געבליבן לעבן.

כ א נ י ן (צו פּאָליען, אין דער שטיל, אָבער אַנטשיידן): איצט איז די ריכטיקע צײַט אויסצוזאָגן וואָלאָדיען דעם סאָד.

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע. דו ביסט מעשוגע!

כ א נ י ן (צו וואָלאָדיען): וואָלאָדיע, פריִער האָבן מיר ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערציילן דיר, אָבער איצט דאַרפסטו וויסן. דײַן פאָטערס נאָמען איז דאָוויד. ער איז אומגעקומען אַפן פראָנט, בייסן באַפרײַען די קאַרפּאַטן.

ו ו אָ ל אָ ד י ע (דערשטוינט): מײַן טאַטע? און דו... ביסט ניט מײַן טאַטע?

כ א נ י ן: ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע, האָב איך קיין איין מענטשן פון מײַן מישפּאָכע ניט געפונען צווישן די לעבעדיקע. דו ביסט, וואָלאָדיע, די אַלע יאָרן געווען פאַר מיר אַ ליבער זון, וועסט זײַן מיר אַ זון אויך אָפ ווײַטער, ווי איך דיר — אַ פאָטער. דו ביסט ניט געווען אַ יאָסעם, האָסט געהאַט אַ טאַטן און וועסט אים האָבן, ביזוואַנען איך וועל לעבן, אָבער דעם אומגעקומענעם טאַטן דאַרפסטו שטענדיק געדענקען...

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: טראַוומירסט נאָר דאָס ייִנגל, ערעוו די עקזאַמענעס. (צו וואָלאָדיען): וואָלאָדיע, גיי אין דײַן צימער. (וואָלאָדיע שטייט אָן איבעראַשטער, דערנאָך לויפט ער אַרויס). וויפל יאָר, ווי מיר לעבן צוזאַמען, און די גאַנצע צײַט, איך און דו, דערמאָנען מיר אונדזער גרויסן אומגליק. באַ דיר איז אומגעקומען די פרוי און אַ קינד, באַ מיר איז אומגעקומען מײַן מאַן, וואָלאָדיעס טאַטע. מיר זײַנען שוין פאַרווּרטיילט צו די שווערע דערמאָנונגען, אָבער צוליב וואָס דאַרף וואָלאָדיע אויך קלערן וועגן דעם? איך, די מאַמע זײַנע, האָב אים גאָרנישט ניט דערציילט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַזוי וועט זײַן בעסער. ער האָט דאָך אַ טאַטן. אַ קינד דאַרף ניט האָבן קיין צוויי פאָטערס.

כ א נ י ן: און איך בין איבערצײַגט, אַז פאַר קינדער דאַרף מען גאָרניט אויסבאַהאַלטן, און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וואָלאָדיען איצט, האָב איך געדאַרפט זאָגן שוין מיט אַ צײַט צוריק. וואָלאָדיעס טאַטע איז אומגעקומען אַפן פראָנט, דאַרף מען דאָס לייקענען פאַר אים? האָבן מיר דאָס מינדסטע רעכט אָף דעם?

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: איך האָב ניט קיין קויעך זיך צו שפּאַרן מיט דיר. איך באַמי זיך צו פאַרגעסן, ווי שווער דאָס זאָל ניט זײַן, קינדער דאַרפן ניט טראָגן אָף זיך די לײַדן און די פּײַנען פון די עלטערן. זיי וועלן האָבן גענוג אייגענע צאָרעס, ווען זיי וועלן אָנהייבן פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן. קינדער דאַרפן וואַקסן גליקלעכע.

כ א נ י ן: אויב גליק הייסט פאַרגעסן אַ טאַטן — בין איך קעגן אַזאַ גליק.

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: איך בין אַ פּאָשעטע פרוי, געוויינלעכע מענטשן דאַרפן נאָר אַ ביסל געוויינלעך גליק. — 

כ א נ י ן: אַזעלכס הער איך צום ערשטן מאָל. געוויינלעך גליק. איך באַנעם עס ניט. (ס׳קומט אַרײַן וואָלאָדיע).

ו ו אָ ל אָ ד י ע: מאַמע, און ווו... ווו איז די מיטיילונג וועגן טאַטנס טויט? ווו איז מען אים מעקאַבער געווען?

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: דער קייווער זײַנער איז אומבאַוווּסט. עס זײַנען פאַראַן, וואָלאָדיע, אַ סאַך אומבאַוווּסטע קוואָרים. ערגעץ אין די קאַרפּאַטן־בערג האָט דײַן טאַטע געפונען זײַן אייביקע רו (וויינט).

ו ו אָ ל אָ ד י ע: דו האָסט זײַנס אַ פּאָטאָ־קאַרטל?

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: איך האָב.

ו ו אָ ל אָ ד י ע: ווײַז עס מיר.

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: איך וועל ווײַזן, וואָלאָדיע, שפּעטער אַ ביסל.

ו ו אָ ל אָ ד י ע: מאַמע, איך וועל אופזוכן דעם טאַטנס קייווער. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן... (גייט אַוועק).

פ אָ ל י נ ע  י א ק אָ ו ו ל ע ו ו נ ע: וואָלאָדיע איז געווען אַן אייפּעלע, ווען איך האָב געקראָגן דאָס וויסטע צעטל, די פּאָכאָראָנקע, ס׳וואָלטן עפשער דאַן אינגאַנצן זיך אונטערגעהאַקט מײַנע קרעפטן, ווען ניט דאָס קינד, וואָס איז געבליבן נאָך דאָווידן. צוביסלעכווײַז, האָט דער ווייטיק זיך אײַנגעשטילט און מע וואָלט געקאָנט לעבן גליקלעך. צי דען מוז די פאַרגאַנגענהײַט, ווי אַ שאָטן, אייביק נאָכלויערן און פאַרפּאַלגן די קעגנוואַרט?

כ א נ י ן: איך בעט דיך, באַרויִק זיך. דו ביסט איך, און איך בין דו. אונדזערע לעבנס זײַנען איבערגעפלאָכטן. איך כאַפּ אַמאָל איבער די מאָס, זאָג עפּעס עפּשער צו שאַרף, צו האַרב, איך פאַרגעס, אָבער שטענדיק געדענק איך, אַז דו האָסט איבערגעטראָגן ניט ווינציקער פון מיר. איך בעט דיך, באַרויִק זיך, הער אויף צו וויינען.

## צווייטער עפּיזאָד

אין דער דירע בא די פרילוצקיס, די זעלבע טאַפּעטן אַף די ווענט און די זעלבע נידעריקלעכע סטעליע, ווי בא די כאַניִנס, נאָר די מעבלירונג איז דאָ אַן אַנדערע. אין ערשטן צימער — אַ זשורנאַלנע טישל מיט בענקעלעך אַרום דעם. בא איין וואַנט שטייט אַ טאַכטאַ, מיט אַ קליין אויסגענייט קישעלע, און צוקאָפּנס בא אַן אַנדערער וואַנט איז אַ סערוואַנט מיט פאַרשיידענע צאַצקעלעך.

א י ט ע (באַטראַכט דאָס מעבל): דאָס גאַנצע לעבן בין איך מיט מײַן עקסעלע געשלאָפן אַף אַ בעט מיט אַ מאַטראַץ. אינדערפרי האָב איך דאָס בעט פאַרבעט, איז געווען אַ שיינקייַט צו קוקן. הויך, ווייך, די פעדערן פאַר די קישנס האָט נאָך געפליקט די באָבע, אַלעהאַשאָלעם. איצט שטופּ איך אינדערפרי דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אַרײַן אין דער שאַפע און ס׳פאַרבלײַבט אַף דער טאַכטאַ נאָר דאָס מאַנטשינקע וויעטנאַמסקע קישעלע, ווען מע ליגט אַף אַזאַ טאַכטאַ, איז ווי מע וואָלט געלעגן אַף דער פּאָדלאָגע, ס׳איז דרײַ ווערשקעס פון דער ערד. אַזויפיל גוטע יאָר זאָל איך האָבן, וויפל מע האָט נאָך געקאָנט שלאָפן אַפן אַלטן בעט. עס האָט אַ ביסל געסקריפּעט, דאַרף מען דערפאַר אַרויסוואַרפן? די טאָכטערקע, ליזאָטשקע, אַ געזונט אין איר, האָט אין מעבל־מאַגאַזין ניט געלאָזט צוגיין צו די בעטן מיט די מאַטראַצן, נאָר געשלעפּט צו די סאָפעס און טאַכטאַס. אַף בעטן, האָט זי געזאָגט, שלאָפט מען שוין ניט, ס׳איז אַן אַנאַ... אַנאַכריניזים. ווי געפעלט דאָס אײַך?

ס׳גייט אַרויס פון איר צימער ליזע.

ל י ז ע: מאַמע, דו רעדסט מיט זיך אַזוי הויך, אַז דו שטערסט מיר לערנען און... איך האָב געזאָגט ניט אַנאַכריניזים, נאָר אַנאַכראָניזם. אין אַ שטוב, האָב איך געזאָגט, ווו עס שטייען בעטן, קאָן מען ניט אַרײַנגיין, ס׳איז אַן אַנאַכראָניזם.

א י ט ע: יאָ, יאָ. ביסט גערעכט... בא מיר, ליזאָטשקע, גייט אַלץ ניט אַרויס פון קאָפּ די נאָוואָסעליע בא אונדזערע שכיינים. סאַראַ פײַנע קולטורנע מענטשן. גאָלד. און זייער זון, וואָלאָדיע, אַף מיר אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ ווויל ייִנגל דאָס איז. (ליזע דרייט זיך אויס אַוועקצוגיין.)

ל י ז ע: מאַמע, איך האָב קיין צײַט ניט.

א י ט ע: איין מינוט, טאָכטערקע. עס איז נאָך עפּשער פרי צו ריידן וועגן דעם, נאָר מע קוקט זיך ניט אַרום, ווי ס׳קאָן שוין ווערן שפּעט. פריִער זײַנען אַף אונדזער גאַס געווען אַ פּאָר פײַנע ייִדישע באָכערים, עלטער פון דיר אַף אַ צוויי־דרײַ יאָר, אַזוי ווי ס׳דאַרף זײַן. איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס — איך האָב זיי ביידן געהאַלטן אין אויג. אויב מיט איינעם קומט ניט אַרויס, איז דאָ אַ צווייטער, ניט קיין ערגערער. זײַנען די ייִנגלעך צעפלויגן אויך אין נײַע דירעס — איינער אין קוזמינקי, דער אַנדערער — אין כימקי. זוך זיי, מע הערט זיי ניט און מע זעט זיי ניט. און מיידלעך זײַנען דאָ אומעטום. נאָר אונדז האָט אָפּגעגליקט, אַזעלכע טײַערע שכיינים. אַזאַ גאָלדן ייִנגל.

ל י ז ע: מאַמע, האָסט שוין אַלץ געזאָגט?

א י ט ע: אַז דו לאָזסט אַ וואָרט ניט אויסריידן.

ל י ז ע: מאַמע, איך גרייט זיך צו די עקזאַמענעס אין אינסטיטוט און דו קאָנסט אָפּריידן אַ מענטשן נאָכאַנאַנד.

א י ט ע: מער הערסטו פון מיר קיין וואָרט ניט. (ליזע גייט אַוועק, איטע לייגט זיך אַף דער טאַכטאַ, דרייט דאָס קליינע קישעלע אַהין און אַהער, עס זאָל זײַן באַקוועם אין צוקאָפּנס.) אַזאַ גזירע, איך טאָר דעם גרויסן קישן באַטאָג ניט אַוועקלייגן.

א קלונג אין טיר.

מע קלינגט, דוכט זיך, צי דאָס קלינגט מיר נאָך דער וואַנע אין די אויערן? (מע קלינגט שטאַרקער.) מע קלינגט טאַקע. (גייט צו דער טיר.) שאַ, וואָס איז אַזוי דאָס קלינגערײַ? (עפנט די טיר. ס׳גייט אַרײַן וואָלאָדיע.) וואָלאָדיענקע! וואָס איז געשען? ס׳איז אַ סרייפע?

וו אָ ל אָ ד י ע: ניט קיין סרייפע, מומע איטע, נאָר אַ פאַרפּליִצונג. בא אונדז איז די סטעליע אין דער קיך אײַנגעגאַנצן נאַס געוואָרן. דערלויבט אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך בא אײַך? (וואָלאָדיע לויפט דורך פאַרבײַ איטען, פאַרקאָטשעט די אַרבל, כאַפּט אַן עמער מיט אַ שמאַטע, נעמט אויסווישן. עס קומט אַרײַן ליזע).

**ל י ז ע:** מאַמע, וואָס קומט דאָ פֿאָר?

**א י ט ע** (כאַפּט ליזען אַרום): אוי, אַן אומגליק. קינד מײַנס, מיר וואָלטן דאָ דערטרונגען געוואָרן און דערטרונקען אַלע שכיינים.

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** די אַוואַריע איז אין גרונט ליקווידירט. אין דעם וואַנע־צימער, מומע איטע, איז ניט געווען פֿאַרדרייט דער קראַן.

**א י ט ע:** ווײ איז מיר.

וואָלאָדיע לאָזט זיך גיין צו דער טיר, ווײַל זי אויפֿשליסן און קען ניט.

**ל י ז ע** (גייט צו צו אים): ס'איז א שלאָס מיט א סעקרעט. עס שליסט זיך אויף ניט אַזוי, נאָר אַזוי. (ווײַזט, וויאַזוי מע דאַרף עפֿענען. איר האַנט ליגט א ווײַלע אויף וואָלאָדיעס האַנט.)

**א י ט ע** (לויפֿט צו): גייסט שוין, וואָלאָדיענקע, אַוועק? איך בעט דיך, זיץ מיט אונדז א ביסל, איך ווייס גאָרניט, וויאַזוי דיך אָפּצודאַנקען.

**ל י ז ע** (צו וואָלאָדיען): אײַער דירע האָבן מיר, וואָלאָדיע, געזען. איצט טו א קוק אויף אונדזערער.

וואָלאָדיע קערט זיך אום פֿון דער טיר צוריק, באַקוקט דעם צימער.

**א י ט ע.** איר וואָלט אויך געדאַרפֿט קויפֿן א טאַכטאַ און א זשורנאַלנעם טישל, מײַן טאָכטער האָט א ווקוס, טוט א קוק, קינדער, אויפֿן פּייזאַזש פֿון באַלקאָן. (ליזע און וואָלאָדיע גייען אַרויס אויפֿן באַלקאָן, וואָלאָדיע בייגט זיך שטאַרק אַריבער איבער דער פּאַרענטש.)

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** זאָג, אַז איך זאָל זיך שטעלן אויף אָט דעם שמאָלן פּאַסיקל פֿון דער צאַם (פּרוּווט זיך אַוועקשטעלן אויף דער צאַם. ליזע שלעפּט אים אָפּ אויף צוריק.)

**ל י ז ע:** וואָס איז דיר פּלוצעם אײַנגעפֿאַלן צו ווײַזן העלדישקייט? (לאַכט.) ביסט דאָך ניט קיין העלד פֿון אַן אַלטן ראָמאַן.

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** איך בין א העלד פֿון א נײַעם.

**ל י ז ע:** אַזוי גאָר? דערצייל זשע, וואָס שטעלט ער מיט זיך פֿאָר דער העלד.

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** דעם אויסערלעכן פּאָרטרעט זײַנעם זעסטו פֿאַר זיך.

**ל י ז ע:** כ'מיין דעם אינערלעכן פּאָרטרעט.

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** אין אינערלעכן האָבן איך זיך נאָך ניט אינגאַנצן אַליין פֿאַנאַנדערגעקליבן. עס איז דערווײַל א מישמאַש. דער העלד האָט ליב זיך צו לערנען, נאָר אין שול האָט ער זיך געלערנט ניט אַמבעסטן, אָן פֿלײַס. א מאַסע צײַט נעמט אָפּ בא אים פֿוטבאָל, וועלכן ער האַלט פֿאַר דער אינטערעסאַנטסטער און שענסטער שפּיל פֿונעם יאָרהונדערט. דעם, וואָס האָט אויסגעטראַכט פֿוטבאָל, דאַרף מען אַוועקשטעלן א בראָנזענעם דענקמאָל. די „דרײַען", וואָס ער האָט אַרײַנגעכאַפּט, פֿאַלן אויס דערהויפּט אויף דער צײַט, ווען עס זײַנען פֿאָרגעקומען וויכטיקע פֿוטבאָל־מאַטשן. נאָר אָפֿן גערעדט, ווייסט דער העלד מער, ווי אויף „דרײַ". ער האָט ליב פֿיזיק, מאַטעמאַטיק. און... און ביכלאַל גערעדט, איז בא אים די ביאָגראַפֿיע ניט קיין פּראָסטע, אויף איין פֿוס ניט אויסצודערציילן.

**ל י ז ע:** איז דערצייל אויףביידע פֿיס.

**ו ו אָ ל אָ ד י ע** (נאָך א לענגערער ווײַלע שווײַגן): מײַן... טאַטן קענסטו דאָך.

**ל י ז ע:** אַוודע. איך בין דאָך געווען בא אײַך אין שטוב... און אָפֿט זע איך אים, ווען ער גייט אַוועק אָדער קומט פֿון דער אַרבעט. אויפֿן קאָפּ — א בלויע אַקאַדעמישע בערעטקע, אין דער האַנט — א בלויע פּאַפּקע, דער טראָט — א האַסטיקער.

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** ער איז ניט מײַן טאַטע.

**ל י ז ע:** ניט דײַן טאַטע?

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** מײַן טאַטע איז אומגעקומען אויפֿן פֿראָנט, און וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט ערשט איצט... די מאַמע און דער שטיפֿטאַטע האָבן עס אויסבאַהאַלטן פֿון מיר, מוירע געהאַט טראַווירן דאָס פּיצל קינד. אַזאַ אומגעלומפּערטקייט.

**ל י ז ע:** זיי האָבן געוואָלט, עס זאָל זײַן וואָס בעסער פֿאַר דיר, ניט באַומרויִקן...

**ו ו אָ ל אָ ד י ע:** אָפּנאַרן איז קיינמאָל ניט בעסער. צי דען האָבן זיי עס ניט פֿאַרשטאַנען? אין פֿאַרשיידענע צײַטן האָב איך געוואָלט זײַן ענלעך אויף פֿאַרשיידענע העלדן פֿון ביכער. ווען איך בין געווען א קינד, האָב איך געוואָלט זײַן ענלעך אויף דיאַדיע סטיאָפּען, וועלכער איז העכער פֿון אַלעמען, דערגרייכט ביז צו די דראָטן אויף די סלופּעס; ווען איך בין א ביסל אונטערגעוואַקסן, האָב איך זיך געזען אין די ראָלן פֿון די דרײַ געוואַגטע מושקעטיאָרן — פּאָרטאָס, אַראַמיס און אַטאָס. איך האָב געוואָלט זײַן ענלעך אויף אָוואָדן — ריוואַרעסן. איצט איז מײַן באַליבטסטע געשטאַלט — מײַן אומגעקומענער פֿאָטער. ער איז געווען א קאָמאַנדיר פֿון א ווזוואָד, די לעצטע שלאַכטן זײַנע זײַנען געווען אין די קאַרפּאַטן. איך שטעל זיך פֿאָר, וויאַזוי ער האָט געקלעטערט אויף די קאַרפּאַטן־בערג, עפּשער דערקליבן זיך ביז צום העכסטן שפּיץ פֿונעם באַרג גאָווערלאַ. דאָרטן, אין די קאַרפּאַטן, אין 1944־טן יאָר, איז ער אומגעקומען. און... און מײַן שטיפֿטאַטן... דעם דאָזיקן מענטשן האָב איך ליב געהאַט מער

פון אלעמען, אפילע מער פון דער מאמען. איצט קוק איך אף אים, ווי אף א פרעמדן. יעדן מאָל, ווען איך דארף ארויסברענגען דאָס וואָרט „טאטע", פארהאק איך זיך. און איך רוף אים, ווי עס רופן אים די מיטארבעטער פון זײַן לאבאָראטאָריע — לעבאָר, פארקירצט פון לעוו באָריסאָוויטש. ער האָט פאר־נומען דאָס אָרט פון מײַן לײַבלעכן פאָטער... זעסט, ליזע, מיר קענען זיך נאָך זייער ווייניק און כ'בין שוין אזוי אָפנהארציק מיט דיר.

ליזע: א דאנק. זאָג מיר, וואָלאָדיע, אין א וועלכן אינסטיטוט וועסטו אָנגעבן די דאָקומענטן?

וואָלאָדיע: דערווײַל אין ערגעץ ניט.

ליזע: און טאכלעס?

וואָלאָדיע: וואָס איז דאָס — טאכלעס?

ליזע: עס איז א ייִדיש וואָרט. מײַנע עלטערן ברויכן עס אָפט. מע דארף טראכטן וועגן טאכלעס, זאָגן זיי.

וואָלאָדיע: א, כ'ווייס שוין. בא מײַן מאמען הייסט עס „טאָלק". וואָס וועט זײַן פון דיר דער טאָלק? — פרעגט זי מיך.

ליזע: לאָמיר צוזאמענען זיך נעמען גרייטן אין אינסטיטוט. איך האָב מוירע פאר מאטעמאטיק.

וואָלאָדיע: איך — פאר דער סאָטשינעניע.

ליזע: איז לאָמיר ניט פאטערן די צײַט. לאָמיר אָנהייבן זיך גרייטן גלײַך פון מאָרגן.

וואָלאָדיע: איך פאָר דאָך אוועק, אין די קארפאטן. עפשער וועל איך געפינען דעם טאטנס קייווער. איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט — אופזוכן, ערגעץ מוז דאָך זײַן א שפּור... אָט איז זײַן פאָטאָגראפיע, די מאמע האָט זי מיר ערשט איצט באוויזן. איך האָב די פאָטאָגראפיע פארגרעסערט און אופגעהאנגען אף דער וואנט. (נעמט ארויס פון טײַסטער א קליין קארטעלע און באווײַזט ליזען.)

איטע: וואָלאָדיענקע און ליזאָטשקע, קומט אהער צו צו מיר. (וואָלאָדיע גייט צו.) אז הײַנט איז כויל־האמויעד פייסעך ווייסטו, וואָלאָדיענקע?

וואָלאָדיע: וואָס איז דאָס כויל־האמויעד?

איטע: צווישן די ערשטע צוויי טעג יאָמטעוו און די אנדערע צוויי טעג יאָמטעוו איז כויל־האמויעד. אז ס'איז איצט פייסעך, ווייסטו?

וואָלאָדיע: ניין, מומע איטע, כ'ווייס ניט.

איטע: ווייסט ניט, אז איצט איז פייסעך בא ייִדן? בא אײַך אין שטוב האָט מען אפילע ניט דערמאָנט?

ליזע: הער אוף, מאמע, פארגעבן פראַגן. פונוואנען זאָלן זיי וויסן? לעוו באָריסאָוויטש איז א וויסנשאפטלעכער טוער. די מאמע איז א דאָקטערשע. קיין שפּור פון רעליגיע איז בא זיי ניטאָ.

איטע: אָבער ייִדן זײַנען זיי דאָך.

וואָלאָדיע: איך האָב געהערט וועגן אזא יאָמטעוו. בא די רוסישע הייסט ער — פּאסכא, מע עסט קוליטש. און ייִדן, דוכט זיך, עסן... איך האָב פארגעסן, ווי דאָס הייסט.

איטע: מאצע. מע עסט מאצע א גאנצע וואָך, אָן א פּיצל ברויט. ליזאָטשקע האָט שטארק ליב מאצע, הײַנט אינדערפרי האָב איך איר אירײַנגעבראָקט מאצע אין א גלאָז ווארעמער מילך, איז זי זיך מעכײַע געווען. נו, און אז עס איז פאראן יאָמקיפּער האָסטו אוודע געהערט?

וואָלאָדיע: ניין, ס'איז אויך א ייִדישער יאָמטעוו?

איטע: וואָס זשע, א קריסטלעכער? א גאנצן טאָג פאסט מען.

וואָלאָדיע: איר פאסט אויך?

איטע: פאראיאָרן יאָמקיפּער האָב איך געזינדיקט. עס איז מיר געוואָרן ניט גוט און כ'האָב גענומען א פּלוים פון דער ווארעניע, געהאלטן די פּלוים א ביסל אין מויל און זי ארויסגעשפּיגן, נאָר דער זיסער טאם איז געבליבן און ס'איז מיר געוואָרן נאָך ערגער. ס'האָט אָנגעהויבן מלאָשניען, און כ'האָב געמוזט נעמען א טרונק וואסער. ס'איז געווען א שווערער טאָנעס. נאָך דער מילכאָמע איז שוין ניטאָ קיין קויעך צו פאסטן. פייסעך איז פריילעכער.

ס'קומט ארײַן מיכל.

אזוי לאנג דאווענט מען כויל־האמויעד אין שול? ייִדן האָבן שוין באוויזן דרײַ מאָל אָפּעסן. וואָ־לאָדיענקע, וועסט עסן מיט אונדז.

וואָלאָדיע: א דאנק, מומע איטע, איך האָב ניט לאנג אין שטוב אָפּגעגעסן.

איטע: מײַן פייסעכדיקן ראָסל עסט מען אויך דאָן, ווען מע האָט שוין אָפּגעגעסן. (נעמט דער־לאנגען צום טיש.)

ליזע: מאמע, ווו האָסטו באהאלטן דאָס ברויט? ס'איז מיר שוין דערעסן די מאצע.

א י ט ע: ווּ זאָל איך דיר, ליזאַטשקע, נעמען ברויט? איך האָב אויסגערייניקט ביז א ברעקל. ס'איז דאָך כאָמעץ!

ל י ז ע: וועל איך ניט עסן די פיש. ס'גייט ניט פיש מיט מאצע.

מ י כ ל: נארעלע, מיט מאצע איז געשמאקער. ייִדן זײַנען זיך מעכײַע געווען מיט מאצע, ארויס־גייענדיק פון מיצראַיִם. וואָלאָדיע, דו ביסט געווען אמאָל אין שול, כ'מיין, סינאגאָגע?

וו אָ ל אָ ד י ע: איין מאָל בין איך ארײַן אהין. זי געפינט זיך לעבן דער רעדאקציע „סאָוועטסקי ספאָרט".

מ י כ ל: איך האָב דאָרטן א שטאָט.

וו אָ ל אָ ד י ע: א שטאָט?

מ י כ ל: א שטאָט הייסט — אן אָרט צום זיצן. אז מע האָט ניט קיין אָרט, שטייט מען.

א י ט ע: עקסעלע, דערקלערסט אים, ווי ער וואָלט געווען א קליין קינד.

וו אָ ל אָ ד י ע: איך בין ארײַן אין שול... איך האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם אוילעם. מע האָט מיט א ניגן געדאווענט. איך האָב אופגעהויבן דעם קאָפּ ארופצו, צו דער גאלעריי, און דאָרטן געזען א סאך פרויען, אלטע און גאָר אלטע, און יינגערע אויך. די פרויען האָבן געוויינט. איך האָב זיך דער־מאָנט, אז איך האָב ערגעץ געלייענט צי געהערט דערציילן, וויאזוי די פאשיסטן האָבן פארברענט ייִדן אין די שולן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, וויאזוי די שול ברענט, עס ברענען אלע און איך אויך מיט אלעמען בין אין פלאם.

א י ט ע: אך, וואָלאָדיענקע, אף מײַן לעבן האָב איך געזען פעטליוראָוועס, דעניקינצעס, מאכ־נאָווצעס, וועלכע באנדיטן נאָר ניט? און די פלענע פאשיסטן, מיינסטו, האָב איך ניט געזען, ווען מע האָט זיי געפירט איבער מאָסקווע און זיי זײַנען דורכגעגאנגען פארבײַ אונדזער שטיבעלע, ווי מיר האָבן געוויינט? א ווייסטן סאָף האָבן שטענדיק געהאט אונדזערע סאָנים און וועלן נאָך האָבן!.. (צו ליזען.) וואָס זשע עסטו ניט, ליזאַטשקע, די פיש? (גייט אוועק אף דער קיך און ברענגט פון דאָרטן א האלב לעבל ברויט.) נא, ביסט נאָך געווען א שמאד־שטיק בא מיר אין בויך... קיינמאָל שלינגט זי גאָר ניט אזוי קיין ברויט.

מ י כ ל: (זינגט):

לעכאַיִם -- א שנעפּסל לאָמיר מאכן,
לעכאַיִם -- פאר אלע גוטע זאכן.
טאָ הייבט די גלעזלעך און ראגלאַיִם,
לאָמיר אלע טרינקען לעכאַיִם.
לעכאַיִם — פון צאָרעס מער ניט וויסן,
לעכאַיִם — נאָר פון פרייד געניסן!

וו אָ ל אָ ד י ע: (הייבט זיך אוף פון טיש): א דאנק, מומע איטע און פעטער מיכל.

א י ט ע: ס'איז געווען געשמאק?

וו אָ ל אָ ד י ע: זייער געשמאק, מומע איטע.

א י ט ע: קום ארײַן אין די אנדערע טעג יאָמטעוו, וועט זײַן נאָך געשמאקער. איצט וועל איך דיך, וואָלאָדיע, מעכאבעד זײַן מיט אן אלטער ליד, וואָס איך האָב נאָך געהערט מיידלווײַז. די ליד הייסט „כאנעלע" (זינגט):

שטייען באם טײַכל פארכאָלעמט
ביימער באגאָסן מיט שײַן.
כאנעלע זיצט בא דעם טײַכל,
קוקט אין דעם וואסער ארײַן.

ערגעץ צעקלינגט זיך א פויגל,
כאנעלע כאָלעמט און טראכט,
נאָר אירע אייגעלעך פינקלען,
שײַנען ווי שטערן באנאכט.

כאנעלע ווייסט, אז דער פויגל
זינגט נאָר זײַן ליד פאר איר.
זיצט זי א שטילע באם טײַכל,
גיט זיך פון אָרט ניט א ריר.

לאַנג שוין דער פֿויגל אַנטשוויגן,
כאַנעלע כאַלעמט און טראַכט;
דרעמלט דאָס וואַסער אין טײַכל,
דרעמלען דיביימער באַנאַכט.

וואַלאַדיע: זייער אַ שיינע ליד. (ליזע הייבט זיך אויף, גייט אָפּ מיט וואַלאַדיען אין אַ זײַט.)

ליזע: מײַנע אַלטיטשקע איז גוט.

וואַלאַדיע: און דיר איז שלעכט?

ליזע: וועגן זיך רייד איך ניט. זיי איז גוט, ווײַל זי גלייבן.

וואַלאַדיע: זיי גלייבן אין גאָט.

ליזע: און אין וואָס גלייבסטו?

וואַלאַדיע (טוט אַ לאַך): איך גלייב אין זיך.

ליזע: און מער אין קיינעם ניט?

וואַלאַדיע: איך גלייב אין דיר אויך.

ליזע: אַ דאַנק פֿאַרן צוטרוי, אָבער ענטפֿער מיר ערנסט אויף מײַן פֿראַגע.

וואַלאַדיע: אויב ריידן ערנסט, גלייב איך אין אַ סך זאַכן. איך גלייב אין גרויסע געניאַלע אַנטדעקונגען. איך גלייב אין איינשטיינען. איך גלייב אין אַלץ, וואָס עס איז גוט. און דו דען ניט?

ליזע: איך אויך. נאָר אין זיך אַליין גלייב איך ניט שטאַרק.

וואַלאַדיע: עס געפֿעלט מיר, וואָס מיר זײַנען ביידע אָפֿנהאַרציק. עס איז מיר גרינג איצט און גוט, ווען איך שטיי און רייד מיט דיר. האָסט מיך געפֿרעגט, אין וואָס גלייב איך, האָב איך דיר געענטפֿערט, נאָר כ׳האָב פֿאַרגעסן צוצוגעבן, אַז איך גלייב אין ליבע. איך האָב זי נאָך ניט געהאַט, נאָר דאָס דאַרף זײַן אַ גוט געפֿיל, שענער פֿון אַלע אַנדערע מענטשלעכע געפֿילן.

ס׳קומט אַרײַן פֿאַלינע יאַקאָוולעוונע.

פֿאַלינע יאַקאָוולעוונע: אַ גוט־מאָרגן, איטע איסאַקאָוונע.

איטע: אַ גוט־יאָר, אַ טײַערער גאַסט. זעצט זיך, פֿאַלינע יאַקאָוולעוונע, און זײַט זיך מע־כאַבעד. הײַנט איז כויל־האַמויעד פּייסעך.

פֿאַלינע יאַקאָוולעוונע: אַן אַנדערס מאָל וועל איך מיט פֿאַרגעניגן זיצן מיט אײַך, איטע איסאַקאָוונע. איצט וואַרט אויף מיר אַ סאַניטאַר־מאַשין, כ׳דאַרף פֿאָרן צו די כאַלאַים.

איטע: מיר האָבן פֿאַרגאָסן אײַער סטעליע, איז נעמט זיך ניט צום האַרצן. ווי נאָר זי וועט זיך אויסטריקענען, וועל איך שיקן מײַן עקסעלע, כ׳מיין מײַן מאַן, מיכלען, און ער וועט פֿאַרקאַלכן די פֿלעקן, אַז מע וועט אַ האָר ניט אָנזען.

פֿאַלינע יאַקאָוולעוונע: גוט, גוט... ס׳טרעפֿט, מע פֿאַרגיסט. (צו וואַלאַדיען.) איך זוך דיך, וואַלאַדיע, און דו ביסט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. מע האָט דיר געבראַכט... (דערלאַנגט אַ קאַרטל.)

וואַלאַדיע: אַ פּאָוועסטקע.

איטע: וואָזשע, וואַלאַדיענקע, אַ פּאָוועסטקע?

וואַלאַדיע: אין וואָיענקאָמאַט. איך בין דאָך אַ פּריזיוונִיק (לייענט): ... Явиться в военкомат, имея при себе документы...

איטע: דאַנקען גאָט, קיין מילכאָמע איז ניטאָ, ס׳איז שאָלעם, ווייסט, וואַלאַדיענקע, אָפּדינען און ווייסט, מירצעשעם, זיך אומקערן אַהיים.

ליזע (צו וואַלאַדיען): אַזוי אומגעריכט. אָקאָרשט זיך באַקאַנט און מיר וועלן זיך שוין צעשיידן.

וואַלאַדיע: ווייסט מיר שרײַבן בריוו.

ליזע: אומבאַדינגט.

וואַלאַדיע: מיר דוכט זיך, אַז מיר זײַנען שוין באַקאַנט לאַנג, לאַנג. איך וועל בענקען נאָך דיר.

ליזע: איך אויך.

פֿאַלינע יאַקאָוולעוונע: כ׳וועל בלײַבן אַליין. ס׳פֿאָרט אַוועק דער מאַן און ס׳וועט אַוועקפֿאָרן דער זון.

איטע (זינגט שטיל):

ביימער, באַגאָסן מיט שײַן,
שטייען באַם טײַכל פֿאַרכאַלעמט...

(פֿאָרהאַנג).

## דריטער עפּיזאָד

די האַנדלונג קומט פֿאָר אין אַ יאָר אַרום, אין אַ זומערדיקן אָפּדערנאַכט. די דעקאָראַציע איז די זעלבע, ווי אין ערשטן עפּיזאָד.

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע** (לייענט אַ טעלעגראַם): „איך פֿלי אַרויס דעם 21־טן, רייס 202, אויפֿן דאָמאָדעדאָווער אַעראָדראָם וועל איך זײַן האַלב זיבן אין אָוונט. כ׳נעם אַרום און קוש. דײַן לעבאַר". ס׳איז גאָרניט ענלעך אויף אים. ער, לעבאַר, זאָל שיקן אַזאַ גענויע טעלעגראַם. ניט פֿאַרגעסן אָנצוווײַזן דעם נומער פֿונעם רייס, דעם אַעראָדראָם און האָבן אַפֿילו אין זינען אַרומצונעמען און קושן. זינט איך געדענק אים, האָט ער ביכלל קיינמאָל ניט געקלאַפּט קיין דעפּעשעס, אַז ער קומט צו פֿאָרן. ער פֿלעגט זיך אומקערן פֿון די קאָמאַנדיראָווקעס זײַער שטיל, אַרײַנשטעלן זיך מיטן טשעמאָדאַן אין שטוב: „אָט בין איך, פּאָליע, אָט האָסטו מיך אין שטוב, האָסט אוודאי ניט געוואַרט". מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק וואָלט אַזאַ טעלעגראַם געווען בײַ מיר אַ יאָמטעוו, אַ פֿרייד, אַ טײַערער סורפּריז. און איצט? איצט... בענק איך דען איצט ניט נאָך אים? ווײַל איך אים דען ניט זען? איך האָב דאָך פֿריִער אַזוי אַרויסגעקוקט אויף אים, פֿאַרלוירן דעם שלאָף... וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט הײַנטיקע צײַטן דורכצומאַכן צוויי צי דרײַ טויזנט קילאָמעטער אויף אַן אַעראָפּלאַן, אויב מע וויל זיך זען מיט דער געליבטער פֿרוי, אָבער ער איז געווען אַזוי פֿאַרטאָן, אַזוי פֿאַרנומען, אַז אין מעשך פֿון אַ גאַנץ יאָר האָט ער קיין איין מאָל זיך ניט באַוויזן. און דאַן האָט זיך באַוויזן אַן אַנדערער — רײַסקי. איך דאַרף אים אָנקלינגען, אַז ער זאָל הײַנט ניט קומען. (קלינגט אין טעלעפֿאָן.) עס קומט הײַנט צו פֿאָרן לעוו באָריסאָוויטש.

מע הערט רײַסקיס הויכן קאָל אין טרײַבל: „זייער גוט. איך דאַרף אים טאַקע זייער האָבן. דו ווייסט ניט, צוליב וואָס ער קומט?"

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע.** וואָס הייסט, צוליב וואָס ער קומט? און איך?

רײַסקיס קאָל מיט אַ געלעכטער: „נו, אוודאי צוליב דיר, ליבע מײַנע".
פּאָלינע יאַקאָוולעוונע שטייט באַם אָפֿענעם פֿענצטער. עס הערט זיך פֿון דרויסן איטעס קאָל.

„פּאָלינע יאַקאָוולעוונע, וואָס זיצט איר אין שטוב? קומט אַרויס זיצן אויף דער באַנק, כאַפּן אַ ביסל לופֿט".

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע.** אַ דאַנק. אַן אַנדערס מאָל.

עס דערהערט זיך אַ פֿליעסקערײַ מיט די הענט און דער זעלבער איטעס קאָל: „אוי, סאַראַ טײַערן גאַסט מיר האָבן!" שרײַט אַרויף־צו: „פּאָלינע יאַקאָוולעוונע, אײַער מאַן איז געקומען צו פֿאָרן" ס׳קומט אַרײַן כאַנין מיט אַ טשעמאָדאַן. שטעלט אים אַוועק, מאַן־און־ווײַב קושן זיך.

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע.** הײַנט בין איך געווען אַזוי פֿאַרנומען, אַז איך האָב אַפֿילו ניט געקאָנט אַרויסרײַסן זיך צו פֿאָרן באַגעגענען.

**כאַנין:** האָסט דען געדאַרפֿט מיך באַגעגענען? פֿונוואַנען האָסטו געזאָלט וויסן, אַז איך וועל קומען גראָד הײַנט?

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע.** וואָס הייסט פֿונוואַנען? האָסט דאָך געשיקט אַ טעלעגראַם.
**כאַנין:** איך האָב געשיקט אַ טעלעגראַם, איך?

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע:** נאָך אַ מין טעלעגראַם. מיט אַלע דעטאַלן. אַלע קאָאָרדינאַטן.
**כאַנין:** אַ! כ׳ווייס שוין, וועמענס שטיקל אַרבעט דאָס איז. דאָס האָט געשיקט מאַניקע, די סעקרעטאַרשע. איך דערמאָן זיך, אַז זי האָט מיר געדרייט דעם קאָפּ וועגן אַ טעלעגראַם, נאָר דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פֿײַנט צו קלאַפּן דעפּעשעס, אַן אומגליק, כ׳האָב אַ סעקרעטאַרשע, וואָס אומעטום מישט זי זיך!...

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע** (לאַכט): גוט, וועסט איר דערפֿאַר געבן אַ שטרענגן אויסרייד.
**כאַנין:** ביסט בײַ מיר אַ כאַכאָמע. (כאַפּט אַרום און הייבט אויף פּאָלינען, זי קלאַפּט שיִר ניט אָפּ דעם קאָפּ אין דער נידעריקער סטעליע.)

**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע:** ביסט מעשוגע! טאָרסט דאָך ניט! זעץ זיך, רו זיך אָפּ!
**כאַנין** (בייגט זיך אָן צום טשעמאָדאַן): באַלד וועל איך דיר ווײַזן, וואָס איך האָב געבראַכט.
**פּאָלינע יאַקאָוולעוונע:** אינטערעסאַנט, וואָס פֿאַר אַ מאַטאָנע?

כ א נ י ן (נעמט אַרויס פֿון טשעמאָדאַן און דערלאַנגט פּאָלינע יאַקאָװלעװנע אַ שטיקל גרויען אײַזן): נעם, נעם. איך האָב נאָך. (לייגט אַרויס אויפֿן טיש אײן שטיקל אײַזן נאָכן צווייטן.) דאָס איז אַלץ פֿון מײַן אייוועלע, די פּראָבעס פֿון די ערשטע שמעלצונגען.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: עס װעגט דאָך צען פֿונט. װי אַזוי האָסטו אַזאַ מאַסע געשלעפּט, אויפֿגעהויבן זיך מיט אַזאַ טשעמאָדאַן אויף די טרעפּ? האָסט דאָך אַ שוואַך האַרץ!

כ א נ י ן: מײַן מאַמע, עליה־השלום, פֿלעגט זאָגן, אַז שווער איז איר דאָן, ווען זי גייט מיט אַ גרינג קוישל פֿון מאַרק. פּראָביר, פּאָלינקע, קריגן נאָך ערגעץ־װוּ אין דער װעלט אַ שטיקל שטאָל פֿון אַזאַ אייוון, װי בײַ מיר? (ווערט אויף אַ ווײַלע אַנשווייגן.) נאָר אויב איך װעל דיר זאָגן, פּאָליע, אַז איך האָב ניט באַמערקט, װי עס איז דורכגעלאָפֿן דאָס יאָר, איז גלייב מיר ניט, דאָס װעט זײַן אַ ליגן. כ׳האָב יאָ באַמערקט... און כ׳האָב געבענקט.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע (איראָניש): האָסט אַפֿילע געבענקט? דערצייל זשע, װי אַזוי דו ביסט זי בײַגעקומען, דײַן בענקשאַפֿט?

כ א נ י ן: זעסט דאָך, איך בין געקומען.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: אין אַ יאָר אַרום. און כ׳ווייס נאָך ניט, צי דו ביסט געקומען צוליב מיר און ניט צוליבן טשעמאָדאַן אײַזנס, וואָס דו האָסט געבראַכט.

כ א נ י ן: צוליב אים אויך. וואָס אַרט דאָס דיך? פּרוּוען זײַנען אויסטערלישע באַשעפֿענישן, זיי אייפֿערן אַפֿילע צו אַ שטיקל אײַזן.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: אין דײַנע אײַזנס און אויוונס ליגט שוין דאָס גאַנצע לעבן מײַנס. האָסט איבערגעלאָזט מיך, געוואָרפֿן די שטוב, און דו פֿרעגסט: וואָס אַרט דאָס מיך? אָבער כ׳וויל איצט ניט ריידן וועגן דעם. אין דײַנע בריוו האָסטו ווייניק געשריבן וועגן זיך. דערצייל, גענוי, וויאַזוי האָסטו דאָרטן געלעבט? וויאַזוי האָסטו פֿאַרבראַכט די אָוונטן, ביסט דאָך ניט געזעסן אַ קײַ־לעכיקן מעסלעס אין דער לאַבאָראַטאָריע אָדער זיך געלייגט שלאָפֿן מיט די הינער?

כ א נ י ן: אָ, די אָוונטן זײַנען בײַ אונדז זייער אינטערעסאַנטע. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אויסמאָלן אַזאַ אָוונט.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: כ׳וועל הערן מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן.

כ א נ י ן: אין איינעם אַ בריוו מײַנעם האָב איך דיר, אויב דו געדענקסט, געשריבן, וויאַזוי, גייענדיק אַהיים, קום איך אַרײַן אונטערוועגס אין ברויט־מאַגאַזין און אין ביכער־מאַגאַזין. איין קעמאַך, איין טוירע, דאָס הייסט, אויף אַ הונגעריקן מאָגן גייט ניט קיין טאַנץ. אַז ס׳איז ניטאָ קיין ברויט, דאַרף מען ניט קיין ביכער. עס איז געווען, געדענק איך, אַ לאַנגער און אומעטיקער בריוו, ווײַל דער אָוונט איז בײַ מיר אויך דאַן געווען אַ לאַנגער און אַן אומעטיקער. נאָך דער אַרבעט אין לאַבאָראַטאָריע פֿאַרענדיקט זיך נאָך ניט מײַן אַרבעטסטאָג. איך בין אַ מיטגליד פֿון צוויי כאַשעווע קאָמיסיעס, אַ לעקטאָר פֿון דער געזעלשאַפֿט „זנאַניע“, אַן אָנפֿירער פֿון אַ סעמינאַר. ס׳איז ניטאָ דער טאָג, אַז איך זאָל ניט האָבן אַ זיצונג, אָדער אַ באַראַטונג, אָדער אַ לעקציע, אָדער אַ באַגעגעניש. נאָר שטעל זיך פֿאָר, אַז איך בין שוין מיט אַלץ פֿאַרטיק, כ׳בין שוין פֿרײַ און קאָן גיין אַהיים, בלײַב איך שטיין אין ליידיקן וועסטיביול אָדער אויף די טרעפּ, און כ׳וואַרט, אַז עמעצער זאָל מיך נאָך פֿאַרהאַלטן. עס וווּנדערט מיך, וואָס קיינער דאַרף מיך שוין ניט, איך בין אַ פֿרײַער פֿויגל. איך טו אַ קוק אויפֿן זייגער און זע, אַז אייגנטלעך איז נאָך גאָרניט שפּעט. דער לאַנגער אָוונט הייבט זיך ערשט אָן. אָט אַזעלכע לאַנגע און אומעטיקע אָוונטן האָב איך דיר געשריבן מײַנע לאַנגע אומעטיקע בריוו. אָבער מיין ניט, אַז אַלע אָוונטן זײַנען אומעטיקע. בכלל זײַנען די אָוונטן בײַ אונדז לעבעדיקע. מע נעמט זיך צונויף, מײַן קאַטעדזש איז באַנאַנד מיט צונדערס קאָטעדזש.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: ווער איז דאָס צונדער?

כ א נ י ן: ווייסט ניט דעם גרויסן פֿיזיקער צונדערן? האָסט ניט געהערט זײַן נאָמען? ער איז איינער פֿון די גרעסטע פֿיזיקער אין אונדזער צײַט און געוויס אויך איינער פֿון די גרעסטע כאַכאָמים, וועלכע איך האָב ווען־עס־איז געטראָפֿן.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: בײַ אײַך אין אַקאַדעם־שטעטל, דוכט מיר, זײַנען דורכויס אַלע כאַכאָמים.

כ א נ י ן: וואָס מיינסטו? נאַראָנים האַלטן זיך ניט בײַ אונדז. אָדער מע טרײַבט זיי אַרויס, אָדער זיי פֿאָרן אַליין אַוועק. אָבער צונדער איז טאַקע אַ כאָכעם. זײַנע ווערטלעך און אַפֿאָריזמען גייען אום פֿון מויל צו מויל. לעמאָשל, אַזאַ ווערטל זײַנס: אַריבערריאָגן ניט דעריאָגנדיק.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: וואָס באַטײַט עס?

כ א נ י ן: דאָס באַטײַט, אַז די וויסנשאַפֿט דאַרף גיין נאָר מיט נײַע וועגן און מע דאַרף אַרי־בעריאָגן ניט אויף די זעלבע סטעזשקעס, וווּ לויפֿער זײַנען שוין געלאָפֿן פֿריִער. איך בין בײַ צונדערן אָן אָפּטער אַרײַנגייער און קוויק זיך מיט זײַן קלוגשאַפֿט. ער קומט אויך אַרײַן אַמאָל צו מיר צוזאַ־

מען מיט זײַן פרוי. ער האָט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט, גענומען פאַר א ווײַב די איבערזעצערן, וואָס איז געפאָרן צוזאַמען מיט אים קיין לאָנדאָן אויף א סימפּאָזיום.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע. דערפון איז נאָך ניט צו זען, אז ער זאָל זײַן אזא גרויסער כאָכעם. אָבער דערציילט מיר וועגן זיך. (שפּילעוודיק.) האָסט דאָרט קיינעם ניט אויסגעזוכט, קיינעם ניט געפונען?

כ א נ י ן: פאַרוואָס עפּעס ניט? ווייסט דאָך, איך בין אַן אַלטער לאַוועלאַס און דאָן זשואַן.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע: עפּעס דוכט מיר, אז דײַן סעקרעטאַרשע...

כ א נ י ן: אָ, מאַניקע! אזא סעקרעטאַרשע דאַרף מען זוכן! ווען ניט זי, וואָלט אין דער לאַבאָראַטאָריע געווען א כאַאָס. עמעס, איינציקע מאָל טרעט זי אַריבער אירע פולמאַכטן, אָבער ביכלאַל איז זי אַן אידעאַל פון א סעקרעטאַרשע. נו, איצט רייד דו, האָסט זיך געביטן, נאָר איך קאָן עפּעס ניט אויפכאַפּן אין וואָס.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע: קוק זיך אײַן א ביסל בעסער.

כ א נ י ן: איך ווייס שוין אין וואָס. האָסט אָפּגעפאַרבט די האָר! כ'האָב אָבער גלײַך באַמערקט, אַז דו ביסט ייִנגער געוואָרן.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע (מיט שפּילעוודיקער אָפּנקײַט): האָסט טאַקע גאָר קיינעם ניט געדאַרפט?

כ א נ י ן: איך האָב געדאַרפט דיך! איצט וועל איך שוין ניט זײַן אזא נאַר. איך וועל דיך דאָ ניט איבערלאָזן. איך וועל דיך אַרײַנזעצן אינעם „טו" אָדער אין „איל" און דו וועסט אוועקפליִען צוזאַמען מיט מיר! (גייט צו צו דער ביכער־שאַפע.) עפּעס פעלן מיר דאָ איינציקע ביכער.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע: אַך, יאָ, געדענקסט, איך האָב דיר אין א בריוו געשריבן וועגן רײַסקין, ער האָט געדאַרפט צו דער אַרבעט א פּאָר ביכער, וועלכע ער האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט קריגן, האָב איך זיי אים געגעבן.

כ א נ י ן: רײַסקי? הערסט, פּאָליע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? רײַסקין האָב איך געהאַלטן פאַר א וואָס אין דער קאָרט, א מענווול, אַן אויסוווּרף, וואָס איז פּעיִק אויף סאַמע ערגסטן. ווייסט דאָך, וואָס ער האָט אַמאָל אָפּגעטאָן מיט מיר, געוואָרפן אויף מיר שמוץ, געוואָלט צו נישט מאַכן אַלע מײַנע זוכונגען, און ווען ער איז דאָ ניט לאַנג צוריק געווען בא אונדז אין אקאַדעם־שטעטל און זיך אַרײַנגעשטעלט צו מיר מיט א וויזיט, האָב איך צוערשט שיר אים ניט אַרויסגעטריבן פון שטוב. נאָר שטעל זיך פאָר, ער האָט מיר געגעבן א פּאָר זאַכלעכע פאָרשלאָגן, א פּאָר גוטע אייצעס, וואָס זײַנען אונדז צוניץ געקומען. אזוי אַז ער האָט שוין אויך א פאַרדינסט אינעם נײַעם אויוון און איך בין אים א ביסל א באַלכויוו. ער האָט א גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. שוין א צײַט, ווי ער האָט גענומען די ביכער?

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע: יאָ, שוין גאַנץ לאַנג. מיסטאָמע שוין א פּאָר כאַדאָשים. ער קומט אַמאָל אַרײַן אין פּאָליקלינִיק.

כ א נ י ן: ער איז קראַנק?

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע: ניט געפערלעך.

כ א נ י ן: פאַרוואָס גייט ער אין דער ראַיאָנער פּאָליקלינִיק און ניט אין זײַנער — פאַר געלערנטע?

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע: ווײַזט אויס, אַז אונדזער ראַיאָנע איז אים מער געפעלן. כ'וועל גיך עפּעס צוגרייטן אויף דער קיך. האָסט שוין לאַנג מײַנע קאָטלעטן ניט געגעסן.

כ א נ י ן: איך וועל דרייען דאָס הענטל פון דער פלייש־מאַשינקע. (כאַנין און פּאָלינע גייען אוועק אויף דער קיך.)

א קלונג אין דער טיר. פּאָלינע עפנט, ס'קומט אַרײַן רײַסקי.

ררײַסקי (קוקט זיך אַרום, גיט זי אָפּגיך א קוש, שעפּטשעט): ער איז שוין דאָ?

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע (אויך שעפּטשענדיק): איך האָב דאָך געוואָרנט, דו זאָלסט הײַנט ניט קומען.

ר ײַ ס ק י: אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. איך מוז אים זען.

פּ אָ ל י נ ע  י א ק אָ וו ל ע וו נ ע: פאַרהאַלט אים ניט לאַנג. ער איז מיד פון וועג.

ר ײַ ס ק י: גוט, גוט, טײַערע.

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע אָפּ, ס'קומט אַרײַן כאַנין.

ר ײַ ס ק י: איר זײַט נאָר ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, צוליב מיר, טײַערער סיביריאַק. א גוטער מאַלעך האָט אײַך געשיקט. אָבער וועגן מײַנע איניאַנים שפּעטער. וואָס הערט זיך בא אײַך? אין

סיביר האָב איך הײַנטיקן ווינטער א ביסל זיך אָנגעוואַרעמט, אין מאָסקווע זײַנען געווען מוירעדיקע פרעסט, און איצט איז דער זומער אויך א קאַלטער. עס פלאַקערט שוין אײַער אויוון?

כאניע: נאָך ניט אינגאַנצן.

רײַסקי: וואָס איז די מײַסע? ווען איך בין געווען בא אײַך, איז דאָך שוין געווען אַלץ פאַרטיק.

כאנין: עס איז שוין טאַקע קימאַט פאַרטיק. נאָר ביזוואַנען מע רעגולירט אײַן, ביזוואַנען מע דערזעט דאָס, וואָס מע וויל זען...

פאַלינע יאַקאָוולעוונע (טראָגט אַרײַן טיי און געבעקס): בײַסט צו. איך וועל אײַך ניט שטערן. (אָפּ. כאנין און רײַסקי זעצן זיך אוועק באַם טיש).

רײַסקי: איר האָט געטאָן, לעוו באָריסאָוויטש, טויזנט מאָל קליגער פון מיר, וואָס איר האָט ניט איבערגעריסן אויף קיין איין טאָג די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס מיר האָבן אַמאָל אָנגעהויבן צוזאַמען. אָבער דערפאַר האָב איך עפּשער אין אַן אַנדערן פראַט א ביסל מער דערפאַרונג און דאָס דערלויבט מיר צו געבן אײַך א געוויסע אייצע. אויב ריידן שוין גאָר אָפן, וויל איך אויסקויפן מײַן אַמאָליקע זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן אײַך און וואָס איך באַדויער ביז איצט. איך זאָג עס מיט דער גאַנצער אופריכטיקייט און מיטן בעסטן מיין, איך ווינטש אײַך דעם גרעסטן דערפאָלג, איר האָט אים קאָשער פאַרדינט. נאָר כ׳וויל אײַך באַוואָרענען פון מעגלעכע אומאָנגענעמלעכקײַטן. אײַער פיליאַריקע מי, אײַערע שלאָפלאָזע נעכט קאָנען גאָר אומגעריכט פאַרלוירן גיין אומזיסט. איר האָט אוודאי געהערט וועגן די עקספּערימענטן אין כאַרקאָוו, אויך איבער אַזאַ אויוון, ווי אײַערער?

כאנין: א ביסל געהערט.

רײַסקי. זעט זשע, אַז די כאַרקאָווער זאָלן פריִער פון אײַך ניט קריגן דעם פאַטענט.

כאנין: איך טראַכט דערווײַל ניט וועגן פאַטענטן.

רײַסקי: אויב כאַרקאָוו אינטערעסירט אײַך ניט און אײַך איז אַלציינס, וועל איך אָנרופן נאָך אַן אָרט, וווּ מע עקספּערימענטירט אין דער זעלבער ריכטונג, און, ווײַזט אויס, מיט היפּשן דערפאָלג. עס איז מיר באַוווּסט פון זיכערע קוואַלן, אַז גאָר ניט אין דער ווײַטער צוקונפט וועט אינעם אײַנפאָרמאַציע־ביולעטען וועגן נײַע דערפינדונגען ווערן פאַרעפנטלעכט די סכעמע פון אַן אויוון פון אומופהערלעכער שמעלצונג, אַן אויוון אויך מיט פינף קאַמערן, אַזאַ ווי אײַערער.

כאנין: אַזוי גאָר. איר אינטריגירט מיך, אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש.

רײַסקי: ניין, אויב אָפּוואַרפן די נאַרישקײַט, וועלכע איך בין קעגן אײַך אַמאָל באַגאַנגען, לעוו באָריסאָוויטש, בין איך געווען און בין געבליבן אײַער עמעסער גוטער־פרײַנט. איר האָט, דוכט זיך, אין אַמעריקע א ברודער?

כאנין: איך זע, אַז איר ווייסט ניט שלעכט מײַן אַנקעטע.

רײַסקי: איר דאַרפט מיך, לעוו באָריסאָוויטש, ריכטיק פאַרשטיין. איצט איז שוין טאַקע, ווי זאָגט מען עס, ניט יענע צײַטן, נאָר פונדעסטוועגן, אויב איר מיינט, אַז עס זײַנען שוין אינגאַנצן ניטאָ קיין באַלאָנים אויסצוטײַטשן יעדע זאַך אויף זייער אויפן, ווי זיי ווילט זיך, האָט איר א טאָעס.

כאנין: רעדט קלאָרע דיבורים. איך פאַרשטיי ניט, צוליב וואָס איר זאָגט דאָס מיר.

רײַסקי: איך וויל אײַך איצט זאָגן דאָס, וואָס עס קאָנען אַנדערע זאָגן דערנאָך. צי וועט איר קאָנען דערווײַזן, אַז דער שמעלץ־אויוון, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דאָרטן, אין אַמעריקע, און וואָס איז זייער ענלעך אויף אײַערן, סיבירער, אַז איר גופע האָט דאָ ניט צוגעלייגט א האַנט. איך וויל, אַז איר זאָלט מיך ריכטיק פאַרשטיין. אַמעריקע איז ניט כאַרקאָוו.

כאנין: זאָרגט זיך ניט וועגן מיר און זאָל אײַך מײַן רעפּוטאַציע ניט באַומרויִקן.

רײַסקי: איך וואָלט ניט גערעדט וועגן דעם, לעוו באָריסאָוויטש, נאָר איר טאָרט ניט דערלאָזן, אַז מע זאָל אײַך אַריבעריאָגן. איר ווייסט זייער גוט, אַז די פּראָבלעם, איבער וועלכער איר אַרבעט, איז אויך פאַר מיר זייער א וויכטיקע. איך בין באַגאַנגען קעגן זיך אַן אומדערלאָזבאַרן פאַרברעכן, וואָס איך האָב אויף א שטיקל צײַט פאַרלאָזט אונדזער לאַבאָראַטאָריע. איך בין זיך מודע אין דעם. איך בין א באַלטשוווע, און א מענטש, וואָס האָט כאַראַטע, דאַרף מען מויכל זײַן. אין אינסטיטוט, ווו איך אַרבעט איצט, באַמי איך זיך אָניאָגן דאָס, וואָס איך האָב דורכגעלאָזט. מײַנע סטודענטן וועלן סטאַזשירן אויף מעטאַלורגישן זאַוואָד, ווו ס׳איז אויסגעבויט אײַער אויוון. מיר וועלן אַרבעטן האַנט בא האַנט און געמיינזאַם וועלן מיר פאַרגרינגערן די געבורט־ווייען. איך וויל באַהילפיק זײַן, איך וויל, מיר זאָלן ווידער אַרבעטן צוזאַמען, ניט פּאַראַלעל, נאָר טאַקע צוזאַמען.

כאנין: ווערן א שותּף?

רײַסקי: כאָטשבי א קליינער.

כאנין: אויף דער לעצטער סטאַדיע, ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק?

רײַסקי: איר זאָגט דאָך אַליין, אַז ס׳איז נאָך דאָ גענוג אַרבעט, און מע דאַרף וואָס גיכער...

כאנין: יאָ, אַרבעט איז נאָך דאָ גענוג און מע דאַרף גיכער. נאָר... נאָר די בעסטע און געלֿונגנסטע לֿייזונג פֿון איעטווידער פּראָבלעם האָט בלֿויז א מאמאַשעס און איז גוט נאָר דאַן, ווען זי ווערט דורכגעפֿירט מיט א ריינער קאָוואַנע, מיט א ריינעם געוויסן, מיט ריינע הענט.

רייסקי: איך פֿאַרשטיי אײַך ניט. איר באַשולדיקט מיך?

כאנין: איך באַשולדיק אײַן גאָרניט. אָבער איר ווייסט דאָך מיך שוין! כ׳בין א מענטש, וואָס דאָס, וואָס איך טראַכט, דאָס זאָג איך! אזא בין איך!

ס׳קומט אַרײַן פּאָלינע יאַקאָוולעוונע.

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע: ס׳איז בא אײַך אזא הייסער געשפּרעך, אז מע הערט אין קיך.

כאנין: גאָרניט, גאָרניט.

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע: פֿאַרוואָס טרינקט איר ניט די טיי? אנאַטאָלי דאַנילאָוויטש, איך בעט אײַך, האָט ראַכמאַנעס אף לֿעוו באָריסאָוויטשן, פֿאַרטיפֿערט זיך ניט מיט אים אין זײַן איווון. ער פֿאַרגעסט דאַן וועגן אַלֿץ...

רייסקי: איך זאָג אײַך צו, פּאָלינע יאַקאָוולעוונע, מער קיין וואָרט ניט וועגן איווון.

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע: זעט זשע! (גייט אַוועק).

רייסקי: איך ווילֿ ריידן וועגן דעם, צוליב וואָס איך בין געקומען צו אײַך, לֿעוו באָריסאָוויטש. (נעמט אַרויס פֿונעם פּאָרטפֿעל א גרויסן מאַנוסקריפּט מיט אַרײַנגעלֿייגטע צווישן די זײַטן פּילצאַלֿיקע צייכענונגען און טאַבעלֿעס.) לֿאָמיר, טײַערער לֿעוו באָריסאָוויטש, זיך ניט קריגן, מיר זײַנען דאָך אַלֿטע קאָלֿעגן. כ׳בעט אײַך, טוט עס א קוק איבער. איר פֿאַרשטייט אַלֿיין, ווי גראָד אײַער אַווטאָריטעט וואָרט איז פֿאַר מיר ווערטפֿולֿ. אײַער מיינונג, אײַערע אָנווײַזונג איז פֿאַר מיר העכסט וויכטיק, כאָטש אָפּרופֿן האָב איך שוין גענוג, און אַלֿע זײַנען זייער פּאָזיטיווע.

כאנין: צי ריזיקירט איר ניט דערמיט, וואָס איר גיט עס דאַפֿקע מיר!

רייסקי: אײַך טרוי איך מער, ווי זיך אַלֿיין. נעמט מיך און שנײַדט מיך, עס וועט מיר אַלֿץ זײַן לֿיב.

כאנין: זעט, אז איר זאָלֿט דערנאָך ניט כאַראָטע האָבן.

רייסקי. איך בין זיך סוימעך אף אײַך, אף אײַערע אַרבעטן, אף אײַערע אויספֿאָרשונגען. איך פֿאַרוף זיך אף זיי, עס דאַרף אײַך זײַן אָנגענעם.

כאנין (איראָניש): אַוואַדע זייער אָנגענעם. ווי זשע דען? (בלעטערט רייסקיס פֿאָליאַנט, שטרײַכט מיט א בלײַער דאָ און דאָרטן עפּעס אונטער.) ווען פֿאַרטיידיקט איר אײַער דיסערטאַציע?

רייסקי: אין די נאָענטסטע צוויי וואָכן. איך ווילֿ זײַן העכסט צופֿרידן אויב איר וועט בײַזײַן.

כאנין: מיסטאָמע ווילֿ איך ניט קאָנען. כ׳מוז אינגיכן אַוועקפֿאָרן. נאָר אן אָפּרוף וועלֿן מיר צושיקן פֿון אונדזער לֿאַבאָראַטאָריע.

רייסקי: כ׳וועלֿ זײַן זייער דאַנקבאַר, נאָר... כ׳ווייס ניט, צי ס׳איז נייטיק. אָפּיציעלֿע אָפּרופֿן זײַנען שוין פֿאַראַן גענוג. כ׳האָב פּאַשעט געוואָלֿט הערן אײַער פּערזענלֿעכע מיינונג, אזוי צו זאָגן, פּריוואַט, כאַווערִיש. וואָס עס זאָלֿ ניט געווען זײַן און וואָס פֿאַר א שוואַרצע אָדער ראַבע קאַץ זאָלֿ אַמאָלֿ ניט האָבן דורכגעלֿאָפֿן צווישן אונדז, זײַנען מיר דאָך געבלֿיבן כאַווײרים.

כאנין: יאָ, יאָ, כאַווײרים. קומט אין צוויי טעג אַרום. כ׳וועלֿ פֿאַר דער צײַט איבערלֿייענען.

רייסקי: כ׳וועלֿ אײַך זײַן זייער דאַנקבאַר. (גייט צו דער טיר. ס׳גייט אויך צו דער טיר פּאָלֿינע יאַקאָוולעוונע. שטילֿ צו איר.) וואַרט איך, טײַערע, אף דײַן קלֿוגג. ער האָט שוין אויך א בילֿעט אף צוריק?

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע: ער שטערט דיר?

רייסקי: נאַרעלֿע, פֿאַרקערט. איז זײַ געזונט, לֿיבע מײַנע, אַדיע. (טוט א קוש איר האַנט.)

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע (גייט צו צו כאַנינען): וואָס איז געשען? דו ביסט עפּעס פֿאַרמאַרעשכווירעט געוואָרן.

כאנין: גאָרניט אויסערגעוויינלֿעכס איז ניט געשען.

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע: איך זע דאָך, אז עפּעס קימערט דיך. פֿאַרוואָס ווילֿסטו מיר ניט דערציילֿן?

כאנין: ס׳האָט, פּאָלינקע, גאָרניט געטראָפֿן. דער איווון מײַנער, כ׳מיין דער איווון פֿון אונדזער לֿאַבאָראַטאָריע, איז שוין פֿאַרטיק, און נאָך אים וועלֿן אַרבעטן א סאַך אַנדערע איווונס, אַזעלֿכע ווי אונדזערער און נאָך בעסערע פֿון אים, נאָר איך גופֿע, איך בין דאָ א ביסלֿ דער געקריווועטער צאַד. מער גאָרניט. דעם בוך מײַנעם האָט שוין פֿאַר מיר אָנגעשריבן רייסקי.

פּאָלינע יאַקאָוולעוונע: וואָס הייסט — ער האָט פֿאַר דיר אָנגעשריבן?

כאנין: אַט דאָס הייסט עס, און ווי דו ווילסט, אַזוי פאַרשטיי. כ׳האָב, ווייַזט אויס, אַלץ זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו לעבן אויף דער וועלט. נאָר ביכלאַל... א בוך איז וויכטיק, אָבער נאָך וויכטיקער איז דער אויוון, וואָס ברענט שוין און שמעלצט מעטאַל.

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: אָבער דייַן בוך האָסטו שוין פאַרענדיקט?

כאנין: קימאַט. וואָס אינטערעסירט עס דיך אַזוי? דער הימל איז ניט בײַ דער ערד, אויב דאָס ערשטע וואָרט וועגן נייַעם אויוון וועט די וועלט דערהערן ניט פון מיר.

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: וואָס הייסט — ניט פון דיר? דו ביסט דאָך מאַקריוו געווען דאָס גאַנצע לעבן דייַנס, און ניט נאָר דייַנס...

כאנין: בארויק זיך. (נעמט זי אַרום.) איך וועל אַף א האַלבער שאָ אַרויסגיין אַף דער לופט...

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: גוט. דערנאָך וועלן מיר עסן אָנבייַסן. (כאַנין גייט אַרויס.) ער קוויקט זיך אין די אייַזנס, אין די גרויע שערשאַווע פּאַרמאַלאַזע שפּליטערס, ווי אין לעבעדיקע וועזנס, און דאָס לעבן גופא זעט ער ניט.

גרייט צום טיש. ס׳קומט אַרייַן רייַסקי.

רייַסקי: איך בין ספּעציעל ניט אַוועק ווייַט. זייער גוט, וואָס דו האָסט אים אַרויסגעשיקט דורכשפּאַצירן זיך. כ׳דאַרף דיר זאָגן א פּאָר ווערטער.

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: איך דאַרף דיר אויך זאָגן... דאָס הייסט בעטן.

רייַסקי: וואָס ווילסטו מיר בעטן, ליבע מייַנע?

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: ס׳וועט זיך דיר אויסווייַזן זייער נאַריש, און ס׳איז טאַקע, מיסטאָמע, נאַריש, לעפּיש, נאָר טו די נאַרישקייַט, די לעפּישקייַט צוליב מיר, אויב דו שעצסט מיך.

רייַסקי: צוליב דיר, מייַן טייַערע, בין איך גרייט צו טאָן די גרעסטע מעשוגאַסן, די ווילדסטע נאַרישקייַטן. אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט, וועט פאַר מיר ניט זייַן שווער און אומעגלעך.

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: לייג אָפּ די פאַרטיידיקונג פון דייַן דאָקטאָאַרסקע דיסערטאַציע אַף שפּעטער.

רייַסקי (מיט פאַרווונדערונג): וואָס האָסטו, טייַערינקע, צו מייַן דיסערטאַציע?

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: איך האָב צו איר גאָרניט, נאָר לייג אָפּ די פאַרטיידיקונג.

רייַסקי: דו ביסט בײַ די געדאַנקען, פּאַליעטשקע? (טאַפּט איר שטערן.) האָסט, דאַכט זיך, היץ? ניין, קיין היץ האָסטו ניט. ווער דאַרף עס, אַז איך זאָל אָפּלייגן? וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען, אַזעלכע ווי מייַנע, האָבן א גרויסע פּערספּעקטיוו און פּראַקטיש באַדייַט. זיי דאַרפן וואָס גיכער אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער וועלט. אין דעם איז פאַראינטערעסירט ניט נאָר דער דיסערטאַנט, דער קאָמענדיקער דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, נאָר אויך דער אינסטיטוט, די אַקאַדעמיע, אין ברייטן מאַסשטאַב — דאָס גאַנצע לאַנד.

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: לאָז צורו דאָס גאַנצע לאַנד. אויב דו האָסט מיך אַף אַן עמעס ליב, איז דערווייַז זי, די ליבשאַפט. לייג אָפּ דייַן פאַרטיידיקונג ביז עס וועט דערשייַנען כאַנינס בוך.

רייַסקי: א, איצט פאַרשטיי איך שוין. דו זאָרגסט זיך פאַרן מאַן, פאַר זייַן רעפּוטאַציע, פאַר זייַן קאָוועד. אָבער די רעפּוטאַציע איז דאָך בײַ אים זייער א פעסטע און קיינער נעמט זי בײַ אים ניט אָפּ. צוליב וואָס דאַרף ער, אַז איך זאָל אָפּלייגן די פאַרטיידיקונג? וואָס פאַר א נוצן וועט דאָס אים ברענגען?

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: זאָל זייַן אַפילע, אַז קיין שום נוצן ניט, נאָר ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן אַרבעטן איבער אַזאַ טעמע, ער האָט אַוועקגעלייגט אַף דעם דאָס גאַנצע געזונט, און ער דאַרף, ער האָט אַלע רעכט דער ערשטער געניסן פון זייַן אויפטו.

רייַסקי: איך זע, פּאַליע, אַז דו האָסט ניט קיין אָנונג און הייבסט ניט אָן צו וויסן וועגן דעם, וויאַזוי מע פאַרטיידיקט דיסערטאַציעס — קאַנדידאַטסקע, דאָקטאָאַרסקע. ס׳איז גאָרניט אַזוי פּראָסט. מע צעשיקט אייַנלאַדונגען די כאַשעווסטע געלערנטע, קאָפּיעס פון דער דיסערטאַציע ווערן פאַנאַנדערגעשיקט אין אַלע אינסטיטוציעס און וויכטיקע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן א קאָמפּעטענץ אין עניען און זייַנען פאַראינטערעסירט אין אים. די עקזעמפּלאַרן פון דער דיסערטאַציע געפינען זיך אויך אין די גרעסטע ביבליאָטעקן — קומט, נעמט, לייענט, טרעט אַרויס פאַר און קעגן, כאַפּט בײַ דער האַנט, אויב ס׳איז געגאַנווועטס און א פּלאַגיאַט, ווייַזט אָן אַף די פעלערן און בלויזן. די טירן זייַנען אָפן פאַר אַלעמען, הייבט זיך אויף אַף דער טריבונע און זאָגט, וואָס איר דאַרפט, רעדט, ציטירט.

פּאַלינע יאַקאָוולעוונע: איך ווייס, איך ווייס... איך געדענק יענעם קאָלטן, שנייִקן און רעגנדיקן אָנהייב־פּרילינג, ווען איך האָב דערזען באַם טויער פונעם באַרג־אינסטיטוט אַן אויסגעהאַנגענע מעלדונג וועגן דעם, אַז אייִנער א לעוו באַריסאָוויטש כאַנין פאַרטיידיקט א קאַנדידאַטן־

דיסערטאציע. דאָס איז, דאכט זיך, גאָרניט לאנג, אָקאָרשט געווען, אָבער וויפל צײַט איז שוין דורך, זינט יענעם טאָג. עס זײַנען דורך די בעסטע יאָרן.

רײַסקי: מיט מיר איז דיר שלעכט?

פאָלינע יאקאָוולעוונע: זאָג מיר אָפן און קלאָר: האָסט אויסגעניצט כאגינס מאטעריאלן, זײַנע קאָנספעקטן און פארנאָטירונגען, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין שטוב, בא זיך אין דער ביבליאָטעק?

רײַסקי: יאָ, אויסגעניצט. דאָס איז קיינעם ניט פארבאָטן. מע דאַרף נאָר אָנווײַזן די קוואלן, פונוואנען מע האָט גענומען, און איך ווײַז אָן. צען זײַטן זײַנען בא מיר אָנגעשפּיגעוועט מיט די נעמען פון די אווטאָרן און פון זייערע ביכער, וואָס איך האָב אויסגעניצט. דארפסט וויסן, טײַערע, אז קיין שום געלערנטער ווערט ניט א געלערנטער אליין פון זיך, ער הייבט זיך אויף אף די פּלייצעס פון אנדערע. אויב דו פארלאנגסט, קאָן איך דיר ברענגען אָן א שיר ציטאטעס אף דער דאָזיקער דאנקבארער טעמע. איך האָב אויסגעניצט הונדערט ביכער, טראקטאטן, אויספאָרשונגען. כ׳האָב עקספּערימענטירט, כ׳בין, ווי דו ווייסט, אויך ספּעציעל געפלויגן קיין סיביר.

פאָלינע יאקאָוולעוונע: אָבער וועמענס האָרעוואניע ליגט מער — כאגינס אָדער דײַנע?

רײַסקי (מיט א געלעכטער): האָסט דאָך הויכע בילדונג און דו ביסט אליין א דאָקטער, עמעס, ניט פון וויסנשאפטן... ווייסטו דען ניט, אז האָרעוואניע איז טאקע זייער א גוטע זאך, אָרבעטזאמקײַט איז א גלענצנדיקע מײַלע, אָבער דאָס אליין איז נאָך ווייניק, עס ווײַזט נאָר, אז דער מענטש איז ניט ווײַט אוועק פונעם פערד. ער שלעפּט דעם וואָגן. ס׳איז די אייביקע פּראָבלעם פון מאָצארט און סאליערי און זי וועט קיינמאָל ניט ווערן געלייזט.

פאָלינע יאקאָוולעוונע: דו ביסט אוודע מאָצארט?

רײַסקי: מאָצארט איז געווען א געניאלער מענטש. איך קאָן זיך צו אים ניט גלײַכן. איך בין ניט קיין געני, נאָר כ׳האָב ליב גראַציעזקײַט, דאָס הייסט אף א סכום ארבעט, וואָס דאַרף ווערן אָפּגעטאָן, פארשווענדן א מינימאלן סכום קויכעס און ענערגיע.

פאָלינע יאקאָוולעוונע: דו פארשווענדסט שוין צו א מינימאלן סכום. דײַן גראַציעזקײַט גיט זיך דיר אײַן, ווײַל דו ביסט ניט איבערקלײַבעריש אין די מיטלען.

רײַסקי: אָ, דו באשולדיקסט מיך גאָר... איך בין גרייט אויסקויפן מײַן אוולע, וואָס איך בין אמאָל באגאנגען קעגן דײַן מאן, אָבער ווי זאָל איך אויסקויפן די זינד, וואָס איך האָב זיך פארליבט אין זײַן ווײַב? (לאכט.)

פאָלינע יאקאָוולעוונע: האָסט אמאָל, געדענק איך, זייער שיין גערעדט וועגן כאראַטע, נאָר איידער דערנאָך האָבן כאראַטע, איז בעסער פריִער ניט זינדיקן. האָסט געגוג געזינדיקט, קוק זיך שוין אום.

רײַסקי: אָבער מיט וואָס זינדיק איך איצט?

פאָלינע יאקאָוולעוונע: איצט זינדיקן מירביידע.

רײַסקי: אָט אזוי זשע רעד. נאָר דאָס איז שוין אזא אלטע אייביקע זינד פון אָדאַמס און כאוועס צײַטן, וואָס מע קאָן מיט איר גאָרנישט ניט מאכן. איך שעץ אים זייער, דײַן מאן, דײַן לעבאָרן, ווי מע רופט אים אין זײַן לאבאָראטאָריע. אָבער זאָג מיר, טײַערע, געגוי, ווען פאָרט ער אוועק?

פאָלינע יאקאָוולעוונע: ער קאָן דיר דאָ שטערן?.. ווען ער וועט אוועקפאָרן, וועל איך אוועקפאָרן מיט אים.

רײַסקי: אזוי גאָר? און מיך פארלאָזסטו?

פאָלינע יאקאָוולעוונע: מיט דיר שייד איך זיך שוין איצט, און איך וואָרן דיך, קלינג מיר ניט. וואָס גיכער מיר וועלן פארגעסן אונדזער עפּיזאָד, וועגן וועלכן איך באדויער זייער, וואָס ער איז פאָרגעקומען, אלץ בעסער וועט זײַן.

רײַסקי: פאָליע, וואָס איז מיט דיר? האָסט זיך פּלוצעם אזוי געענדערט, ביסט גאָר אַן אנדערע געוואָרן.

פאָלינע יאקאָוולעוונע: איך בין געוואָרן אַן אנדערע, איצט וויל איך ווערן די פריִערדיקע.

רײַסקי: באטראכט זיך, פאָליע. איך שטעל זיך שוין ניט פאָר דאָס לעבן אָן דיר.

פאָלינע יאקאָוולעוונע: און איך מײַן לעבן — אָן אים.

רײַסקי: דו האָסט פאָשעט אף אים ראכמאָנעס. ס׳איז דער ערשטער סימען, אז דו האָסט אים ניט ליב. וואָס זשע זאָרגסטו פאר אים? ער וועט אליין באשטיין זײַן שטעטל. הער נאָר, פאָליע, בעעמעס ווונדערסטו מיך הײַנט.

פאָלינע יאקאָוולעוונע: דאָס לעצטע מאָל פארווונדער איך דיך. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געדארפט זיך ווונדערן אף זיך אליין.

ר ײַ ס ק י: בלײַב דאָ און מיר װעלן לעבן, װי מאַן־און־װײַב, פֿולקום געזעצלעך, מיר װעלן זיך פֿאַרשרײַבן אין זאגס. שװײַגסט? אָבער װאָס איז פֿאַרט מיט דיר פֿאַרגעקומען?

פּ אָ ל י נ ע י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: גאָרניט. גאָרניט איז ניט פֿאַרגעקומען. ער איז דאָך מײַן מאַן.

ר ײַ ס ק י: האָסט א טאָעס, פּאָליע. דו װעסט מיט אים ניט פֿאָרן.

ס׳קומט ארײַן כאַנין.

ר ײַ ס ק י: פֿאַרגעסן מײַן הוט, געמוזט זיך אומקערן.

כ א נ י ן: אבי ניט פֿאַרגעסן דעם קאָפּ. (רײַסקי גייט אװעק.) אזא שײנער, מעכײַעדיקער אָװנט. און דער הויף איז גרין, עמעס, ניט אזוי, װי בא אונדז אין אקאַדעם־שטעטל.

פּ אָ ל י נ ע י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: איך װעל צולויפֿן אין מאגאזין נאָך ברויט.

כ א נ י ן: פֿאַרװאָס האָסטו מיר ניט געזאָגט? איך װאָלט דיר פֿאַרשפּאָרט א גאנג.

פּ אָ ל י נ ע י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: דערפֿאַר װעסטו מאָרגן גאנצפֿרי גײן נאָך קאַרטאָפֿל אפֿן מארק. איך לויף. יאָ, נא דיר דאָס שליסעלע פֿונעם פּאָסטקעסטל, נעם ארויס די הײַנטיקע „פּראװדא" און לײען זי דערװײַל.

גייט אװעק, לעװ באָריסאָװיטש זעצט זיך צום טיש, לײענט, שרײַבט.

כ א נ י ן: „מעגלעך, אז שוין דערפֿאַר אליין, פֿאַר די געלונגענע צוגאָבן און ענדערונגען קומט דעם דיסערטאנט א. ד. רײַסקין דער טיטל „דאָקטאָר פֿון טעכנישע װיסנשאפֿטן", אָבער ס׳דאַרף דאָ עפּנטלעך געמאָלדן װערן, אז גופֿע דער פּרינציפּ איז אין אלע זײַנע גרונטיקע אספּעקטן צוערשט פֿאַנאַנדערגעארבעט און רעאליזירט געװאָרן אין סיביר...". יאָ, װוּ זשע איז דאָס שליסעלע? אָט איז עס, דאָס שליסעלע, שוין לאנג דאָ ניט געעפֿנט דאָס פּאָסטקעסטל. (גייט אװעק, קערט זיך אום מיט א צײַטונג און מיט א בריװ אין דער האנט.) אָקאָרשט געקומען און שוין א בריװ. איך האָב ליב צו באקומען בריװ... און װער האָט ניט ליב... טשיקאַװע, פֿון װעמען? (עפֿנט דעם קאָנװערט, נעמט ארויס א בלעטעלע פּאַפּיר מיט לעכעלעך פֿון אויבן, װײַזט אויס, דאָס בלעטעלע איז ארויסגעריסן פֿון א בלאָקנאָט, לײענט): „טײַערער און הויכגעשעצטער פֿרײַנט כאַנין! מיר האָבן דעם טרויעריקן פֿליכט און דעם געצװוּנגענעם קאָװעד אײַך מיטצוטײלן, אז איר זײַט ארײַנגעטראָטן אין דער געדיכטער פּאלאנגע פֿון די מענער, װעמען עס פֿאַראַטן זײערע פֿרויען. איר זײַט אװעקגעפֿאָרן אין קאלטן סיביר, און אײַער פֿרוי האָט דאָ גוט זיך אָנגעװאַרעמט און װאַרעמט זיך ביז איצט, נאָר נעמט זיך דערפֿון ניט שטאַרק צום הארצן. אזא איז אונדזער ביטערער מאַנצבלשער גורל — טראָגן הערנער אפֿן קאָפּ. אונדז בלײַבט נאָר צאָלן מיטן זעלבן. אײַערער אן אופֿריכטיקער און לײַטזעליקער פֿרײַנט". (קוקט נאָכאמאָל זיך אײַן אינעם קאָנװערט.) ס׳איז צו מיר? יאָ, צו מיר. „ל. ב. כאַנינו". מער פֿעלט מיר ניט, װי צו קריגן אנאָנימע בריװלעך. (װאַרפֿט אפֿן דיל דאָס בלעטעלע.) אָט האָסטו דיר פּאָליען, די צאַדײקעס. עפּעס האָב איך טאַקע באַמערקט בא איר אן ענדערונג, זי האָט זיך געביטן. (הײבט אויף פֿון דיל דאָס בריװל.) אָבער פֿאַרװאָס דאַרף איך גלייבן דעם פּאַסקודנעם צעטעלע און ניט דעם מענטשן, װעמען איך װײס אזוי־װי זיך אליין, אזויפֿיל יאָרן! מיר האָבן ניט שטענדיק געלעבט בעשאָלעם. קײן גרויסער שאָלעם־באַיִס און קײן גרויסע ליבע איז ניט געװען צװישן אונדז, באַזונדערס די לעצטע צײַט, אָבער כאָטשעד זײַן זי? עס לײגט זיך ניט אפֿן זינען.

ס׳קומט ארײַן פּאָליע, לײגט אװעק דאָס, װאָס זי האָט געקויפֿט, גייט צו צו כאַנינען, װעלכער זיצט באַם טיש.

פּ אָ ל י נ ע י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: װאָלסט כאָטשבי אײן טאָג, הײַנט, געלאָזט אָפּרוען דעם קאָפּ. זיצסט שוין און האָרעװעסט. (טוט א גלעט אים דעם נאַקן.) דאַרפֿסט זיך שוין אונטערשערן.

כ א נ י ן: פֿון פֿאָרנט איז שוין קימאַט ניטאָ װאָס אונטערצושערן און פֿון הינטן זע איך ניט. (שאַרט אראָפּ פּאָליעס האנט פֿון זײַן נאַקן.) זע נאָר, פּאָליע, װי געפֿעלט עס דיר, װאָס מע האָט אונטערגעװאָרפֿן, גאָר װי אין פּושקינס צײַטן. לײען! (דערלאנגט די אנאָנימקע. פּאָלינע יאקאָװלעװנע לײענט איבער אין זיך, שװײַגנדיק.)

כ א נ י ן: זאָג זשע עפּעס. דער אנאָנימשטשיק איז געװיס א נידערטרעכטיקער פּאַרשוין. רעד זשע, זאָג, אז ס׳איז א ליגן, אן אויסטראַכטעניש, א בילבל...

פּ אָ ל י נ ע י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: איך װעל דיר ניט לײקענען. (לויפֿט ארויס אין קיך.)

כ א נ י ן: װאָס, װאָס האָסטו געזאָגט? װער איז ער? דײַן... דײַן...

פּ אָ ל י נ ע י א ק אָ װ ל ע װ נ ע: ס׳איז דיר ניט אלצײנס, װעסט קריגן נאָך אײן אנאָנימקע, װעסטו פֿון איר אלץ גענוי זיך דערװיסן.

כ א נ י ן: כ׳װיל ניט גלייבן די אנאָנימקעס, איך װיל גלייבן דיר!

פּ אָ ל י נ ע י א ק אָ װ ל ע װ נ ע. כ׳לײקן ניט. װאָס זשע דאַרפֿסטו נאָך?

כאַנין גייט אָפּהענטיק אװעק.

## פ ע ר ט ע ר  ע פּ י ז אָ ד

איין סיבירער אקאַדעם־שטעטל, אַף דער וועראַנדע פון כּאַניגס קאָטעדזש. צו דער וועראַנדע טרעטן צו דער הארט די נאָדלבויימער, וועלכע ציִען זיך אהער פון דער טײַגע. כּאַנין איז נאַרוואָס געקומען צו פאָרן, שטעלט אוועק דעם טשעמאָדאַן אַפן דיל.

כּ אַ נ י ן: אָט בין איך אינדערהיים...

ס׳קומט אַרײַן מאַניקע.

מ אָ נ י ק ע: א גוט־העלף, לעוו באַריסאָוויטש, נעכטן בין איך געגאַנגען באַגעגענען אײַך אַפן אַעראָוואָקזאַל.

כּ אַ נ י ן: און אייערנעכטן?

מ אָ נ י ק ע: אייערנעכטן אויך.

כּ אַ נ י ן (לאַכט): נאָר היינט ניט.

מ אָ נ י ק ע. איך קאָן דאָך ניט אוועקגיין יעדן טאָג פון דער אַרבעט מיט דרײַ שאָ פריִער, ווען איר זאָלט געבן א טעלעגראַם...

כּ אַ נ י ן: זעץ זיך, מאָניקע, און דערצייל, וואָס הערט זיך נײַס בא אונדז?

מ אָ נ י ק ע: אָ, לעוו באַריסאָוויטש, נײַס אַפן פוד.

כּ אַ נ י ן: דערצייל, דערצייל, כ׳וועל מיט פאַרגעניגן הערן.

מ אָ נ י ק ע: וואַכטאַנג גאָבערידזען איז פּלוצעם אײַנגעפאַלן אויסצוניצן זײַן אורלויב אַף דורכצופאָרן זיך אַף צאָפּן, קיין קיזשי, ער וויל דאָרטן א קוק טאָן אַף די הילצערנע קלויסטערס, וואָס זײַנען אויסגעבויט אָן איין צוואַק, בא מיר פאַלט זיך צונויף דער אורלויב מיט זײַנעם און ער לאַדט מיך איין פאָרן, נאָר איך מוז זיך אָפּזאָגן פון אַזא פאַרגעניגן, ערשטנס, זײַנען גרויסע וועג־הויצאָעס; צווייטנס, איז בא מיר א קלענערער אורלויב, סאַכאַקל אַכצן טעג; דריטנס, דאַרף איך פאָרן צו דער מאַמען; פערטנס... און אײַך, לעוו באַריסאָוויטש, אינטערעסירט אַזא רײַזע?

כּ אַ נ י ן: עס אינטערעסירט, נאָר אַהין קלײַב איך זיך דערווײַל ניט.

מ אָ נ י ק ע: ווען איר וואָלט געפאָרן, וואָלט איך עפשער אויך...

כּ אַ נ י ן: דערצייל ווײַטער די נײַס.

מ אָ נ י ק ע: יאַשע קליינערמאַן האָט באַקומען א ירושע פון קאַנאַדע. עס איז אומגלייבלעך, נאָר ס׳איז א פאַקט. די ירושע האָט ער נאָך ניט געקראָגן, נאָר פון דער איניורקאָלעגיע איז אים אָנגעקומען אַן אָפיציעלע מיטיילונג וועגן דעם. ער האָט געהאַט אין טאָראָנטאָ אַן אַלטע רײַכע מומע, אָן קינד און רינד, אָן קרויווים. האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט א פּלימעניק אין רוסלאַנד און פאַרן טויט אים אַרײַנגעשטעלט אין דער צוואָע.

כּ אַ נ י ן: א גרויסע ירושע?

מ אָ נ י ק ע: גענוי ווייסט מען נאָך ניט, נאָר יאַשע אַליין זאָגט, אַז די ירושע איז א קאָלאָסאַלע. ער איז איצט א מיליאָנער, מיר האָט ער צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זי קריגן, די ירושע, גיט ער מיר צען טויזנט דאָלאַר.

כּ אַ נ י ן: פאַרוואָס קומט אײַך, מאָניקע, אַזויפיל? (לאַכט.)

מ אָ נ י ק ע: אַז ער איז א מיליאָנער, האָט פאַר אים צען טויזנט קיין ווערט ניט. נאָר דעם עמעס געזאָגט, קומט מיר נאָך מער. ער שרײַבט דאָך לידער און אומעטום צעזייט ער זיי, און איך געפין. די געפונענע לידער, זאָגט ער, זײַנען שעדעווערס און זיי וועלן אַרײַן אין זײַנע געקליבענע ווערק. דערווײַל האָט ער גענומען אין אונדזער הילף־קאַסע הונדערט רובל אַף צו קויפן א שיפל — עס זײַנען אָנגעקומען מאַטאָרנע שיפלעך אין מאַגאַזין און פאַר דרײַ טעג האָט מען זיי אויסגעכאַפּט. (שווײַגט א ווײַלע.) לעוו באַריסאָוויטש, פאַרוואָס זײַט איר געקומען אָן דער פרוי?

כּ אַ נ י ן: האָסט מיר שוין אַלע נײַס, מאָניקע, דערציילט?

מ אָ נ י ק ע: אַנטשולדיקט, לעוו באַריסאָוויטש. איך גיי אין דער לאַבאַראַטאָריע (גייט אוועק.)

פאַרבײַ דער וועראַנדע גייען דורך מיט טשעמאָדאַנען אין די הענט מאַנצבלען און פרויען, וועלכע זײַנען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער אַף א סימפּאָזיום אין אקאַדעם־שטעטל. מע הערט קורצע אויסרופן אַף אויסלענדישע שפּראַכן. א מאַנצבל רופט א צווייטן מאַנצבל, וואָס גייט פון פאָרנט: „מיסטער כּאַנין! מיסטער כּאַנין!”

ה אַ ר י (קוקט זיך אום אַף דעם, וואָס רופט אים): יעס.

כּאַנין שטייט באַם ראַנד פון דער וועראַנדע, קוקט אַף דעם, וועמען מע רופט „מיסטער כּאַנין”.

כּ אַ נ י ן (דערשטוינט, צו האַרין): דו? מײַן ברודער? הערשעלע?

ה אַ ר י: דו... לייבקעלע? (נעמען זיך אַרום און צעקושן זיך).

מע הערט פאַרוווּנדערטע אויסרופן אַף דער גאַס: „קאָלעגן, brothers, ברידער, братья". כאַנין פירט אַרויף האַריען צו זיך אַף דער ווערענדע.

האַרי: הער נאַר, הער נאַר! אַזאַ באַגעגעניש!

כאַנין: אַזויפיל יאָרן זיך ניט געזען.

האַרי: פון דער קינדהייט אָן.

כאַנין: יאָ. פון דער קינדהייט אָן, ווען מיר זײַנען געווען צוויי בעזשענעצלעך און אונדזער פעטער איטשע האָט דיך מיטגענומען מיט זיך, קיין אַמעריקע. זעץ זיך... (זעצן זיך ביידע אַפן דיוואַן.)

האַרי: איך בין גליקלעך, וואָס איך בין געקומען אַפן ס'מפּאָזיום, און מיר זעען זיך. אַך, איך ווייס דאָך אַזוי ווינציק, דערציי̆ל מיר אַלץ וועגן זיך. וועגן דער מישפּאָכע, וועגן אונדזערע אייגענע. ווען זײַנען געשטאָרבן אונדזערע טאַטע-מאַמע, דו ביסט געווען אַף זייער לעווײַע?

כאַנין: אַף קיין איין לעווײַע פון אונדזערע אייגענע בין איך ניט געווען. די עלטערן זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן בײַ די דײַטשן. העניעס אײַנציקער זון איז דערהאַרגעט געוואָרן אַפן פראָנט.

האַרי: וועלכע העניע?

כאַנין: העניע, אונדזער שוועסטער.

האַרי: זי לעבט?

כאַנין: זי לעבט. מײַן מישפּאָכע — די פרוי און אַ פינפיאָריק ייִנגעלע — זײַנען אויך אומגעקומען. איצט האָב איך... אַ צווייטע מישפּאָכע.

האַרי: שוין לאַנג וווינסטו דאָ, אין סיביר?

כאַנין: אַ יאָר.

האַרי: און אַ צײַט ווּעסטו דאָ נאָך זײַן?

כאַנין: ווײַזט אויס, אַז כ'וועל שוין דאָ בלײַבן אַף שטענדיק. דאָס אָרט איז פאַרבונדן מיט מײַן אַרבעט.

האַרי: און די פאַמיליע דײַנע? דאָס ווײַב?

כאַנין: וואָס האַלטסטו אין איין פרעגן, און אַליין וועגן זיך דערציילסטו גאָרניט?

האַרי: וועגן זיך וועל איך אויך דערציילן... זעסט אויס... פאַרמאַטערט. ווי פילסטו זיך אין געזונט? ווי איז בײַ דיר דאָס האַרץ? דער בלוטדרוק?

כאַנין: דאָס האַרץ איז אַ האַרץ, און דער דרוק איז אַ דרוק.

האַרי: מאָרגן, נײַן, נאָך הײַנט וועל איך דיך אויסהערן און איך וויל, אַז דו זאָלסט מאַכן אַ קאַרדיאָגראַם, איידער איך וועל אַוועקפאָרן. איך בין דאָך אַ דאָקטער, און מע זאָגט ניט קיין שלעכטער.

כאַנין: איך האָב שוין מײַן קאַרדיאָגראַם.

האַרי: ווּעסט מיר זי ווײַזן.

כאַנין: כ'האָב זי איבערגעלאָזט אין מאָסקווע.

האַרי: וועלן מיר דאָ מאַכן אַ צווייטע.

כאַנין. איך זע, אַז דו זוכסט אומעטום פּאַציִענטן.

האַרי: אַך, מײַן ליבער ברודער, איך האָב פּאַציִענטן גענוג אָן דיר. די סטאַטיסטיק ציַיגט, אַז מיר, קאַרדיאָכירורגן, לײַדן אין אַ גרויסער צאָל אַף האַרץ-קרענק, קעדיי צו ליקווידירן איין האַרצפעלער, דאַרף מען אַליין האָבן צען געזונטע הערצער.

כאַנין. וואָס מאַכט דײַן פרוי? די קינדער זײַנען שוין אוודע אויסגעגעבענע?

האַרי: אַ שאָד, איך האָב ניט פאַרכאַפּט זייערע פיקטשערס. איך האָב שוין אייניקלעך. איך בין אַ זיידע. די טאָכטער מײַנע, העלען, האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ באָכער, וואָס האָט די ווערט פינף און אַכציק טויזנט דאָלער. דאָס יונגע פאָרפאָלק האָט ניט געוווּסט, ווו צו פאַרברענגען דעם האָניק-כוידעש. איך זאָל וויסן, אַז בײַ אײַך איז דאָ רעספּעקטאַבעל, וואָלט איך זיי רעקאָמענדירט אַ רײַזע צום אָנקל. ס'איז וווּנדערפול, עס גלייבט זיך ניט, אַז איך בין אין רוסלאַנד. דו ביסט אַ פיזיקער?

כאַנין: איך בין אַ מעטאַלורג.

האַרי: זייער וויל, וואָס דו ביסט ניט קיין פיזיקער. פיזיק — איז דער שווערסטער ביזנעס אין דער וועלט. פאַרשטייסט, ליבער ברודער... די ציוויליזאַציע וואַקסט, די וויסנשאַפט בײַ אונדז און בײַ אײַך מאַכט גראַנדיעזע פאָרשריטן, מיר פירן דורך די קאָמפּליצירטסטע אָפּעראַציעס, אונדזערע, אײַערע קאַרדיאָלאָגן, אָנקאָלאָגן טוען פיל אויף צו באַקעמפן די שווערסטע קרענק, אָבער איך פרעג דיך, וואָס איז דער אויפטו? איך האָב געמאַכט אַריבער הונדערט קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס אַפן האַרצן, הונדערט מענטשן געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, דאָס איז ניט ווינציק, אָבער אין פאַרלויף פון געציילטע מינוטן קאָנען דאָך ווערן אומגעבראַכט מיליאָנען, מיליאַרדן מענטשן, די גאַנצע וועלט. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אונדזערע זוכונגען, אונדזערע עקספּערימענטן, אונדזערע אַנטדעקונגען, אונדזערע וויסנשאַפטן, אונדזערע אוצרעס, אונדזערע מוזייען מיט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס און מי-

קעלאַנדזשעלאָס קונסט־שעדעווערס, ווען דאָס אַלץ קאָן אַזוי בליצשנעל פאַרניכטעט ווערן? וואָלט דען ניט געווען פיל בעסער, אַז די זעלטענע פּלעיאַדע פיזיקער רעזערפאָרד, נילס באָר, ענריקאָ פערמי, ראָבערט אָפּענהיימער, לאַנדאו, זיי אַלע אין דער שפּיץ מיט אַלבערט איינשטיינען זאָלן ביכלאַל ניט געבוירן ווערן?

כ א נ י ן: וואָלטן זיי ניט געווען, וואָלטן אַף זייער אָרט געווען אַנדערע. ווען גאַליליי וואָלט דער ערשטער ניט אַנטדעקט, אַז די ערד איז קיילעכיק און אַז זי דרייט זיך, וואָלט עס אַן אַנדערער אַנטדעקט, עפּשער שפּעטער א ביסל, אָבער אומבאַדינגט וואָלט עמעצער צו דעם געקומען, אַזוויי ווי מע איז געקומען צו דער אַנטדעקונג פון פייער. די אַטאָם־פיזיק האָט געמוזט קומען נאָך דער אַלטער קלאַסישער פיזיק. נו, גענוג וועגן דעם. (פּויזע.)

ה א ר י: האָסט מיר, פונדעסטוועגן, נאָך גאָרניט דערציילט וועגן דיין איצטיקער פאַמיליע, וועמען האָסטו!

כ א נ י ן: א פרוי און א זון.

ה א ר י: זיי דאַרפן קומען צו דיר?

כ א נ י ן: ווי זאָל איך דיר זאָגן? זעסט דאָך, דערווייל בין איך אַליין.

ה א ר י: זאָג מיר, ליבער ברודער, דעם עמעס. ווען דו וואָלסט געהאַט א מעגלעכקייט אַריבער־צופאָרן קיין אַמעריקע, וואָלסטו אַריבערגעפאָרן? מיר זיינען געבליבן צוויי ברידער און איין שוועסטער. פאַרוואָס זאָלן מיר אַף די עלטערע יאָרן ניט לעבן צוזאַמען? דו ביסט, זע איך, גרינג אַף דער פּור. אויב עס האָט דיך ניט אָפּגעשרעקט אַריבערצופאָרן פון מאָסקווע קיין סיביר, וועסטו געוויס אויך זיך ניט שרעקן אַריבערצופליען איבערן אָקעאַן?

כ א נ י ן: עס שרעקט מיך ניט. איך וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך באַקאַנט מיט דיין מישפּאָכע, געזען, ווי איר לעבט, א קוק געטאָן אַף דיין קליניק, אָפּן לעבן בא אייך. איך וויל אויך זייער זיך באַקאַנען מיט אייער מעטאַלורגיע. כ׳מיין אָבער, אַז אַף דעם אַלץ וועט מיר זיין גענוג א צוויי כאָדאָשים.

ה א ר י: עפּשער וועט דיר געפעלן ווערן און דו וועסט וועלן בלייבן אַף שטענדיק?

כ א נ י ן: דאָס ניט. אַזעלכס איז פאַר מיר אומעגלעך.

ה א ר י: פאַרוואָס? לעבט זיך דיר שוין דאָ אַזוי אידעאַל גוט?

כ א נ י ן: פון אידעאַל איז נאָך ווייט. אָבער ניט אין דעם גייט עס. פאַרשטייסט, הערשל, איינ־קע האַלטן, אַז ייִדן זיינען ווי ציגיינער, זיי האָבן ליב צו וואַנדערן, ס׳איז א וואַנדער־פאָלק. אונדזער מאַמע, אַלעהאַשאָלעם, האָט דרייסיק יאָר אָפּגעלעבט אינעם שטעטל ווילישקיס און קיין איין מאָל ניט געווען ווייטער פונעם שכיינעסדיקן דאָרף. דער טאַטע האָט אין ווילישקיס אָפּגעלעבט אויך אַזויפיל. זיי וואָלטן אינעם שטעטל אויסגעלעבט די יאָרן, ווען מע וואָלט זיי נאָך בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע ניט אַרויסגעטריבן פון דאָרטן. איך זעלבסט האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אָוועקפאָרן, אַפילע אין די שווערסטע צייטן. און אַזעלכע צייטן זיינען בא מיר געווען. איך האָב א באַשיידענעם פאַרלאַנג — באַערדיקט ווערן אונטער א הויכן סיבירער דעמב אָדער סאָסנע...

ה א ר י: שרייבסט שוין א צוואָע? צו פרי, ברודער מיינער.

כ א נ י ן: עס איז געקומען צו רייד, און אַן עלטערער מענטש מעג א טראַכט טאָן אויך וועגן דעם. (א קלונג אין טעלעפאָן. נעמט דאָס טרייבל). א גוט־העלף, אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוויטש, יאָ, ווי איר זעט, שוין געקומען. ווי האָב איך פאַרבראַכט? גוט פאַרבראַכט. א פּאָרטראָג אָפּן סימפּאָזיום? ס׳איז נאָך ניט עפּשער א ביסל פרי צו מאַכן אים? פאַרשטאַנען. גוט, אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוויטש, איך וועל א טראַכט טאָן... (לייגט אַוועק דאָס טרייבל, צו האַרין): דאָס האָט געקלונגען דער וויצע־פּרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוויטש מעזענצעוו. ער האָט אַריינ־געהאַקט דאָס ערשטע פּלעקל אין אונדזער איצטיקן אַקאַדעם־שטעטל דאָ, ווען ס׳איז נאָך דאָ געווען הוילע טייגע...

ס׳קומט אַריין מאַניקע.

מ אַ נ י ק ע: ליב אייך מיטן גאַסט, לעוו באָריסאָוויטש.

כ א נ י ן: פונוואַנען ווייסטו, אַז איך האָב א גאַסט?

מ אַ נ י ק ע: אַלע ווייסן שוין.

כ א נ י ן: באַקען זיך, מאַניקע, מיט מיין ברודער.

ה א ר י: האַרי (קושט מאַניקען די האַנט).

מ אַ נ י ק ע (צו כאַנינען): לעוו באָריסאָוויטש, איך וועל מיסטאַמע דאַרפן איבערדרוקן אייער פּאָרטראָג?

כ א נ י ן: פונוואַנען ווייסט איר, מאַניקע, אַז איך דאַרף האַלטן א פּאָרטראָג?

מ אַ נ י ק ע: לעוו באַריסאָוויטש, וויבאַלד ס׳איז א סימפּאָזיום... איך האָב א טראַכט געטאָן, עפּשער דאַרפט איר אים עקסטרע אַפּדיקטירן אַף דער מאַשינקע. איך בין גרייט.

כ א נ י ן: א דאַנק, מאַניקע, עס איז דאָך שוין נאָכן אַרבעטסטאָג.

מ אַ נ י ק ע: איך קאָן נאָכן אַרבעטסטאָג אויך.

כ א נ י ן: ניין, מאַניקע, מע דאַרף ניט.

ה א ר י: די רוסישע פרויען זײַנען וווּנדערלעך־שייגע.

מ אַ נ י ק ע: איר האָט די געלעגנהייט, מיסטער האַרי, צו זען אין אויסנאַם.

ה א ר י: פאַרקערט, כ׳מוז זאָגן, אַז מײַן ברודער האָט זיך אויסגעקליבן א צוויבערפּולע סעקרע־טאַרשע.

מ אַ נ י ק ע: בײַ אונדז קלײַבט מען ניט אויס. עס שיקט דער קאַדרען־אָפּטייל.

ה א ר י: דאַן דאַרף איך זאָגן, אַז דער קאַדר... קאַדריישען־אָפּטייל באַציט זיך צו אײַער שעף און צו מײַן ברודער וווּנדערלעך גוט.

מ אַ נ י ק ע: מיסטער האַרי, אײַער ברודער איז ווירקלעך ווערט די בעסטע באַציִונג צו זיך, אָבער איך... אין רעסטאָראַן, לעוו באַריסאָוויטש, האָב איך רעזערווירט א טישל. (הערט זיך צו צו דער מוזיק, וואָס טראָגט זיך פון רעסטאָראַן.) דאָרטן טאַנצט מען שוין.

כ א נ י ן: מע קאָן אויך דאָ א טאַנץ טאָן, מיר וועלן גאַנווענען די מוזיק פון רעסטאָראַן. (כאַנין און מאַניקע טאַנצן.) א דאַנק, מאַניקע, איך האָב שוין לאַנג ניט געטאַנצט.

מ אַ נ י ק ע: און איך האָב ניט געוווּסט, אַז איר טאַנצט אַזוי גוט.

כ א נ י ן: איך האָב ליב די אַלטע טאַנגאָס און פאָקסטראָטן. איך האָב ליב אַלטע לידער. גע־דענקסט הערשעלע בײַ אונדז אין שטוב פלעגט מען זינגען? (זינגט.)

איך קוש דיך מיט אויגן פאַרמאַכטע<br>און פיל, ווי א דאָפּלטן גליק, —<br>מיט אויגן פאַרמאַכטע דערזע איך<br>די ליבע די ערשטע צוריק...

איך עפן אויף מײַנע אויגן,<br>דערזע איך אויך דײַנע פאַרמאַכט,<br>מיט דיר איז דאָס זעלבע געשען, —<br>אויך דו האָסט פון ערשטן געטראַכט.

מ אַ נ י ק ע: איך וועל אײַך שענקען, לעוו באַריסאָוויטש, א פּלאַסטינקע מיט אַלטע לידער.

ה א ר י (אין דער שטיל צו כאַנינען): איך שווער בײַ גאָט, אַז די מיסיס איז פאַרליבט אין דיר.

כ א נ י ן: רייד ניט קיין נאַרישקייטן.

ה א ר י: מיט אַזעלכע אויגן, מיט וועלכע זי קוקט אַף דיר, קוקן נאָר פאַרליבטע.

כ א נ י ן: כ׳בעט דיך, הער אויף פּלוידערן. (עס קלינגט דער טעלעפאָן. כאַנין נעמט דאָס טרײַבל.) יאָ, מײַן ברודער, האַרי כאַנין, זיצט בײַ מיר. (גיט איבער האַרין דאָס טרײַבל.)

ה א ר י: יעס. פּראָפעסאָר סקאַלאָוו? ס׳וועט מיר זײַן זייער אָנגענעם צו באַקענען זיך מיט אײַך. א קאָנסיליום? איך וועל קומען... (לייגט אַוועק דאָס טרײַבל.) מע וועט אָפּערירן א צוועלפיאָריק ייִנגל... פאַר מײַן אַוועקפאָרן אַהער, האָב איך אין מײַן קליניק געמאַכט א ייִנגעלע אַן אָפּעראַציע אַפן האַרצן. אַלץ איז דורכגעגאַנגען נאָרמאַל, איך בין אַוועק אַהיים. מע קלינגט מיר. דעם קליינינקן דזשעקן איז שלעכט. געקומען צו לויפן — דאָס קינד איז טויט. דאָס האַרץ קאָן מען אויפלעבן נאָכן קלינישן טויט, אָבער באַם ייִנגעלע איז שוין אויך געווען אָפּגעשטאָרבן די קאָרע פונעם מאַרך, און די קאָרע ווי־דערופלעבן איז אוממעגלעך. עס איז נאָך פאַראַן אַזויפיל געהיימניסן אין דער מעדיצין... און דעם עמעס געזאָגט, אין א פרעמד לאַנד... איך וועל עפּעס אײַצען, קאָנסולטירן, און עס קאָן דערנאָך עפּעס טרעפן, און מע קאָן עס בײַ אײַך אויסטײַטשן...

כ א נ י ן: פרעמדע לענדער זײַנען פאַראַן, אָבער פרעמדע קינדער זײַנען ניטאָ. אויב דו קענסט נאָר מיט עפּעס־וואָס באַהילפיק זײַן, איז גיי און העלף, ס׳וועט זײַן דער ווינטיקסטער רעזולטאַט פון דײַן קומען אַהער, אויב דו וועסט העלפן ראַטעווען דאָס סיבירער ייִנגל. (ווידער א קלונג אין טעלע־פאָן. האַרי נעמט דאָס טרײַבל.)

ה א ר י: יעס. (צו כאַנינען.) ס׳וואַרט שוין אַף מיר די מאַשין, איך גיי.

כ א נ י ן: זײַ מאַצליִעך!

מ אַ נ י ק ע: אַלדאָס בעסטע, מיסטער האַרי. (גייט אויך צו דער טיר, נאָר שטעלט זיך אָפּ און ווענדט זיך צו כאַנינען.) דאַרף מען גאָרניט איבערדרוקן אַף דער מאַשינקע?

כ א נ י ן: ניין, מאַניקע. נאָכאמאָל א דאנק. מײַן פּאָרטראַג, אויב איך וועל אים האלטן, וועל איך סײַווי ניט לייענען פון א פּאפּיר. כ'ווייס אים אויסווייניק. (אומגעריכט.) איר ווילט א ביסל הערן?

מ אָ נ י ק ע: מיט פארגעניגן, לעוו באָריסאָוויטש, נאָר איך וועל, מיסטאמע, גאָרנישט ניט פאר־שטיין.

כ א נ י ן: איר וועט אלץ פארשטיין, דעם פּאָרטראַג וועל איך האלטן ניט נאָר פאר ספּעציאַליסטן און ער וועט זײַן צוגענגלעך פאר אלעמען. נאָר די ערשטע צוויי ווערטער וועל איך ניט זאָגן אויס־ווייניק, ווײַל איך קאָן זיי פארגעסן. (לייענט פון א בלעטל.) דאמען און הערן! (לייגט דאָס בלעטל אוועק.) אונדזער אויוון איז ניט קיין מארטען, ניט קיין קאָנווערטאָר, ניט קיין דוהאָווע עלעקטראָוויע, אין וועלכע דער מעטאל ווערט פארטיק פעריאָדיש — די שמעלצונג קומט דאָרטן פאָר לעפּיערעך איין מאָל אין דרײַ שאָ. דער נײַער אגרעגאט איז געבויט אף א ראדיקאל אנדערשדיקן פּראָצעס — אפן פרינציפּ פון אן אומופהערלעכן שטראָם. דער מעטאל שטראָמט די גאנצע צײַט, ווי א רויִקער, נאָר אייביקער טײַך, אָן אן אופהער און אָן אן איבערײַס... א פעלד מיט קאָרן און ווייץ שמעקט מיט פרישן ברויט, א שמעלץ־אויוון שמעקט מיט פרישן שטאָל. עס איז א פארשיקערנדיקער רייעך, מע דארף זיך צוגעוווינען צו אים, דאַן ווערט באַם אויוון גרינג און גוט צו אָטעמען. נו, ווי, מאָניקע, אלץ איז אײַך פארשטענדלעך?

מ אָ נ י ק ע: אלץ, לעוו באָריסאָוויטש.

כ א נ י ן: זײַט איר דאָך ווערט, מאָניקע, אז מע זאָל אײַך א קוש טאָן. (כאנין וויל זי א קוש טאָן אין באַק, נאָר מאָניקע שטעלט אונטער די ליפּן, קושט כאנינען.) דו ביסט זייער א ווילדע, מאָני־קע... נאָר וואָס קאָן זײַן באַנאַלער, פלאכער, אויסגעדראָשענער, ווי א ליבע פון א באַיאָרטן, סאָלידן געלערנטן שעף מיט זײַן יונגער סימפּאַטישער סעקרעטאַרשע?

מ אָ נ י ק ע: אזוי טראכט איר, לעוו באָריסאָוויטש? איך וועל אײַך זאָגן אָפן, וואָס איך טראכט. איר האָט מוירע, לעוו באָריסאָוויטש, אז אין שטעטל וועט מען ריידן. אָבער דערזוף איז עס דאָך א שטעטל, אז מע זאָל ריידן. זאָל מען ריידן, זאָל מען איבערריידן, זאָל מען אָפּשפּעטן פון מיר, זאָל מען זאָגן, אז מאָניקע וויל ווערן א באַלעבאָסטע אינעם קאָטעדזש, צונעמען דאָס געלט און די פּרעמיעס, וואָס כאנין קריגט און וואָס ער וועט נאָך קריגן, מיך אַרט דאָס ניט, פארוואָס זשע אַרט דאָס אײַך? איר ווייסט זייער גוט, אז ניט דאָס געלט, ניט די פּרעמיעס, ניט דער געלערנטער טיטל, ניט די וווינונג אײַערע ציִען מיך צו אײַך. עס קען דאָך א מענטש געפעלן זײַן און מע קען אים ליב האָבן נאָר דערפאַר, ווײַל ער איז א מענטש... אָבער וואָס רייד איך, עס לאָזט זיך אלץ אזוי גרינג דערקלערן. איך האָב אײַך ליב, און איר מיך — ניט. וואָס זשע האָב איך זיך צוגעטשעפּעט, איך בין אײַך איצט שוין נימעס, און נאָר אזא נאַר, ווי איך...

כ א נ י ן: מאָניקע, מיט אזא פרוי, ווי איר, קאָן מען זײַן גליקלעך, נאָר אין הארצן איז בא מיר איצט א גרויסע וווּנד...

מ אָ נ י ק ע: ס'האָט עפּעס געטראָפן אין שטוב?

כ א נ י ן: איך האָב ניט ליב צו ריידן וועגן מײַנע פּערזענלעכע איניאָנים.

מ אָ נ י ק ע: אנטשולדיקט, לעוו באָריסאָוויטש.

(ס'קומען אַרײַן אָסקאָלצעוו, גאָבערידזע, קליינערמאַן.)

אָ ס ק אָ ל צ ע וו: זדראַווסטוויטיע, לעוו באָריסאָוויטש.

ג אָ ב ע ר י ד ז ע: סאַליאַם אַלייקום, לעוו באָריסאָוויטש.

ק ל יי נ ע ר מ אַ ן: שאָלעם־אַלייכעם, לעוו באָריסאָוויטש. אין מאָסקווע איז אלץ אין אָרדענונג?

כ א נ י ן: אין מאָסקווע איז שטענדיק אין אָרדענונג. און וואָס הערט זיך אין סיביר?

אָ ס ק אָ ל צ ע וו: אין סיביר איז אויך אין אָרדענונג, נאָר אין אונדזער לאַבאָראַטאָריע, כ'מיין אין צעך, מיט אונדזער אויוון...

כ א נ י ן: וואָס איז געשען מיטן אויוון?

ג אָ ב ע ר י ד ז ע: א קליינער טשעפּע.

ק ל יי נ ע ר מ אַ ן: פּאָלונדרא.

כ א נ י ן: רעדט קלאָרע דיבורים!

אָ ס ק אָ ל צ ע וו: דאָס האָט פּאַסירט אף איבערמאָרגן נאָך אײַער אוועקפאָרן. מיר קומען אַרײַן אין צעך...

ג אָ ב ע ר י ד ז ע: און ס'איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די דינאַסעווע ציגל און אנדערע מאטעריאלן, וואָס זײַנען געווען אָנגעגרייט פאר דער פערטער קאמער, ווו מע דארף פאר־פעסטיקן די פוטעראָווקע, האָט מען צוגענומען.

כ א נ י ן: ווער האָט צוגענומען? ווער האָט דערלויבט?

אָ ס ק אָ לֿ צ ע ו: מיר זײַנען אַוועק אויסקלאָרן צום דירעקטאָר. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז דעם דירעקטאָרס פֿאַראָרדענונג. וואָס האָב איך געוואָלט טאָן, זאָגט ער, אַז אַ מאַרטען־אויוון האָט מען אָפּגעשטעלט אױף רעמאָנט און אַז אפֿן דינאַס־ציגל־זאַוואָד איז גראָד פֿאָרגעקומען אַן אַוואַריע. וואַרטן, ביז וואַנען דער זאַוואָד וועט נעמען אַרבעטן אָדער מע וועט ברענגען פֿײַערפֿעסטן ציגל פֿון אַן אַנדער אָרט, האָבן מיר ניט געקאָנט. עס איז סאָף כוידעש, און דערצו נאָך אויך סאָף קוואַרטאַל. ניט נאָר די טעג, יעדער שאָ, יעדע מינוט איז בײַ אונדז גלײַך צו גאָלד. עס קאָן פֿלאַצן דער גאַנצער פּלאַן אַפֿן זאַוואָד.

כ אַ נ י ן: אָבער בײַ אונדז איז דאָך אויך אַ פּלאַן? וועגן דעם האָט איר אים געזאָגט?

ג אָ ב ע ר י ד ז ע: געזאָגט.

כ אַ נ י ן: און וואָס האָט ער געענטפֿערט?

ג אָ ב ע ר י ד ז ע: ער האָט געענטפֿערט: בײַ אײַך איז פֿונדעסטוועגן אַ זאַך פֿון דער ווײַטערער פּערספּעקטיוו, אַ כוידעש פֿריִער, אַ כוידעש שפּעטער מיטן עקספּערימענט — שפּילט ניט קיין ראָליע.

כ אַ נ י ן: שוין גיי איך צו אים! עס איז דאָך ווילקיר! איך וועל מאַכן אַזאַ סקאַנדאַל!

מ אָ נ י ק ע: לעוו באָריסאָוויטש, איר זײַט דאָך ערשט פֿון וועג, מאָרגן וועט איר גיין צום דירעקטאָר.

כ אַ נ י ן: הייבט זיך אָן אַ מײַסע, מאָרגן... וואָס פֿאַר אַ מאָרגן, אַז מע דאַרף הײַנט, מע מוז שוין. (גייט אַוועק.)

## פֿ י נ פֿ ט ע ר  ע פּ י ז אָ ד

א „ביטאָװוקע“ (אָפּרו־צימער) אין מאַרטען־צעך. אין די פֿענצטער זעט מען דעם אָפּשײַן פֿונעם פֿלאַם, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון אַ פֿאַרמאַכטן טירל פֿון אַ שמעלץ־אויוון.

לֿ י ו ב א ר ס ק י (זיצט בײַ אַ טישל און שרײַבט.) אינעם סיבירער אַקאַדעמישן שטעטל זײַנען אַכציק פּראָצענט געלערנטע אין עלטער פֿון צוויי און צוואַנציק ביז דרײַסיק יאָר. אין דער לאַבאָראַטאָריע „אומופֿהערלעכער שטראָם“ איז אויך אַזוי, נאָר דער שעף אירער, לעוו באָריסאָוויטש כאַנין, האָט שוין צעביטן דעם זעקסטן יאָרצענדליק. ער איז אַן אָנטיילנעמער פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. (ס'קומט אַרײַן כאַנין.) ענדלעך האָב איך דיך געפּאַקט. דו מוזסט מיר גלײַך געבן אַן אינטערוויו. עס פֿעלט בײַ מיר צווישן אַלע מײַנע אינטערוויוען דער עמעסער אינטערוויו מיט דיר — דעם ערשטן באַלסימכע. אַזויפֿיל געסט זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן צו דער עפֿענונג פֿון דײַן אייוועלע. איך באַגריס דיך פֿון גאַנצן האַרצן. אין דער צײַטונג האָט מען מיך געבעטן אָנשרײַבן דרײַ הונדערט שורעס. זעלטן־ווען מע גיט מיר אַזויפֿיל שורעס.

כ אַ נ י ן: מיר זײַנען, מענדל זאַכאַראָוויטש, אַלטע פֿרײַנט, נאָר אויב בלויז צוליב אַן אינטערוויו, האָט דיר ניט געלוינט צו פֿאָרן אַזוי ווײַט.

לֿ י ו ב א ר ס ק י: ווען ווייסטו, ליאָווע, אַמאָל שוין אויפֿהערן זײַן אַזוי באַשיידן? איך קען דיך שוין אַ שאָק מיט יאָרן און דו ביסט אַלץ דער זעלבער, ווי מע זינגט אינעם לידל:

Каким ты был, таким остался...

לאָמיר זיך אַוועקזעצן מיט דיר אױף אַ שאָ־צוויי און כ'וועל דיך... אויסמעלקן. אַנטשולדיק, דאָס איז בײַ אונדז, זשורנאַליסטן, אַזאַ ווערטל. איך וועל שטעלן פֿראַגן און דו וועסט ענטפֿערן.

כ אַ נ י ן: אַזאַ אָנשיקעניש אױף מײַן קאָפּ, איך מוז זײַן אין צעך. שפּעטער, שפּעטער.

לֿ י ו ב א ר ס ק י: ווען שפּעטער?

כ אַ נ י ן: אין אָוונט... בײַנאַכט... ווען דו וועסט וועלן, נאָר ניט איצט. איצט איז אויסגעשלאָסן.

לֿ י ו ב א ר ס ק י: אָבער אַ פּאָר ווערטער מוזטו דערווײַל זאָגן, כ'דאַרף זיי צום אַרײַנפֿיר אין מײַן אַרטיקל. כ'האָב געהערט, אַז דאָס אָרט אין מאַרטען־צעך, וווּ עס שטייט דער נײַער אויוון, רופֿט מען „כאַנינס ווינקל“. דערצייל זשע מיר כאָטשבי עטוואָס וועגן אָט דעם ווינקל.

כ אַ נ י ן: וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר? (זעצט זיך אַוועק.) ווי דו ווייסט, פֿאַרמאָגט דאָס וואָרט „ווינקל“ פֿאַרשיידענע באַטײַטן. אין דער יוגנט האָב איך איינמאָל אויסגעהאַנגען אַזאַ מעלדונג: „אַ סטודענט וועט דינגען אַ ווינקל, פֿאַרשלאָגן שיקן לויטן אַדרעס: פּאָשטאַמט, צום אויפֿאָדערן ל. ב. כאַנינען“. ווען איך בין אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען אפֿן פּאָשטאַמט, האָט מען מיר דאָרטן דערלאַנגט דרײַ קאַרטלעך, און איך האָב זיך געלאָזט לויפֿן לויט די אָנגעוויזענע אַדרעסן. איינער אַ יונגער פֿרוי, וואָס האָט געהאַט אַ פֿרײַ ווינקל, בין איך טייקעף ניט געפֿעלן געוואָרן און זי האָט אַפֿילע ניט געוואָלט ריידן. דער צווייטער אַדרעסאַט האָט אָנגערופֿן אַזאַ פּרײַז, וואָס האָט איבערגעוויגן

מײַן גאַנצע סטיפּענדיע. א גליקלעך ווינקל, א דאך איבערן קאָפּ האָב איך געפונען לויטן דריטן אדרעס — אין א מישפּאָכע פון פיזקולטורניקעס. אינדערפרי האָט דער באַלעבאָס געהויבן האַנטעלן, די באַלעבאָסטע איז געשפּרונגען איבער קאַזלעס. דאָס טעכטערל זייערס איז אין א מאַראַפאָן־געלויף געלאָפן איבערן הויף. זיי האָבן מיך אויך געמאַכט פאר א פיזקולטורניק. און מײַנע ספּאָרטיווע דערפאָלגן זײַנען געווען אזעלכע גרויסע, אז איך בין אינגיכן געוואָרן זייער קאַפּיטאַן. איך וואָלט מיסטאָמע געוואָרן אן ערשטקלאַסישער ספּאָרטסמען, נאָר ס'האָט זיך אומגעקערט פון אַרמיי זייער זון, וועמענס בעט איך האָב געהאַט פארנומען. מיט אויסגעשרייען „פיזקולט־הורא" האָבן מיר זיך געזעגנט...

לױבאַרסקי: דערצייל וועגן דײַן איצטיקן ווינקל.

כאַנין: וועגן איצטיקן איז א סאך צו ריידן. אינעם מאַרטען־צעך, אין עקסטן ווינקל, שטייט א שמעלץ־אויוון מיט פינף הויכע קאַמערן, ווי פינף שוועסטער, באַהעפטע מיט איין מוטערלעכן נאַפּל. דאָס איז איצט מײַן שענסט ווינקל אין דער וועלט, דער שענסטער און שווערסטער. און ביכלאַל... ביכלאַל אינטערוויויר דערווײַל אנדערע. נעם עמעצן פון אונדזער לאַבאָראַטאָריע.

לױבאַרסקי: דאָס איז א געדאַנק. פריִער — די מיטאַרבעטער, דערנאָך דעם שעף — אַלס שלוס־אַקאָרד. ווו זשע געפינט מען זיי, דײַנע באַהעלפערס?

כאַנין: זיי זײַנען אַלע איצט דאָ, אין צעך, באַם אויוון. אָבער זיי האָבן אויך ניט קיין צײַט.

לױבאַרסקי: מיט זיי וועל איך דורכפירן א קליינע פּרעסע־קאָנפערענץ.

כאַנין: גוט, גוט. (אַנטלויפט.)

לױבאַרסקי: אז איך וועל אַוועקגיין אף פּענסיע, וועלן בא מיר בלײַבן הונדערט פארשרײַבענע בלאָקנאָטן. ווו און בא וועמען האָב איך נאָר ניט גענומען קיין אינטערוויוען? (ס'קומט אַרײַן גאַבערידזע.) אן אַלטער באַקאַנטער פון כאַנינס לאַבאָראַטאָריע. זעצט זיך, ביטע. איך וועל אײַך אינטערוויוירן.

גאַבערידזע: איך בין גרייט צו הערן און ענטפערן.

לױבאַרסקי: ס'איז צום באַוווּנדערן, וויאַזוי א פארהעלטעניסמעסיק קליינער לאַבאָראַטאָריע האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפן אזא מערקווירדיקן אויוון.

גאַבערידזע: אף וווּנדערן זיך איז גענוג איין מינוט, קעדיי צו שאַפן א וווּנדערלעכע זאַך, דאַרף מען טעג, און כאַדאָשים, און יאָרן.

לױבאַרסקי: אײַך איז געווען שווער?

גאַבערידזע: עס וואָלט געווען גרינג, ווען מע זאָל וויסן אין אָנהייב, פון וואָס מע דאַרף אָנהייבן. א ריכטיקע אידיי שליסט קלאָל ניט אויס א בלאָנדזשעניש.

לױבאַרסקי: אײַער פּערזענלעכער אָנטייל, כאַווער גאַבערידזע? איז דער אויוון פון אומופהערלעכער שמעלצונג אויך אײַער אידיי געווען, צי איר זײַט נאָר א קאָנקרעטער אויספילער?

גאַבערידזע: פּאָשעטע ארבעטזאַמע מענטשן זײַנען פעיִק אופצוטאָן אַלץ, וואָס עס קאָן אופטאָן א מענטש א געניִאַלער, און כוץ דעם קאָנען זיי נאָך טאָן א סאך אנדערע זאַכן, וואָס א געניִאַלער קאָן שוין ניט. דאָס מעג מען פולקום באַהויפּטן וועגן אַלע מיטאַרבעטער פון אונדזער לאַבאָראַטאָריע.

לױבאַרסקי: א דאַנק. איר זײַט מאַמעש א זאַמלונג פון אַפאָריזמען.

עס קומט אַרײַן קליינערמאַן. בא אים אָפן קאָפּ איז א העלם, אף די אויגן — טונקעלע ברילן, אין די הענט — א „לעפל" פון א שטאָלקאָכער.

קליינערמאַן: אָקאָרשט איז בא מיר געבוירן געוואָרן די ערשטע שורע פון א ליד. איעדער וואָרט הייבט זיך אָן מיט א שטומען אַלעף. אויוון, אויוון, אומופהערלעכער אויסגוס... (צו גאַבערידזען.) קום צום אויוון.

גאַבערידזע און קליינערמאַן גייען אַוועק, ס'קומט אַרײַן מאַניקע.

לױבאַרסקי: עס פרייט מיך זייער, וואָס מיר זעען זיך.

מאַניקע. איך וויל, אז איר זאָלט פארשרײַבן מײַן מיינונג.

לױבאַרסקי: ביטע, ביטע.

מאַניקע: אין אונדזער לאַבאָראַטאָריע רעדט מען אָפט מיט אַפאָריזמען. וועל איך אויך ברענגען אן אַפאָריזם. ער איז זייער צוגעפּאַסט צו לעבאָרן, כ'מיין, צו לעוו באָריסאָוויטש כאַנינען. וווּנדערלעך איז א מענטש, אויב ער איז אינדערעמעסן א מענטש. דער אַוטאָר פונעם אַפאָריזם בין ניט איך, און מײַן נאָמען, ביטע, ווײַזט ניט אָן.

ל י ו ב א ר ס ק י: א דאַנק. ליבע מאַניקע. (קושט איר די האַנט און גייט אַוועק.)

מ אַ נ י ק ע: ס׳וועט הײַנט זײַן א יאָמטעווודיקער מיטיק. דער קעכער פון דער זאַוואָדישער סטאָלאָווע האָט בא מיר געפרעגט, וואָס פאַר א געריכטן האָבן ליב די דערפינדער פונעם נײַעם אויוון. האָב איך אים געענטפערט, אז דער שעף פון אונדזער לאַבאָראַטאָריע איז א ייִד, האָט ער, מיסטאמע, ליב געפילטע פיש. עס איז פאַראַן בא אונדז א גרוזינער — וויל ער געוויס א כאַרטשאָ און שאַשליק, איך בין האַלב א רוסישע, האַלב א האָלענדקע, האָב איך ליב, אז עס זאָל זײַן צום אָנבײַסן א שטיקל פריש האָלענדישע קעז... „אפן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל איז ניטאָ קיין פּראָדוקטן, — האָט דער קעכער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — ס׳וועט זײַן א פלאַטסקער באָרשטש. שניצעל און גוליאַש. א קאָמפּאָט פון אויסגעטריקנטע פרוכטן וועט אויך זײַן...”

ס׳קומט אַרײַן וואָלאָדיע, ער איז אין סאָלדאַטסקער אַמוניציע.

וו אָ ל אָ ד י ע (צו מאַניקען): זאָגט מיר, ביטע, ווי קען מען זען לעוו באָריסאָוויטש כאַנינען?

מ אַ נ י ק ע: ער איז אין צעך. (קוקט זיך אײַן אין וואָלאָדיען.) א באַקאַנט פּנים. לעוו באָריסאָוויטשעס זון?

וו אָ ל אָ ד י ע: איר האָט געטראָפן.

מ אַ נ י ק ע: מיר האָבן פאַראַאָרן זיך געזען, ווען איר האָט זיך אין מאָסקווע אַרײַנגעקליבן אין דער נײַער דירע, איך בין מאַניקע.

וו אָ ל אָ ד י ע: מיך רופט מען וואָלאָדיע.

מ אַ נ י ק ע: יאָ, וואָלאָדיע... לעוו באָריסאָוויטש וועט זיך אַזוי דערפרייען. איך לויף אָנזאָגן אים, אז איר זײַט געקומען צו פאָרן. (גייט אַוועק.)

וו אָ ל אָ ד י ע (רעדט צו זיך): איך בין אין אַרמיי אין די קאַרפּאַטן, דאָרטן, ווו ס׳איז אומגעקומען מײַן פאָטער. ווען נאָר איך האָב געהאַט אַן אָוונטאָלניטעלנע, האָב איך געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט, אַרײַנגעגאַנגען אין הוצולישע שטיבער, געלייענט אין די דערפער דאָ און דאָרטן די אויסגעקריצטע נעמען אויף אָבעליסקן און אויף באַזונדערע קוואָרים. געזוכט דעם נאָמען פון מײַן טאַטן, ניט געפונען. ווו איז דאָס פּיצל ערד, וואָס האָט אים אויף אייביק צוגענומען? באַלד וועל איך זען מײַן שטיפטאַטן. אַמאָל איז מיר זייער געפעלן געווען, וואָס אויף דער אַרבעט רופט מען אים דאָן־קיכאָט. די מאַמע האָט געהאַט דערפון גרויס אַגמעסנעפּעש און איך האָב געבלעטערט דאָס בוך מיט די שיינע בילדער פונעם קינסטלער דאָרע, אײַנגעקוקט זיך אינעם לאַנגן, דאַרן שפּאַנישן הידאַלגאָ און געזוכט אַן ענלעכקייט מיט מײַן... מײַן לעבאָרן, וואָס זיצט דורך די נעכט באַם טיש, אַרומגעלייגט מיט ביכער. אינדערפרי לויפט ער אַוועק, אין אָוונט קומט ער, אָפט ניט אין קיין געהויבענער שטימונג, ס׳ווײַזט זיך דאַן אויס, אז באַטאָג האָט ער זיך געשלאָגן מיט ווינטמילן און געקראָגן גוטע קלעפּ... ער איז מיר א שטיפטאַטע, נאָר איך האָב אים זייער ליב. דאָס יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָב איך זייער געבענקט נאָך אים...

עס קומט אַרײַן כאַנין.

כ א נ י ן: וואָלאָדיע, דו?

וו אָ ל אָ ד י ע: ווי דו זעסט. (נעמען זיך אַרום און צעקושן זיך.)

כ א נ י ן: זע נאָר, ביסט דאָך שוין העכער פון מיר.

וו אָ ל אָ ד י ע: ניט העכער, נאָר לענגער.

כ א נ י ן: אַזוי ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

וו אָ ל אָ ד י ע: ניט פון הימל, נאָר פון די קאַרפּאַטן־בערג. בײַס די לעצטע מאַנעווערס האָט אונדזער פּאָלק פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער דיוויזיע און אונדזער ראָטע — דאָס ערשטע אָרט אינעם פּאָלק. דרײַ סאָלדאַטן האָט מען באַלוינט מיט אַן אורלויב אויף א וואָך צײַט — צו זען זיך מיט די עלטערן. בין איך צווישן די דרײַ.

כ א נ י ן: זייער גוט. דו ביסט גלײַך געפלויגן אַהער, צי אויך שוין באַוויזן צו זײַן אינדערהיים?

וו אָ ל אָ ד י ע: אינדערהיים בין איך געווען איין טאָג. איך וואָלט דאָרטן זיך פאַרהאַלטן אויף נאָך א טאָג, נאָר ס׳האָבן געאײַלט אין וועג נאָך מענטשן, און מיר האָבן געוואָלט פאָרן צוזאַמען.

כ א נ י ן: ווער זײַנען די מענטשן?

וו אָ ל אָ ד י ע: דו קענסט זיי. אונדזערע שכנים. די מומע איטע און איר טאָכטער ליזע.

כ א נ י ן: וואָס דאַרפן זיי אין סיביר?

וואַלאַדיע: ליזע האָט פּאַראַיאָרן געהאַלטן עקזאַמענעס אין מאָסקווער אוניווערסיטעט און ניט אויסגעהאַלטן, ווײַל זי פּרוּוון אָנקומען אין סיבירער, וועלכער געפינט זיך דאָ, אין אקאַדעם־שטעטל. נו, און די מאַמע האָט מוירע געהאַט צו לאָזן זי אַליין אין אַזאַ ווײַטן וועג.

כאַנין: ליזע האָט קלוג געטאָן. ס׳איז אַן אויסגעצייכנטער אוניווערסיטעט. די גרעסטע גע־לערנטע לייענען דאָרטן לעקציעס. די סטודענטן פּראַקטיקירן אין די אקאַדעמישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן... און דו, וואָלאַדיע, האָסטו שוין באַשלאָסן, וווּ דו וואָלסט געוואָלט אָנקומען לערנען נאָך דער אַרמיי?

וואַלאַדיע: איך ווײַל אויך אַהער אין אוניווערסיטעט... און דאָס האָב איך טאַקע אײַנגע־רעדט ליזען שיקן אַהער די דאָקומענטן.

כאַנין: ווען האָסטו זי באַוויזן אײַנריידן?

וואַלאַדיע: מיר שרײַבן זיך דאָך דורך. קימאַט אַלע וואָך — אַ בריוו.

כאַנין: אַזוי גאָר? אַף אַ וועלכן פאַקולטעט ווילסטו זיך לערנען?

וואַלאַדיע: אַפן מאַטעמאַטישן.

כאַנין: דו ביסט געראָטן אין מיר. איך האָב אויך ליב מאַטעמאַטיק. מאַטערסט זיך שטאַרק אַף די אויפגאַבעס, וואָס איך שיק דיר?

וואַלאַדיע: (לאַכט): ווו זוכסטו זיי נאָר אויס, אַזעלכע פאַרפּלאָנטערטע? אַפילע אַף די מאַ־טעמאַטישע אָלימפּיאַדעס פאַרגיט מען גרינגערע.

כאַנין: איך טראַכט זיי אַליין צו. ספּעציעל פאַר דיר.

וואַלאַדיע: כ׳מאַטער זיך, נאָר איך לייז זיי.

כאַנין: מאָלאָדיעץ.

וואַלאַדיע: ווען וועסטו... טאַטע זיך אומקערן קיין מאָסקווע?

כאַנין: ניט אַזוי גיך, וואָלאַדיע. עפּשער — קיינמאָל ניט.

וואַלאַדיע: דער איווון איז שוין אויסגעבויט?

כאַנין: אויסגעבויט.

וואַלאַדיע: קאָנסטו דאָך שוין פאָרן אהיים.

כאַנין: ניין, וואָלאַדיע, מיטן איצטיקן איווון פאַרענדיקן זיך ניט אונדזערע אויספאָרשונגען, און ביכלאַל... די היים מײַנע איז איצט שוין דאָ.

ס׳קומען אַרײַן איטע און ליזע.

איטע: אַ גוט־העלף אײַך, לעוו באָריסאָוויטש.

ליזע: אַ גוט־העלף אײַך, לעוו באָריסאָוויטש.

כאַנין: אַ גוט־יאָר.

איטע: איך בין גליקלעך, וואָס מיר זעען זיך ווידער. איך האָב אײַן אַ גוטער שאָ געבראַכט מײַן טאָכטער ליזען אין אײַער אוניווערסיטעט. אַזאַ שיינער אוניווערסיטעט און אַזאַ שיין שטעטל.

כאַנין (צו ליזען): איר האָט זייער גוט געטאָן, וואָס איר האָט אויסגעקליבן דעם סיבירער אוניווערסיטעט. לויט מײַן מיינונג, איז ער דער צווייטער נאָכן מאָסקווער.

ליזע: איך האָב אויסגעקליבן, נאָר צי וועט דער אוניווערסיטעט אויסקלײַבן מיך?

איטע: מע פאָרט דאָך אַהער, זע איך, פונעם גאַנצן לאַנד. פון טשערנאָוויץ, פון קעשענעוו, פון כאַרקאָוו, פונוואַנען נאָר ניט. און מע דאַרף קריגן אַף די עקזאַמענעס נאָר „פּיאַטיאָרקעס״, אַ „פיר״ טויג שוין ווייניקער און אַ „דרײַ״ איז שוין אינגאַנצן אַף קאַפּאָרעס. מיר דוכט, איך בין שוין אַליין געוואָרן אַ געלערנטע. נאָר מע הערט דאָ די ווערטער „אַביטוריענט״, „פּראָפעסאָר״, „דעקאַ־נאַט״, „פּיזמאַט״, „סטיפּענדיאַט״. ווען ס׳וועט שוין האַלטן, טראַכט איך, בײַ דער סטיפּענדיע, וועט שוין זײַן גוט... און ווי לאָזט מען עס אַ יונג מיידל פאָרן איינע אַליין, האָב איך גענומען בײַ מײַן עקסעלע, כ׳מיין בײַ מײַן מאַן מיכלען, אורלויב. איך האָב פאַרכאַפּט מיט זיך אַלע זײַנע גראַמאָטעס און פּאָטשאָטנע אודאָסטאָווערעניעס, נאָ ווסיאַקי סלוטשײַ.

ס׳קומען אַרײַן האַרי, אָסקאָלצעוו, גאָבערידזע, קליינערמאַן.

כאַנין (צו האַרין): האַרי, ווו ווערסטו פאַרפאַלן, וואָס איך זע דיך גאָרניט?

האַרי (לאַכט): איך בין דאָך געקומען ניט צו דיר, נאָר אַף אַ סימפּאָזיום. און כוץ דעם, האָט מען אײַנגעלאַדן מיך צו זײַן אַ קאָנסולטאַנט אין דער קליניק.

כאַנין (צו אַלעמען): באַקאַנט זיך מיט מײַן ברודער האַרי כאַנינען. (צו האַרין, ווײַזט אַף וואָלאַדיען.) מײַן זון וואָלאַדיע.

הארי (נעמט ארום וואַלאַדיען): מײַן פּלימעניקל? א שיינער באַי! (גריסט זיך מיט די איבעריקע.) ס'איז מיר זייער אָנגענעם צו באקענען זיך מיט מײַן ברודערס קאָלעגן, זײַנע פרײַנט זײַנען מײַנע פרײַנט. איך קום איצט פון אײַער קליניק, אָדער ווי איר רופט זי — ביִאָמעד. איך האָב אָנטיילגענומען אין א קאָנסיליום. ליבע פרײַנט מײַנע, איך האָב קיינמאָל אזוי ניט איבערגעלעבט, ווי דאָן, ווען דאָס צוועלפיאָריק ייִנגל, מע רופט אים סאלאוואט און געבראכט האָט אים די מאמע זײַנע פון א ווײַטן סיבירער דאָרף, איז געלעגן אפן אָפּעראַציע־טיש. דאָס הארץ זײַנס האָט געפלאטערט אינעם אופגעשניטענעם ברוסטקאסטן, געוויגט זיך צווישן לעבן און טויט.

איטע: זאָל ער לאנג לעבן, סאלאוואט, און דערמאָנען צום גוטן לעוו באַריסאָוויטשעס ברודער.

הארי: אָפּערירט האָט דער פּראָפעסאָר סקאלאָוו. א גלענצנדיקער כירורג.

איטע: עס האָבן זיך ווידער צוזאמענגעקליבן קימאט אלע די, וואָס זײַנען געווען בא לעוו באַריסאָוויטשן אף דער נאָוואָסעליע אין מאָסקווע. נאָר, דאכט זיך מיר, מײַן עקסעלע, כ'מיין מײַן מיכלען, פעלט דאָ, עס מוז דאָך בלײַבן א מענטש אין שטוב. נאָר ווו איז, לעוו באַריסאָוויטש, אײַער פרוי, פּאָלינע יאקאָוולעוונע? פארוואָס זע איך זי ניט דאָ? מיר זײַנען דאָך געפלויגן צוזאמען מיט איר און צוזאמען אהער געקומען?

כאנין: צוזאמען מיט אײַך? אהער?

וואָלאָדיע (רופט אָפּ כאנינען אין א זײַט, רעדט שטיל, קעדיי די אנדערע זאָלן ניט הערן): די מאמע האָט געזאָגט, אז זי מוז פאָרן מיט מיר.

כאנין: איז זי דאָ? ווו איז זי?

וואָלאָדיע: זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי אלע, אין גאָסטיניצע.

כאנין: פארוואָס האָסטו מיר גלײַך ניט געזאָגט וועגן דעם?

וואָלאָדיע: זי האָט מיך געבעטן ניט זאָגן, עס פארדריסט איר שוין איצט, וואָס זי איז אהער געקומען. טאטע, איך ווייס אלץ. די מאמע האָט מיר אלץ דערציילט, זײַ איר מויכל... טאטע. זי האָט שטארק כאראָטע.

כאנין: זון מײַנער... דײַן מאמע איז ביז איצט בא מיר דער נאָענטסטער און טײַערסטער מענטש אין דער וועלט, נאָר... נאָר אונדזערע לעבנס האָבן זיך ניט צוזאמענגעגאָסן. איך בין א וועלט פאר זיך, זי — פאר זיך. א גרויסע, שיינע ליבע איז, ווײַזט אויס, ניט יעדן באשערט. איך ווינטש דיר, וואָלאָדיע, א ליבע מיט א בעסערן מאזל, ווי בא מיר.

ס'קומט ארײַן מאָניקע. הינטער איר, מיט ניט קיין זיכערן טראָט, גייט פּאָלינע יאקאָוולעוונע.

מאָניקע (צו פּאָלינע יאקאָוולעוונע): אהער, אהער, פּאָלינע יאקאָוולעוונע. (צו כאנינען.) לעוו באַריסאָוויטש, אײַער פרוי האָט אומגעבלאָנדזשעט און ניט געקאָנט אײַך געפינען, האָב איך געהאָלפן אופזוכן.

כאנין גייט אנטקעגן פּאָלינע יאקאָוולעוונען. בלײַבט שטיין א ווײַלע, דערנאָך דערנעענטערט ער זיך צו איר. ער און פּאָלינע יאקאָוולעוונע זעצן זיך אָפּ אין א ווינקל אף דער סצענע.

פּאָלינע יאקאָוולעוונע. זײַ מיר מוחל... זינט דו ביסט אוועקגעפאָרן, געפין איך זיך ניט קיין אָרט. איך קאָן ניט זײַן אין שטוב, איך קאָן ניט קוקן אף די ווענט, עס דריקט דער דאך איבערן קאָפּ.

כאנין (לייגט צו א האנט צום הארצן): אָט האָסטו דיר, איך האָב פארגעסן, אז איך האָב א הארץ...

פּאָלינע יאקאָוולעוונע: איך האָב דיך ניט געטאָרט באומרויִקן.

כאנין: מיר וועלן א רעד טאָן. איצט איז ניט די צײַט צוליב דעם. רו זיך אָפּ, ביסט דאָך פארמאטערט פון וועג.

פּאָלינע יאקאָוולעוונע. מיט מײַן גאנצער טרײַשאפט צו דיר וועל איך אויסקויפן מײַן זינד, גלייב מיר!

כאנין: מע קאָן אלץ מויכל זײַן, כוץ איין זאך — פארראַט. האָסט דאָך מיך פארראַטן.

פּאָלינע יאקאָוולעוונע: איך האָב געוווּסט, אז דו וועסט מיר אזוי זאָגן, און דו ביסט גערעכט. איך האָב ניט געדארפט, איך האָב ניט געטאָרט קומען אהער. (גייט אוועק. עס גייט צו צו כאנינען וואָלאָדיע.)

וואָלאָדיע: טאטע... איך וועל זי אומקערן!

כאנין. מע דאַרף ניט. נאָר דו, וואָלאָדיע, זײַ איצט מיט איר, באַרויִק זי.

ס'גייט צו צו זיי הארי.

האַרי: וואָס האָט געטראָפֿן?

כאַנין: גאָרניט, גאָרניט.

ס'קומט אַרײַן ליובאַרסקי.

ליובאַרסקי: קימאַט אַלע זײַנען אַף אַן אָרט. אויסגעצייכנט. כ'וועל אײַך באַלד אָפּפּאָרט־רעטלען, עס זאָל בלײַבן אַ זייכער אַף לאַנגע יאָרן.

איטע. איך הער דאָ די גאַנצע צײַט עפּעס וועגן אַן אויוון, האָב איך זיך דערמאָנט אַן אַלט לידל מיט אַ פּריפּעטשעק. (זינגט):

אפן פריפעטשעק ברענט א פײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רעבע לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלעפבייס.

קליינערמאַן: הערט ווײַטער. די ווערטער זײַנען מײַנע, די מוזיק די זעלבע פֿון „אַפּן פּריפּעטשעק".

אינעם אייוועלע ברענט א פײַערל
טויזנט גראַדוס היץ.
און דער רעבעניו, לעוו באָריסאָוויטש,
מיט טאַלמידים שוויצט.
שוויצט זשע, קינדערלעך, שוויצט זשע, טײַערע,
בא דעם פײַער־פלאַם
פון א שטראָמעלע, פון א טײַכעלע
ווערט א גרויסער יאַם.

(פאָרהאַנג)

מאָטל גרוּוומאַן

# אין טאָג פון זיג

## די וועטעראַנען הייבן אָן דעם פּאַראַד

פּאַרפּולט מיט מענטשן איז דער פּלאַץ
פון ראַנד און ביז צו ראַנד.
אַרום די גאַסן פונקט ווי כוואַליעס קאָכן...
די וועטעראַנען הייבן אָן אים, דעם פּאַראַד,
אין טאָג פון זיג, אין יאָמטעוו פון ניצאָכן!

די וועטעראַנען — מענטשן ניט קיין יונגע,
און מיט באַלוינונגען איז יעדער רײַך.
די אָרדענס און מעדאַלן הילכיק קלינגען,
אַזויפיל טראָגן גוט איז און ניט לײַכט...

כ׳בין גליקלעך, וואָס איך בין מיט אײַך געגאַן,
מיט אײַך אין פּײַער־פלאַם דעם וועג
געמאָסטן —
אויף סאָפּקעס בײַ דער אָזערע כאַסאַן,
בײַם גראָווען דניעפּ, אין שלאַכטן הינטער
מאָסקווע.

אַזויפיל צײַט איז דורכגעגאַן ניט גלאַט,
נאָר מוט און קראַפט בײַ אונדז נאָך פיל
פאַראַנען.
אין טאָג פון זיג דעם מעכטיקן פּאַראַד
מיר עפענען — מילכאָמע־וועטעראַנען!

## מיר, געקומענע פון שלאַכטן

אונדז, געקומענע פון שלאַכטן,
אויסגעפּרוווט מיט פלאַם און רויך,
צופיל דאַרף מען אונדז ניט אכטן,
צופיל הייבן אינדערהייך...

יאָ, אין שווערע, האַרבע שטרײַטן
האָבן מיר דעם פײַנט באַזיגט.
אָבער...
צי א דאָר א צווייטער
אנדערש וואָלט געפירט דעם קריג?..

מיר — סאָלדאַטן,
איצט און שפּעטער,
ווער מיר זײַנען, דאַרפט איר זען:
ניט קיין ריזן, ניט קיין געטער, —
מענטשן אויך אין שלאַכט געווען!

און ווי מענטשן — גוטע, עכטע,
פאַרן היימלאַנד, וואָס איז פרײַ,
אין אומענטשלעכע געפעכטן
זײַנען מיר געגאַן געטרײַ.

און געבענקט.
און בריוו געשריבן.
און געוווּסט פון שרעק און ווײַ.
און געטרוימט.
אפילע ליבן
פלעגן מיר אין דער טראַנשײַ.
די מילכאָמע,
זי אַליין האָט,
אונדז געלערנט און באַשווערט:
בלויז צוזאַמען, בלויז אינײנעם
קאָן מען זיגן אין געפעכט.

## איך בין געווען א פּאָליטרוק

עס טרעפט אַזוי—אין שלאַכט, אין קריג,
ווען אויף דער ערד די ראָטע ליגט,
און די לעוואָנע צופיל שײַנט,
אין ס׳מאַכט ניט צו אַן אויג דער פײַנט.
דו ליגסט אַזוי —
אויף גאָטס באַראָט...
ניט טאָן קיין פויזע און קיין טראָט.
ווי קליין, ווי ניט באַשיצט דו ביסט!
פון יעדער זײַט —
מע שיסט, מע שיסט...
אין אַזאַ רעגע איז באַשערט:
ס׳זאָל עמעץ אופשטיין אויף דער ערד,

און מיט זײַן רוף —
וואָס פעסט איז, גרויס,
א דונער טאָן:
— נאָך מיר, פאָרויס!

ניט איין מאָל, ווען ס׳איז זייער שווער,
דאָס קאָל דעם פּאָליטרוקס מע הערט...
— — — — — —
כ׳בין שטאָלץ,
ווײַל אינעם לעבן קיינמאָל
כ׳האָב פאַרן פײַנט זיך ניט געבוקט.
און אין די שלאַכטן פאַרן היימלאַנד
איך בין געווען א פּאָליטרוק.

• • •

זאַלמען יאַקוב

# אין יענע טעג

## געשיכטלעכע נאָטיצן

### א נאָטיץ צו די נאָטיצן

די דאָזיקע געקירצטע נאָטיצן זײַנען געצילט צו דערציילן וועגן מארטירער פונעם ייִדישן ייִשוו אין דאוגאווּפּילס בימיי היטלער, וועגן דעם בלוטיקן קאפּיטל „געטאָ", וועגן פאַרדאַרבענע פּאַרעטער און ווילזעליקע, הילפסגרייטע מענטשן אין יענע שווער־געפּרוּווטע יאָרן.

אין די דאָזיקע געקירצטע נאָטיצן ווערן געבראַכט גוויִעס־אײדעס פון אלפי נעס ניצל געוואָרענע געטאָ־אסירים, באַשטעטיקונגען פון ארכיוו־מאַטעריאַלן, פאַרשיידענע פּובליקאַציעס, וועלכע דער אוּטאָר האָט צונויפגעזאַמלט. זאָלן די דאָזיקע באַשיידענע נאָטיצן פאַרנעמען אן אָרט אינעם גרויליקן קורבן־פּינקעס.

מײַן אַלטער פרײַנט אַלטער בערקאָוויטש, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם געטאָ־גענעם און אנדערע נאַציסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט מיר אנומלטן געזאָגט:

— וויפל מאָל, ארויסגייענדיק פון קינאָ, וווּ מע האָט באַוויזן דאָקומענטאַלע פילמען פון היט־לערס מײַסים, זע איך, ווי מענטשן ווישן אויס די טרערן פון די אויגן, זאָג איך זיי: „נאַראָנים, וואָס ווײנט איר? איר האָט דאָך גאָרנישט ניט געזען!" און דיר זאָג איך אויך, אז וואָס דו וועסט ניט אָנשרײַבן, וועט עס זײַן נאָך ווײניקער, ווי א טראָפּן אין יאַם, לעגאַבע דעם, וואָס עס איז אָף דער וואָר געווען.

אַלטער בערקאָוויטש איז גערעכט, און איך בין אויך גערעכט. כ'וויל אין די געשיכטלעכע נאָטיצן בלויז בעצימצעם דערציילן וועגן דעם סאַמע איקערדיקן, סאַמע וויכטיקסטן, וואָס דאַרף געבן אן אַלגעמײַן בילד פון אונדזער געטאָ, סטאַרענדיק זיך, אָף וויפל סע לאָזט זיך, ניט ארײַנצולאָזן זיך אין די גרויליקע איבערלעבונגען פון יעטווידן יאָכיד באַזונדער.

מאַנכעס ווער קאָן דערווידערן: געטאָ? ווידער געטאָ? אן אַלטע טעמע.

איך וויל זאָגן: יאָ, טאַקע געטאָ און ווידער געטאָ. די טעמע וועט קײנמאָל אַלט ניט ווערן. נאָך צענדליקער און עפּשער הונדערטער יאָר וועט זי רעגן דעם מענטשלעכן געוויסן. פון אזא פאָלקס־כורבן און גרויזאַמקײַט ווייסט ניט די מענטשלעכע געשיכטע.

עמעס, איין געטאָ איז מיט עפּעס ענלעך אָף דער צווייטער געטאָ, פּונקט ווי איין מענטש האָט פיל ענלעכקײַטן אָפן צווייטן, און דאָך האָט יעטווידע געטאָ געהאַט איר אייגנאַרטיקן פּאָנעם. אײנס, וואָס ס'האָט זיי געייניקט — איז דער פאַטאַלער שיקזאַל. יעטווידע געטאָ פאַר זיך האָט ארײַנגעשריבן איר בלוטיק זײַטל אינעם באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס ווערט צוגעשטעלט צום דריטן רײַך, צום נאַציזם און פאַשיזם. שוין דערפאַר אַליין האָט זי פאַרדינט, אז מ'זאָל וועגן דאוגאַווּפּילסער געטאָ אויך דערציילן.

מיסטאַמע ניט אַלע ווייסן, ווּוּ עס געפינט זיך אזא שטאָט, ווי דאוגאַווּפּילס. דאַרף מען אײַך מיט איר באַקאַנט מאַכן. אָף דער געאָגראַפישער קאַרטע קאָנט איר דאוגאַווּפּילס געפינען אינעם מיזרעך־טייל פון לעטלאַנד, 217 קילאָמעטער פון ריגע, 180 קילאָמעטער פון ווילנע און 550 קילאָ־מעטער פון לענינגראַד, אָפן סאַמע ברעג פון דאוגאַוו־טײַך (מײַרעוו־דווינע).

זאלמען יאקוב

ביזן 1893 יאָר האָט די שטאָט געהייסן דינאבורג און פון דעם יאָר אָן האָט מען איר צוגעייגנט דעם נאָמען דווינסק. אזוי האָט זי געהייסן בא דרייַסיק יאָר. אין 1920 האָט זי באקומען דעם נאָמען דאוגאווּפּילס. דער גרונטשטיין פון דער שטאָט איז געלייגט געוואָרן מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק, אין 1275, ווען ס'איז אויסגעבויט געוואָרן א שלאָס אפן רעכטן ברעג פון דער דווינע. צוליב זייַן געאָגראפישן געפינאָרט, זייַן סטראטעגישער וויכטיקייַט, איז דער שלאָס בעמעשעך פון פיל דוירעס געוועזן אן אָביעקט פון אקשאָנעסדיקע שלאכטן, ער האָט פארלוירן זייַן באדייַט.

אין 1577 יאָר האָט איוואן דער גרויזאמער אריבערגעטראָגן די פעסטונג אַף 19 קילאָמעטער נידעריקער מיטן וואסער־שטראָם פון דער מייַרעווּ־דווינע, און פון אים האָט זיך גענומען אנטוויקלען דאוגאווּפּילס אפן נייַעם אָרט, ווו זי שטייט ביז הייַנטיקן טאָג.

אנטקעגן דאוגאווּפּילס, אַף דער לינקער דווינע־זייַט, שטייט א שטעטל גריווע, וועלכער איז א סאך ייִנגער. אין אָנהייב פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, ווען נאפּאָלעאָן האָט גענומען גרייטן זייַן אגרעסיע קעגן רוסלאנד, האָט די צארישע רעגירונג באשלאָסן אויסצובויען פעסטונגען אַף דער מייַרעווּ־גרענעץ פונעם לאנד. איינע איז באשלאָסן געוואָרן צו בויען אין דינאבורג.

א פאָר קילאָמעטער פון דינאבורג, אַף דער לינקער זייַט פון דאוגאווא (דווינע), איז געווען א באפעלקערטער פונקט יערוסאלים. דאָ האָט מען באשלאָסן צו בויען א ציטאדעל, וואָס האָט גדארפט דינען ווי א פאָרפּאָסט צו דער דינאבורגער קרעפּאָסט. דעם ייִשעוו האָט מען איבערגעזידלט ארויף וואסער־שטראָם, און אזוי איז אנטקעגן דינאבורג אויסגעוואקסן דאָס שטעטל גריווע.

ביז צום 30 מייַ 1953, ווען גריווע, צוליב איר קולטורעלער און עקאָנאָמישער צוזאמענגעבונדנקייַט, איז פארייניקט געוואָרן מיט דאוגאווּפּילס, האָט זי מיט זיך פאָרגעשטעלט ווי א זעלבשטענדיק שטעטל מיט אן אייגענער שטאָט־פארוואלטונג.

פאר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט דאוגאווּפּילס זיך גערעכנט פאר דער דריטער שטאָט אין לעטלאנד — ביז 50 טויזנט איינוווינער. צווישן זיי קימאט א דריטל — ייִדן. די איינוווינער האָבן זיך דעריקער פארנומען מיט קליין־האנדל, האנטווערקערייַ, גערטנערייַ. ס'זייַנען אויך געווען פאבריקן, זאוואָדן. אויב אפן זאוואָד האָבן געארבעט 60—80 ארבעטער, האָט ער שוין באדייַט א גרויסע פּראָדוציר־אונטערנעמונג. לויט דער צאָל ארבעטער האָבן זיך באזונדערס אויסגעטיילט די אייַזנבאניקע רעמאָנט־ווערקשטיבער.

צווישן די ייִדן זייַנען געווען ארבעטער, באלמעלאָכעס, קרעמער, אויך סאָכרים, גווירים, הויזבאזיצער און א גרויסע ארמיי אָרעמעלייַט, וועלכע פלעגן צופאלן נאָך הילף צו אלערליי צדאָקעכעווריִעס.

זומער 1940 האָט דער ארבעטער־קלאס פון לעטלאנד אָפּגעהאלטן א זיג אין זייַן קאמף פאר א בעסער לעבן. ס'איז ארונטערגעוואָרפן געוואָרן די פאשיסטישע דיקטאטור און ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן סאָוועטנמאכט. פארן ארבעטער, פאר אמכאָ האָבן זיך צעעפנט ברייטע פּערספּעקטיוון פאר א בעסער, פריידיק לעבן. נאָר די מעגלעכקייַטן זייַנען צייַטווייַליק איבערגעריסן געוואָרן איבער דעם אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

## דער לעצטער פרידנס־טאָג

שאבעס, 21 יון 1941 יאָר.

דער טאָג האָט זיך אויסגעגעבן א הייסער. דער הימל א קלאָר־לויטערער. אָן א סימען פון א וואָלקנדל. די זון סמאליעט אָן ראכמאָנעס.

ווען דער אָוונט איז צוגעפאלן, האָט די שטאָט זיך איינגעזונקען אין דער געגארטער מעכייַעדיקער קילקייַט, נאָך וועלכער ס'פארבענקט זיך באזונדערס שטארק, ווען אין דרויסן שטייט די טאָמוזדיקע היץ.

דורך די אָפענע, העל־באַלויכטענע פענצטער פון דער יידישער אָוונט־שול, אויף רייניס־גאַס, האָט זיך העט־ווייט איבערן גאַנצן ארום צעטראָגן לוסטיקע, פריילעכע טאַנץ־מוזיק. אין פולן ברען גייט דער ארויסלאָז־אָוונט. פרייען זיך מיטן יאָמטעוו זיינען געקומען ניט בלויז די אביטוריענטן, נאָר אַלע שילער פון דער שול.

ערשט פאַריקס יאָר, ווען ס׳האָט זיך אופגעשטעלט די סאָוועטנמאַכט, האָט פאַר דער אַרבעטער־יוגנט זיך געעפנט טיר און טויער צו די הייכלען פון בילדונג, וועלכע זיינען פריער פאַר זיי געווען ניט צוטריטלעך. אַפילע ניט יעדער באַלעבעסל אָדער קליינהענדלער האָט זיך געקאָנט דערלויבן געבן זיינע קינדער מיטלשול־בילדונג. וועגן אַרבעטער איז שוין אָפגערעדט. אָבער אַצינד — בעכינאַ־כינים, אומזיסט, נעם לערן זיך און ווער א פּראָפעסאָר. האָט טאַקע די וויסנדורשטיקע אַרבעטער־יוגנט א שטראָם געטאָן אין דער אָוונט־שול, און הייַנט איז דער ערשטער ארויסלאָז פון די, וועלכע האָבן פריער ניט געקאָנט פאַרענדיקן דעם לעצטן מיטלשול־קלאַס.

עס טרומייטלען פריילעך די אָרקעסטראַנטן, עס קלינגען די מעשענע טעלער, און יוגנטלעכע דרייען זיך אין א ברויזנדיקן וואַלס. אָט דערהערן מיר די שטים פונעם באַל־עלטסטן — ער רופט אין קאָנצערט־זאַל. די שול־זעלבסטעטיקייט וויַזט א ספּעציעל צוגעגרייטן קינסטלערישן מאָנטאַזש פון טענץ, דעקלאַמאַציעס און לידער, וואָס דער שילער מענדעלע רוקאַשין האָט פאַרן אָוונט פאַרפאַסט, און די מוזיק האָט אָנגעשריבן דער געזאַנג־לערער כאַים סלוצקער.

נאָכדעם איז אויף דער בינע ארויף אונדזער ליבלינג ביניאָמין (בינקע) קור, א זון פון אָרעמע עלטערן, א דערצויגלינג פונעם אונטערערדישן קאָמיוג, וועמענס אָן אָנפירער ער איז שפּעטער געווען און פאַר רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט יאָרנלאַנג אָפּגעזעסן אין דער טרויעריק־באַרימטער ריגער צענטראַל־טפיסע. בינקע קור איז דער געוועזענער אַרטילעריסט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַנישן בירגערקריג. נאָכן אופשטעלן די ראַטנמאַכט איז ער געווען דער לייטער פון אַגיטאַציע־ און פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל באַם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. און אָט שטייט ער אויף דער בינע און באַגריסט האַרציק די יוגנטלעכע מיטן ערשטן ארויסלאָז און ווינטשט זיי אַלעמען א גליקלעכע צוקונפט.

מיר האָבן אין די פאַרטאָגיקע מינוטן נאָך ניט געוווּסט, אַז גאָר ניט וויַיט פון אונדז האָבן די היטלער־באַנדעס אָנגעהויבן שטורעמען אונדזערע גרענעצן און דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד האָבן אָפּגעגעבן די ערשטע העלדן.

היטלער האָט דאַן נאָך אויך ניט געוווּסט, אַז אין די רעגעס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנהייב פונעם סאָף פון זיַין מעמשאָלע, און אַז אין די מינוטן, מיט זיַין אָנפאַל, האָט ער זיך זעלבסט געכאַסמעט זיַין אורטייל.

אָבער דערווייל...

## אין די ערשטע טעג

דעם 22 יון האָבן די דייַטשן שוין באָמבירט דאַוגאַוופּילס. גיך איז די שטאָט געוואָרן א בייַ־פּראַנטיקע און איז פאַרפולט געוואָרן מיט פּליטים פון ליטע. אויסגעמאַטערטע און פאַרשטויבטע פונעם לאַנגן מעהאַלעך צופוס גייַן, זיצן זיי אויפן וואָקזאַל, אין די גאַסן און בולוואַרן, פול מיט אומרו און זאָרג. די ערשטע צעריסענע לעבנס. פאַרטרויערטע עלטערן, וועלכע האָבן אין זייער לויף־בעהאַלע פאַרלאָרן זייערע קינדערלעך, און פאַרוויינטע קינדער, וועלכע ווייסן ניט, וווּהין זייערע עלטערן זיַינען אַהינגעקומען. זיי טראַכטן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן, און זיי רעדן וועגן פאָרן טיפער אין הינטערלאַנד.

26 יון 1941.

דאַווידאָווס דרייַשטאָקיקער מויער אויפן ראָג רייַניס־ און פעסטונג־גאַס זעט אויס אין פאַרגלייַך מיט די ארומיקע אייַנעטאַזשיקע הילצערנע הייַזלעך ווי א וואָלקנקראַצער. אין דעם טיפן קעלער פונעם מויער איז אין דעם פאַרטאָג געווען פולגעפּאַקט, אַלט און יונג, קליין און גרויס — אייַנוווינער פון די ארומיקע הייַזלעך, וועלכע האָבן זיך דאָ געפילט רויִקער און זיכערער אונטער דער שוץ פון דיקע ציגלנע ווענט.

די לופט־אַליאַרמס דויערן אָן אופהער, די גאַנצע נאַכט. אין הויף, א פאַרמאַסקירטער צווישןביימער, שטעפּט אָן אופהער א זעניט־קוילנוואַרפער.

פאַרטאָג. אָט האָט זיך באַ דער קאַליטקע פונעם הויז באַוויזן אויף זיַין „רעדל“ (אַזוי האָט מען באַ אונדז גערופן א וועלאָסיפּעד) אונדזער וויַיטער קאָרעוו לייזער־ייִדל זילבער. ער איז באַקאַנט אַלס אַקטיווער „פּאָדפּאָלשטשיק“ בייַסן פאַשיסטישן רעזשים, און אַצינד איז ער א מיטגליד פון דער

אַרבעטער־גוואַרדיע, װעלכע האָט זיך פֿאַרמירט גלײַך נאָכן אופשטעלן די סאָװעטנמאַכט. די נאַכט האָט ער דערזשרעט אין שטאַב פון דער גוואַרדיע.

א צעטראָגענער און אומרויִקער, איז לײזער־ייִדל האַסטיק געגאַנגען צום קעלער, װוּ זײַן מישפּאָכע האָט זיך געפונען.

— װאָס הערט זיך, לײזער־ייִדל? װי האַלט די לאַגע? — איז מען אים באַפאַלן מיט פראַגן פון אַלע זײַטן.

— כעװורע, עס טויג ניט, מע דאַרף לױפן, דער יעקע שטײט שױן הינטער דער שטאָט, — איז געװען זײַן קורצער ענטפער.

א װערטעלע צו זאָגן: דער דײַטש איז שױן דאָ!

װי א צעשטערטער בינשטאָק, האָט אופגערודערט דער גאַנצער קעלער. פײַל פון בױגן זײַנען אַװעק די, װעלכע לעבן אין די װײַטערדיקע גאַסן, קעדײ אײַנצופּאַקן א פּעקל און זיך לאָזן אין װעג. אָבער ניט אַלע האָבן זיך געאײַלט. אין די שוך־קעלערס האָבן זיך גענומען הערן פאַרשײדענע האַשאָרעס.

— מיר, עלטערע ייִדן, האָבן ניט װוּהין צו לױפן. — האָט זיך אין אונדזער קעלער אָפּגערופן אײנער מיט א װײַס בערדל, — מירן זיך אַריבערקלײַבן צום גאַבע רעב סימען װאָװוסי, בא אים אין סקלאַד האַלט זיך אוף האַראָװו פוקס, און אַזױ װעלן מיר איבערװאַרטן די מילכאָמע. קעגן עלטערע, פרומע מענטשן װעט דער יעקע גאָרנישט טאָן. די יוגנט, די טוערס — זײ דאַרפן לױפן.

— אפן רעצײעכס יױשער איז זיך ניטאָ װאָס צו פאַרלאָזן. איר האָט זיך נאָך װײניק אָנגעהערט פון זײַנע מײַסים־טאַטאָים, — האָט זיך געלאָזט הערן א שטים.

— װאָס הײסט לאָזן זיך לױפן, די קינדער אף העפקער, גלאַט אַזױ? — האָט זיך אַרײַנגעמישט מײַן מוטער עטע־ראָכל. — װוּ די קינדער, דאָרטן בין איך אױך.

לאַנג צו דיסקוטירן איז ניט געװען קײן צײַט. װען מיר זײַנען אַרױס פונעם קעלער, האָבן מיר שױן אפן הויף די זעניטלער ניט געטראָפן. אין דרױסן, אפן גאַס האָט געהערשט א מאָדנע באַומרויִקנדיקע שטילקײַט און ניט־הײמלעכע פוסטקײַט. נאָר באַלד, װי לױט א באַפעל, האָבן פיל, פיל מענטשן פון אַלע גאַסן גענומען שטראָמען, װי א טײַך, צום שאָסײ, װאָס פירט קײן רוסלאַנד. װער עס האַלט א „רעדל" אין האַנט, אײַנגעזאָטלט אין פעקלעך, װער עס טראָגט א טשעמאָדאַנדל און װער עס פירט א קינדער־װיגעלע, אין װעלכן א זױגלינג דרעמלט געשמאַק אין דער פרישער פאַרטאָגיקער זומערדיקער לופט און עס כאָלעמען זיך אים זיסע כאַלוימעס.

מאַנכע אײַלן זיך צו דער אײַזנבאַניקער פראַכט־סטאַנציע, װוּ עס שטײט אַן עשעלאָן, גרײט צו עװואַקוירן זיך. פונװײַטן זע איך, װי עס לױפט צו אונדז מײַן כאַװער פערעץ רײַן. ער האָט מוירע, מיר זאָלן, כאַלילע, ניט פאַרזאַמען די שאָ.

אײַלנדיק, האָט זיך אונדזער מישפּאָכע, װי אױך פערעץ מיט זײַנע עלטערן, דערקליבן צו דער פראַכט־סטאַנציע. זי איז געװען שװאַרץ פון מענטשן. עס װיבלט, װי אין א קעסל. יעדערער האָט געװאָלט װאָס גיכער זיך אַרײַנכאַפּן אין פראַכט־װאַגאָן, קעדײ צו פאַרנעמען א פרײַ װינקל. מיר טוען, װאָס אַלע. מיר זיצן אין װאַגאָן.

מע אָרדנט זיך װי־ניט־איז אײַן. די געמיטער װערן רויִקער. מע קאָן זיך שױן ניט דערװאַרטן, װען דער לאָקאָמאָטיװ װעט מיט אַן אױסגעצױגענעם געשרײ א פײַף טאָן און מיר װעלן זיך, אין א מאַזלדיקער שאָ, רירן אין װעג. יעדע רעגע ציט זיך, װי אַן אײביקײַט.

צו אונדז דערטראָגן זיך דונערס פון אַן אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע. אפאָנעם, אַז געפיבערטע שלאַכטן גײען אָן ניט װײַט פונדאַנען. אינעם הימל זעען מיר לופט־געפעכטן, און די מעסערשמיטן פליִען גאָר נידעריק.

װאָס איז עס פאַר אַן אָנשיקעניש? פאַרװאָס רירט זיך ניט דער לאָקאָמאָטיװ? די באַומרויִקונג װאַקסט פון מינוט צו מינוט.

טראַ־טאַ־טאַ — האָט זיך א קױלן־פײַף צעגרילצט איבער אונדזערע װאַגאָנען. װאָס זאָל עס באַדײַטן? װער עס זאָגט, אַז א פײַנטלעכער דעסאַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, װער עס מײנט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די היגע פאַשיסטן, װעלכע פרוּװן אופהײבן זײערע קעפּ.

דער שרעק און די פאַניק װאַקסט. מענטשן שפרינגען אַרױס פון די װאַגאָנען, קעדײ זיך ערגעץ װוּ באַהאַלטן. איך אױך, און צוזאַמען מיט מיר שפרינגט מײַן נײַניאָריק ברודערל איטשעלע.

און גראָד אין די מינוטן דערהערט זיך א פײַף. געשװינד רירט זיך פון אָרט דער לאָקאָמאָטיװ און דער עשעלאָן װערט גיך פאַרשװוּנדן פון אונדזערע אױגן. מיט אים איז אַװעקגעפאָרן מײַן מישפּאָכע: די עלטערן, א ברודער און א שװעסטער.

די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון הונדערטער מענטשן, וועלכע זײַנען געבליבן אויפֿן באַן־הויף, איז ניט צו באַשרײַבן. גיין צוריק אין שטאָט אָדער צום שאָסיי, וואָס פֿירט קיין רוסלאַנד, איז אַ ריזיקע. בײַ אונדז איז קיין אַנדער ברירה ניט געבליבן, ווי אַרויסקלײַבן זיך צום דווינע־ברעג און אײַליק שפּאַנען אַרויף מיטן וואַסער־שטראָם, קעדיי אַרויסצוגיין אויפֿן וועג, וועלכער פֿירט קיין קרעסלאַווקע. פֿון דאָרט ביז צו דער גרענעץ איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

אַנטקעגן אונדז, צום פֿראָנט, פֿאָרן טאַנקען, האַרמאַטן, מיליטער, און דאָס באַרויִקט אונדזער געמיט. אויף וועגענער, וועלכע פֿאָרן פֿון דאַוגאַווּפּילס, פֿירט מען פֿאַרוווּנדעטע רויטאַרמייער.

אָפּשפּאַנענדיק אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער, איז איטשעלע געוואָרן פֿאַרמאַטערט. עס זײַנען אים אָנגעריבן די פֿיס, און ער קאָן ווײַטער ניט גיין. נעם איך אים אויף די פּלייצעס און טראָג אים.

— היי, כאַווער! — הער איך אַן אומבאַקאַנט קאָל. אַ רויטאַרמייער לייגט מיר פֿאָר, אַז אינעם וואָגן, ווו עס ליגט אַ פֿאַרוווּנדעטער, זאָל איך אַוועקזעצן איטשעלען. איך נעם דעם פֿאָרשלאָג גערן אָן און אַליין, שוין אַ שטאַרק מידער, האַלט איך זיך אויך אָן אין דעם וואָגן, און ס'איז מיר לײַכטער צו שפּאַנען.

צו אונדז דערטראָגט זיך אַ דומפּע האַרמאַטן־שיסערײַ. מיר קוקן אָפּט אין דער ריכטונג צו דאַוגאַווּפּילס און זעען דאָרטן שוואַרצע, געדיכטע וואָלקנס רויך, וועלכע ציִען זיך פֿויל און לאַנגזאַם צום הימל, אינעם ווינטלאָזן וועטער.

און וואָס האָט זיך אין אָט די שאָען געטאָן אין שטאָט?

ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויף דער פּאַסאַזשיר־אײַזנבאַן־סטאַנציע (וועלכע מע האָט גערופֿן ריגער וואָקזאַל) איז גרייט געווען נאָך אַן עשעלאָן.

איך בלעטער איבער די פֿאַרגעלבטע זײַטלעך פֿונעם טאָגבוך, וואָס עס האָט געפֿירט כאַיִם קוריצקי, אַ באָכער פֿון אוטיאַן (ליטע), וועלכער איז געקומען קיין דאַוגאַווּפּילס, לויפֿנדיק פֿון די היטלעריסטן. אָט וואָס ער האָט פֿאַרנאָטירט:

„דאָנערשטיק, דעם 26 יוני.

דורכגיין מיטן גריוער בריק אין שטאָט אַרײַן, דורך דער ריגער גאַס צום ריגער וואָקזאַל, איז אויסגעקומען אונטער אַ קוילנוואַרפֿער־פֿײַער פֿון דער דײַטשישער זײַט. אויפֿן ריגער וואָקזאַל האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט פֿאַרצווייפֿלטע פּליטים, וועלכע האָבן געוואַרט אויפֿן צוג ריגע—מינסק. איך מיט דער מאַמען האָבן זיך אין וואָקזאַל־צימער טויט־מידע און ערשעפּטע אַוועקגעזעצט אָפּרוען... פּלוצלינג האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישן די פּליטים אַ קלאַנג, אַז די דײַטשן שטייען שוין לעם דווינסק. אַן אומבאַשרײַבלעכע פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע פּליטים. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע שיסערײַ צווישן דײַטשישע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דער אומגעגנט פֿונעם וואָקזאַל, מיט רויטאַרמייִשע פּאַטרולן, וועלכע האָבן באַוואַכט דעם וואָקזאַל. גלײַכצײַטיק וואַרפֿן אַראָפּ דײַטשישע עראָפּלאַנען באָמבעס אויף דער אומגעגנט פֿונעם וואָקזאַל... ווען ס'איז רויִקער געוואָרן, האָט זיך דערהערט אַ פֿײַף פֿון אַן אָנקומענדיקן צוג, וועלכער האָט געזאָלט אָפּפֿירן קיין ריגע פּליטים... מיט אַן אומענטשלעכער שטופּערײַ און קוועטשערײַ בין איך מיט דער מאַמען אַרײַנגעקראָכן אין אַ פֿולגעפּאַקטן וואַגאָן און געוואַרט אויפֿן אָפּגיין פֿונעם צוג. דער זייגער האָט געמוזט זײַן אַרום צען־עלף, ווען דער צוג האָט זיך גערירט פֿון אָרט. אָפּגעפֿאָרן אַ קילאָמעטער, איז ער שטיין געבליבן. די לופֿט אין וואַגאָן איז געווען שטיקנדיק הייס, דער דאָרשט גרויס און די נערוועזיטעט און שפּאַנונג פֿון די פּליטים גרענעצלאָז. מיר וואַרטן מיט גרעסטן אומגעדולד, דער צוג זאָל גיין ווײַטער, אָבער לײדער — פֿון אָרט ניט. מיר לעבן איבער טויט־שרעק, ווײַל דער צוג ווערט אומופֿהערלעך באַשאָסן פֿון דײַטשישע עראָפּלאַנען און פֿון קוילנוואַרפֿערס, אַזוי אַז די ווענט ציטערן... מיר באַראַטן זיך אײנע מיט די אַנדערע, וואָס צו טאָן: בלײַבן וואַרטן אין וואַגאָן אָדער אַרויסצוקריכן, זען, ווו מיר האַלטן אין דער וועלט? אויף יעדן פֿאַל שיקן מיר אַרויס אַ יונגן יאַט, ער זאָל אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין די איבעריקע וואַגאָנען און ווו מיר שטייען. עס גייט ניט אַריבער קיין פֿינף מינוט, ווי דער יאַט איז צוריקגעקומען מיט אַ נײַעס, אַז סאָלדאַטן, שווער באַוואָפֿנטע, מיט גרינע אוניפֿאָרמען, גייען אין דער ריכטונג פֿון אונדזער צוג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָפּגעבראָכן און דער גרעסטער טייל וואַגאָנען שטייען ליידיק. מיר ווערן אַלע אַזוי דערשיטערט פֿון דער נײַעס, אַז עס איז פּאָשעט ניט צו באַשרײַבן: מע רײַסט סאָוועטיש געלט, פּעסער, פֿאַרשיידענע דאָקומענטן, און מע געזעגנט זיך שוין אײנע מיט די אַנדערע. שווער איבערגעבן אונדזער פּאַכעד, ווען די טיר פֿון וואַגאָן האָט זיך צעעפֿנט און ס'האָבן זיך באַוויזן די מערדער אין סאָלדאַטישער אוניפֿאָרם מיט אויטאָמאַטישע ביקסן, קעגן אונדז געריכטעט. זיי שרײַען: „אַלעס יודען? אַלעס אַרויס זאָפֿאָרט!" מיר גייען אַלע פֿון וואַגאָן אַרויס, ווי צום טויט פֿאַרמישפּעטע, און זיי הייסן אונדז אין דרײַערלײַקן וועלדל זיך אויסשטעלן צו דרײַ, און דאַן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קני. די סאָלדאַטן שטעלן אויס קעגן אונדז די געלאָדענע אויטאָמאַטן און דראָען מיט דערשיסן. איך צעקוש זיך מיט דער מאַמען און וואַרט אויפֿן טויט... אָבער דאָ קומט אָן אַ דײַטשישער אָפֿיצער און באַפֿעלט אונדז אָפּלאָזן..."

# דער וועג צום טפּיסע־מויער

גזיירעס אױף די דאַוגאַוופּילסער ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן פֿון די ערשטע מינוטן, ווי נאָר די ברוינע מאַלכאַבאַלעס זײַנען ארײַן אין שטאָט. די פֿאַשיסטישע עלעמענטן, וועלכע זײַנען אינעם ערשטן יאָר פֿון דער סאָוועטנמאַכט געווען פֿאַרטײַעט, האָבן ווי מײַז פֿון זייערע נאָרעס ארויסגע־פּויזעט אױף דער העלער שײַן און גענומען זיך סטאַרען איינער פֿאַרן צווייטן, ווער סע קאָן בעסער הארגענען סאָוועטישע אַקטיוויסטן, קאָמוניסטן, ייִדן.

אין היגן פֿאַשיסטישן בלעטל ווערן פּובליקירט די ערשטע מוידאָעס וועגן שטרענגע רעפּרעסיווע שטראָף־מיטלען קעגן ייִדן.

אין גאַס זיך צו באַווײַזן איז פֿאַר א ייִדן געוואָרן סאַקאַנעס־נעפֿאָשעס. מע פֿלעגט זיי ארויס־שלעפּן פֿון די אָטשערעדן נאָך ברויט, כאַפּן זיי אין דרויסן, ווי הײמלאָזע הינט, און פֿאַרטרײַבן אין פֿאַרשיידענע באָטעמעדראָשים, דעריקער אין דעם פֿלאַנאָווער מיניען, וועלכער האָט זיך געפֿונען אױף דער אָפּיצערסקע גאַס. דאָס איז געווען איינער פֿון די עלטסטע באָטעמעדראָשים אין דער שטאָט, און ער האָט געהאַט א שעם דערמיט, וואָס א פֿרומער ייִד, ווען ער זאָל אהין ניט ארײַנקומען, סײַ פֿאַרטאָג, סײַ גאָר שפּעט אין אָוונט, האָט געטראָפֿן דאָרט א מיניען מענטשן צום דאַוונען.

ווען דער פֿלאַנאָווער מיניען איז פֿול פֿאַרפֿראָפּקעוועט געוואָרן מיט מענטשן, אַז ס'איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו עטעמען, האָט זיך דערהערט א באַפֿעלעריש קאָל:

— אכטונג! אופשטעלן זיך אין א שערענגע. שנעל. זאָפּאָרט.

מוטערס ברעכן די הענט, קינדער דריקן זיך צו די מאַמעס. כאָטש קיינער ווייסט נאָך ניט גענוי, וואָס עס שטייט פֿאָר, נאָר דער פֿאָרגעפֿיל פֿון אַן אומגליק האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט.

פֿון דעם פֿלאַנאָווער מיניען האָט מען די קאַלאָנע פֿאַרטריבן אין דער שטאָטישער טפּיסע, פֿונ־וואַנען קיינער האָט זיך שוין ניט צוריקגעקערט.

דאַוגאַוופּילס האָט מעקאַמע יאָרן געשעמט אַלס צענטער פֿון רעוואָליוציאָנערן אויפֿברויז, פּראָ־לעטאַרישער אָרגאַניזירטקייט, סאָלידאַריטעט. די היגע ייִדן האָבן אין דער באַוועגונג גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אַפּילע אין סאָף פֿונעם פֿאַריקן און אין אָנהייב פֿון דעם 20־טן יאָרהונדערט, אין דער סאַמע אויפֿבלי־צײַט פֿון די שוואַרצמייעדיקע אַקציעס, האָבן די אָרטיקע

דער פֿלאַנאָווער מיניען

רעאקציאָנערע עלעמענטן, אונטערגעשטיצט פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, ניט געוואָגט צו אָרגאַניזירן א פּאָגראָם אַף יידן אין דווינסק. זיי האָבן אַף זיכער געוווּסט, אַז דאָס שמעקט מיט א דורכפאַל, קיין טרוקענע וועלן זיי פון דעם ניט אַרויסגיין. דאָס זעלבע איז אויך שייַך צו די שפּעטערדיקע צייַטן, ווען אין לעטלאַנד האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט פאַשיסטישע קויכעס.

דאָס האָבן ניט אַרויסגעלאָזט פון זינען די היגע היטלעריסטישע אונטערדינער, ווען די דייַטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט און זיי געגעבן פרייַע הענט צו מאָרדן און באַרויבן די ייִדישע באַפעלקערונג. און דאָס ערשטע, וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן, איז געווען צו פאַרטיליקן די יוגנט, ווי אויך די געזונטע מאַנצבלען, וועלכע זייַנען אין גרונט געווען פּראָגרעסיווע און לינק־געשטימטע, קעדיי דערמיט אָפּנעמען די קויכעס בא דער ייִדישער באַפעלקערונג.

דער שעף פון דער היגער זיכערהייט־פּאָליציי און געסטאַפּאָ, דער אָבערשטורמפיורער גיונטער טאַבערט האָט באַפוילן, אַז אַלע ייִדן — מענער פון 18 ביז 60 יאָר — זאָלן זונטיק, דעם 29 יוני, זיך מעלדן אַפן מאַרק־פּלאַץ. פאַרן ניט־מעלדן זיך אַפן זאַמלפּונקט — די האַרבסטע שטראָף.

יאָ גיין, ניט גיין — איז געווען די עקבער־פראַגע אין קימאַט יעטווידן הויז. גליקלעכע זייַנען געווען די, וועלכע האָבן אויסגעזען ייִנגער פון זייערע אכצן יאָר, אָדער זקיינים. א סאַך האָבן זיך גלייַך באַהאַלטן אין מאַלינעס.

זונטיק אינדערפרי האָט זיך דער אוילעם גענומען זאַמלען אַפן מאַרק־פּלאַץ. די גיך געשאַפענע אָרטיקע געהילפס־פּאָליציי האָט זיך פלייַסיק געסטאַרעט ניסע כיין זייַן בא די נייַע באַלעבאַטים און האָט אייַנגעקערט וועלטן. מע האָט געגנישטערט אין די הייַזער און מיט גוואַלד פאַרטריבן די, וועלכע האָבן זיך שלעכט באַהאַלטן.

אַפן זאַמלפּונקט זייַנען זיך צונויפגעקומען עטלעכע טויזנט מאַנצבלען. א ביסל ווייַטער, אַף די טראָטואַרן, בא די הייַזער אַרום פּלאַץ, זייַנען גרופּקעסווייַז געשטאַנען פאַרצאָרנטע פרויען. וואָס דאָ וועט זייַן — איז געווען א רעטעניש פאַר אַלעמען.

— אונטערטן פיר אין א ריי, שנעל, פיקסער! — האָט גענומען דונערן פון אַלע זייַטן.

פּלוצלינג זייַנען אַלע אופגעציטערט געוואָרן פון אַן אומגעריכטן שאָס. אָן שום מישפּעט האָט מען דערשאָסן דעם עלעקטראָמאָנטיאָר לייזער גאָלדבערג — ער איז ניט אַזוי גוט געשטאַנען אין דער ריי. אצינד איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, מיט וואָס עס שמעקט. כאָטש דער טאָג איז געווען א ליוטערער, א זוניקער, נאָר אַלעמען איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן.

מע האָט נאָך ניט באַוויזן קומען צו־זיך פון דער שרעק, ווי דער מאַרק־פּלאַץ האָט ווידער אופגעציטערט מיט שאָס. מע האָט דערשאָסן מייער מייעראָוויטשן, ווייַל ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט זייַן פרוי.

— מאַרש, איר שווייַנען־באַנדעס! — מע האָט די ייִדן געטריבן צו דער דאַמבע, וואָס ציט זיך לענגויס דער דווינע, און ווען מע איז אַרוף אַפן שאָסיי און זיך פאַרקערעוועט אַף לינקס, איז קלאָר געוואָרן, אַז מע טרייַבט זיי צו דער טפיסע.

— אַכטונג! — האָט זיך ווידער געהערט א קאָמאַנדע. — די זשידעס זאָלן זינגען „קאַטיושאַ"!

„קאַטיושאַ"? — האָבן זיך אַלע געכידעשט. ניט אַנדערש, ווי א פּראָוואָקאַציע, האָט דער אוילעם געטראַכט. מ'וועט נעמען זינגען די באַוווּסטע סאָוועטישע פּאַטריאָטישע ליד, און פאַר אַזא כעט וועט מען אַוודע אַלעמען צעשיסן. דער האַמוין האָט געשוויגן. פאַרן שווייַגן האָט דאָס גאַנצע ביר אויסגעטרונגען אישיקע רודאַשעווסקי. די פּאָליציאַנטן זייַנען אים באַפאַלן און צענעריקט מאַקעס רעצעך.

— „קאַטיושאַ" זאָל מען זינגען, „קאַטיושאַ"! — איז געווען דער פאַרלאַנג.

וואָס עס וועט זייַן, וועט זייַן — האָבן מענטשן געקלערט. צוערשט האָט מען ווי אונטער דער נאָז, שטיל, גאָר שטיל גענומען ברומען דעם ניגן פון „קאַטיושאַ", און וואָס ווייַטער, אַלץ דרייסטער און העכער.

ס'האָבן ווידער זיך דערהערט באַפעלערישע געשרייען, אַזוי אַז דער אוילעם איז פאַרציטערט און אָנשוויגן געוואָרן.

ווען די קאָלאָנע איז דערגאַנגען מיט דער דאַמבע ביז אַליינע־גאַס, האָט זי פאַרקערעוועט אַף רעכטס, ווו צופוסנס דעם שאָסיי, באַרג־אַראָפּ, איז געשטאַנען די אַלטע שטאָטישע טפיסע, וועלכע מע האָט אויסגעבויט נאָך אין ענדע פון פאַריקן יאָרהונדערט און זי פאַרברייטערט מיט א נייַעם ביניען פאַר דער מילכאָמע. זי איז געווען אַרומגעצאַמט מיט א הויכן ציגלנעם פּאַרקן, מיט היטערטורעמס פון אַלע זייַטן. ווען די ייִדן האָבן זיך דערנעענטערט צום ברייטן, אין אייַזן אייַנגעשמידטן טויער, האָט ער זיך פאַר זיי ניט געעפנט.

באַרג־אַרוף, באַם שאָסיי, אַזוי אַז אַלע זאָלן אים גוט זען, האָט זיך אוועקגעשטעלט א געסטאַפּאָוועץ, אַן אויסגעפּוצטער אין א שטייַפן מונדיר און אין גלאַט אויסגעפרעסטע הויזן. דער אוילעם איז שטיל געוואָרן, אָנגעשפּיצט די אויערן, קעדיי עפּעס־וואָס צו הערן וועגן דעם ווייַטערדיקן גוירל.

כאַים קוריצקי, וועלכער איז געווען אין דער קאָלאָנע, האָט שפּעטער פאַרנאָטירט אין זײַן טאָגבוך:

„א דײַטשישער אָפיצער, שטייענדיק אױף דער דאמבע מיט אן אווטאָמאט אין די הענט, האָט זיך געווענדט צו אונדז מיט א הערשעריש־סאַדיסטישער שטים, אויסשרײַענדיק פאָלגנדעס: „...יעצט איז געקומען די רעכטע שאָ פון דער אָפּרעכענונג מיט אײַך... איך גיב אײַך דרײַ מינוט צײַט אױף אָפּצוזאָגן אײַערע לעצטע געבעטן און דאן ווערט איר דערשאָסן!" א יאָמערלעכער געוויין אפן קאָל האָט זיך פאַנאנדערגעטראָגן אין דער אומגליקלעכער מאסע. ס'האָבן זיך געהערט באפעלן פון דעם זעלבן: „אַלעס הינגיין! אופשטיין! אזוי קעסיידער," און קוילן זײַנען געפלויגן פון זײַן אווטאָמאט אין דער יאָמערנדיקער מאסע מענטשן, באגלייט פון געשרייען און קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע.

אױף דער דאמבע, ווו אָפּגעווײַטערט פון אלעמען זײַנען געשטאנען פרויען און זקיינים, וועלכע האָבן געוואגט צו באגלייטן די קאָלאָנע, האָט אויסגעבראָכן א יעלאָלע..."

כאַים קוריצקי שרײַבט ווײַטער אין זײַן טאָגבוך: „דער מערדער, זעענדיק די שטאַרקע ווירקונג פון זײַנע רייד אױף אונדז, האָט ווידער אויסגערופן:

— אויב עס ווילן זיך צווישן אײַך געפינען 10 מאן, וועלכע ווילן זיך לאָזן דערשיסן, לאָז איך די איבעריקע לעבן!

ארום האָט געהערשט א טויטע שטילקײַט.

— אלזאָ, ווער עס איז גרייט אומצוקומען פאר אלעמען, זאָל אופהייבן די האנט.

ס'האָבן זיך אופגעהויבן עטלעכע הענט. צווישן זיי איז געווען הארוו אלטער פוקס, דער מעמאלע מאָקוםים פונעם ראָגאטשאָווער גאָען. דער עלטסטער איז, מיסטאמע, געווען דער געלער מאגיד, ווי מע פלעגט אים רופן צוליב זײַן געל בערדל. דער מאגיד ראפּאלאָוויטש איז צווישן די היגע פרומע יידן געווען באוווּסט מיט זײַנע שאבעסדיקע דראָשעס, וועלכע ער פלעגט האלטן בא מינכע און מײַרעוו אינעם קאָהאָלשן בעסמעדרעש. אויך איז ער באקאנט געווען מיט זײַנע שאַרפע מוסער־רייד, מיט וועלכע ער פלעגט אין די דראָשעס טאדלען די יעניקע, וואָס פלעגן בעפּאַרהעסיע מעכאלעל שאבעס זײַן.

מע האָט די פרײַוויליק געמאָלדענע אוועקגעשטעלט מיטן פּאָנעם צו דער ציגלנער וואנט, ס'האָבן א קלונג געטאָן די ביקס־שלעסער, נאָר די „ציגעלעך" האָט מען ניט אָנגעדריקט און די קאָמאנדע „פײַער" האָט ניט נאָכגעפאָלגט..."

דער הוירעג האָט איבערגעקלערט. ער איז אפילע דערצאָרנט געוואָרן פון זײַן דורכפאל. ער האָט געמיינט, אז די יידן וועלן זיך גלײַך נעמען דינגען און אמפערן זיך. ס'וועט ווערן א בעהאָלע, ס'וועט זײַן א פריילעכער ספּעקטאקל, און מיטאמאָל: נא, גאָר פּאָשעט — אָפּפרײַוויליקײַט. האָט ער באשלאָסן צו ווײַזן, אז ער איז פעיִק אוועקצושטעלן א שענערע שפּיל.

ווידער כאַים קוריצקיס גוויִעס־אייִדעס:

„און נאָכדעם האָט זיך אָנגעפאנגען א „מאסן־ספּאָרט" (באזונדערס מיט די עלטערע יידן). מאַסע־סאַדיסטישע עסעסניקעס האָבן דורכגעפירט „איבונגען", וועלכע האָבן מער ווי א שאָ געדויערט מיט די אומגליקלעכע מענטשן און זײַנען באגלייט געווען מיט קלעפּ און בריקערײַען...

פאַרן ארײַנטרײַבן אין טפּיסע־הויף האָט מען דעם טויער פאַרשטעלט מיט לאנגע בענק. די טויזנטער יידן האָבן געמוזט פאר געציילטע סעקונדעס אריבערקריכן די בענק, קעדיי ארײַן אין הויף.

— אכטונג! — האָט א קאָמאנדעווע געטאָן דער געסטאפּאָוועץ. נעענטער צו די אויגן האָט ער צוגעצויגן זײַן האנטזייגער, אופמערקזאם געקוקט אפן ציפערבלאט. — אכטונג! אָנגעהויבן!

אין טויער איז געוואָרן א שרעקלעכע שטופּערײַ. דער געסטאפּאָוועץ ציילט אפן קאָל:

— דרײַ סעקונדעס... פינף... זיבן... צען — פײַער!

און א זאלפּ פון קוילן האָט „פאַרהאקט" דעם טויער..."

## אין טפּיסע

די יידן, צונויפגעטריבענע פונעם מארק־פלאץ דעם 29 יון, האָט מען פאַרשפּאַרט אין די קאַמערן פונעם פילשטאָקיקן טפּיסע־מויער. יעדן אינדערפרי פלעגט מען גרופּעס יידן אויסשטעלן אין הויף און סאָרטירן: געזונטע, פאכמענער אויסטיילן אין קאָמאנדעס און טרײַבן אין שטאָט אױף שווערער שוויס־ארבעט; די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן האָט מען פאַרשפּאַרט אין קאלטן און נאסן טפּיסע־קעלער. מע פלעגט דאָ אזויפיל אָנשפּארן מענטשן, אז ס'איז ניט געווען מיט וואָס דעם אָטעם צו

ציִען. אָפט פלעגט זיך פאנאנדערפּענען די קעלער־טיר, דאָס איז מען געקומען צונעמען גרופּעס יידן, אקטיוויסטן, און באלד פלעגט זיך דערטראָגן א שיסעריי.

דער געוועזענער טפּיסע־אַסיר ב. טרעגער האָט דערציילט איניקן נאָך דער באפרייונג פון דער שטאָט: „אין די קעלער־קאמערן פלעגן די דייטשן אריינזעצן הויפטזאכלעך די, וועלכע זיינען געווען באשטימט צום דערשיסן אפן קומענדיקן טאָג. אקסל צו אקסל זיינען מענטשן געשטאנען די גאנצע נאכט. ארונטערגעקוועטשטע אונטערן טיש זיינען געווען „גליקלעכע" — זיי זיינען געזעסן...

מ'האָט קיינעם ניט פארהערט, אין גאָרנישט קיינעם ניט באשולדיקט. זייער גורל איז שוין פון פריער געווען באשטימט"[1].

— ס'קאָן ניט זיין, מע זאָל פארניכטן אומשולדיקע מענטשן, אָן קיין שום סיבע, — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר פון א יידישער גרונטשול סאמועל דאָברין, וועלכער איז אין קעלער געזעסן צוזאמען מיט זיין פערצניאָריקן זון.

אף מאָרגן פארטאָג האָט מען דאָברינען צוזאמען מיט זיין זון דערשאָסן הינטער דעם טפּיסע־מויער, אינעם אייזנבאן־סעדל, ווו פרידנסצייט פלעגן איינגעאָרדנט ווערן פארשיידענע פארוויילונגען.

ווען דער קוימענקערער יאָסיף דאָרום האָט זיך אנטזאגט צו פארשיטן דעם ריוו מיט די דערשאָסענע, האָט מען אים גענומען מיימעסן. פלינק האָט יאָסיף געכאפּט אן אייזערנעם לאָם, וועלכער איז דערביי געלעגן. איין אופזעער האָט ער אף טויט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, עטלעכע האָט ער פארוווּנדעט און אליין איז ער אויך אומגעקומען אינעם אומגלייכן געראנגל[2].

נאָר דאָס זיינען געווען „קלייניקייטן".

אין יול כוידעש האָט דער שעף פון דער זיכערהייט־פּאָליציי און געסטאַפּאָ, דער אָבערשטורמפירער טאבערט באפוילן דורכצופירן אין טפּיסע אן אקציע און איז אהין פערזענלעך געקומען. ער הייסט אויסשטעלן די ארעסטאנטן אין א ריי און אָפּקלייבן צו דער שכיטע. אין יענער נאכט האָט מען דערשאָסן 700 יידן און אין דער קומענדיקער נאָך 500—600.

איך בלעטער וויטער די פארגעלטע זייטלעך פון כאיִם קוריצקיס טאָגבוך, און אָט וואָס ער האָט פארשריבן וועגן יענע יול־טעג אין טפּיסע:

„...געקומענע יידן פון דער ארבעט האָבן דערציילט מאָדנע נייעס. איינער האָט געהערט פון א דייטשישן אָפיצער בא דער ארבעט, אז מאָרגן וועלן אלע יידן פון טורמע דערשאָסן ווערן. א צווייטער, ווידער, האָט דערציילט, אז א גרויסער גרופּע האָט מען היינט געצוווּנגען אין טורמע־הויף גראָבן דריי ריזיק־גרויסע גריבער, און דערביי האָט מען זיי נאָך זייער שטארק געשלאָגן, זיי זאָלן וואָס גיכער די גריבער פארטיק מאכן.

מיר זיינען אופגעשטאנען באגינען, אזייגער פיר, און געווארט, ווי געווײנלעך, מע זאָל אונדז אָפּנעמען אף דער ארבעט. אָבער וואָס איז דאָס היינט פאר אן אומגליק, — קיינער רופט אונדז ניט ארויסגיין? יעדע מינוט ווערט די שפּאנונג גרעסער, דער אומרו שטארקער. ס'קומט איינער צו לויפן אין אונדזער פּאלאטע און דערציילט שטארק אופגערעגט, אז ער האָט געזען דורכן פענצטער פון קלאָזעט, ווי מע האָט אוועקגעפירט אין דער ריכטונג פונעם טפּיסע־סאָד (דעם אזויגערופענעם אייזנבאן־סאָד) 22 יידן צו דריי אין א ריי אויסגעשטעלט. עס זיינען אריבער אייניקע מינוטן, און ס'האָבן זיך דערהערט זאלפּן פון ביקסן און עס איז ווידער שטיל געוואָרן. איך בין צוגעגאנגען צום קלאָזעט־פענצטער און אליין געזען, ווי מ'האָט ווידער 22 מאן אוועקגעפירט אין דער זעלבער ריכטונג און ווידער האָבן זיך געהערט שיסערייען פון טורמע־סאָד. אזוי איז דער פארניכטונגס־פּראָצעס געגאנגען ביז די ריי איז געקומען צו אונדזער עטאזש...

...ס'עפנט זיך אוף די טיר פון אונדזער פּאלאטע: מע איז געקומען נאָך אונדז. דאָס הארץ נעמט קלאפּן ביז צום פּלאצן. איך האלט זיך מוטיק, אָן טרערן. דרייסט גיי איך מיט א כאווער בא דער זייט, האלטנדיק זיך פאר די הענט, צום טויט... מיר זיינען דורכגעגאנגען דעם טורמע־הויף, צום טורמע־סאָד, און באם אריינגאנג אין סאָד זיינען מיר שטיין געבליבן... דער באגלייטנדער מערדער שרייט אף אונדז, און איך באקום מיט א שטעקן פון אים. פארן זיך האלטן פאר די הענט מיטן כאווער. איך בין שטארק דערשיטערט געוואָרן, שטייענדיק דאָ און ווארטנדיק. פון אופרעגונג האָב איך דאָס העמד אף זיך צעריסן. איך זע דעם טויט פאר די אויגן. מע נעמט ארויס איין מאָל פיר מאן פון אונדזער גרופּע, און איך זע, ווי זיי ווערן דערשאָסן. נאָכאמאָל פיר מאן און ס'פּאסירט ווידער דאָס זעלבע. עס ווערט קלאָר, וואָס עס דארף אין די נאָענטסטע סעקונדעס פּאסירן...

נאָר ס'איז געשען אנדערש, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. עס קומט א באפעל, נאָכן דערשיסן די אכט מאן פון אונדזער גרופּע, אז די איבעריקע יידן זאָלן צו דער גרוב צוגיין צוזאמען... ווי נאָך

---

[1] Трегер Б. Как немцы уничтожали мирное население. — Газ. «Латвийская правда» (Даугавпилс), 1 ноября 1944.

[2] Судебный процесс по делу о злодеяниях немецко-фашистских захватчиков на территории Латвийской ССР. Рига, 1946, стр. 124, 127.



דער אַרײַנגאַנג צו די מאַסן־קוואָרים אין אײַזנבאַן־סעדל

מיר זײַנען אַרײַן אין סאָד און צוגעקומען צו דער גרוב, האָט מען אונדז געגעבן לאָפּעטעס און געהייסן פאַרשיטן די ריזיקע גרוב מיט צעשאָסענע ייִדן... כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי איך האָב דערזען א פולגעפּאַקטע גרוב מיט פאַרבלוטיקטע קערפּערס, צווישן וועלכע פיל האָבן נאָך אין די לעצטע קאָנווולסיעס געציטערט.

עס האָט מיר פאַרשווינדלט פאַר די אויגן, אַז איך האָב געמיינט, כ׳וועל אומפאַלן, אָבער די ווילדע געשרייען פון די מערדער האָבן מיך באַם ניכטערן באַוווסטזײַן אופגעהאַלטן... כ׳האָב געזען, ווי עס האָבן זיך אייניקע שוואַכע מענטשן, צווישן זיי מײַן געטרײַער כאַווער, אַנגעשפּאַרט עטוואָס אין די לאָפּעטעס, און די מערדער האָבן זיי געהייסן זיך לייגן אויף די טויטע, און זיי זײַנען קאַלטבלוטיק דערשאָסן געוואָרן דורך אייניקע פּיסטאָלעטן־שאָסן... א געוויסע צאָל דײַטשישע סאָלדאַטן זײַנען באַם סאָד־צוים געשטאַנען, זיך אַמוזירט איבער דער בלוט־שפּיל און דאָס אַלעס פילמירט און פאָטאָגראַפירט, — ווי׳אַזוי די לעטישע שוצמענער, די פּראַקטישע אויספירער פון דעם מאַסן־מאָרד, האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער אונדזער פינצטערן גורל...

ווען די גרוב איז פאַרשאָטן געוואָרן, איז געקומען דער באַפעל אונדז אָפּצופירן אין טורמע. אַזייגער אַכט אין אָוונט האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אַלעמען צו דער „אַרבעט" — גראָבן פאַר זיך גריבער... מיר האָבן געאַרבעט אין צוויי פּאַרטיעס, געאַרבעט מיט די לעצטע קויכעס. ווען איין פּאַרטיע האָט א האַלבע שאָ געגראָבן, האָט די צווייטע זי אומגעביטן. אַזוי, אַרבעטנדיק ביז פינצטער, האָבן מיר אויסגעגראָבן דרײַ גרויסע און טיפע גריבער ניט ווײַט פון דעם ריזיקן קייווער".

אי. ווילויק, ווען די דײַטשישע אָקופּאַנטן האָבן אַרײַנגעזעצט אין טפיסע באַלד נאָך זייער קומען, דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס, אַז „דאָרט איז דעם 15 יול, לויטן אויסדרוק פון די דײַטשישע מערדער, געווען דורכגעפירט „א גרויסע אַקציע". פון עלף אַזייגער באַנאַכט ביז עלף אינדערפרי קומענדיקן טאָג האָבן זיך אומופהערלעך אויפן הויף געהערט זאַלפן. אין דעם טאָג זײַנען דערשאָסן געוואָרן 1200 מענטשן, ווען די דײַטשישע גאַזלאָנים האָבן פאַר דעם געצווונגען זיך אויסטאָן הוילנאַקעט"[1].

## מע פאַרטרײַבט די ייִדן אין געטאָ

אין ערשטן נומער פונעם פאַשיסטישן בלעטל „דאַוגאַוופּילס לאַטווי׳עשו אוויזע" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן א פאַראָרדענונג פונעם 13 יול: יעטווידער ייִד, אָנהייבנדיק פון פיר יאָר אַלט, מוז אָנטאָן מערקצייכנס — געלע לאַטעס. פרויען — אויף דער ברוסט און אויפן רוקן, מענער — אויף דער ברוסט, אויף דער לינקער קני און אויפן רוקן.

די היגע צײַטונג דרוקט איין פאַראָרדענונג נאָך דער אַנדערער: „ייִדן איז פאַרווערט: באַנוצן זיך מיטן געזעלשאַפטלעכן טראַנספּאָרט (מיט דער אײַזנבאַן, מיט די אויטאָבוסן, דאַמפּערס, איזוואָזטשיקעס); ייִדן איז פאַרווערט: גיין אויפן טראָטואַר, גיין אין באָד, אין פּאַרק". ייִדן איז פאַרווערט און פאַרווערט... ס׳איז זייער א לאַנגע רעשימע פון פאַרווערונגען. דערלויבט איז זיי גאָרנישט. ייִדן זײַנען הפקר, רעכטלאָז.

דווירעסלאַנג זײַנען די היגע ייִדן געווען אויסגעבונדן און צוזאַמענגעלעבט מיט זייערע ניט־ייִדישע מיטבירגער. מע האָט צוזאַמען געאַרבעט, געהאַנדלט. האָבן די פאַשיסטן געקערט וועלטן, קעדיי אַרויסצורופן סינע צו די ייִדן. מע האָט ניט געוווסט, וואָס צוצוטראַכטן. אַלץ איז גוט געווען פאַר דער

[1] Шмерлинг В. «Это не сжечь!», Кокинс Ф. «Своими глазами», «Палачей к ответу», «Акт» — газ. «Вперед за Родину» (ежедневная красноармейская газета), 16 августа 1944.

אנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, מעג עס אַפילע דערגיין צו אַן אַנעקדאָט. אַזוי, לעמאָשל, האָט דעם 5 און 6 אויגוסט 1941 „דאַוגאַווּפּילס לאַטוויִעשו אוויזע" געשריבן, אַז די ייִדן האָבן אין שטאָט אונטערגעצונדן 1912 געבײַדעס, דערונטער 8 שולן און 3 צערקווס. און עס מאַכט גאָר ניט אויס, וואָס די ייִדן זײַנען שוין געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ...

באַ די אײַנוווינער פון די הײַזער, בישכיינעס מיטן אײַזנבאַן-סעדל, איז נאָך געשטאַנען אין די אויערן די שיסערײַ און די פאַרצווייפלטע קוילעס פון די קאָרבאָנעס, ווי איבער דער שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נײַע פאַראָרדענונג: פונעם 15 יול ביז צום ענדע כוידעש דאַרפן אַלע ייִדן זיך אַריבערפירן אין אַ ספּעציעל באַשטימט אָרט, ווו ס׳וועט פאַר זיי געשאַפן ווערן אַ געטאָ.

אַלס אָרט פאַר דער געטאָ האָט מען אויסגעטיילט די אַלטע כאָרעווע ציטאַדעל, וועלכע האָט זיך געפונען אַ פּאָר קילאָמעטער הינטער גריווע, אַראָפּ מיטן וואַסער-שטראָם, האַרט באַ דער דאַוגאַווא. מע האָט זי אָנגעהויבן בויען נאָך פאַר דער נאַפּאָלעאָנישער מילכאָמע. פון דער אויסערלעכער זײַט האָט די פעסטונג מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הויכע שטיינערנע וואַנט מיט קליינע פענצטערלעך צום דרויסן, אין וועלכע מע האָט געקאָנט אַרײַנשטעלן אַ ביקס אָפּ צו שיסן אין סוינע. אין אָנהייב פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, ווען מע האָט געבויט די פעסטונג, איז אַ גרויסע שוץ געווען די קאַנאַווע אַרום די ווענט. אין אַן אייס-צאָרע האָט מען זי אָנגעפילט מיט וואַסער, און דאָס האָט געשטערט דעם סוינע אָנצושפּאַרן אין דער וואַנט שטורעם-לייטערס, קעדיי אַריבערצוקלעטערן אין דער פעסטונג. די דאָזיקע קאַנאַווע האָט אויך איצט אַרומגערינגלט די ציטאַדעל.

אינווייניק, אין ציטאַדעל, לענגויס דער דרויסנדיקער שטיינערנער וואַנט, זײַנען געווען צוגעבויט לאַנגע צווייעטאַזשיקע מויערן. אונטן, אויפן ערשטן עטאַזש, זײַנען געווען פערד-שטאַלן. אויפן צווייטן — קאַזאַרמעס פאַר סאָלדאַטן. פאַר דער מילכאָמע איז דאָרט געשטאַנען אַן אַרטילעריע-טייל און אין די ערשטע קריגס-טעג, בייס די שלאַכטן פאַר דער שטאָט, זײַנען די מויערן שטאַרק כאָרעוו געוואָרן. אינמיטן ציטאַדעל-הויף איז געווען אַ ניט-גרויסער איבונגס-פּלאַץ פאַר סאָלדאַטישער לער.

פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט האָט זיך געצויגן דאָס מענטשן-טרײַבעניש — מע האָט געטריבן אין ציטאַדעל יעדידים, גרופּעס, מישפּאָכעס. די אָקופּאַנטן-באַהעלפער, די אַזויגערופענע זעלבשוץ-פּאָליציִאַנטן, זײַנען אין שטאָט אַרומגעלאָפן איבער די הויפן, געכאַפּט דאָרט ייִדן און אונטער באַוואָפנטע שאָמרים געטריבן זיי איבער דער אײַזערנער בריק גלײַך אין ציטאַדעל אַרײַן.

דעם 30 יול 1941 האָט דאָס בלעטל „דאַוגאַווּפּילס לאַטוויִעשו אוויזע" פרייִדיק מודיִע געווען, אַז „דאַוגאַווּפּילס איז פרײַ פון ייִדן" (גריווע האָט זיך גערעכנט אַלס זעלבשטענדיק שטעטל). אינעם אַרטיקל ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט, אַז „די גרויסע פּערצענטויזנטיקע ייִדישע מאַסע, וואָס האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אין שטאָט פון יאָר צו יאָר, איז אויסגערייניקט געוואָרן ביז צום לעצטן... פאַר דעם דאָזיקן גרויסן אויפטו קומט אַ הערצלעכן דאַנק דעם שטאָט-פּרעפעקט בלויזמאַניס, זײַנע נאָענטסטע באַהעלפער און אונדזער פּערסאָנאַל פון זעלבשוץ-דינסט".

די גריווער מושלים האָבן אויך באַשלאָסן צו ווײַזן, אַז זיי זײַנען ניט אַבי-ווער און זיי שטייען ניט אָפּ פון זייערע שכיינים. ענדע יול האָט מען דאָרט אויפן מאַרק-פּלאַץ בעכיפּאָזן גענומען צונויפטרײַבן די ייִדן, קליין און גרויס, אַלטע און קראַנקע. מע האָט געטריבן אין געטאָ אונטער אַ שטאַרקער וואַך, „עפעקטפול", אין אַ קאָלאָנע, מיט מוזיק און געזאַנג.

דעם 31 יול האָט דער גריווער שטאָט-עלטסטער כאַסעלבאַום שוין מודיִע געווען אין דער זעלבער „אוויזע", וואָס פאַר אַ בעריע ער איז — גריווע איז שוין אויך פרײַ פון ייִדן. דערבײַ האָט ער זיך נאָך באַרימט, וואָס פאַר אַן אייגנטום ער האָט אָפּגעגאַזלט באַ זיי.

אין געטאָ-הויף האָט מען אין רעשוס פון די גריווער איבערגעגעבן אַ כאָרעווע קאַזאַרמע, זעלטן-ווו זײַנען געווען פענצטער מיט ראַמען און טירן. ערטערווײַז איז דער דאַך געווען צעלעכערט, די דילן אויסגעבראָכן, פול מיט אַש און האָלאָוועשקעס. קורץ גערערט, אַ געבײַדע נאָך אַ גרויסער סרייפע.

די ערשטע, וועלכע מע האָט אַהער אַרײַנגעטריבן, האָבן נאָך געהאַט דאָס גליק צו פאַרכאַפּן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ, אַ בעסער ווינקל, און מע האָט זיך געטוליעט צו די ציגלנע ווענט אין די שמאָכטעס, וועלכע מע האָט געבראַכט פון דער היים. ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן ערגעץ-ווו צו באַקומען ניט געהובלטע ברעטער, און מ׳האָט געמאַכט נאַרעס. ווער ס׳האָט געהאַט אַזאַ ווינקל, איז געווען העכסט גליקלעך.

צום אַלעם ערשטן האָט מען צעריסן די מישפּאָכעס. מענער און פרויען האָבן געלעבט אָפּגעטיילט. בלויז אייפּעלעך האָט מען דערלויבט האַלטן באַ די מוטערס. דערפאַר האָבן די באַלעבאַטים פון געטאָ צוגעטראַכט צו מאַכן אַ געמײַנזאַמען קלאָזעט פאַר פרויען און מענער צוזאַמען. ס׳איז דאָ נישט געווען ניט קיין באָד, ניט קיין קיכן. אויפן הויף פלעגט מען צווישן אַ פּאָר שטיינער אויפלייגן אַ קליין שײַטערל און צוגרייטן, וואָס אין מויל אַרײַנצונעמען פון דעם, וואָס מע האָט געבראַכט פון דער היים.

די ענגשאַפט איז געוואַקסן. פון קרעסלאַווקע, אַ שטעטל, 50 קילאָמעטער פון דאַוגאַווּפּילס, האָט מען די ייִדן געבראַכט צו פירן אין צוויי פּאַרטיעס. די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין קויעך דורכצומאַכן

צופוס דעם לאנגן וועג, האָט מען אומגעבראכט אין פעלד. די דריטע קאָלאָנע איז צום דאוגאווּפּילסער געטאָ ניט דערגאנגען. ווען מע איז ארויס פון שטעטל, האָט מען זיי אַלעמען דערשאָסן אין א וואלד.

די ייִדן פון ווישקעס (25 קילאָמעטער פון דאוגאוופּילס) האָט מען צוערשט אַרײַנגעטריבן אין דאוגאוופּילסער טפּיסע, ווו מע האָט זיי ענדגילטיק „אויסגעזויבערט" — אָפּגענומען דאָס גאנצע אייגנס, וואָס זיי האָבן מיט זיך געשלעפּט, און ווי זיי שטייען און גייען, האָט מען זיי אַרײַנגעטריבן אין געטאָ־הויף. אהערצו האָט מען נאָך פארטריבן די ייִדן פון דאגדע, קארסעווקע און אנדערע שטעטלעך ארום דאוגאוופּילס, וויניק מענטשן זײַנען געווען פון פּרייל, א שטעטל 60 קילאָמעטער פון דאוגאווּפּילס, ווײַל די דאָרטיקע מערדער האָבן זיך אַליין געוואָלט אָנזעטיקן מיט ייִדיש בלוט.

אין יול כוידעש האָט מען די פּריילער ייִדן מוידיע געווען, אז זיי ווערן „איבערגעזידלט" אין אן אנדער ווינאָרט. צוערשט האָט מען צונויפגעטריבן אין אַלטן בעסמעדרעש די ייִדן פון דער דווינסקער, רוסאָנער, ליפּאָווער און ריבינסקער גאסן, אויסגעטיילט יונגע און געזונטע, א מאן 400. אף מאָרגן, אונטער א שטארקער וואך, האָט מען די יונגע ארויסגעפירט הינטערן שטעטל, ניט ווײַט פונעם ייִדישן בעסוילעם, ווו אף פּראַקאָפּיעווס פעלד האָבן זיי פאר זיך דערזען א גרויסע אָפענע גרוב, וועלכע איז פארוואנדלט געוואָרן אין זייער קייווער.

אין אָנהייב אווגוסט כוידעש האָט מען צוגעגרייט נײַע גריבער, אויך אינדערנאָענט פונעם ייִדישן בעסוילעם. זייערע קאָרבאָנעס האָבן די מערדער דערלויבט בלויז מיטצונעמען דאָס, וואָס מע קאָן טראָגן מיט זיך. און די געטריבענע האָבן געטראָגן אף זייערע הענט קינדער, עסנווארג, טשעמאָדאנען.

די מערדער, מוירע האָבנדיק, אז מע וועט זיי דערקענען, האָבן אָנגעטאָן מאסקעס אף די פּנעמער. אפּאָנעם, אז אפילע אין די טעג פון זייערע אָרגיעס, האָבן די בלוטדורשטיקע שיסער זיך געשראָקן פאר זייערע גוואלדטאטן, האָבנדיק דאָס פאָרגעפיל, אז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען עס וועט געפאָדערט ווערן אן ענטפער פאר אָט די מײַסים.

גרופּעסווײַז, שטרענג באוואכטע, האָט מען די ייִדן געטריבן הינטערן שטעטל. ווען דער 70־יאָריקער שמיד אבע־שײַע צעמעל איז פארבײַגעגאנגען דאָס הויז פון זײַנעם א באקאנטן, האָט ער אויסגעשריִען:

— שײַע גייט שטארבן!

דערפאר האָט מען אים דערשאָסן אפן אָרט.

די מישפּאָכע פעלדהון האָט זיך געפּרוּווט אויסבאהאלטן, נאָר מע האָט זי אנטדעקט. ווען די ארעסטירע האָט מען געפירט פארבײַ דעם הויז פונעם גערטנער איוואן קאָקינש, האָט זיך דער באַלעבאָס געפּרוּווט אָנעמען פאר זײַן לאנגיאָריקן פרײַנט מענדל פעלדהון. מע האָט דעם גערטנער געשלאָגן און אים געדראָט, אז ער וועט באגראָבן ווערן אין איין גרוב מיטן ייִדן.

צום ראנד פון די גריבער האָט מען די פּריילער ייִדן געטריבן גרופּעסווײַז, געצוווּנגען זיי שטעלן זיך אף די קני. ווען נעכע לעווינסאָן האָט זיך דאָס אנטזאגט צו טאָן, האָט זי דער מערדער אָנגעכאפּט פאר די צעפּ, אזוי צוגעשלעפּט צו דער גרוב און זי דערשאָסן.

אין דער לעצטער גרוב זײַנען געבראכט געוואָרן צו קווּרע די, וועלכע זײַנען באגאנגען זעלבסטמאָרד, ווי אויך די קראנקע, וועלכע מע האָט דערשאָסן אין זייערע בעטן.

אזוי זײַנען אומגעבראכט געוואָרן 1600 ייִדן פון פּרייל און פון די ארומיקע דערפער, ווי אויך עטלעכע הונדערט ליטווישע ייִדן, וואָס זײַנען ארײַן אין פּרייל אין די ערשטע מילכאָמע־טעג.

אין דאוגאוופּילסער געטאָ האָט מען אַרײַנגעטריבן פיל ייִדן פון ליטע, וועלכע זײַנען געקומען אין שטאָט און זיך ניט באוויזן צו עוואקויִרן.

די ענגשאפט איז אין געטאָ געוואָרן א שרעקלעכע. אפן ערשטן עטאזש פון די פערד־שטאלן האָט מען די קאָרעטעס, פון וועלכע ס'האָבן די פריִער געגעסן די פערד, אָפּגעגעבן „אלעס וויגעלעך" די זויגלינגען. אזא גליק האָט געטראָפן די ערשטע — די „טוישווים" פון דער געטאָ. מע האָט, לעכאָלהאָפּאָכעס, געהאט א שטיקל דאך איבערן קאָפּ און באנאכט איז ניט געווען אזוי קאלט. א סאך ערגער איז געווען די שפּעטער אָנגעקומענע, פאר וועמען ס'האָט ניט געשטײַעט קיין אָרט אין די כאָרעווע קאזארמעס. זיי האָבן זיך „אײַנגעאָרדנט" אפן הויף אונטערן פרײַען הימל. דער גאנצער הויף איז פארוואנדלט געוואָרן אין א לאגער.

וויפל ייִדן מע האָט צונויפגעטריבן אין געטאָ, איז שווער צו זאָגן. דאָס פאשיסטישע בלעטל „דווינסק" האָט געוווּסט דאן מוידיע צו זײַן, אז אין סענטיאבער כוידעש 1941, נאָך די ערשטע אקציעס אין געטאָ, זײַנען אין דאוגאוופּילס געווען 23.048 ייִדן.

אף וויפל אונדז איז באקאנט, איז די דאוגאוופּילסער געטאָ געווען אן אויסנאם פון א סאך אנדערע, וועלכע די נאציס האָבן געשאפן אף די צײַטווײַליק אָקופּירטע טעריטאָריעס. אזעלכע שרעקלעכע לעבנס־באדינגונגען האָט, דאכט זיך, ניט געווּסט קיין שום אנדער געטאָ.

אומעטום האָבן די נאציס אלס געטאָ אויסגעטיילט א געוויסן ראיאָן פון דער שטאָט, דאָרט, ווו ייִדן האָבן געלעבט קאָמפּאקט. אין דער איזאָלירטער געטאָ זײַנען געווען גאסן, הײַזער מיט געוויסע

אײַנריכטונגען, צומאָל אַפילו מיט וואַסערלייטונג, עלעקטרע. די פּאַרשפּאַרטע האָבן געלעבט מישפּאָכעסווײַז, אין באַזונדערע דירעס אָדער באַזונדערע צימערן, מ׳האָט געהאַט אַ באַזונדער ווינקל, אַן אַדרעס. אין דער געטאָ האָט מען אַריבערגעפירט שטוביקע זאַכן, אַפילו בעהיימעס. אין די דירעס זײַנען געווען קיכן, טואַלעטן. אין אַן אייס־צאָרע האָט מען געקאָנט אַריבערטאַנצן אַ פּאַרקן, מאַכן די פּליטע. ס׳איז געווען צײַט אויף צוגרייטן אַ קאָנספּיראַטיווע דירע, אַ מאַלינע. אין געוויסע געטאָס האָט זיך אַפילו אײַנגעגעבן, כאָטש צײַטווײַליק, אײַנצואָרדענען קולטור־אַנשטאַלטן, מע האָט געשפּילט געהיים טעאַטער־שטיק, געעפנט אַ האַנטווערקער־שול, אויסגעטיילט פאַר מישפּאָכעס גערטנער, און ענלעכעס.

דאָס אַלץ האָט אויסגעזען צו זײַן אַ גאַניידן: מאַמעש לוקסוס־באַדינגונגען לעגאַבע דער דאַוגאַווּ־פּילסער געטאָ. וועגן אַזוינס האָט אין דאַוגאַוופּילס קיינער טרוימען ניט געקאָנט.

איר וועט זאָגן, אַז דאָ האָט די געטאָ אויסגעזען ווי אַ טפּיסע. עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. אין טפּיסע האָט יעדער אַרעסטאַנט אַן אייגן בעטל, אַ צודעק, אַ דאַך איבערן קאָפּ. אין טורמע ברענגט מען דעם אַרעסטירטן אַכילע, מע פירט אים אין באָד. אין דאַוגאַוופּילסער געטאָ איז פון דעם אַלעם קיין סימען ניט געווען. מע האָט די ייִדן אַרײַנגעטריבן אין אַן ענגער שטײַג, פּאַרשפּאַרט פון אַלע זײַטן, קעדיי ס׳זאָל זײַן באַקוועם זיי אויסכאַפּן און פאַרניכטן.

אויך די צעשיסונגען האָבן זיך דאָ אויסגעטיילט. אין אַנדערע געטאָס זײַנען זיי דורכגעפירט געוואָרן מיט היפּשע אינטערוואַלן, צומאָל פלעגט מען מאַכן כאַאָטישע אָנפאַלן אויף געוויסע געטאָ־קוואַרטאַלן, כאַפּן גרופּעסווײַז און טרײַבן צום אַנשלאַג־פּלאַץ. אין דאַוגאַוופּילס זײַנען אַלע אַקציעס דורכגעפירט געוואָרן קאָמפּאַקט, דורכגעטראַכט, אָרגאַניזירט, אינטענסיוו — איין אַקציע נאָך דער אַנדע־רער (מיטן אויסנאַם פון דער לעצטער אַקציע).

ווי איר זעט, האָבן ניט אַלע געטאָס געהאַט איין פּאָנעם.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוידאָע, אַז די דאַוגאַוופּילסער געטאָ איז אונטער־געאָרדנט דער שטאָטישער פּרעפעקטור און אַז אַלס געטאָ־עלטסטער, אָדער ווי די ייִדן פלעגן אים רופן — קאָמענדאַנט פון דער געטאָ, איז באַשטימט אַ כײַע בעצוראַס אָדאָם, דער בלוט־הונט הער זאַובע, אַן אַכזער פון דער נאַטור, וועמען ס׳איז איצט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקײַט פרײַצולאָזן זײַנע זאָאָלאָגישע אינסטינקטן, מיט וועלכע די נאַטור האָט אים בעשעפע באַשאָנקען. אים איז באַהיל־פיק געווען אַ פּאָליציייִשער אַפּטייל, וואָס האָט זיך דיסלאָצירט אין געטאָ, קעדיי שטרענג באַוואַכן זי.

דאָס זײַנען געווען בלויז בלוטדורשטיקע, פּלײַסיקע פרײַוויליקע אויספירער פון פּאַרטיליקונגען, ווי ס׳האָט געפאָדערט די נאַצי־פּראָגראַם די עמעסע באַפעלגעבער, די דיריזשאָרן פון די בלוטיקע אַקציעס זײַנען געווען די געסטאַפּאָ, די אָקופּאַנטישע זיכערהײַט־פּאָליציי און אַנדערע מאָרד־אַמטן, וועלכע האָבן געהאַט די אויבערמאַכט איבער אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין די אָקופּירטע געגנטן.

## אין געטאָ ווערט פרײַער

די ענגשאַפט אין געטאָ איז געווען אומדערטרעגלעך. אויסער דעם, קאָן מען נאָך גרייט זײַן אָפּצוקומען און זיך וואַלגערן אַזוי, אונטערן פרײַען הימל, געציילטע טעג. אָבער וואָס וועט זײַן אין אַ פּאָר כאָדאָשים אַרום, ווען ס׳וועט צופאַלן דער האַרבסט מיט זײַנע רעגנס און שמײַסיקע ווינטן?

וואָר עס איז אַזוינס זאַובע, האָט מען נאָך ניט געוווּסט. מע האָט געמיינט, אַז ס׳איז פּאָרט אַ מענטש. האָבן זיך געפונען שטאַדלאָנים, וועלכע האָבן פאַר אים זיך באַקלאָגט אויף דער שרעקלעכער ענגשאַפט. דער געטאָ־קאָמענדאַנט האָט זיי פאַרזיכערט, אַז אין דער נאָענטסטער צײַט וועט אין געטאָ ווערן פרײַער. און ער האָט סטאַם אין דער וועלט ניט געבאָלבעט.

דאָס איז געווען דעם 29 יול 1941.

פון סאַמע אינדערפרי זײַנען אין דער געטאָ אָנגעפאָרן אַ כאָפּטע פון דער געסטאַפּאָ מיט פּאָ־ליצײַען. אַזויפיל נײַע פּנעמער האָבן די געטאָ־אַסירים דערזען צום ערשטן מאָל, און אַן אומרו האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. אַפּן זאַמלפּונקט האָבן די מענטשן געוואַרט מיט שרעק, וואָס ווײַטער וועט זײַן.

און דאָ איז געקומען די דערקלערונג: אַזוווי אין געטאָ איז שרעקלעך ענג, מענטשן וואַלגערן זיך אונטערן פרײַען הימל, אין די ערגסטע באַדינגונגען, וועלכע זײַנען באַזונדערס צו לאַסט פאַר עלטערע מענטשן, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז פאַר די ייִדן, וועלכע זײַנען עלטער פון 60 יאָר, וועט ניט ווײַט פון דער ציטאַדעל, אין די באַראַקן פונעם געוועזענעם זומערדיקן מיליטערישן האָספּיטאַל, אײַנגעאָרדנט ווערן אַ באַזונדערער לאַגער. מער גאָרניסט.

אייניקע האָבן אַ ביסל לײַכטער אָפּגעעטעמט און, ניט גלייבנדיק אין אַ פּאַטאַלן אויסגאַנג, געטראַכט, אַז זייערע אַלטע לײַט וועלן האָבן אַ ווינקל, ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. אָבער די שוואַרצזעער האָבן פאַרבראַכן די הענט און אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. ווי ס'זאָל ניט זײַן, האָט מישע מאָוסענזאָן, דער פאָרזיצער פונעם געטאָ־קאָמיטעט, זײַן מוטער אין דער קאָלאָנע ניט געשיקט, און זאָובע האָט ניט דערווידערט...

זיבן קילאָמעטער פון דאוגאַווּפּילס געפינט זיך דער פּאַגוליאַנקער וואַלד, אין וועלכן דער גראַף פּליאַטער־זיבערג האָט אין 1883 געעפנט אַ קוראָרט, וואָס האָט געהאַט אַ שעם אין צאַרישן רוסלאַנד, און אויך שפּעטער האָט ער פאָרגעזעצט צו פונקציאָנירן. מיטן פּאַגוליאַנקער וואַלד גרענעצט זיך דער עלטסטער ראַיאָן פון שטאָט, וועלכער טראָגט טאַקע דעם נאָמען אַלטשטאָט. צווישן דער אַלטשטאָט און פּאַגוליאַנקע גייט דורך די אײַזנבאַן־ליניע דאוגאַווּפּילס—ריגע, און דערנעבן געפינט זיך די אײַזנבאַן־סטאַנציע מעזשציעמס. ניט ווײַט פון דער סטאַנציע איז פאַרן קריג געווען דער זומער־האָספּיטאַל פונעם היגן גאַרניזאָן. אַז מע פּלעגט שפּאַצירן אין דעם ראַיאָן, האָט זיך געעפנט אַ פּאַנאָראַמע פון די שיינע, אַלערליי־פאַרביקע הײַזער פון דעם הייל־אַנשטאַלט, וועלכער איז געווען אײַנגעטונקען אין גרינס און אין זון. נאָך דער ענגשאַפט אין געטאָ, האָט דאָס אַריבערגיין אין אַזעלכע כיינעוודיקע הײַזער אויסגעזען צו זײַן אַן עמעסער פאַרגעניגן.

צו אָנשליסן זיך אין דער קאָלאָנע האָט מען דעם אוילעם שטאַרק ניט געײַלט. יעדערער האָט זיך צוזאַמענגענומען זײַן פּעקל מיט דעם ביסל זאַכן. מע האָט מיטגענומען בעטגעוואַנט, געשיר, וועש.

— און צוגאַסט וועט מען קאָנען אַהין קומען? — האָט מען זיך דערקונדיקט בײַ די אָנגעקומענע לײַט. דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער:

— אַלע זונטיק וועט דערלויבט זײַן זיי באַזוכן. בלויז זונטיק.

מע האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט די זקיינים. טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז. דאָס האַרץ איז פול געוואָרן מיט אומרו. און דאָך:

— וואָס וויינט איר, נאַראָנים, זיי וועט דאָך זײַן בעסער פון אונדז, — האָט מען געקאָנט הערן טרייסטווערטער.

אַ לאַנגע קאָלאָנע פון זקיינים, באָבעס און זיידעס, האָט נאָך מיטיק פאַרלאָזט די געטאָ. קראַנקע און שוואַכע האָט מען באַזעצט אין אַן אויטאָמאַשין. פון געטאָ, דורך די שמאָלע פענצטערלעך, האָט מען מיט נײַגער נאָכגעפאָלגט, וווּהין ס'מאַרשירט די קאָלאָנע, באַגלייט מיט באַוואָפנטע וועכטער. ניין, מע האָט ניט אָפּגענאַרט. אָט זעט מען, ווי די מענטשן זײַנען לאַנגזאַם דורכגעגאַן די אײַזנבאַן־בריק, וועלכע איז געווען לעבן דער געטאָ, און זיי זײַנען אַרויס צו דער דאוגאַווּפּילסער פעסטונג. אָפּן שאָסיי האָט מען פאַרקערעוועט אויף לינקס — קיין פּאַגוליאַנקע. מע האָט אַ ביסל לײַכטער אָפּגעעטעמט.

ווען די פּאָליצײַען, וועלכע האָבן באַגלייט די קאָלאָנע, האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ, איז מען זיי באַפאַלן מיט פראַגן, און יענע האָבן דערציילט, ווי גוט די זקיינים האָבן דורכגעמאַכט דעם לאַנגן מעהאַלעך.

— נאָר די אַלטע האָבן געבעטן ברענגען פאַר זיי נאָך זאַכן, קעדיי זיי זאָלן זיך בעסער אײַנאָרדענען...

מענטשן האָבן צוזאַמענגעקליבן נײַע פּעקלעך, אָנגעגרייט אויף זיי ווײַסע שטיקלעך צײַג און אָנגעשריבן, וועמען דאָס באַלאַנגט איבערצוגעבן. געווען אַזוינע, וועלכע האָבן דעם פּאָליצײַ אין האַנט, בישטיקע, אַרײַנגערוקט אַ „מאַקע", ער זאָל פּערזענלעך אופזוכן דעם אַדרעסאַט און איבערגעבן דאָס פּעקל זעלבסט אין דער האַנט, און, אויב מעגלעך, ברענגען צוריק אַ בריוול...

דער עמעס איז אָבער געווען אַזאַ. די נאַכט זײַנען די אַלטע לײַט איבערגעקומען ערגעץ־ווו אין פּאַגוליאַנקער וואַלד. פאַרטאָג האָט מען זיי פאַרטריבן אויף אַ פרײַען פעלד, אַן אַרומגערינגלטן מיטביימער פון אַלע זײַטן. פאַר זייערע אויגן האָבן זיי דערזען אַ לאַנגע, ברייטע און טיפע גרוב. און דאָ האָט מען זיי צעשאָסן.

## אין געטאָ ווערט נאָך פרײַער

אין געטאָ איז געווען ניט קלאָר, וווּהין עס זײַנען אַהינגעקומען די זקיינים. די, וועלכע האָבן ניט געוואָלט גלייבן, אַז מע האָט זיי אומגעבראַכט, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין יעטווידן קלאַנג, אַז זיי לעבן. די, וועלכע זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז מ'האָט זיי אומגעבראַכט, האָבן ניט געהאַט קיין ווינטשעכע דערווײַזן דאָס צו באַהויפּטן. מע רעדט... אַז מע וועט דערלעבן זונטיק און זיך אַוועקלאָזן אַהין צוגאַסט, וועט מען זיך דערוויסן דעם ריינעם עמעס.

ביז וואָס־ווען, האָבן די גאזלאָנים באַשלאָסן אויסצוניצן דעם וואַריאַנט נאָכאַמאָל. זאָגט, וואָס איר ווילט, אין א מאָמענט פון אויסוועגלאָזער פאַרצווייפלונג קאָן א מענטש אַף אַלץ אײַנגיין.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דעם, ווי מע האָט אָפּגעפּאַטערט די זקיינים, דעם 2 אויגוסט, האָט זיך אין געטאָ, מיט דער שנעלקײַט פון א בליץ, פאַרשפּרייט די בשורה: „זיי" זײַנען ווידער דאָ. מיט שרעק האָט מען אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער, און ס'איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן: דער געטאָ־הויף איז פאַרפולט מיט דײַטשן, פּאָליצײַען און מיט אַנדערע דער שוואַרץ־יאָר ווייסט זיי, ווער זיי זײַנען. ס'איז קלאָר, אַז אומזיסט זײַנען זיי ניט געקומען.

אָט וואָס פאַר א ווערסיע איז דאָס מאָל געווען.

אַזוי ווי דער האַרבסט איז שוין אַף דער נאָז און קעדיי צו שאַפן מענטשלעכע באַדינגונגען פאַר די אײַנוווינער פון דער געטאָ, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז פאַר די געקומענע פון די קליינע שטעטלעך וועט געשאַפן ווערן א באַזונדער לאַגער. אין געטאָ וועלן בלײַבן בלויז דאוגאַוופּילסער און גריווער ייִדן, ווי אויך ליטווישע.

מע האָט ניט געצײַלט, ניט אונטערגעטריבן, געגעבן צײַט אײַנצופּאַקן זיך און מיטנעמען דאָס, וואָס מע האָט געבראַכט פון דער היים, דאָס אַלץ, וואָס האָט דערמאָנט, אַז גאָר ניט לאַנג צוריק האָט מען געלעבט ווי מענטשן.

קעדיי צו איבערצײַגן אין דער וואָרהאַפטיקײַט פון דער זאַך און אײַנשלעפערן די וואַכזאַמקײַט פון די פאַרורטיילטע, איז דער באַקאַנטער היגער געזעלשאַפטלעכער טוער און שטאַרק אָנגעזעענער טעראַפּעווט, דער הויפּט־דאָקטער פון דער שטאָטישער פּאָליקליניק רווון מאַרקאָוויטש גורעוויטש באַשטימט געוואָרן צו באַגלייטן די קליינשטעטלדיקע טוישווים אין זייער וועג צום נײַעם לאַגער, קעדיי אַרויסצווײַזן מעדיצינישע הילף, אויב ס'וועט ווער, כאָלילע, אין וועג קראַנק ווערן. דער פאַקט האָט א ביסל באַרויִקט די צעהיצטע מויכעס, וועלכע האָבן זיך ניט שטאַרק פאַרלאָזט אַף זאָובעס איידעלע רייד.

א לאַנגע קאָלאָנע, פעסט באַוואַכט פון פּאָליצײַען, האָט פאַרלאָזט די געטאָ־ווענט. ווידער איז מען צוגעפאַלן צו די קליינע פענצטערלעך, ווידער האָט מען געזען, ווי די קאָלאָנע גייט אַריבער די אײַזנבאַן־בריק און, אַרויסגייענדיק אַפן שאָסיי, האָט זי פאַרקערעוועט אַף לינקס, צום פּאָגוליאַנקער וואַלד. ווידער האָט מען זיך געשלאָגן אין דער דייע: אַף לעבן צי אַף טויט?

צו זייער קומענדיקן קייווער האָט מען די מענטשן דאָס מאָל צוגעטריבן ניט גלײַך. צוערשט האָט מען זיי אַרויסגעפירט אַף א פעלד, אָן אַרומגעצאַמטס מיט שטעכלדראָט. אַזוי וועט זײַן לײַכטער צו באַראַבעווען די קאָרבאָנעס. נאָכדעם האָט מען די קליינשטעטלדיקע ייִדן געטריבן צום שכיטע־פעלד.

מע דערציילט, אַז עמעצער פון די וואַכלײַט, וועמען דאָקטער גורעוויטש האָט געראַטעוועט דאָס לעבן — אים זעלבסט, אָדער עמעצן פון זײַנע אייגענע, — האָט אונטערגעזאָגט דעם דאָקטער, וואָס עס דערוואַרט זיי. און באַלד האָט ער אַליין געזען, ווי צו דער לאַנקע זײַנען צוגעפאָרן לאַסטמאַשינען און אויסגעלאָדן קאַלך, מיט וועלכע די מערדער פלעגן באַשיטן זייערע קאָרבאָנעס נאָכן אומברענגען זיי. באַנאַכט, נאָך פאַר דער אַקציע, איז דאָקטער גורעוויטש אַרונטערגעקראָכן דאָס שטעכלדראָט, און אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערקלײַבן זיך צו זײַנעם א באַקאַנטן רוסישן פויער, א געוועזענעם פּאַציִענט זײַנעם. נאָכן אויסבאַהאַלטן אים קימאַט צוויי כאַדאָשים, האָט מען גורעוויטשן אַף א פור (מע דערציילט, אַז מע האָט אים אַרײַנגעלייגט אין א טרונע, ווי א באַרמינען) געבראַכט אין ריגע און ער האָט זיך דאָרט געטראָפן מיטן סקולפּטאָר עלמאַר ריוואָש, וועמענס פרוי (לויט דער מיידלשער פאַמיליע גורעוויטש) איז געווען א קרויווע מיטן דאָקטער.

אין ריגער געטאָ האָט זיך דאָקטער גורעוויטש אופגעהאַלטן דערפאַר (ווי עס דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס עלמאַר ריוואָש), ווײַל ער האָט גערעכנט, אַז אין א גרויסער שטאָט איז אוממעגלעך דורכצופירן מאַסן־אַקציעס. קעדיי אויסצוזען ייִנגער פון זײַנע זיבעציק יאָר, פלעגט ער אַרופּציִען אַף זיך א פרישן אויסזען, אַקטיוו זיך אופירן אַף דער אַרבעט[1].

די דאָזיקע סגולע האָט אים אָבער ניט געהאָלפן ראַטעווען דאָס לעבן...

## אַנשטאַלטן אין געטאָ

ניט געקוקט אַפן כוישעכדיקן געווירבל, אין וועלכן ס'איז אײַנגעהילט געוואָרן די געטאָ גלײַך פון די ערשטע טעג פון איר אַנטשטייונג, ניט געקוקט אַפן טויהו־וואָוויהו, ווען מע האָט ניט געוווּסט, אַף וועלכער וועלט מע איז, ניט געקוקט אַפן שנעל־לויפנדיקן איבערברוך פון דעם נאָרמאַלן לעבן צו די סאַמע אוממענטשלעכע גרוילקע באַדינגונגען און פּסיכאָלאָגישע אופטרייסלונגען, — האָט דאָס לעבן

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 5, 6, 1962.

אליין געצוווּנגען צו שאַפן עלעמענטאַר־נויטווענדיקע אַנשטאַלטן, אויב מע קאָן עס אַזוי אָנרופן, קעדיי פֿאַרזוועצן דעם קיום, זיך שטאַרקן מאָראַליש און פיזיש.

צום סאַמע ערשטן האָט מען זיך גענומען צו שאַפן אַ היילונגס־פּונקט, אָדער דאָס „קראַנקן־הויז", ווי מע פלעגט זאָגן. דאָס זײַנען געווען עטלעכע קאַזאַרמע־צימערן, אויסגערעכנט אויף אַ פּאָר צענדליק בעטלעך. צו אײַנאָרדענען דאָ די אַרבעט האָבן זיך פלײַסיק גענומען די דאָקטוירים יודין, גורעוויטש, דאַמיע, ראָזענבלום, כנאַר, די אַקושאָרקעס שמוסקין, קאַץ, די קראַנקן־שוועסטער מילמאַן, זאַלצמאַן און אַנדערע. זיי האָבן מיט מעסירעסנעפעש זיך געמיט אינעם קראַנקן־הויז, געהיילט, אָפּערירט. לויט די קלאָלים פון דעם דריטן רײַך, איז די ייִדישע פרויען שטרענג פֿאַרווערט געוואָרן צו שוואַנגערן. אַזעלכע פלעגט מען ראַדיקאַל „ליקווידירן". דעריבער, קעדיי צו ראַטעווען די קומענדיקע געווינערנס, האָבן גינעקאָלאָגן בישטיקע געטאָן וואָס מע דאַרף.

כּוץ דעם, האָט מען געדאַרפט אויסבאַהאַלטן קרענק. פֿאַר שווער קראַנקע, ווער רעדט נאָך אָנשטעקנדיקע, האָבן די אָקופּאַנטן געהאַט זייער ווירקזאַמען „היילונגס־מעטאָד". פאַרקערט, אַנדערע געטאָ־אַסירים האָט מען געדאַרפט „געבן אַ קרענק", שטעלן אַ פֿאַלשן דיִאַגנאָז. אין טעג פון אַקציעס, ווען פון דעם קראַנקן־הויז האָט מען אויף דער „אַרבעט" ניט געטריבן, פלעגן אַהין בישטיקע אַנטלויפן מענטשן, זוכנדיק אַ רעטונגס־ווינקל. מע פלעגט אַוועקלייגן צו עטלעכע מענטשן אויף איין בעטל, אַפילע אָפן דיל, אונטערן בעט, ווו נאָר עס איז געווען אָרט, און זיי צושרײַבן אַ דיִאַגנאָז. ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, האָבן עס געטאָן די שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע.

אין אַ ווינקל פונעם קראַנקן־הויז איז טעטיק געווען אַן אַפּטייק, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט שמועל וואָווסי. עטלעכע אַפּטייקער פון שטאָט פלעגן אים געהיים באַזאָרגן מיט מעדיקאַמענטן. בעראָש פונעם קראַנקן־הויז איז צוערשט געשטאַנען דאָקטער כנאַך, וועלכער האָט פֿאַר דער מילכאָמע געהאַט אין שטאָט אַ פּריוואַטע קליניק. מע האָט אים אומגעבראַכט אין די ערשטע אַקציעס. זײַן מעמאַלע מאָקוים איז געוואָרן דער אין שטאָט באַוווּסטער כירורג און גינעקאָלאָג גאָזיִאַס (יעשוע) דאַמיע. נאָר אַנומלטן איז צו אים אַרײַנגעקומען אַ פּאָליצײַ און מיטגעטיילט, אַז סאַווערס, איינער פון די פּאָליציי־שעפן, וואַרט אויף אים באַם געטאָ־טויער. אַזעלכע אַרויסרופונגען „צום טויער" האָבן זיך פּראַקטיקירט ניט זעלטן. אין צווישנצײַט פון די אַקציעס, ווען די מערדער פלעגן זיך פֿאַרבענקען נאָך „פֿאַרגעניגן", איז פֿאַר זיי אַזוינס אויך געווען גוט. דאָקטער דאַמיע האָט זיך שוין אין געטאָ ניט אומגעקערט.

נאָך די ערשטע אַקציעס זײַנען יעסוימים אין געטאָ געוואַקסן שנעלער, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. פיל זײַנען געווען קײַלעכדיקע יעסוימים, וועלכע האָבן פֿאַרלאָרן ניט נאָר טאַטע־מאַמע, נאָר אַפילע קרויווים, און קיינער קאָן זיי שוין ניט העלפן. אין איינער אַ קאַזאַרמע האָט מען געעפנט אַ קינדערהיים. די קינדער, וועלכע מע האָט אין געטאָ געבראַכט אין ווינדעלעך, האָבן זיך געפונען אין אַ באַזונדער צימער. די פֿאַרוואַלטערן איז געווען געניע וואָווסי־שטאַרך, די טאָכטער פונעם אַמאָליקן באַנק־דירעקטאָר אַווראָם־עליע שטאַרך. צוזאַמען מיט עטלעכע ניאַניעס, האָט זי באַטאָג און באַנאַכט געלעבט מיט די אייפעלעך, דערציילט זיי מײַסעלעך וועגן אַ פרײַער, פריילעכער וועלט.

אין איינער אַן אַקציע איז צו דער שכיטע אַוועקגעטריבן געוואָרן דער גאַנצער קינדערהיים, אָנגעפירט מיט דער פֿאַרוואַלטערן.

אין אָנהייב פון דער געטאָ איז ניט געווען ווו צו באַקומען עפּעס צום עסן. בלויז מיט זודיקער וואַסער, קיפּיאַטאָק, איז געווען אַ מעגלעכקײַט זיך צו באַזאָרגן. שפּעטער האָט מען געעפנט אַ מין אַלגעמיינע קיך, ווו מע פלעגט פון פֿאַרפוילטע קאַרטאָפל און אָפּפאַל פון קרויט גרייטן אַ „זופּע", וואָס אין פרידנצײַט וואָלט מען דאָס אַפילע אין מויל ניט גענומען און אַ גוטער באַלעבאָס וואָלט דערמיט ניט געקאָרמעט זײַנע כאַזיירים. גרויס איז געווען די סימכע, ווען מע פלעגט נאָך צוטיילן אַ מינץ ברויט, כאָטש ס'איז אַפילע ניט געווען וואָס אין האַנט אַרײַנצונעמען.

קיין געשעפטן, קלייטלעך זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווען. איינמאָל האָט מען דערלויבט עפּענען אַ פּראָדוקטן־קיִאָסק, וועמענס פֿאַרוואַלטער לייב מיזראָק איז אויף אַ פערדל מיט אַ וואָגן, האָבנדיק אַ דערלויבעניש, געפאָרן אויסער דער געטאָ, קעדיי צו קויפן עפּעס־וואָס פון עסנוואַרג. איז ער אָבער אַרײַנגעפאַלן פֿאַר זײַן האָזע: בעשאַס אַן אויפזוכונג האָבן די דײַטשן געפונען אין זײַן פור עפּל. דעם קיִאָסק האָט מען ליקווידירט, מיזראָקן האָט מען אַוועקגענומען, און מער האָט מען אים שוין אין געטאָ ניט געזען.

פֿאַר דער מילכאָמע זײַנען אין דאַוגאַוופּילס געווען מער ווי דרײַסיק באַטעמעדראָשים, אָנהייבנדיק פון דער פּראַכטפולער קאָרשול אויף זונען־גאַס, און דעם קאָהאַלשן בעסמעדרעש אויף לאַטשפּלעשאַ־גאַס. ס'זײַנען געווען כסידישע און מיסנאַגדישע מיניאָנים, באַלמעלאָכישע מיניאָנים, ווי, לעמאָשל, דער פֿאַרבערשער, שנײַדערשער, סטאָליאַרסקער, טרעגערשער און אַנדערע, ענדיקנדיק מיט פּריוואַטע, סראָוו שאַבעסדיקע מיניאָנים, וועלכע האָבן געהערט צו רײַכע באַלעבאַטים. געווען אין שטאָט מערערע ראַבאָנים, אַ יעשיווע.

פארשטענדלעך, אז ווי נאָר מע האָט פאַרטריבן אין געטאָ, האָבן זיך רעליגיעזע ייִדן מישטאדל געווען צו עפענען א בייס־טפילע. האָט מען טאַקע איינעם פון די קאַזאַרמע־צימערן פאַרוואַנדלט אין א בעסמעדרעש. פון שטאָט האָט מען אַרײַנגעבראַכט סייפער־טוירעס, הייליקע ספאָרים. טעלעכע כאַ־דאָשים האָט מען דעם בעסמעדרעש ניט געשטערט פונקציאָנירן, אַזוי לאַנג, ווי דער געטאָ־קאָמענדאַנט זאָובע איז געקומען צום סייכל:

— איר קלײַבט זיך צונויף אין אײַער געבעט־הויז און בעט בא אײַער גאָט, ער זאָל אָפּ אונדזע־רע קעפּ אָנשיקן שרעקלעכע קלאָלעס! — האָט ער געפּאַסקנט. — דאָס טאָר ניט דערלאָזט ווערן!

ער האָט געכאַפּט דעם זאָקן לײַבע עלצאַפן און אים באַפוילן אויסגראָבן אינמיטן פונעם געטאָ־הויף א גרוב. דאָרט האָט מען פאַנאַנדערגעבלאָזט א שײַטער, און זאָובע האָט געהייסן, מע זאָל פון בעסמעדרעש צו דער גרוב אַרויסטראָגן אַלע הייליקײַטן און זיי פאַרברענען. דעם בעסמעדרעש האָט מען ליקווידירט.

(וואָס איז שײַער זאָובען, מעג מען זאָגן, אַז די פרומע ייִדן האָבן טאַקע באַוויזן אויסצובעטן פאַר אים באַם ריבוינעשעלוילעם א שלעכטן סאָף. ווי ס'איז באַוווסט, איז זאָובע, שוין נאָך דער געטאָ־עפּאָכע, בייס א לופט־אָנפאַל, מאַממש צעריסן געוואָרן אויף שטיקער פון א סאָוועטישער אוויאַ־באָמבע, וואָס האָט געטראָפן גלײַך אין אים.)

צו די אַנשטאַלטן אין דער געטאָ דאַרפן אויך צוגערעכנט ווערן די צוויי וועַרקשטיבער — א שוסטערײַ און א שנײַדערײַ. אין יעדערער פון זיי זײַנען געווען באַשעפטיקט עטלעכע צענדליק מענטשן. אויף דער אַגאַראַדנער גאַס איז דערלויבט געוואָרן צו עפענען אַן אָפּנאַם־פּונקט, ווו מע פלעגט פון דער באַפעלקערונג אָננעמען באַשטעלונגען אויף צו רעמאָנטירן און אופנייען בגאָדים און שיך. די פאַרוואַלטערן איז דאָרט געווען מאָדאַם לאַנדאָו.

אַט אַזוי האָט אויסגעזען די געטאָ מיט אירע „אינסטיטוציעס" פון אינווייניק. מיטן אינערלעכן לעבן איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אָנצופירן (פאַרשטייט זיך, אונטערן אופּזע פון זאָובען און פון אַנדערע מאַשגיכים) א געטאָ־קאָמיטעט. וועגן אים איז קעדײַ צו דערציילן מיט פּראַטים.

## דער געטאָ־קאָמיטעט

אָך, די יודנראַטלער, די קאָמיטעטשיקעס!... ווי שטאַרק ענלעך עס זײַנען די מײַסים פון די יודן־ראַטן, פון די געטאָ־קאָמיטעטן אין פאַר־שיידענע געטאָס! מיט זייער באַדינגונגסלאָזער געהאָרכזאַמקײַט זײַנען זיי ניט זעלטן פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין הילפס־אַפּאַראַטן אויף אויסצופילן אַנווײַזונגען און באַפעלן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט אין איר שוואַרצער אַרבעט.

מיט אַט דער אונטערטעניקער געהאָרכזאַמקײַט האָבן זיי געסטאַרעט זיך צו פאַרזיכערן א בעסע־רע לאַגע פאַר זיך, און עפּשער אויך געטראַכט אַזוי געראַטעוועט צו ווערן. ניט אומזיסט ווערן די יודנראַטלער באַטראַכט, ווי א געזעלשאַפטלעכער שאַנדפלעק, צומאָל באַצייכנט מען זיי ווי פאַרעטער.

די קאָמיטעטשיקעס פון דער דאַוגאַוופּילסער געטאָ זײַנען, צום באַדויערן, ניט געווען קיין אויסנאַם.

עמעץ־ווער דערווידערט: וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן? א ברייַרע געהאַט? מע האָט דאָך זיי גע־צוווּנגען! איז אָבער אָנשטאָט צו רופן, אַז די געטאָ־אַסירים זאָלן מיט וואָס עס איז נאָר מעגלעך זיך קעגנשטעלן, האָבן זיי געטאָן ניט ווייניק, קעדיי אָפּצוטעמפּן די וואַכזאַמקײַט פון די מאַסן, גערופן צו רויקײַט, צו שאַ־שטיל, מע זאָל, כאַלילע, נאָך מער ניט צערייצן דעם בייזן הונט, ווײַל סע קאָן נאָך ערגער זײַן! אַפילע דאַן, נאָכן אָנסאַפּיקן טעראָר און פאַרניכטונג, ווען ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז ערגער קאָן שוין ניט זײַן.

וואָס דאַרפט איר מער: אַפילע די קאַרפּן־קעפּ פונעם דריטן רײַך, די אָרגאַניזאַטאָרס פון אַלע וועלפישע רעציכעס און גזיירעס, ווי אויך די אַנדערע קלענערע זייערע מיטהעלפער, האָבן ניט זעלטן אויף די פּראָצעסן געטענעט, אַז זיי זײַנען גאָט די נעשאָמע שולדיק, זיי האָבן בלויז דורכגעפירט די באַפעלן פון אויבן, פונעם פירער.

מע קאָן אַפילע טראַכטן, אַז ווען די היטלער־באַנדעס וואָלטן ניט געהאַט קיין טרײַע מיטהעלפער און דורכפירער פון זייערע שטרעבונגען און „אידייען", וואָלט עפּשער א סאַך פון דער גאַזלאָנישער פּראָגראַם פאַרבליבן ניט רעאַליזירט.

אַלזאָ, גלײַך נאָך דעם, ווי מע האָט אַלעמען פאַרטריבן אין געטאָ, האָט זיך געשאַפן די אינער־לעכע פאַרוואַלטונג — דער געטאָ־קאָמיטעט.

פאַר דער מילכאָמע זײַנען אין דאַוגאַוופּילס געווען ניט ווייניק ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, קעהילע־פירער, רעליגיעזע מאַנהיגים. האָט מען געקאָנט וואַרטן, אַז עמעצן פון זיי וועט אָנפאַרטרויט

ווערן די אָנפירונג אין דער געטאָ. נאָר די פּאַשיסטן זײַנען אָפּאַנעם ניט געווען איבערצײַגט, אַז אָט די דאָזיקע מענטשן וועלן פאַרקויפן דעם טײַוול זייער געוויסן.

דעריבער איז געווען אומדערוואַרט, ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אַז אַלס פאָרזיצער פונעם געטאָ־קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן... נו, טרעפט ווער? איר וועט ניט גלייבן. ווען מע האָט עס מיר דערציילט, האָב איך, פון איין זײַט, זיך געכידעשט און, פון דער צווייטער זײַט, געטראַכט, אַז דאָס איז ניט קיין צופעליקער אויסוואַל. דער אינזשעניער מישע מאָוסענזאָן איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פונעם געטאָ־קאָמיטעט!

אַף וויפל איך געדענק אים און ווי ס'איז געווען באַוווּסט, איז ער אַ מענטש ווײַט פון ייִדישע געזעלשאַפטלעכע כעווריײַעס, מע האָט אים געקענט אַלס דעם מאַכער אין אַ קאָמאַנדע פון פרײַוויליקע פײַערלעשער. מערער האָט ער זיך קוינע־שעם געווען ווי אַ לעביונג. גײַוועדיק און אָנגעצויגן. מײַסע נאָגיד, פלעגט ער אָפט שפּאַצירן מיט זײַן גרויסן קעלעוו סנאָבי.

אויסגעוואַקסן איז ער ניט אַף אַ פוסטן באָדן. זײַן ייִכעס־צעטל איז אַ גאַנץ נעגידישער. דער טאַטע, יאַקאָוו מאָוסענזאָן, איז געווען אַ הויזבאַזיצער און דער אייגנטימער פונעם קאַכלען־זאַוואָד „גאַיאַק", וועלכער האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס אַף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג אין דאַוגאַווּפּילס, אין 1903, איז זײַן פּראָדוקציע באַצייכנט געוואָרן מיט אַ גרויסער זילבערנער מעדאַל. כוץ דעם, האָט יאַקאָוו מאָוסענזאָן אַף אַלעקסאַנדער נעווסקי־גאַס געהאַט אַ טעכנישע בוי־קאָנטאָר מיט סקלאַדן פון בוי־מאַטעריאַלן. בעקיצער, אַ פעסטער באַלעבאָס.

איז דאָך קיין וווּנדער ניט, וואָס יאַקאָוו מאָוסענזאָן, ווי אַנדערע זײַנע קלאַסן־ברידער, האָט מיט גרינער גאַל באַגעגנט די סאָוועטנמאַכט, וועלכע האָט זיך דאָ אויפגעשטעלט ענדע 1918, און אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהײַט איר אַ שטאָך צו טאָן, איז ער אין אַ זײַט ניט געבליבן שטיין.

אין דער דווינסקער צײַטונג „קראַסנאָיע זנאַמיאַ" פאַרן 1 אַפּרעל 1919 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַפעל פונעם רעוואָליוציאָנערן מיליטערישן ראַט פון דער אַרמיי פון סאָוועטן־לעטלאַנד, וועלכע גיט איבער וועגן אַ קאָנטער־רעוואָליוציאָנערן ווײַסגוואַרדייִשן פאַראַט, וועלכער איז אויפגעדעקט געוואָרן אין שטאָט. אַף מאָרגן האָט די צײַטונג אָפּגעדרוקט די מיטיילונג פון דער קאָמיסיע פאַר שוץ־אָרדענונג אין דווינסקער אויעזד וועגן דער ווײַסגוואַרדייִשער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיט אַן אויפשטאַנד געוואָלט אַראָפּוואַרפן די סאָוועטנמאַכט. צווישן 76 אָנטיילנעמער אין דער אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען יאַקאָוו מאָוסענזאָן[1].

אָט אין אַזאַ סוויווע איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן מישע מאָוסענזאָן. אינמיטן פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער איז שוין געווען אַ סטודענט, האָט אים די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונעם היגן סטודענטישן פאַרבאַנד אַרויסגעטראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן אויסרייד פאַר ניט־גוטער אויפירונג. נאָר דערפון האָט דער יונגער מישע גאָרנישט געלערנט. דעם 7 סענטיאַבער 1925 איז אין דער צײַטונג „דווינסקי גאָלאָס" פאַרעפנטלעכט געוואָרן „אַ בריוו אין רעדאַקציע", וווּ די פאַרוואַלטונג פונעם דווינסקער סטודענטן־פאַרבאַנד טיילט מיט, אַז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעשלאָסן פון פאַרבאַנד אירע צוויי מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן, ווי ס'ווערט געזאָגט, אַלס אומקולטורעלע און אַנטיגעזעלשאַפטלעכע עלעמענטן און דערמיט זיך קאָמפּראָמעטירט באַ דער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע. איר כאַפּט זיך שוין, וואַרשײַנלעך, אַז איינער פון די „העלדן" איז געווען מישע מאָוסענזאָן...

דער ראָוו א. פוקס

אָט אים האָט מען באַשטימט פאַרן פאָרזיצער פון דעם געטאָ־קאָמיטעט, און ער האָט אַלס מיטגלידער פונעם קאָמיטעט צוגעקליבן אַסקאָנים, נאָך זיך צו גלײַכן — סאָכרים, באַלעבאַטים.

ווען מע האָט דאָוויד זעליקמאַנען, דעם אָנגעזעענעם באַלעבאָס און גערטנער פון גריווע, אַרויסגערופן אין קאָמיטעט און אים פאָרגעלייגט צו ווערן אַ מיטגליד, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, ווײַל, ווי זײַן פרוי בוניע האָט זיך אויסגעדריקט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט וועט ער אונטערדינען די

---

[1] Объявление комиссии по охране порядка в Двинском уезде. «Красное знамя», 2 апреля 1919.

מערדער און דאָס וועט זײַן אַ פּאַראַט קעגן זײַנע ברידער. איז ער טאַקע אומגעקומען אין די ערשטע אַקציעס.

די קאָמיטעטשיקעס האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, פון דער אַלגע־מײַנער קיך האָבן זיי זיך ניט גענערט, און געוויזענע געטאָ־אַסירים דערמאָנען נאָך היינט דעם גע־שמאַקן מײַכל־רייעך, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון זייער וווינאָרט, פונעם צימער 56, דער רייעך, וואָס האָט באַזונדערס געצייצט דעם הונגעריקן מאָגן פון אַן אַסיר.

ווינטער 1942, ווען אין געטאָ איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ שטרענגער קאַראַנטין (כאָטש קיין טיפוס־עפּידעמיע איז דאָרט ניט געווען) און ס'איז אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט דער שטאָט, די מעגלעכקײַט עפּעס־וואָס פון אַכילע אַרײַנצושמוגלען, דאַן, ווען די געטאָ איז שוין געווען פולקום אײַנגעהילט אין טרויער און בלוט, האָט מאָוסענזאָן ניט געפונען קיין פּאַסיקערן מאָמענט צו פּראַווען דעם יאָרטאָג פון זײַן כאַסענע.

ווען זאַובע, דער געטאָ־קאָמענדאַנט, פלעגט זיך ווענדן צום קאָמיטעט, מע זאָל אויסטיילן מענטשן אויף אַרבעט, און אַן אַרבעטס־שײַן האָט אַ געוויסע צײַט געהאַט פּאַרזיכערונג פון וועלכער־ניט־איז אַקציע, האָט מען זיך געסטאַרעט אײַנצואָרדענען אויף דער אַרבעט אַן אייגענעם מענטשן. בייס אַ באַפעל צונויפזאַמלען זיך אויפן הויף אין גאַנג פון דער אַקציע פלעגן די קאָמיטעטשיקעס אַרומלויפן איבער די צימערן און זען, אַז קיינער זאָל זיך ניט אַרויסדרייען פון דער יאַוקע פאַר די באַלעבאַטים.

אײַנקורצן ווילט זיך זאָגן וועגן דעם גוירל פונעם הויפּט־ראַוו פון דער שטאָט רעב אַלטער פוקס. די דאַוגאַוופּילסער רעליגיעזע קהילה פלעגט זיך אַמאָל גרויסן מיטן ראַגאַטשאָווער גאָון האַראַוו יויסעף ראָזין, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען אין דער יידישער אָרטאָדאָקסאַלער וועלט. נאָך זײַן טויט, מערערע יאָרן פאַר דער מילכאָמע, האָט מען ניט געוווסט, וועמען אויסצוקלײַבן אַלס הויפּט־ראַוו פון דער שטאָט. סאָפקאַלסאָף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויפן יונגן ראַוו רעב אַלטער פוקס, וועלכן מע האָט אַראָפּגעבראַכט אַזש פון ווין. ער איז געווען נאָך ניט קיין כאַסענע געהאַטער. צוזאַ־מען מיט אים איז געווען זײַן מוטער. האַראַוו פוקס האָט געשעמט פאַר אַ וועלטלעכן ראַוו. מע האָט גערעדט, אַז ער זאָל אַפילע האָבן געלערנט אין אַ יורידישער הויכשול. אַפילע אַ באָרד האָט ער גע־טראָגן ניט קיין גרויסע (אין טפיסע האָט מען אים די באָרד אָפּגעשוירן, און אויס שאַנדע, פלעגט ער גיין פאַרבונדן מיט אַ טיכל, ווי מע טראָגט עס בייס ציין־ווייטיק). אין געטאָ האָבן די קאָמיטעט־טשיקעס פאַרגעסן אין אים. מע האָט אים אויף דער אַרבעט ניט אײַנגעאָרדנט, אַפילע אין די ווערק־שטיבער פון דער געטאָ, כאָטש ס'איז געווען אַזאַ מעגלעכקײַט. אַרבעטנדיקע, ווען זיי פלעגן גיין אין שטאָט, האָבן אים, אויב ס'איז געווען אַ מעגלעכקײַט, מיטגענומען מיט זיך. נאָך די נאָיאַבער־אַקציעס האָבן גלויביקע מענטשן אים געהאָלפן זיך אַריבערקלײַבן אין ווײַסרוסישן שטעטל בראַסלאַוו (בא 50 קילאָמעטער פון דאַוגאַוופּילס), ווו מע האָט נאָך קיין יידן ניט געמאָרדעט. אַהין האָט ער אויך מיטגעפירט די טאָכטער פונעם ראַגאַטשאָווער גאָאָן, שוין אַ פרוי אין די יאָרן. דאָרט זײַנען זיי שפּע־טער אומגעקומען.

קעדיי אײַנצוהאַלטן די אָרדענונג און אויספילן די באַפעלן פון דעם קאָמענדאַנט, איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ־פּאָליציי. די פּאָליציייען פלעגן אַרומגיין מיט רויטע אָרעם־בענדער. אײַנמאָל האָט דער געטאָ־קאָמענדאַנט זאַובע אָפּן הויף, אין דער אַנוועזנהייט פון צונויפגעטריבענע יידן, באַפוילן דערשיסן אַ פרוי — מע האָט זי גערופן כײַע מייעראָוועע — פאַר דעם, וואָס זי האָט בא אַן אַרבעטער אויסגעביטן אַ שטיקל סכוירע אויף אַ פּאָר קילאָ מעל. די פּאָליציייען האָבן גלייך אויסגעפילט דעם באַפעל. זאַובע האָט באַזונדערס שטאַרק האַנאָע געהאַט, ווען לויט זײַן אורטייל האָבן יידן־פּאָליציייען אויפגעהאַנגען אויף דער טליִע אַ יונג כיינעוודיק מיידל. עטלעכע טעג האָט דער ווינט געוויגט אויף דער שטריק איר אויסגעדאַרטן קערפּער.

די געטאָ־פּאָליציייען האָבן געהאַרכזאַם געדינט, און דערפאַר פלעגן זיי אָפּלעקן אַ ביינדל, וואָס מע פלעגט זיי צוּוואַרפן.

סײַ די קאָמיטעטשיקעס, סײַ די פּאָליציייען האָבן זיך געסטאַרעט ניט אַרויסצורופן קיין אומצו־פרידנקייט פון די אָקופּאַנטן, און ניט אומזיסט האָט אין די דאָזיקע גרויליקע צײַטן דער געוויטער זיי ניט אַזוי בייז געשמיסן.

ביז אַ געוויסער צײַט. קאַלזמאַן מע האָט זיי געדאַרפט האָבן.

# דער קױער פֿון די לעבנס־קװיטלעך

די נויט אין געטאָ איז געװען גרויס, און זי איז געשטיגן פֿון טאָג צו טאָג. פֿון די רעשטלעך שפּײַז־רעזערװן, װעלכע מ׳האָט מיטגעבראַכט פֿון דער היים, איז שוין קיין געדעכעניש פֿון לאַנג ניט געבליבן. דער הונגער האָט געשטיקט פֿון אַלע זײַטן. פֿון דער שיטערער און פּיסנער „זופּע", װעלכע די קעכן זעלדע באַש פֿלעגט צוגרייטן אין דער אַלגעמיינער קיך פֿאַר די געטאָ־אסירים פֿון די האַלב־פאַרפוילטע קרויט־בלעטער, האָט מען געקאָנט אויסציִען די פּיס. א רעטונג איז נאָר געװען פֿאַר די, װעלכע פֿלעגן זיך אַרויסשמוגלען פֿון געטאָ און באַ ניט־ייִדן אויסטוישן עפּעס־װאָס. באַזונדערס האָט זיך דער קאָנטאַקט אויסגעברייטערט, װען אין געטאָ האָט מען גענומען אויסטיילן באַלמעלאָכעס אָדער סטאַם קרעפּטיקע מענטשן אויף שװאַרצאַרבעט אין פֿאַרשיידענע אונטערנעמונגען. אַזעלכע זײַנען באַגליקט געװאָרן מיט צװיי גליקן: מיט דער מעגלעכקײַט אָנצוקניפּן באַציִונגען אויסער דער געטאָ און מיט דער באַװאָרעניש, אַז אין אָט דעם טאָג װעט מען ניט פֿאַרטריבן װערן אין אַן אַנדער לאַגער. װאָס דאַרף מען מער?

די אַרבעטס־ערטער האָבן זיך אָפּט געפֿונען מערערע קילאָמעטער װײַט פֿון דער געטאָ. גיין אַלע טאָג אַזאַ מעהאַלעך אויף דער אַרבעט און צוריק, אונטער א שטאַרקער װאַך, האָט פֿאַרנומען היפּשע צײַט און איז געװען גאַנץ קלאָפּאָטנע. דאָ פֿלעגן קאָנװאָיִרן, דאָ פֿעלט טראַנספּאָרט אָפּצופֿירן די ייִדן. און אַז מע קומט א פֿאַרמאַטערטער און צוגעשטאַנענער פֿונעם צופֿוס גיין — װאָס פֿאַר א פֿולע איז שוין פֿון אַזאַ אַרבעטער!

איז מען געפֿאַלן אויף א האַמצאָע: אין פֿיל ערטער האָט מען באַ די באַלעבאַטים געפּועלט, אַז דאָרט, װוּ די גרופּע ייִדן אַרבעט באַשטענדיק, אויף איין אָרט, זאָל מען פֿאַר איר אויסטיילן א צימער, צי צװיי, װוּ די ייִדן זאָלן זיך אײַנאָרדענען. און די מאַכט האָט עס באַװיליקט. דאָס איז שוין ס׳גרעסטע גליק: אויסגעבעסערטע לעבנס־באַדינגונגען, און מע איז פֿאַרזיכערט פֿון אַן אַקציע. װער קאָן זײַן גליקלעכער? ס׳זײַנען אַפֿילע געװען פֿאַלן, װוּ אויף אַזאַ אַרבעט איז געלונגען, אונטער פֿאַרשיידענע טערוצים, אַרויסצוכאַפּן קינדער פֿון די געטאָ־װענט, אָדער אײַנאָרדענען אויף אַרבעט די פֿרוי, צי נאָענטע קרויװים. באַזונדערס איז עס געלונגען דאָרט, װוּ די דײַטשישע אָפּיצערן זײַנען געװען באַאָרטע מענטשן און היטלערס סינע־גיפֿט האָט זיי נאָך ניט אָפּגעסאַמט.

נאָך די ערשטע אַקציעס איז אין געטאָ קלאָר געװאָרן דער עמעסער זין פֿון די „איבערזיצלונגען אין אַנדערע לאַגערן": ס׳האָט באַדײַט א גרויליקן טויט־אורטייל. מע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ גורל דערװאַרט אויך די איבעריקע אסירים. ס׳איז בלויז א פֿראַגע פֿון צײַט. די ערשטע קאָרבאָנעס װעלן זײַן די אומפּראָדוקטיװע עלעמענטן: קראַנקע, עלטערע, שװאַכע מענטשן, װעלכע קאָנען שוין ניט ברענגען קיין נוץ דעם דריטן רײַך. באַלמעלאָכעס און פֿעסט־קרעפּטיקע װעט מען האַלטן, ביז מע װעט פֿון זיי אַרויסציִען דעם מאַרך פֿון די ביינער. אַרויסגייענדיק פֿון אָט די האַנאָכעס, איז גרויס געװען דער דראַנג זיך אײַנצואָרדענען אויף אַרבעט און װערן א באַזיצער פֿון אַן אַרבעט־שײַן, װאָס עס איז דאָס זעלבע, װי א לעבנס־קװיטל. לעכאָלהאַפּאָכעס, איז דאָס געװען א פֿאָרלױפֿיקע פֿאַרזיכערונג. אויף לאַנג פֿאָרויס האָט מען זיך ניט פֿאַרטראַכט. מ׳האָט געלעבט מיטן לױפֿנדיקן טאָג.

די טעכניק פֿון אײַנאָרדענען אויף אַרבעט איז אין גרונט געװען אַזאַ: די באַשטעלונג אויף קנעכט פֿלעג געגעבן װערן צו דעם געטאָ־קאָמענדאַנט זאַובע און װײַטער — צום געטאָ־קאָמיטעט, צו מישע מאָװסעזאָנען. נאַטירלעך, אַז די קאָמיטעטשיקעס פֿלעגן זיך סטאַרען אײַנאָרדענען א באַקאַנטן אָדער א גוויר. אָט איז א דערמאָנונג פֿון קיילע ריין: „װען אין דער שנײַדערײַ האָט זיך געפֿאָדערט א נייטערן, בין איך אַװעק צום מיטגליד פֿונעם געטאָ־קאָמיטעט פֿרוי לאַנדאַו, געפֿאַלן איר צו די פֿיס און געבעטן ראַכמים, מע זאָל דאָרט אײַנאָרדענען מײַן שװעסטער מיכליע, א נייטערן לויטן פֿאַך. כ׳האָב אָבער באַ דער מאַדאַם גאָרנישט ניט געקאָנט פּויעלן, און אין דער שנײַדערײַ האָט מען אָנגענומען דאַפֿקע ניט קיין שנײַדערקע, און מיכליע איז אַװעק מיט אַן אַקציע..."

זיסלין פֿון קרעסלאַװע האָט געאַרבעט אויפֿן געטאָ־הויף, און ס׳האָט זיך גערעכנט, אַז ער איז באַשעפּטיקט, דאָס הייסט — ער איז א נוצלעכער. ערעװ אַן אַקציע האָבן אים די קאָמיטעטשיקעס אַראָפּגענומען פֿונעם „אַמט", אויף זײַן אָרט אַװעקגעשטעלט אַן אייגענעם מענטשן, און זיסלין איז אַװעק אין אַן אַנדער לאַגער".

דעם 17 אויגוסט 1941 איז אין געטאָ װידער אָנגעפֿאַרן א באַנדע הויכגעשטעלטע דײַטשן אין פֿאַרשיידענע אויסגעצאַצקעטע אוניפֿאָרמעס און אויך פּאָליציִען. מיטן אָטריאַד האָט אָנגעפֿירט דער שעף פֿון דער געסטאַפּאָ טאַבערט אַליין.

מע האָט באַפֿוילן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין פֿון די קאַזאַרמעס. די קאָמיטעטשיקעס און די ייִדישע פּאָליציאַנטן האָבן פֿעסט קאָנטראָלירט, צי עמעץ האָט זיך ערגעץ־װוּ ניט פֿאַרשטעקט.

די וואָרסיע: מע דאַרף האָבן אַ סאַך אַרבעטס־הענט. סאַראַ גליק! ס׳נייטיקן זיך מענטשן אין קראָסטפּילס, ווו עס שטייט פאַר אויסגראָבן די צוקער־בוריקעס.

קראָסטפּילס (אַמאָל קרייצבורג) איז אַ שטעטל אויפן אײַזנבאַן־וועג דאַוגאַוופּילס—ריגע, און דאָרט איז טאַקע פאַראַן דער גרעסטער צוקער־זאַוואָד אין לעטלאַנד, מע קולטיווירט אין דעם ראַיאָן צוקער־בוריקעס.

ווײַטער האָט מען איבערגעגעבן די פאַרזאַמלטע, אַז מע זאָל זיך באַזאָרגן מיט וואַרעמע זאַכן, ווײַל אין דרויסן איז שוין אין אָוונט לופטיקלעך און מען אַרבעטן וועט מען דאָרט אַ לענגערע צײַט (וואָס דאַרף מען בעסער!). אויפן וועג וועט מען אַלעמען אַרויסגעבן ברויט מיט אוגערקעס. ס׳איז בלויז ניט קלאָר, צי דעם איבער הונדערטקילאָמעטערדיקן וועג וועט מען דורכמאַכן צופוס, צי אויף אויטאָמאַשינען, אָדער מע וועט פאָרן מיט דער באַן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די סאָרטירונג. אַלע האָבן באַדאַרפט דורכגיין דעם דורכקוק. און דער גורל פון די מענטשן איז געהאַנגען אויף אַ האָר. מיט אַ בליק פון אויבן ביז אונטן איז אָפּגעשאַצט געוואָרן דער פיזישער צושטאַנד פון יעדן איינעם, און עס פאָלגט נאָך אַ קורצער רעמען מיטן פינגער: אויף רעכטס... אויף לינקס... רעכטס, לינקס...

אויף רעכטס האָט מען סאָרטירט די, וואָס פאַרן קיין קראָסטפּילס, אויף לינקס — אַלטע און קראַנקע, קינדער און באַזיצער פון אַרבעט־שײַנען.

די מענטשן פון דער לינקער קאָלאָנע האָבן זיך באַטראַכט ווי פאַרורטיילטע. געטרייסט האָבן זיך אַ ביסל די מענטשן מיט לעבנס־קוויטלעך. מע האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. ס׳זײַנען געווען פאַלן, ווען מענטשן פון דער לינקער קאָלאָנע, מוירע האָבנדיק צו בלײַבן אין געטאָ, האָבן בישטיקע, באַ אַ פּאַסיקן מאָמענט, זיך אַרײַנגעשמוגלט אין דער קאָלאָנע אויף רעכטס.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך געענדיקט די צערעמאָניע, און ווען עס האָט גענומען טאָגן, האָט אַ לאַנגע קאָלאָנע פאַרלאָזט די געטאָ. די געבליבענע זײַנען צוגעפאַלן צו די פענצטערלעך און מיט נײַגער נאָכגעשפּירט, וווּהין די קאָלאָנע ריכטעט זיך. אָט גייט זי דורך די אײַזנבאַן־בריק, פאַרקערע־וועט אויף לינקס. אויף דער דאַמבע זעט מען ניט קיין צוגעגרייטע אויטאָמאָבילן. דער וועג פירט אויף פּאָגוליאַנקע און ווײַטער — קיין קראָסטפּילס.

באַם אָנהייב פון פּאָגוליאַנקע האָט די קאָלאָנע אַראָפּגעקערעוועט אויף רעכטס. וווּהין? נו, יאָ, האָט מען געקאָנט טראַכטן, מיט דעם דאָזיקן וואַלד־שטעגל וועט מען גיכער אַרויסקומען צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע מעזשציִעמס, ווו עס וואַרטן אויף זיי פראַכט־וואַגאָנען.

נאָר ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען טיפער אין וואַלד, האָט דער וועג זיי געבראַכט צו אַ גרעסער פעלד און פאַר זייערע אויגן זײַנען אויסגעוואַקסן אָפענע גריבער און מערדער מיט אויטאָמאַטן אין די הענט.

אַזוי האָט מען מיט שווינדל אײַנגעשלעפערט די וואַכזאַמקייט פון די אסירים און געבראַכט אַזוי אַרום די קאָרבאָנעס צו זייערע קוואָרים.

## טראַץ געבעלסעס פּראָפּאַגאַנדע

ס׳איז אַן אַלטער קלאָל: קיין סודעס, וואָס ווערן ניט אויפגעדעקט, זײַנען אין דער וועלט ניטאָ. אויף מאָרגן איז שוין אַלעמען באַוווּסט געוואָרן, וווּהין מע האָט די אסירים אַוועקגעשיקט „רײַסן בוריקעס״. געוווּסט וועגן דעם האָט מען ניט נאָר אין דער געטאָ. די שטאָט־אײַנוווינער זײַנען דערשיטערט פונעם מאַסן־מאָרד. דער טרויער און דער ווייטיק האָט געגאָסן באַ יעדן אין האַרצן.

די צעיושעטע אַנטיקאָמוניסטישע, אַנטיסאָוועטישע און אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע פון געבעלסן און זײַנע איבערקײַער האָט באַ די אײַנוווינער פון דאַוגאַוופּילס ניט אַרויסגערופן קיין מיטפאַרשטאַנד, אויב, נאַטירלעך, אויסשליסן די ניט־גרויסע מאָרד־קאָמאַנדעס פון די היגע פאַשיסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן פאַרקויפט זייער פאָלק, דאָס היימלאַנד און געדינט דעם אָקופּאַנט, ווי אויך אַזוינע, וואָס האָבן געשטרעבט זיך באַרײַכערן מיט דער הילף פון גזילע און מאָרד. די שטאָטישע אײַנוווינער האָבן ניט שאָלעם געמאַכט מיט דער „נײַער אָרדענונג״. ווי אויף אַלע אָקופּירטע שטאָכים, זײַנען אויך דאָ די אײַנוווינער, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אַרויסגעטראָטן קעגן די היטלעריסטישע פאַרשריפטן און פאַרבאָטונגען. ניט געקוקט אויף דער גרויסער געפאַר, האָט מען געהאָלפן די סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע אַנטלויפן פונעם היגן טויט־לאַגער „שטאַלאַג־340״. מע האָט זיי באַזאָרגט מיט שפּײַז און מאַלבושים און אַרויסגעפירט צו פּאַרטיזאַנישע מאַכנעס. אויף די פאַשיסטן האָבן אַרופגעוואָרפן אַ פּאַכעד די אונטערערדישע גוט אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־גרופּעס, וועלכע האָבן געקעמפט

מיט די אָקופּאַנטן אין שטאָט און אין ראַיאָן און ניט זעלטן באַצאָלט דערפֿאַר מיטן לעבן. ווי אומעטום, האָט דאָ געברענט די ערד אונטער די פֿיס פֿון די אָקופּאַנטן.

דאַוגאַווּפּילס ליגט אויפֿן קרייצוועג פֿון עטלעכע מעלוכעס. פֿון שטענדיק אָן איז עס אַ פּילנאַציאָנאַלע שטאָט. האָבן דאָ אין מעשעך פֿון פֿיל יאָרהונדערטער לעטן, רוסן, ליטווינער, פּאָליאַקן, ווײַסרוסן, ייִדן און אַנדערע פֿעלקער. די מאָרד־אַקטן קעגן די ייִדן האָבן אין שטאָט אַרויסגערופֿן אַ צאָרנדיקן פּראָטעסט. ניט געקוקט אויף דער טויט־געפֿאַר, האָבן פֿיל ניט־ייִדן מיטגעהאָלפֿן זייערע ייִדישע מיטבירגער מיט וואָס נאָר מ'האָט געקאָנט — מיט שפּײַז, מיט אַ „מאַלינע" צו ראַטעווען דאָס לעבן.

וואַרשײַנלעך, אַז דערפֿאַר טאַקע האָבן די היגע היטלער־דינער באַשלאָסן צו לינדערן דעם שווערן אײַנדרוק, וועלכן ס'האָט אַזוי גיך אַרויסגערופֿן די ביליק־רעקלאַמירטע „נײַע אָרדענונג". אין אײַנקלאַנג מיט דעם האָט דאָס פֿאַשיסטישע בלעטל „דאַוגאַוואַס וועסטנעסיס" דעם 12 אָקטיאַבער 1941 אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „די ייִדן אין דאַוגאַווּפּילס".

טראָץ דער „אומבאַזיגבאַרקײַט" און „אַלמעכטיקײַט" פֿונעם דריטן רײַך מיט זײַן בלוטדורשטיקער ראַסן־פּאָליטיק, פֿילט זיך אין דעם אַרטיקל די מוירע צו דערציילן דעם עמעס, באַרימען זיך מיט די גרויל־טאַטן. עס ווערן לעגאַמרע פֿאַרשוויגן די גרויזאַמע אַקציעס אין דער געטאָ. פֿאַרקערט, אויבגעוויינלעך זײַנען די צײַטונגען אין שטאָט פֿול געווען מיט קאָלערליי מעשונעדיקע בילבולים וועגן די ייִדן, האָט דער דאָזיקער אַרטיקל געהאַט אַ ציל צו באַרויִקן די געמיטער פֿון די אײַנוווינער, וועלכע האָבן שוין געהערט, וואָס עס טוט זיך אויף אין געטאָ.

אָט וויאַזוי עס ווערט מיטגעטיילט וועגן די לעבנס־באַדינגונגען בײַ די ייִדן אין דאַוגאַווּפּילס. די געטאָ געפֿינט זיך הינטער דער שטאָט און איז אונטערגעאָרדנט דער שטאָטישער מאַכט. מיטן אינערלעכן לעבן פֿירט דאָרט אָן אַ ייִדישע פֿאַרוואַלטונג, פֿאַראַן אויך אַ ייִדישע פּאָליציי פֿון זעקס מאַנצבלען. אין לאַגער מערקט זיך „די טיפּישע זשידישע אומאָרדענונג און אומריינקײַט". „די וווינונגען זײַנען גוטע, נאָר די זשידעס אַליין סטאַרען זיך ניט צו מאַכן זיי געמיטלעך". בלויז היימישע געמיטלעכקײַט פֿעלט אין געטאָ איבער „זייער שולד". די ייִדן זײַנען באַזאָרגט מיט מעדיצינישער הילף, וועהאָרײַע, ס'איז פֿאַראַן דאָרט אַ קראַנקן־הויז מיט אַ ציין־קאַבינעט.

וועגן אײַנס זאָגט מען יאָ אויס דעם סאָד — אַז אין געטאָ איז די דיסציפּלין אַ שטרענגע. די מענער און די פֿרויען לעבן באַזונדער, בלויז בײַם עסן טרעפֿן זיי זיך. נאָכדעם מוזן זיי שוין גיין אויף זייערע ערטער, ווײַל אַרומשפּאַצירן נאָך 9 אַזייגער אין אָוונט איז פֿאַרווערט. סאַראַ אידיליע! פּונקט, להבֿדיל, ווי אין אַן אָפּרו־הויז. ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז ייִדן ווערן געמאָרדעט?

(פֿאָרזעצונג קומט)

## ליפע העלער *

### איך גלייב

ווען וואָס איך זאָל ניט טראַכטן,
קום איך ווידער צו דעם אָרט,
ווו געווען עס זײַנען שלאַכטן —
אומגיין פרײַ מ'האָט ניט געטאָרט.

אַז עס וועלן קינדער וואַקסן,
און עס וועלן וואַקסן שטעט,
יעדער מענטש איז אין מײַן האַרצן
אַ באַגײַסטערטער פּאָעט.

און איך ווער פון דעם צעטרייסלט,
דאָ און דאָרט איך זע נאָר בלוט.
און איך וויל אַליין זיך טרייסטן,
אַז ס'וועט איצטער זײַן שוין גוט.

און מיר ווילט זיך טאַקע גלייבן,
אַז ס'וועט שטענדיק זײַן אַלץ
גאַנץ —
מויערן, וואָס הויך זיך הייבן,
וועלדער גרויסע, וואָס מע פּלאַנצט!

### בענקשאַפט

נאַכט. איך בין מיט זיך אַליין,
גאָר די וועלט — מיט מיר צוזאַמען.
כ'ליג און טראַכט. איך פֿאָר אַהיים.
דאָרטן וואַרט אױף מיר מײַן מאַמע.

עס איז גאַנץ מײַן קראַנך דוקאָר
מיט די געסעלער און גאַסן.
כ'ליג און טראַכט. איך ליג און פֿאָר.
אײַל זיך ניט — איך פֿאָר געלאַסן.

אָט, איך גיי שוין אין געפּעכט,
און מיט מיר — מיליאָנען ברידער,
פֿאַר דוקאָר, פֿאַר אונדזער ערד
פֿאַר די הונדערט טויזנט גריבער...

נאַכט. איך ליג אַליין און קלער.
צײַטן כאַזערן זיך איבער.

### מיטן פראָסט איז גוט שפּאַצירן

איך האָב אױף אים אַזוי געוואַרט,
איך האָב צעעפֿנט אַלע טירן,
בעט איך אײַך, מײַן פרײַנט, ניט לאַכט —
איך גיי הײַנט מיטן פראָסט שפּאַצירן.

מיט אים איז מיר הײַנט טאַקע גוט,
די לופֿט איז פריש און פריש מײַן ווילן —
דאָס גיט מיר קראַפֿט, דאָס גיט מיר מוט.
ניט ציטערט — כ'וועל זיך ניט פאַרקילן.

איך אָטעם גרינג, איך גיי און גיי,
און ס'גייט מיט מיר דער פראָסט — מײַן
כאַוער,

ווי יאָמטעוודיק זעט אויס דער שניי
אין סקווער און אױף די טראָטוארן.

די ביימער אָנגעטאָן אין צוויט,
ווי שיין זיי זעען אויס אַצינדער!
איך שטעל הײַנט פעסטער מײַנע טריט,
און ס'איז מיר הײַנט אַוואַדע גרינגער.

איז בעט איך אײַך, מײַן פרײַנט, ניט לאַכט —
איך גיי הײַנט מיטן פראָסט שפּאַצירן,
איך האָב אױף אים אַזוי געוואַרט,
פֿאַר אים צעעפֿנט אַלע טירן.

עלווירע פֿאַגעל

# אױפֿן ניי־ליפֿעצקער מעטאַלורגישן

— ביסט געבוירן געוואָרן פֿאַר פּינקטלעכע וויסנשאַפֿטן, — פֿלעג מיט מיר אײַנטײַנען אונדזער שול־מאַטעמאַטיקער. די כעמיטשקע האָט געטײַנעט, אַז מײַן באַרוף איז כעמיע.

— דו דאַרפֿסט ווערן אַ דערציִערין, — האָבן מיר צערטלעך געײַצעט די באָבעשיס, וועמענס אייניקלעך זײַנען געזעסן אַרום מיר מיט פֿאַריסענע ערנסטע פּנימלעך, האָרכנדיק די מעשׂיות, וואָס איך האָב זיי דערציילט. כ׳מיין, אַז די אַלטיטשקעס זײַנען געריִרט געווען הויפּטזאַכלעך פֿון דעם, וואָס מײַן אינטערעס צו זייערע אייניקלעך פֿלעג זיי דערלויבן צו געניסן אַ ביסל רו אינעם סקווער, אין געדיכטן שאָטן פֿון אַ לינדנבוים.

און איך אַליין האָב געטרוימט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. כ׳האָב געוואָלט טייקעף אומיאַד און אויף אייביק אויפֿהערן צו זײַן אַן אינזשעניער מיט אַ דיפּלאָם פֿון אַ ייִכעסדיקער און רומפֿולער הויכשול, זיך בעסער אַרופֿכאַפּן אויף דעם טראָן פֿון אַ סעקרעטאַרשע אין אַ גרויסן קילבלעכן קאַבינעט, און זאָלן הינטער מײַן פּלייצע, פֿון יענער זײַט שטרענגער טיר, אַז מיר, געלייזט ווערן די גוראָלעס פֿון טורבינעס און פֿון זייערע שעפֿער, פֿון אַלע אויף דער וועלט קאָעפֿיציִענטן.

אַזוי פֿלעג איך טראַכטן דעמלט, ווען אויף מײַן קעסיידער צווייפֿלענדיקער, ניט־אַנטשלאָסענער נעשאָמע פֿלעג זיך אָנרוקן עפּעס אַ נאָגנדיקער געפֿיל מאַכמעס דעם, וואָס פֿאַר מײַנע אויגן שטעלט זיך אויס אַ לאַנגע שערענגע כיטרעוואַטע צוגעזשמורעטע קאָעפֿיציִענטן, וועלכע לעכצן, כ׳זאָל באַמערקן און אויסקלײַבן כאָטש עמעצן פֿון זיי. הינטער מײַן פּלייצע וויגט זיך, כיכיקענדיק, אַ מענגע אַנדערע ציפֿערן, וואָס ווילן בעשום־אויפֿן זיך ניט צוזאַמענטרעפֿן מיט קיין איינעם פֿון אָט די קאָעפֿיציִענטן. סײַ די און סײַ יענע וואַרטן בלויז אויף דעם, אַז די ראָד פֿון דער טורבינע, וועלכע איך האָב אויסגעכעזשבנט און. באַגיסנדיק זיך מיט בלוטיקן שווייס, דורכגייענדיק אַלע שיווע מעדוריי גענעם, אויסגעבויט, אָט די ראָד, וואָס האָט מיר געקאָסט פֿיל דײַגעס און קאָפּדרייעניש — לויפֿערײַען, וואַרטעניש, זי זאָל זיך פּאַמעלעך, קוים־קוים אָנהייבן דרייען, לאַכלוטן ניט אַנטשפּרעכנדיק די פֿאַרגעבענע פּאַראַמעטערס.

אָ, איך וואָלט געווען אַן אַקוראַטע און אויפֿמערקזאַמע סעקרעטאַרשע. מײַנע שוואַרצאַפּלען וואָלטן ניט ווערן קיין קאַלטע און גלײַכגילטיקע, מאַמעש גלעזערנע. אויב ס׳וועט אויף דער שוועל זיך באַווײַזן אַ מענטש מיט אויגן אומרויִקע און זוכנדיקע, ווי פֿראַגעצייכנס, און מיט העפֿלעך צעצויגענע ליפּן. איך וואָלט זיך ניט דערלויבט, ענטפֿערנדיק אין טעלעפֿאָן־טרײַבל אויף אַ קלונג, פֿאַרזעצן דערבײַ צו פֿירן אַ שמועס וועגן דער פֿריזור, לעמאָשל, מיט אַן אַנדער מענטשן, וואָס זיצט דערנעבן, זאָל זײַן — מיט דער אַרײַנגעקומענער פֿונעם שכײנעסדיקן צימער עקאָנאָמיסטקע. איך וואָלט אַלע מאָדולירונדען פֿון מײַן קאָל געברויכט אויף צו פֿאַרווייכערן די דראָענדיקע נייןענטפֿערס און זידלערײַען, וועלכע די נאַטשאַלסטווע שיט אויס אויף די קעפּ פֿון אָפּטייל־פֿאַרוואַלטערס, בוכהאַלטערס, רעוויזאָרג־באַזאָרגער.

איך וועל גאָרניט אַליין לייזן און פֿאַר קיין שום זאַך ניט זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך. און זאָלן די שטורעמס און די אוראַגאַנען זיך דורכטראָגן פֿאַרבײַ מיר. איך וועל זײַן רויִק און פֿרײַנטלעך מיט אַלעמען, אויסזען שיין און פֿײַן, און אַלע וועלן צו מיר שמייכלען.

אויך איצט מעסט איך אָן אויף זיך טרוימעריש אָט די ראָל. איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין ליפּעצק. אויף אַ גיגאַנטישן שעטעך איז צעוואָרפֿן דער כמורנער, שמעקנדיקער אויף דורך און דורך מיט געברענטן מאַשין־אייל מעטאַלורגישער קאָמבינאַט. ער איז אַזוי גרויס, אַז פֿון דער זאַוואָד־פֿאַרוואַלטונג ביזן צעך וואַלצוועריק „2000“ קומט אויס צו פֿאָרן איבער דער טעריטאָריע פֿונעם זאַוואָד אַ מינוט דרײַסיק מיטן טראַמוויי. שוין אַ שאָ צײַט, ווי איך קלעפּ זיך צום טיש פֿון דער סעקרעטאַרשע און ברעך דעם מויעך, ניט האָבנדיק קיין אָנונג, וויִאַזוי צו געפֿינען דעם שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם צעך־שעף זינאָווי פּעטראָוויטש קאַרעטנין. כ׳בין געקומען צו פֿאָרן מיט סכעמעס און צייכענונגען, וועלכע מע מוז אומבאַדינגט קאָאָרדינירן. אין דעם מאָסקווער וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט האָבן מיר מיט טאָלק און געפֿיל, מיט אַפּשײַ צו אונדזער אייגענער מאַיעסטעט, מעיוכעסדיק געצייכנט און גערעכנט, דערנאָך באַטראַכט און באַהאַנדלט, אויסגעאַרבעט ביזן קלענסטן

עלווירע פּאַגעל איז אין מעשעך פֿון די לעצטע יאָרן אַ רעדאַקציע־מיטאַרבעטערן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וווּהין זי איז אָנגעקומען, האָבנדיק שוין די דערפֿאַרונג פֿון אַן אינזשעניר פֿון דער מאַשין־בויונג. די פֿאַרבינדונג מיטן הײַנטצײַטיקן אינדוסטריעלן פּראָדוציר־לעבן לאָזט זיך פֿילן אין איר פֿאַרצייכענונג, וועלכע מיר דרוקן דאָ. עלווירע פּאַגעל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין זשורנאַל אויך אַנדערע פֿאַרצייכענונגען. מיר באַגריסן אונדזער כאַווערטע מיט איר ערשטער יוביליי־דאַטע און ווינטשן איר גליק און שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

שרײַפֿעלע די מאָדעל, דאָס הונדערטסטע מאָל קאָנטראָלירט די פּאַראַמעטערס פֿון דער טורבינע, וועלכע דאַרף אויסדרייען די ראָליקעס פֿונעם באַראַבאַן, — דעם ענדפּונקט, וווּהין עס קומט אָן די שטאָלענע פּרענטע, וועלכע ס׳איז באַשערט געהאָרכזאַם און מאָמענטאַל זיך פֿאַרוויקלען דאָ אין אַ רולאָן.

איך האָב שוין באַוויזן ניספּאָל צו ווערן פֿון דער פּרעכטיקײַט פֿונעם צעך, אויפֿן ערשטן אויגנבליק אַ ניט־באַפֿעלקערטן און אָנגעשטאָפּטן בלויז מיט גערויש און געקנאַל. צויבערנדיק זײַנען די טונקל־רויטע פֿלאַמען פֿון דער פֿײַער־שײַן אויף דער סטעליע לעם די אויוונס. פּער׳אַדיש צעעפֿנט זיך אַ זאַסלינקע בײַ איינעם פֿון זיי, אַנטפּלעקנדיק זײַן בלוי־גרינע־גינגאָלד־אַראַנזשעווע־העל־רויט־ווײַנשלקאָלירוקע טראַכט, און פֿון דאָרט שווימט אַרויס אַ ברוס — אַ זויבער־ריינער באַלקן, וואָס הייבט אָן זיך באַוועגן איבערן ראָלגאַנג־קאָנווייער, דורכשטופּנדיק זיך דורך פֿאַרשיידנקאָליבערדיקע קוועטש־קאַרבנס. דער ברוס יאָגט אַלץ שנעלער און שנעלער, ווערט דינער און דינער, פֿאַרלירנדיק דערבײַ די העל־רויטע שאַטירונג און פֿאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ שטאָלענער בלאַט, די גרעב עטלעכע מילימעטער. לײַכט און פֿריילעך וויקלט זיך אָן די בלאַט אויפֿן באַראַבאַן. ווען זי וויקלט זיך אָן ביזן סאָף, בלײַבט דער באַראַבאַן שטיין. און גלײַך באַווײַזט זיך אַ ריזיקער „פֿינגער“, ס׳דוכט זיך אויס, אַז ער טוט אַ רוף, פֿאַרנאַרט צו זיך דעם רולאָן. אַלנפֿאַלס, אין עטלעכע רעגעס אַרום שטעקט שוין דער רולאָן אויפֿן טראַנספּאָרטיאָר.

די גרילצנדיקע קלאַנגען, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעגעבן די שטאָלענע בלאַט, האָבן מיך דורכגענומען אויף דורך און דורך, פֿאַרפֿלייצט יעדן אייווער, דעם גאַנצן גוף. אין אָט דעם גערויש האָבן זיך אַפֿילע די אַקוראַטע באַוועגונגען פֿון די מאַשינען־הליבעס, געגליכענע צו קאָלאָסאַלע ראָבאָטן מיט הענט און מוסקולן, אויסגעוויזן ווי פֿאַרטויבטע. די פֿאַנטאַסטישקײַט פֿונעם אַרומיקן בילד האָט געוועקט אין מיר אַ געפֿיל פֿון אַנציקונג, וואָס קאָן פֿאַרגלײַכט ווערן צום פֿאַרערונגס־געפֿיל, וועלכן עס רופֿן אַרויס די געוינים פֿון מוזיק אָדער מאַטעמאַטיק.

אָנגעזעטיקט זיך מיט דער פֿעיריע פֿון פֿלאַם און מעטאַל, לאָז איך זיך אַוועק זוכן דעם מענטשן, מיט וועלכן עס שטייט מיר פֿאָר צו אַרבעטן און שטרײַטן, וועמען כ׳וועל ניט איין מאָל באַליידיקן און מיצאַד וועמען כ׳וועל ניט ווייניקער באַליידיקט ווערן, ווער עס וועט מיט מיר אָפֿט ניט זײַן מאַסקים, ווי אויך איך מיט אים, אָבער מיט וועמען כ׳וועל פֿעסט און דויערנדיק האָבן פֿרײַנטלעכע באַציִונגען, ווײַל זײַן ניט קאַזיאָנע ליבע צו דער זאַך, וועלכער ער דינט, האָט ניט געקאָנט אַרויסרופֿן קיין טיפֿן אָפּשײַ. האַקלאַל, איך שטיי בײַ דעם טיש פֿון דער סעקרעטאַרשע, ברעך דעם מויעך און פֿיל זיך פֿאַרלוירן דערפֿאַר, וואָס דאָס מיידל אויף יענער זײַט טיש רעדט אין טעלעפֿאָן, ווענדט זיך צו די פֿאַרבײַגייענדיקע, אינפֿאָרמירנדיק זיי וועגן אַלץ נאָכאַנאַנדער, אַרײַנרעכענענדיק אויך דאָס, אַז עס האָט זיך באַוויזן אָן אַפּישע פֿון אַ נײַעם אויסלענדישן פֿילם, הערט ניט אויף אײַבערצולייגן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן עפּעס אַ פּאַפּירל, אָבער פֿאַר מיר פֿאַרמאָגט זי אַ בלויז אַ בלייכע אינפֿאָרמאַציע, וועלכע זי טראָגט מיר אונטער די גאַנצע צײַט מיט אַ ברויגעזלעך קאָל: „ער איז ניטאָ“. איך ווייס עפּשער אַ צענדליק צימערער באַטײַטן פֿון אָט דעם וואָרט „ניטאָ“ — אין ערגעץ ניטאָ, קיינמאָל ניטאָ, ביכלאַל ניטאָ.

אין אָט דער רעגע ניטאָ, אין די נאָענטסטע פינפצען מינוט ניטאָ, אפן זאוואָד ניטאָ, אין שטאָט ניטאָ און דעסגלײַכן. אָבער פאר איר איז געווען גענוג איין ניטאָ: „ער איז ניטאָ“.

לעסאָף האָט זיך דורכגעקײַקלט פארבײַ אונדז א מענטשל, אײַנגאנצן — פונעם קאָפּ ביז די שיך — א קײַלעכיקער, אין א וואטאָוון רעקל, א מענטשל מיט א פארכאַלעמטן, שווימענדיקן העכער פון מיר בליק. א סוואַרע, אז ער האָט דערהערט מײַן קלאָגעדיקע פראגע, ווײַל ער האָט זאָג געטאָן צו מיר, קײַקלענדיק זיך ווײַטער: — „ער איז אין צעך, אין רויטן ווינקל איז ער, אין געפאנגענשאפט בא די נײַ־קראמאטאָרצעס, גייט נאָך מיר...“

(אף אָט דעם שווימענדיקן בליק, אף אָט דעם שנעלן, זיך קײַקלענדיקן גאנג פלעג איך אויך שפעטער זיך אָפט אָנשטויסן, ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן, אז איך פלעג אָט דעם בליק און אָט דאָס געגעלע זוכן, ווײַל אָנשטויסן זיך אף עפּעס קומט אויס געוויינלעך צופעליק, און איך פלעג זוכן דעם דאָזיקן מענטשן, זיך יאָגן נאָך אים אין אלע ווינקלעך פונעם צעך, פרעגנדיק בא יעדערן נאָכאנאנד, ווו מע קאָן געפינען דעם מײַסטער פון הידראָ־אויססטאטונג גאַלאָוטשענקאָ. אזא יאָגעניש נאָך דעם מענטשן וועט פאַרקומען דערפאר, ווײַל בלויז אין די סקלאדן, וועלכע זײַנען אונטערטעניק וולאדימיר איוואנאָוויטשן, איז מעגלעך ארויסצובאקומען ווענטילן, מאנאָמעטערס, איבערגאנגטרויבן און אנדערע דעטאלן, אָן וועלכע מע קאָן זיך ניט באגיין. וולאדימיר איוואנאָוויטש האָט פארמאָגט א טעווע נעלעם צו ווערן קימאט אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען ער פלעגט זאָגן „באלד גיב איך אײַך“, אָדער „אָט מאך איך עס אין איין מאָמענט“. די זאוואָדישע ווערטלזאָגער זײַנען איבערצײַגט, אז וולאדימיר איוואנאָוויטש שלאָפט זיך אויס אין דער גרוב אונטערן סאמע גרילצנדיקן באצירק פונעם וואלצווערק, ווּהין קיינער שטופּט ניט ארײַן די נאָז, מוירע האָבנדיק פארטויבט צו ווערן. מיר האָט ער קיינמאָל אין גאָרנישט ניט אָפּגעזאָגט, אָבער דערבײַ גלײַך נעלעם געוואָרן. דאָס „פארהיימישן“ אים האָט זיך ארויסגעוויזן פאר גאָר א לאנגן און שווערן איניען, נאָר מיט א פּאָזיטיוון רעזולטאט, ווײַל איך האָב געהאט צוליב דעם גענוג געדולד, מײַן קאָמאנדירונג־צײַט איז באשטאנען פון פיר און צוואנציק שאָ אין מעסלעס, און די אויסגאנגלאָזיקײַט פון מײַן לאגע האָט מיר צוגעגעבן מוט.)

גאַלאָוטשענקאָ האָט א טיטשע געטאָן מיטן פינגער אין דער טיר, אף וועלכער ס׳איז געהאנגען א שילדל „דאָס רויטע ווינקל“, און איז אנטרונען געוואָרן. איך בין ארײַנגעגאנגען אין א גרויסן לאָקאל, ווו עס זײַנען געשטאנען רייען הילצערנע פאָטעלן, אזוי ווי אין א קינאָ־טעאטער. אף דער בינע, ארום א טיש, זײַנען געזעסן עטלעכע מענטשן, נידעריק אָנגעבויגן איבער צעשפרייטע צייכענונגען, שארנדיק מיט די הענט און מיט בלײַערס אף די בויגנס. איך האָב זיך צוגעזעצט ניט ווײַט פון דער בינע און אָנגעהויבן „אויסכעזשבענען“, ווער עס איז קארעטני. נו, און געפינען אים איז געווען גאנץ פּאָשעט, ווײַל דער „דיאַלאָג“ ארום דעם טיש, אף דער בינע, האָט עס מיר גלײַך אונטערגעזאָגט: איינער — דאָס איז קארעטני — טוט א הייב דעם קאָפּ און לעקט מיט די אויגן אלע איבעריקע, זיי — קימאט מיטאמאָל און אינאיינעם — הייבן זיך אָן גריבלען אין די צייכענונגען. געפרעגט — געענטפערט, אפסנײַ און ווידעראמאָל דאָס זעלבע...

דער געשפרעך זעט אויס צו זײַן א פרידלעכער, א שטילער, אָן אומופהערלעכער „בו־בו־בו“. ער שלעפערט מיך קימאט אײַן, נאָר פלוצעם טוט קארעטניס פויסט א פאל אפן טיש מיט א געקנאל. קארעטניס קײַלעכיקע געוואַרענע אויגן קײַקלען זיך אף אזויפיל ארויס פון די אויגנלעכער, אז עס דוכט זיך — זיי הענגען אינדערלופטן, באזונדער פונעם באלעבאָס. קארעטניס קרעפטיקער גאָרגל פײַנט זיך אויס מיט אָן אויסברוך: „איך וועל אײַך שטעלן צום געריכט!“ בא אלע זײַנע מיטשמועסער לאָזן זיך אראָפּ די אויגן, פארבאהאלטן זיך ערגעץ אונטער די פארשוויצט געוואַרענע שטערנס. די שעפער פון די צייכענונגען — די נײַ־קראמאטאָרצעס — דערוועגן זיך ניט צו דערווידערן. עטלעכע רעגעס קוקט נאָך אף זיי קארעטני מיט צאָרן. איך טראכט דערבײַ, אז אויב עמעצער פון אָט די קאָנסטרוקטאָרן וועט אופהייבן די אויגן, וועלן אים קארעטניס פײַערבליציקע פײַלן טייקעף פארברענען. דערנאָך אָבער גלידערט זיך קארעטני אײַן אין דער צייכענונג מיט זײַן שארפן בליק און נעמט זיך אנטשיידן, הערשעריש פאריכטן די לאגע. אזוי קעסיידער: ער גיסט אויס אף די בראקמאכערס דעם צאָרן און נעמט אף זיך די לאסט פון דערפירן דעם איניען צו א טאכלעס.

(אז אַך און וויי! אין א יאָר דרײַ ארום, ווען עס איז שוין דערפירט געוואָרן צו אלע פארגעבענע פאראמעטערס אונדזער מאשין, ווען עס זײַנען אויסגעפּרווט געוואָרן די סיסטעמען פון אוטאָמאטיק און רעגולירונג, ווען אלץ איז, דוכט זיך, געווען קעשורע און ס׳איז געקומען די צײַט ארײַנמאָנטירן די טורבינע אין דער ליניע פונעם וואלצווערק, האָב איך זעלבסט אויסגעפּרווט אף זיך דאָס מאזל פון די נײַ־קראמאטאָרצעס: אונדזער מאשין, וועלכע האָט געדארפט זאָגן א נײַ וואָרט אין דער וואלצונג פון דער שטאָל־בלאט, אונדזער טורבינע, האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט לויט די גאבאריטן אינעם אָנגעמערקטן פאר איר רוים. מיר איז אויסגעקומען נעמען אף זיך דעם קלאַפּ פון גערעכטיקן צאָרן, און דערנאָך, אין מעשעך פון עטלעכע טעג, האָב איך מיט באוואונדערונג געשפירט, ווי מע האָט, לויט קארעטניס באפעל, גע־

פּאַסעווועט, ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן — געהאַקט
און געבראָקט, די אייַנריכטונג, וואָס האָט יאָרנ־
לאַנג ערלעך געדינט דעם זאַוואָד, קעדיי געבן א
מעגלעכקייַט פּאַרפעסטיקן אונדזער טורבינע־אײַ־
בערוואַקסלינג. מיר האָבן דערנאָך אַפּגיך א רעכן
געטאָן, צי עס שטייען פעסט די באַלקנס און פּער־
מעס אין די רעקאָנסטרויִרטע ווענט, און כ׳האָב
זיך ווידער איבערצייַגט, ווי פּינקטלעך עס איז
געווען קאַרעטניס אינטויִציע און זייַן דערפאַרן
אויג.)

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונדזער עקספּערי־
מענטאַלע טורבינע פאַרנעמט, קאָן זייַן, א הונ־
דערטכיילעך אין דער רעשימע פון די צעך־אַר־
בעטן און צווישן די געשעענישן, וועלכע געפינען
זיך אונטער קאַרעטניס אַפּעטראָפּסעס, נאָר די
אוועקגעשטעלטע אויפגאַבן האָבן אונדז אַזוי גע־
פּענטעט, אַז אונדזערע שוועריקייַטן פלעגן מיר
שלעפּן צו אים — בלויז צו אים פלעגן מיר זיך
ווענדן, עפּשער דערפאַר, ווייַל ער האָט מערער,
איידער אַנדערע, געקאָנט זיך אָפּווענדן, אַפילע
פולקום זיך אָפּזאָגן פון הייַנטיקע רעאַלע פראַג־
ראַמען לעטויווּעס די „כאַלוימעס פון דער צו־
קונפט", זשעדנע ציִענדיק זיך צו אַלץ, וואָס איז
נייַ אין דער טעכניק.

צומאָל פלעגן מיר זייַן געצווּנגען שאָענלאַנג
אומזיסט זיך יאָגן נאָך א קראַן, נאָך מאָנטאַזשני־
קעס און עלעקטריקער. מיר פלעגן מוזן אייַנריידן
די מענטשן, זיי זאָלן לייגן אַף אונדז אַכט. גע־
פילט האָבן מיר זיך ווי פליגן, וועלכע מע טרייַבט
אַראָפּ און זיי זעצן זיך אַוועק דערעסענערהייט אַף
דעם זעלבן אָרט. דער וואַלצוועַרק האָט געאַרבעט
אין זייַן באַשטענדיקן ריטם, וועלכער איז אונטער־
געוואָרפן איין קריטעריִ — די פּראָצענטן פונעם
פּלאַן. פון צייַט צו צייַט פלעגט מיטאַמאָל פאַר־
שטילט ווערן דער געקראַך פון די לויפנדיקע
בויגנס שטאָל, דער געהילך פון די מעכאַניזמען,
און אויגנבליקלעך ווערט די גאַנצע ליניע פונעם
וואַלץ־סטאַן געגליכן צו א מוראַשקע־הויפן:
שווייַגנדיקע מענטשן אין העלמען, וואַטניקעס
אָדער קאָמבינעזאָנען וואַלגערן זיך אָן אַף יעדן
קנופּ, אַף יעדן שרייַפּל פונעם קילאָמעטראָוון
וואַלצוועַרק, און אין עטלעכע מינוט אַרום, אויב
דאָס איז א פּראָפילאַקטישער רעמאָנט, סטייַען זיי
ניט אָפּסנייַ, גלייַך זיי וואָלטן אין דער ערד אַרייַן
דורך די פּליטעס פונעם צעך־דיל. צומאָל פלעגט
דער סטאַן פאַרגליווערט ווערן אַף עטלעכע שאָ —
דאָס איז שוין געווען א לויפנדיקער רעמאָנט,
אָדער א קאַפּיטאַלער רעמאָנט. דאָ פלעג זינאָווי
פּעטראָוויטש קאַרעטני זיך פאַרוואַנדלען אין א
שטורעמווינט, ווי א וויכער זיך דורכטראָגן קימאַט
אייַנצייַטיק איבער פאַרשיידענע עקן פונעם וואַלצ־
ווערק, איבערגעבנדיק פאַראָרדענונגען און איי־
צעס, אָדער ער פלעג פּאָשעט שווייַגן — און דאָס
האָט באַטייַט, אַז אַלץ גייט ווי עס דאַרף צו זייַן.

א באַרויִקטן האָב איך אים געזען בלויז איין
מאָל. דאָס איז געשען אין א מעכייַעדיקן פאַר מיר
טאָג. אין מייַן יאָמטעוו, ווען אונדזער טורבינע
האָט צום ערשטן מאָל זיך באַטייליקט אין דער
אָפּוויקלונג פון דער שטאָלענער בלאַט אַפן באַ־
ראַבאַן — און זי האָט אונדז ניט אונטערגעפירט.
מיר, א גאַנצע בריגאַדע מאָסקווער אינזשעניערן,
זאַלבעפינפט, זייַנען געשטאַנען באַצויבערטע אין
דעם אָנגעגלאָזטן אָפּעראַטאָר־פּולט און געשפּירט,
וויִאַזוי עס ווערט אָפּגעקילט די שטאָלענע בלאַט
אינעם אַקוראַט אָנגעוויקלטן רולאָן. געפילט האָבן
מיר זיך אַזוי, גלייַך אָט דאָ אין צעך וואָלט פּאַר־
געקומען א לאַנגדערוואַרטע לאַנדונג פון א קאָס־
מאָס־שיף, וועלכע מיר האָבן געשאַפן מיט די איי־
גענע הענט. „אונדזער" רולאָן, פּונקט אַזאַ ווי הונ־
דערטער אַנדערע רולאָנען, וועלכע ס׳גיט אַרויס
דער וואַלצוועַרק „2000", איז געשווּמען אַף דעם
טראַנספּאָרטיאָר צום אַרויסגאַנג פונעם צעך. מיר
האָבן זיך געטוישט מיט גליקלעכע בליקן. אונד־
זער יאָמטעוו איז פאָרגעקומען אין וואָכעדיקע באַ־
דינגונגען, דוכט זיך, קיינער, כוץ אונדז, האָט אים
ניט באַמערקט און ניט אָפּגעשאַצט. אַפן לייטערל,
וואָס פירט פונעם אָפּעראַטאָר־פּולט צום דיל, האָב
איך געשפּרייַזט אַזוי, גלייַך כ׳וואָלט זיך אַראָפּגע־
לאָזט טאַקע אַף א טראַפּ פון א קאָסמישער שיף.
און דאָ זייַנען צו מיר צוגעגאַנגען עטלעכע אַר־
בעטער און, שמייכלענדיק, ברייטהאַרציק אונטער־
געטראָגן מיר א בוקעט מיט קלעווער־בלומען. אָט
די ווייַסע, ענלעכע אַף בעז, קנוילכלעך, וועלכע
עס האָבן דערנעבן, מאַמעש באַ די צעך־טויערן,
צונויפגעקליבן אויסגעשמירטע מיט מאַשין־אייל
און מאַזוט אַרבעטער־הענט, זייַנען מיר געווען
טייַערער, איידער פּרעכטיקע רויזן. צוגעטוליעט
דעם בוקעט מיט די טייַערע קוויטלעך צו דער
ברוסט, בין איך אַרייַן אין קאַבינעט צו קאַרעטנין,
וועלכער איז, ווי טאָמיד, געווען פאַרנומען, אָנ־
געכמורעט, אָנגעבויגן איבער א צייכענונג, און
כ׳האָב אים יוישערדיק דערלאַנגט א העלפט פו־
נעם בוקעט.

— דער ליפּעצקער אַרבעטער־קלאַס האָט,
הייסט עס, אָפּגעשאַצט די מאָסקווער געלערנטע
קעפּ! — א רעגע קוקט זינאָווי פּעטראָוויטש גע־
פּלעפט אַף די בלומען, אַזעלכע פאַרייאָסעמטע,
בעעמעס שטיפקינדער אין אָט דעם צימער, און
מיטאַמאָל דערזע איך, ווי די אָנגעשטרענגטקייַט
לאָזט אָפּ קאַרעטנין און אין זייַנע אויגן באַווייַזט
זיך א בענקענדיקע צאַרטקייַט. — זע נאָר, סאַראַ
כעוורע באַ אונדז זייַנען פאַראַן...

געזאָגט איז עס געווען מיט אַזאַ קינדערשער
באַוווּנדערונג און וואַרעמקייַט, אַז כ׳האָב גלייַך
פאַרשטאַנען: אַזוי האָט פריִער קאַרעטני קיינמאָל
ניט גערעדט וועגן זייַנע מיטאַרבעטער.

מיר האָט זיך שטענדיק געדוכט, אז די שטרענגקײַט און זאכלעכקײַט, אפילע הארבקײַט אין די צווישנבאציִונגען בא די מענטשן אין צעך שטאמט פון זײַן שעף בעליאנסקי. אָט דעם מענטשן, מיט וועמען עס איז זייער שווער זיך טרעפן מאכמעס זײַן אומגעהייער גרויסער פארנומענקײַט אף פּילצאָליקע בּאראטונגען און „פלוג־זיצונגען", — אים איז לאכלוטן פרעמד עפּעס־וואָס שטייגערישס, יעטווידע זאך, וועלכע האָט ניט קיין דירעקטע שײַכעס צו דער פּראָדוצירונג פון שטאָל־בלעטער. אָבער...

אנומלטן בין איך צוזאמען מיט מײַן קאָלעגע וואָלאָדיע שימאנסקי דאָס אָרדנטלעכע מאָל געפאָרן אין א קאָמאנדירונג קיין ליפּעצק. אין וואַגאָן־קופּע האָבן מיר פײַן פארבראכט אן אָוונט מיט צוויי קאָלינינגראדער, וועלכע האָבן געדארפט אינספּעקטירן א זאוואָד אין יעלעץ, וווּהין דער צוג קומט אָן מיט א פּאָר שאָ פריִער, איידער קיין ליפּעצק. איינער פון די קאָלינינגראדער, א דיקער און וואזשנער, א סוואָרע — עפּעס א נאטשאלניק, האָט אונדז פארווײַלט מיט קאָלערליי מײַסעס, איבערמישנדיק זיי מיט געלעכטערלעך, ווו מע דארף און ווו — ניט. דערבײַ פלעג ער מיט פארגעניגן גלעטן זײַנע קני און קלאפּן איבער דעם קופּע־טעפּיכל מיט די נעזלעך פון זײַנע נײַע עלעגאנטע געלע שטיוולען. דער צווייטער שאָכן איז געווען א שטארק באשיידענער, א שווײַגער און, קענטיק, מיט א ראנג **נידעריקער**. קאַיאָר, אין שלאָף, דערהער איך, ווי זיי שושקען זיך:

— עפּשער אײַנשליסן די שײַן?

— מע דארף ניט, מירן **דאָך אופוועקן די** מענטשן... לאָמיר זיך אָנטאָן אין דער פינצטער...

ווען זיי וואָלטן געווען וויסן, וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן פון זייער איידלקײַט!

אינדערפרי, בא דער העלער שײַן, ווען מיר קלײַבן זיך שוין אראָפּגיין אין ליפּעצק, דערהער איך מיטאמאָל וואָלאָדיעס שווערן אויסגעשריי: „אַך־אַ־כאַ!" און כ׳דערזע, ווי ער טוט זיך א וואָלגער אף דער וואגאָן־פּאָלקע, כאפּט ארום מיט די הענט דעם קאָפּ און קוקט דול אפן דיל. נאָכשפּירנדיק נאָך זײַן בליק, שיס איך אויס מיט א געלעכטער: איין פוס וואָלאָדיעס שטעקט אין א שווארצן שטיוול, דער צווייטער — אין א געלן. מײַן געלעכטער פארשטארקט זיך נאָך מער, ווען איך שטעל זיך פאָר, וויאזוי מע האָט באגעגנט אין יעלעץ אונדזער צופעליקן וואזשנעם וואגאָנשאָכן, אויך אין פארשיידנקאָלירקע הויכע שטיבלעטן...

ווען מיר זײַנען געקומען אפן זאוואָד, האָט אונדז גלײַך פארבעטן צו זיך בעליאנסקי. זיצנדיק, ווי געוויינלעך, מיט אן אָנגעבויגענעם אין א זײַט קאָפּ, מיט צעבלאָזענע גרויסע נאָזלעכער, רײַסט ניט אָפּ בעליאנסקי די בלויע שטעכיקע אייגעלעך פון שימאנסקין, וועלכער שפּאנט ניט־זיכער פון דער ארײַנגאנג־טיר צום טיש. דער געשפּרעך צווישן אונדז מיטן צעך־שעף איז א זאכלעכער, קיין איין איבעריק וואָרט. אלע פראגעס ווערן געלייזט אין געציילטע מינוטן. נאָכדעם זאָגט בעליאנסקי ערנסט, מיר זאָלן זיך ווידער יאווען צו אים פּינקטלעך צוויי אזייגער באטאָג. אין דער אָנגעמערקטער צײַט זײַנען מיר אפּסנײַ דאָ. בייס אונדזער אָפּוועזנהײַט באווײַזט בעליאנסקי צופאָרן אהיים, אָפּעסן דאָרט מיטיק און זיך אומקערן צוריק אין צעך. דאָס ווערט קלאָר, ווען ער שטעלט אוועק פאמעלעכקע פאר וואָלאָדיען א פּאָר שיך.

— דעם זונס, — פארענטפערט ער זיך. — ער איז איצט אין דער ארמיי און באגייט זיך, פארשטענדלעך, אָן זיי, איז טראָג זיי דערווײַל דו.

דאָס הייסט, אז אין די עטלעכע רעגעס, ווען מיר האָבן מיט אים זיך דורכגערעדט וועגן אונדזערע איניאָנים, האָט ער באוויזן פּינקטלעך פארפיקסירן די מאָס פון וואָלאָדיעס פוס...

איינמאָל, אין סאָף פונעם ארבעטסטאָג, ווען די באטאָגיקע האוועניש אין דער צעך־קאָנטאָר הייבט זיך אָן אויסלעשן און אפן סטאַן ווערט ווייניקער מענטשן, האָב איך דאָרט באגעגנט זינאָווי פּעטראָוויטש קארעטנין, וועלכער האָט געשפּאנט ניט ווי געוויינלעך האסטיק, נאָר אזוי זיך, קלוימערשט ער קלײַבט זיך גיין אהיים, אָבער עפּעס פארבאָרגענע פעדעם האלטן אים, לאָזן ניט אָפּ פונעם זאוואָד, און ער טראכט — צי אלץ איז אופגעטאָן, עפּשער איז נאָך געבליבן וואָס־ניט־איז אזעלכס אף צו אָפּשטעלן זיך לעבן דעם...

דערזעענדיק מיך, לייגט ער פאָר אומדערוואַרט: „איר ווילט א קוק טאָן אף אונדזער ארטעק און אף דער רו־באזע?" וואָס הייסט, צי איך וויל! כ׳בין שוין צוגעווינט, אז אויב זינאָווי פּעטראָוויטש טוט מיר אונטערוועגס א זאָג „קומט מיט מיר!", וועל איך אומבאדינגט דערזען עפּעס אזוינס, וואָס ניט זען עס איז א גרויסער כעט. נו, לעמאָשל — דעם רעכענונגס־צענטער, וועלכער ווערט געבויט אינעם שכיינעסדיקן צעך. אָט דער צענטער איז געגליכן צו דער זויבערער אָפּעראציע־פּאלאטע אין יענעם גרויסן שפּיטאָל, ווו עס איז מיר לעצטנס אויסגעקומען זיך צו היילן, נאָר די פּאנעלן זײַנען דאָ שענערע... אָט אזוי צופעליק, האָט מיר זינאָווי פּעטראָוויטש באוויזן אויך די מאָדערנע אוניקאלע אויסשטאטונג, וועלכע דער נײַ־ליפּעצקער מעטאלורגישער זאוואָד האָט באשטעלט פאר זיך בא די קראמאטאָרסקער מאשינבויער. און אלעמאָל, ווען קארעטני באווײַזט מיר עפּעס, טוט ער עס מיט בעעמעס קינדערשער פרייד און אזוי שטאָלץ, אז מיר בלײַבט איבער צו טרעפן, וואָס פאר א כיילעק ענערגיע האָט ער דאָ צוגעלייגט, דאָס הייסט — ווי גרויס איז זײַן צושטײַער אין דעם, וואָס עס וועט אויסגעבויט ווערן בישכיינעס א רעכענונגס־צענטער און וואָס די קראמאטאָרצעס האָבן גע־

שאפן פאר דעם ניי־ליפעצקער זאוואָד אוניקאלע מעכאניזמען.

לאנגזאם פארן איז פאר קארעטנין א מאטערניש, דעריבער טראָגט אונדז זיין „זשיגולי" ארויס פון דער שטאָט מיט אן אומדערלאָזבארער שנעלקייט. מיר פארן פארביי געלבלעכע סאָסנעס, דאָס האָט שוין זיי אזוי באפארבט דער שכיינעסדיקער כעמישער קאָמבינאט. אן איינזאמער דעמב טרעט אונדז אָפּ דעם וועג, ער טוט אפילע א קער אָפּ פון אונדז די צווייגן זיינע. זעט אויס, עס ווילט זיך אים ניט זיין קיין מעכוטן מיט אונדז, ער וואָלט גערן, מיסטאם, אנטלאָפן פונעם וועג אין וואלד אריין, איז אָבער דאָס וועלדל וויַיט פונדאנען, לעם דעם טייך וואָראָניעזש. איך שטעל זיך אוועק אף זיין אָרט און טו א טראכט, אז סיַוויי האָט א זין צו מאכן פונדאנען א וואיִוואראך, גאָר אן אנדער לעבנס־ריטם איז אין וואלד, ווו עס איז מיט דער האנט דערלאנגען צו די וואסערן פונעם אלטן טייך.

מיר געפעלט דאָ אלץ, ביפראט די טיף־זומערדיקע דעמערונג, דער לייַכטער נעפל איבערן טייך, די לופט, אזא היימישע, אזא ווייכע, ס׳דוכט זיך, אז איך וואש זיך ארום מיט איר, נעם אראָפּ פון זיך מיט דעם די אָנגעשטרענגטקייט פונעם טאָג. עס איז מיר ליב די רויִקייט און די שטילקייט, קאָן זיין, דערפאר, וואָס אין זיי קלינגען קינדערשע קוילעס און ס׳הערט זיך באזונדערס דייַטלעך דער פיאָנער־האָרן. אף יענער זייַט טייך, וועלכער איז דאָ זייער שיין, קיין שענער אָרט ארום דעם טייך וואָראָניעזש ווייס איך ניט, — אף דעם קעגנבערדיקן ברעג זע איך בוילעט הייַנטצייַטיקע געביידעס און פלעצער פונעם זאוואָדישן פיאָנער־לאגער, און דאָרט — אויסגעשטעלטע אין א פרעכטיקן סטראָי אף דעם אָוונט־קאָנטראָל אָטריאדן. אָנגעטאָן זייַנען די כעוורעלייַט אין אלציינע גרינע און אָראנזשעווע קאָסטיומלעך. אף אונדזער ברעג, אינמיטן וואלד, שווימען ארויס גרופּעסווייַז, ווי אין א מייַסעלע, ווייַסע צווייששטאָקיקע הייַזער, יעדער הויז — מיט זייַן סטיל, מיט זייַן ניט־געגליכענעם צו די ארומיקע דאך, טעראסע, געשניצטן לייַסטל.

— יעדער צעך האָט געבויט די שטיבער לויט זייַן אייגענעם פּראָיעקט. אָט די זייַנען אונדזערע...

און ווידער הערט זיך אין קארעטניס קאָל אזא מין ווירדע, גלייַך די הייַזער האָט ער דאָ פּערזענלעך אוועקגעשטעלט, גלייַך געבויט האָט ער זיי לויט זייַנע אייגענע פּראָיעקטן, און אלץ, וואָס איך זע דאָ, געהער אים.

און אָט באמערק איך גאָר אן אויסערגעוויינלעך געבייַ: אף א גרינער לאָנקע — א שטיבל אין דער פאָרם פון א לענגלעכער ליגנדיקער סיגאר, אן אויסגעפארבטע מיט א פריילעכער געלער פארב. אזעלכע שטיבלעך זייַנען געווען בא די בויער פון דער בייַקאל־אמורער מאגיסטראל. דאָ וווינען די שאָמרים — א פּאָרפּאָלק באיאָרטע מענטשן. גאסטפרייַנטלעך, אלס אלטן באקאנטן באגעגענען זיי זינאָווי פּעטראָוויטשן, באווייַזן די דירע — די קיך און דעם צימער, ווו אלץ איז געמאכט ראציאָנעל און באקוועם, מע זאָל קאָנען וווינען דאָ א קייַלעכיק יאָר...

אים 1979 איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס אויסצובויען א נייַעם וואלץ־ווערקשטעל. פארן שעף אינעם נייַעם צעך איז באשטעטיקט געוואָרן קארעטני.

טראָגן אף זיך די אכרייַעס פאר א צעך, וואָס איז טעטיק שוין יאָרנלאנג און פארמאָגט א באשטימטן, אויסגערעגולירטן ריטם, פאר א באצירק, אין וועלכן עס מיִען זיך הונדערטער ארבעטער בא קאָמפּליצירטער אויסשטאטונג; טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקייַט פאר א צעך, וואָס האָט א פּלאן, וועלכן ער מוז אויספילן, און שוואכקייַטן, וועלכע מע דארף טאָמיד האָבן אין זינען, — דאָס איז בעלי־סאָפעק א שווערע, ערנסטער איניען. אָבער בויען א נייַעם צעך, קאָמפּלעקטירן און קאָנגרויִרן, ארויסבאקומען בוי־מאטעראלן, דערווייַזנדיק די נויטווענדיקייַט פון דעם אין אלע אינסטאנצן, פאָרויסזען פּילצאָליקע ניט־פּראָגנאָזירבארע, אלס קלאל, באדערפענישן, דערשלאָגן זיך, אז אלע באשטעלונגען זאָלן אויסגעפילט ווערן מיצאד יעניקע, וואָס זייַנען מעכויעוו עס צו טאָן, — אזא מין לאסט פון דייַגעס איז בעקויעך צו שלעפּן אף זיך בלויז א קרעפּטיקע פּערזענלעכקייַט. עס טרעפט, אז זינאָווי פּעטראָוויטש טרוימט אמאָל: „אָט וועל איך פארטיידיקן די דיסערטאציע, און — אין אינסטיטוט, ס׳איז שווערלעך דאָ..." אין ערגעץ וועט ער ניט אוועקגיין, ער קאָן דען „פאראטן" דעם זאוואָד, ווו ער איז גליקלעך, ווו יעדע שאָ, יעדע רעגע נייטיקט מען זיך אין אים?

די קאנדידאטן־דיסערטאציע האָט ער פארטיידיקט. נאָך אין 1984. גיי ווייס, וויִאזוי עס האָט זיך אים אייַנגעגעבן צו באפרייַען דעם מויעך פאר איר, אָפּשוואכן דעם דרוק פון די פּערמאנענטע געדאנקען וועגן דעם פּלאן, וועגן דעם וואלצווערק. עפּשער גאָר פארקערט, גראָד זיי, דער פּלאן און דער סטאן, האָבן געהאָלפן אים שרייַבן די דיסערטאציע... אזעלכע אָנפירער, ווי קארעטני, גיבן זיך אָפּ א דין־וועכעזשבן, אז באזאָרגן און באוואָרענען סטראטעגיש דעם פּראָגרעס, דאָס הייסט פאקטיש די ארבעט־פּראָדוקטיווקייַט, איז מעגלעך בלויז, אויב פארבינדן און פארקניפּן די וויסנשאפט מיט דער פּראָדוצירונג.

דער וואלצווערק „2.500" דארף אָנהייבן ארויסגעבן שטאָל־בויגנס אין 1990. עס ווילט זיך זייַער, אז דער שעף פון אָט דעם סטאן זינאָווי פּעטראָוויטש קארעטני זאָל צו יענער צייַט שוין זייַן א דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאפטן, נאָר ניט אופהערן צו זייַן א „שעף פון דער פּראקטישער פּראָדוצירונג".

קים סעליכאָווו

# דאָס ווידערקאָל פון די אַפגאַנער בערג

1

מיך האָט געוווּנדערט, וואָס דער פאָלקאָווניק דזשאַפאַר גאַסטאַלי — דער נאַטשאַלניק פון דער אַפּעראַטיווער גרופּע — איז היינט געווען ביז גאָר אַפיציעל. מיין ראַפּאָרט, אַז איך האָב זיך אומגעקערט פונעם האָספּיטאַל, האָט ער אויסהערן ניט געוואָלט, זיך צוזעצן אויפן פאָטעל לעבן זיין שרייבטיש ניט איינגעלאַדן. מיך האָט באַזונדערס געקימערט דאָס, וואָס ער האָט אפילו ניט געפרעגט וועגן מיין געזונט. באַמערקט, אַז איך בין דערשטוינט פון אַזאַ קאַלטן אויפנאַם, האָט ער איינקורצן דערקלערט:

— יעדע מינוט איז טייער. אונדזערע כוואַרע האָבן אַנגעטראָפן אויף די שפּורן פון מאַמאַדס באַנדע. מיר דאַרפן זי ליקווידירן.

— איך בין גרייט צו דער אַפּעראַציע, כאַווער פאָלקאָווניק. איך דאַנק פאַרן צוטרוי, — האָב איך פריידיק אויסגעשריגן.

— איַיל זיך ניט אָפּדאַנקען, אַבדולאַ. מיט דער באַנדע וועל איך זיך אַליין פאַרנעמען. איינגעם מיט אַן אַטריאַד פון דער פאָלקס־אַרמיי. דיר גיב איך אַ באַזונדערע אויפגאַבע. אונדזערע כאַווייירים האָבן מיט אַ שאָ צוריק פאַרהאַלטן צוויי פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. אַלץ, וואָס באַ זיי איז געווען, האָב איך געהייסן דעם דעזשורנע אָוועקשיקן אויף אַן עקספּערטיזע. קלייב זיך פאַנאַנדער און געפין יענץ פּעדעמל, וואָס וועט העלפן אונדז ברענגען צו דער נאָרע פון דער ווילדער כייע. די אויפגאַבע איז קלאָר?

— אוואַדע, כאַווער פאָלקאָווניק! — האָב איך אָפּגעענטפערט.

ווען דער סערזשאַנט האָט אַריינגעפירט צו מיר איינעם פון די צוויי אַרעסטירטע, בין איך אָנגעפאַלן אויף אים:

— וועמען האָסטו מיר געבראַכט? דאָס איז דאָך נאָך אַ קינד! דער צווייטער אַרעסטירטער איז אויך אַזאַ?

— אַ ביסל עלטער. ער דאַרף שוין אַלט זיין באַ די צוואַנציק.

— נו, מיילע. פיר שוין אַריין אויך דאָס יאַטל, וועלן מיר זיך דורכשמועסן מיט ביידע איינגעם. ווי רופט מען דיך, מיידעלע?

— פאַטימאַ.

— און פונוואַנען זייט איר ביידע?

— פונעם קישלאַק טשערעק. פאַראַן דאָרטן באַ אונדז אַ בייזער טייך אַרס. און מיין ליאַלקע איז שטאַרק פאַרקויטיקט. האָב איך געוואָלט אויסבאָדן מיין ליאַלקע. און ווי נאָר איך האָב גענומען דאָס שליסעלע, אָנגעצויגן איר אייזערן האַרץ, זי זאָל שווימען אַ ביסל, האָט אַ סאָלדאַט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט. לאָזט זיך אויס, אַז אין יענעם וואַסער איז שטרענג פאַרבאָטן צו באָדן ליאַלקעס.

אין דער זעלבער מינוט האָט דער דעזשורנע אַריינגעפירט איר ברודער, כאַקימען.

— און פאַרוואָס האָט מען דיך געבראַכט צו אונדז, כאַקים?

— איבער די שיפעלעך, הויכגעשעצטער אָפיצער.

— פאַר וועלכע שיפעלעך?

— געווייינלעכע, פאַפירענע, — ענטפערט כאַקים. — לאָזט זיך אויס, אין דעם טייכל טאָר מען זיי ניט לאָזן. אַפּאַנעם, אַז דאָס וואַסער איז הייליק. מע טאָר אין דעם אפילו די הענט ניט איינעצן.

— האַלאַ, קאַפּיטאַן, — האָב איך דערהערט די באַקאַנטע שטים פונעם דעזשורנע. — רייס שוין איבער דעם אויספרעג פון דיינע אַרעסטירטע און גיי אַריין צו מיר. עס זיינען אָנגעקומען וויכטיקע דאָקומענטן, מיט וועלכע דו דאַרפסט זיך באַקאַנען.

— אַט וואָס, כעווורע, — האָב איך זיך געווענדט צו די אַרעסטירטע נאָך דעם, ווי איך האָב געענדיקט רעדן דורכן טעלעפאָן. — איר האָט געוויס זיך אויסגעהונגערט. באַלד וועט מען דאָ אייך

אַנהאַדעווען, מיט טײ אַנפּאָיען און איך גײ דערװײַל אַװעק, איך האָב אַן איניען. װען איר װעט זיך אומקערן, װעלן מיר פֿאָרזעצן אונדזער שמועס.

אינעם צימער פֿונעם דעזשורנע האָט דער לייטענאַנט מיר דערלאַנגט אַ גאַנץ װאָגיקע פּאַפּקע.

— עס איז באַפֿױלן באַקאַנען מיט אָט די דאָקומענטן נאָר דיך אַלײן. אַרױסטראָגן זײ פֿונדאַנען איז פֿאַרבאָטן. איבערשרײַבן טאָר מען אױך ניט. די גאַנצע האָפֿענונג איז אױף דײַן זיקאָרן, — האָט געמאָלדן דער לייטענאַנט.

איך האָב געעפֿנט די פּאַפּקע און אָנגעהױבן לייענען די אױספֿירן פֿון דער עקספּערט־קאָמיסיע. „די „װײַסע קײַלעכלעך" זײַנען אײנע פֿון דעם נײַעם כעמישן געװער, װאָס דער סױנע באַניצט אױף דער טעריטאָריע פֿון אַפֿגאַניסטאַן. זײ שײדן זיך מיט גאָרנישט ניט אונטער פֿון די שױן באַװוּסטע גיפֿטיקע מיטלען „ב־8" און „יע־12", װעלכע דער סױנע האָט באַנוצט אין אײניקע ראַיאָנען פֿון אונדזער הײמלאַנד. די „װײַסע קײַלעכלעך" פֿאַרמאָגן בלױז אַ גרעסערע קאָנצענטראַציע פֿונעם גיפֿט. בלױז אײן טראָפּן, צעפֿירט אין צװאַנציק ליטער װאַסער, ברענגט טײקעף אום יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם. די „װײַסע קײַלעכלעך", װי אױך „ב־8" און „יע־12", װערן אױסגעאַרבעט אין קאַליפֿאָרניע, אין די פֿאַרײניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, אין דער געהײמער מיליטערישער לאַבאָראַטאָריע פֿונעם פּראָפֿעסאָר מאָריסאָן".

— נו, װי געפֿעלט דאָס דיר? — פֿרעגט דער לייטענאַנט. — זײ זײַנען שרעקלעך דערמיט, װאָס יעדער סױנע קאָן זיך באַנוצן מיט אָט די „װײַסע קײַלעכלעך" און אָנטאָן צאָרעס אונדזער רעפּובליק פֿיל מערער אײדער מיט אַרמײיִשן געװער.

— צי דען זײַנען שױן געװען אַזעלכע פֿאַלן אױף אונדזער טעריטאָריע?

— געװען פּרוּװן דורכצופֿירן אַזאַ כעמישע דיװערסיע, נאָר די פֿאַרברעכער האָט מען באַצײַטנס אַרעסטירט.

— װער זשע זײַנען זײ געװען?

— מינדעריאָריקע קינדער. כאַקים און זײַן שװעסטערל פֿאַטימאַ.

— עס קאָן ניט זײַן! — האָב איך אױסגעשריגן, אָן איבעראַשטער מיט אָט דער שרעקלעכער נײַס.

— צום באַדױערן, קאַפּיטאַן. מע האָט זײ געפּאַקט פֿאַר די הענט. כאַקים האָט ניט בלױז געלאָזט פֿאַפֿירענע שיפֿעלעך, נאָר אָנגעפֿילט מיט זײ „װײַסע קײַלעכלעך". דו שטעלסט זיך פֿאָר, װאָס עס װאָלט געשען, װען עס װערט אָפּגעסאַמט דאָס װאַסער, מיט װעלכן עס באַנוצט זיך די באַפֿעלקערונג? עטלעכע מינוט זײַנען מיר בײדע געזעסן שװײַגנדיק. אין קאָפּ זײַנען דורכגעפֿלױגן טױזנטער פֿראַגן, אױף װעלכע קײנער האָט דערװײַל ניט געקאָנט ענטפֿערן.

— אַגעװו! — האָט זיך אָנגערופֿן דער לייטענאַנט. — אין דער דאָזיקער פּאַפּקע איז דאָ פֿאַר דיר נאָך אײן װיכטיקער דאָקומענט.

אין דער געהײמער מיטײלונג װערט געמאָלדן, אַז די ליאַלקע, װאָס מע האָט צוגענומען באַם מײדעלע, איז ניט קײן שפּילעכל, נאָר אַן עמעסדיקע מינע מיט אַ „סורפּריז". מע דאַרף נאָר לאָזן אין גאַנג דעם מעכאַניזם, װאָס װערט אָנגעפֿירט מיט אַ מיקראָסקאָפּישער עלעקטרישער מאַשין, און זי װעט אַװעק צום פֿאַרפֿראָגראַמירטן ציל. אין דעם פֿאַל האָט זי געדאַרפֿט אױפֿרײַסן די װאַסערלײטונג אין קאַבול.

— אָט האָסטו דיר נאַרישע קינדער, — האָב איך צו זיך אַלײן געזאָגט. — דער איניען איז גאָר ניט אַזאַ פּראָסטער, װי מיר האָט זיך געדוכט מיט אַ שאָ צוריק.

— ריכטיק, קאַפּיטאַן, — איז דער לייטענאַנט מאַסקים געװען. — דיר װעט אױסקומען אַ שװײַך טאָן בײַ דער אָפּעראַציע. איז עפּשער דערװײַל אױסטרינקען טײ?

— װער קאָן איצט רויִק טרינקען טײ?

2

דער פֿאָלקאָװניק דזשאַפֿאַר גאָסטאַלי האָט זיך אומגעקערט פֿון דער פֿאָליצײ־פֿאַרװאַלטונג פֿאַרנאַכטלעך, װען נאָך דער אױסמאַטערנדיקער היץ קומט אָן די אָפּפֿרישנדיקע קילקײַט. ער איז געװען אין אַ גוטער שטימונג, פֿרײלעך און אױפֿגערודערט. ס'האָט זיך געפֿילט, אַז ער האָט זיך דערװײַל ניט אָפּגעקילט, אַז מיט די געדאַנקען און מיטן גאַנצן װעזן איז ער נאָך דאָרטן, אױף דער שלאַכט־אָפּעראַציע. קײן אײן דושמאַן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַרױסרײַסן זיך פֿון דער אײַזערנער אַרומרינגלונג. די, װאָס זײַנען געבליבן לעבן, האָבן אַװעקגעלײגט דאָס געװער און זיך אָפּגעגעבן אין געפֿענקעניש. דער אַטאַמאַן פֿון דער באַנדע טאַמאַד איז אַריבערגעפּעקלט געװאָרן אין טורמע.

— נו, און װעלכע נײַס זײַנען בײַ דיר, אַבדולאַ? — האָט געפֿרעגט דער פֿאָלקאָװניק.

איך האָב אים געגעבן אויך [illegible]

איך האָב אים גענוי דערציילט וועגן כאַקימען און וועגן פאַטימאַ, וועגן דעם, אַז דעם איקער פאַרשוויַיגן זיי: ווער האָט זיי געשיקט אַהער, קיין קאַבול, פונעם ווײַטן הויכבאַרגיקן קישלאַק טשערעק.

— אַט די קאָמפּליצירטע אויפגאַבע וועט אויסקומען צו לייזן דיר, אַבדולאַ. צום באַדויערן, קאָן איך דיר קיינעם ניט געבן צו הילף. יעדערער האָט זײַן אויפגאַבע. דו מוזט אויסרעכענען בלויז אויף זיך אַליין. דעם קאָמענדיקן גאַנצפרי דאַרפֿ דער פּלאַן פון דער קומענדיקער אָפּעראַציע זײַן בײַ מיר אויפֿן טיש. פאַרשטאַנען, קאַפּיטאַן?

— צוערשט וויל איך הײַנט אײַנלאַדן די געסט צו זיך אַהיים, פאַרשטייט זיך, אויב איר וועט דערלויבן.

— צו זיך אַהיים, די ערעסטירטע?

דער פּאָלקאָווניק איז געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט, און קעדיי איבערצײַגן אים, גען איך אים דערקלערן:

— איך וויל אויסבאַדן די כעווורע, זיי זײַנען שטאַרק אומריין. מײַן מאַמע וועט זיי פאַרבײַטן די שמאַטעס אויף עפּעס מער לײַטישערס, זיי גוט אָנהאָדעווען. זי האָט דאָך צוגעזאָגט צוגרייטן אַ פּלאָוו, ווען איך וועל זיך אומקערן פונעם האָספּיטאַל.

— דו ווייסט, אַבדולאַ, — האָט דער פּאָלקאָווניק זיך אָנגערופן, — דײַן פאָרשלאַג געפעלט מיר. גאַנץ מעגלעך, אַז אין די היימישע באַדינגונגען, און באַזונדערס דאָס גוטע האַרץ פון דײַן מאַמען, דער געשעצטער לײַלאַ-כאַנום, וועט זיי מאַכן מער אָפנהאַרציק. זאָל זײַן אַזוי, און גיב איבער אַ גרוס דײַן מאַמען.

מיר ווײַנען אַפן סאַמע לעצטן. פּערטן שטאָק. איך גיי פאָרויס, די כעווורע נאָך מיר. איך טו אַ קוועטש די קנאַפּקע, און גלײַך עפנט זיך די טיר פון אונדזער דירע.

— געקומען, ענדלעך, זון מײַנער! — קושט מיך די מאַמע. — איך האָב הײַנט זיך אָפּגעבעטן פון דער אַרבעט, קעדיי צוגרייטן אַלץ און ווי געהעריק באַגעגענען מײַן קאַפּיטאַן. קום זשע אַרײַן אין שטוב, וואָס שטייסטו בײַ דער טיר?

— מאַמע, איך בין ניט איינער, נאָר מיט געסט.

— מיר זײַנען שטענדיק צופרידן מיט גוטע געסט. זאָלן זיי אויך אַרײַנקומען, זאָלן זיי אַרײַנ־ברענגען פרייד אין שטוב. ווי רופט מען דיך, מיידעלע?

— פאַטימאַ.

— און דאָס איז כאַקים, איר ברודער, — האָב איך פאַרגעשטעלט דאָס יאַטל.

— און מיך רופט מען לײַלאַ-כאַנום. אַט וועט איר זיך אָרומוואַשן, וועלן מיר עסן וועטשערע. נאָך דער זאַטער וועטשערע האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן. איך מיט כאַקימען האָבן זיך אויס־געבעט אויפֿן דיל. פאַרן שלאָף האָב איך אַרויסגענומען מײַן פּיסטאַלעט, דורכקאָנטראָלירט די צאָל קוילן אין אים.

— אַ טשעכאָסלאָוואַקישע מאָדעל פינף און זיבעציק, געמאַכט אין ברנאָ, — האָב איך דערהערט כאַקימס שטים.

באַמערקט, ווי איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים אַ דערשטוינטער, האָט ער זיך אַ באַרים געטאָן: איך ווייס אַ סאַך פּיסטאַלעטן.

— עס קאָן ניט זײַן! וועלכע נאָך פּיסטאַלעטן ווייסטו?

— אין מײַרעוו-דײַטשלאַנד מאַכט מען פאַרשיידענע פּיסטאַלעטן, נאָר מיר געפעלט בעסער דער „פּאַראַבעלום". ניט קיין שלעכטער פּיסטאַלעט איז „וואַלטער". מיר געפעלן אויך די מאָדעלן פון „מי־לימערפּיסטאָל".

— פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? ווער האָט דיך אויסגעלערנט?

— מײַן זיידע שאַמסודין קאַקאַר איז געווען אַ געוועזער-מײַסטער. בײַ אים איז געווען אַ בוך, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר גרויס געלט. דער בוך האָט געהייסן „קורצע כאַראַקטעריסטיק פון שיסער־געווער פון די אַרמייען פון דער גאַנצער וועלט", אַרויסגעגעבן אויף אַראַביש אין אַמעריקע. לויט אַט דעם בוך האָט דער זיידע מיך אויסגעלערנט דעם אַלפבייס. דערנאָך האָב איך אים אַליין געלייענט.

— און וווּ איז איצט דײַן זיידע?

— מע האָט אים געהאַרגעט.

— ווער?

— זייער שלעכטע מענטשן.

אינעם צווייטן צימער האָט נאָך געברענט די שײַן און עס האָבן זיך געהערט פאַרטרויבטע שטי־מען. דאָס מיידעלע איז צום ערשטן מאָל אין לעבן געלעגן אויף אַ ווייכן געלעגער אין אַ בעט. זי האָט זיך געטוליעט צו מײַן מאַמען, ווי צו אַן אייגענער, און געשעפּטשעט.

— דערציי̆ל מיר, היוכגעשעצטע לייִלאַ־כאַנום, אַ מייַסעלע. נאָר ניט זייער קיין שרעקלעכס און מיט אַ גוטן סאָף. אַז דעם שלעכטן זאָל באַזיגן אַ גוטער מענטש.

— נו, גוט, — זאָגט די מאַמע. — איך ווייס אַזאַ מייַסעלע. ליג שטיל און הער, ווי דאָס פֿלעגט טאָן מייַן אַבדולאַ, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ קליינינקער.

קעדייַ ניט פֿאַרשפּעטיקן אויף דער אַרבעט, האָב איך אין אָוונט אָנגעשטעלט דעם וועקער אויף זיבן גאַנצפֿרי. נאָר ס׳איז אויסגעקומען אופֿשטיין אויף דרייַ שאָ פֿריִער, די מאַמע האָט מיך אופֿגעוועקט.

— שטיי אויף גיכער, זונעניו. אַ צאָרע אַ גרויסע!

— וואָס פֿאַר אַ צאָרע?

— די קינדער זייַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

— פֿאַרשוווּנדן געוואָרן? וויִאַזוי? עס קאָן ניט זייַן!

— צום באַדויערן, איז דאָס אַזוי.

— מיר וועלן זוכן! איך פֿאָר באַלד אין דער פּאָליציי־פֿאַרוואַלטונג.

אויסגעהערט מייַן ראַפּאָרט, האָט דער פּאָלקאָווניק דזשאַפֿאַר גאַסטאַלי פֿאַררייכערט אַ סיגאַרעט. איך בין געשטאַנען און געוואַרט אויפֿן צייכן פֿונעם נאַטשאַלניק, וואָס וועט זיך באַלד אויסגיסן אויף מיר... נאָר אין אָט דער מינוט איז אין קאַבינעט אַרייַנגעקומען דער מאַיאָר קאַקאַר.

— דערלויב מעלדן, כאַווער פּאָלקאָווניק, — ווענדט ער זיך.

— ביטע.

דער מאַיאָר האָט געעפֿנט די פּאַפּקע און אָנגעהויבן פֿאָרלייענען פֿאַרשיידענע יעדיִעס, צום סאָף — די סאַמע שרעקלעכסטע פֿאַר מיר מיטיילונג.

„נעכטן, ווען דער סאַניטאַר־דאָקטער האָט אויסגעפּרוּווט דעם זופּ אין דער גאַרקיך פֿון דער וועבער־פֿאַבריק, האָט ער דערפֿילט אַ ביטערלעכן בייַטאַם. די בריגאַדע עקספּערטן, וועלכע איז טייקעף אַרויסגערופֿן געוואָרן, האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דער זופּ איז אָפּגעסאַמט מיט דעם זעלבן גיפֿט, וואָס געפֿינט זיך אין די אויזגערופֿענע „וויַסע קיִילעכלעך". אַדאַנק די דרינגענדיקע אָנגענומענע מיטלען איז קיין אומגליק ניט געשען".

איך קוק אויפֿן פּאָלקאָווניק און טראַכט: וויִאַזוי וועט ער מיך איצט אויסזידלען? נאָר ער האָט געזאָגט גאַנץ רויִק און שטיל:

— וועגן די כעוורעלייַט, אַבדולאַ, דייַגע ניט. מיר וועלן זיי אָפּזוכן אַפֿילע אונטער דער ערד. און דיר וועט אויסקומען צופֿאָרן צו זייער היים, אין קישלאַק טשערעק. לויט אונדזערע יעדיִעס, איז דאָרט ניט לאַנג צוריק געווען אַ נייַע באַנדע דושמאַנען, וועלכע איז אונדז נאָך ניט באַקאַנט. דו וועסט דאַרפֿן פֿאַרפֿינקטלעכן, ווער פֿון די אייַנוווינער פֿונעם קישלאַק איז פֿאַרבליבן לעבן. מעגלעך, דער פֿאָטער אָדער די מוטער פֿון אונדזערע כעוורעלייַט. געניטער דערוויס זיך וועגן דער באַנדע פֿון פּיר באַבאַ־כאַן און וועגן זייַן פֿערזענלעכקייַט. די אופֿגאַבע איז קלאָר?

— אַוודע, כאַווער פּאָלקאָווניק.

פֿון קאַבול ביזן ראַיצענטער אין איינעם פֿון די ווייַטסטע פּראָווינצן פֿון אונדזער לאַנד, וואָס גרענעצט זיך מיט פּאַקיסטאַן, בין איך געפֿלויגן אויפֿן אַעראָפּלאַן צוויי שאָ. נאָר פֿונעם ראַיצענטער ביזן קישלאַק טשערעק האָבן מיר זיך געשלעפּט גאַנצע דרייַ מעסלעס. צו אים האָט געפֿירט אַ שמאָל געשלענגלט סטעזשקעלע אַלץ אַרוף און אַרוף. מיט מיר אייניִנעם שאָקלען זיך אין די זאָטלען דער נאַטשאַלניק פֿונעם ראַיאָנישן פּאָליציי־אָפּטייל, דער לייטענאַנט סאַיד מאַדזשרוק און צוויי זייַנע מיט־אַרבעטער — מוכאַמאַד און קאַסעם.

קיין טשערעק זייַנען מיר אָנגעקומען גאַנצפֿרי, אויפֿן פֿערטן טאָג.

קיין לעבעדיקן נעפֿעש האָבן מיר אין קישלאַק ניט באַגעגנט. אַליין דער קישלאַק איז אויך ניט געווען. עמעצער האָט אופֿגעריסן אַלע הייַזער. מיר זיצן אייַנצווייען, איך מיט סאַיִדן, באַם ברעג פֿונעם טייַך אַרס און שווייַגן. יעדערער איז פֿאַרנומען מיט זייַנע געדאַנקען. מוכאַמאַד און קאַסעם האָבן זיך אוועקגעלאָזט איבערן פֿאַרשוווּנדענעם קישלאַק.

— עך, ווען טייַכן זאָלן קענען רעדן! — האָט סאַיד אַרויסגעזיפֿצט. — וואָלט דער אומרויִקער אַרס דערציילט, וועמ׳ איז עס באַגאַנגען אַזאַ פֿאַרברעכן.

— און דיר איז ניט מאָדנע, סאַיד, — פֿרעג איך, — וואָס מיר האָבן אין ערגעץ ניט געטראָפֿן קיין הארוגים?

— פּאַקיסטאַן איז ניט ווייַט, די גרענעץ באַנאַנד. איז אָט, דורך אָט דעם באַרגשפּאַלט...

— וואָס זשע, די דושמאַנען האָבן מיטגעשלעפּט אַלע הארוגים מיט זיך?

— געווען שוין אַזעלכע פֿאַלן, די סאָנים האָבן זיך אויסגעלערנט פֿאַרווישן זייערע בלוטיקע שפּורן.

מוכאַמאַד און קאַסעם האָבן זיך אומגעקערט דערשיטערטע.

— טוט א קוק, וואָס מיר האָבן געפֿונען? א פּלאַקאַט, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו א פעלדז לעבן דעם בארגשפּאַלט.

איך לייען אף א קאָל דאָס, וואָס עס איז אָנגעשריבן אף אראַביש:

„רייַנגלויביקע מוסולמענער! אין אָט דעם קישלאַק האָבן געלעבט פרידלעכע, ארבעטזאַמע און גאַסטפאַרכטיקע מענטשן. זייַנען געקומען צו זיי פון דער שטאָט גאַטלאַזע אינײַנעם מיט די רוסישע אפּיקאָרסים. זיי האָבן געוואָלט, אז אַלע גלויביקע זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אונדזער הייליקן גלויבן אין אַלאַך. אַנשטאָט פינף מאָל אין טאָג מאַכן דעם נאַמאַז, ווי עס לערנט אונדז דער הייליקער סייפער קאָראַן, האָט מען באַפוילן אַלעמען, פון קליין ביז גרויס, זיך לערנען, לייענען ביכער, וועלכע עס האָט אָנגעשריבן אַליין דער טייוול. און ווען די אָרטיקע מוסולמענער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויספילן דעם דאָזיקן באַפעל, האָבן די שטאָטישע מערדער דערשאָסן אַלע איינוווינער פונעם קישלאַק טשערעק, ניט געשוינט אפילו די קינדער און טיפע זקיינים. צום געווער, ברידער מוסולמענער, בלוט פאַר בלוט! לאָמיר נעקאָמע נעמען אין די גאַטלאָזע פאַרן אומקום פון אונדזערע מענטשן, וועמעס שולד איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זיי האָבן געגלייבט אין אונדזער געליבטן הערשער — אַלאַך. פאָלקס-נעקאָמענעמער פיר באַבאַ-כאַן".

— דאָס איז דאָך א בילבול! א שרעקלעכער בילבול! — האָט אויסגעשריגן סאַיד.

איך האָב א קוק געטאָן אפן זייגער. שוין זיבן אין אָוונט.

— צייַט זיך לאָזן ווייַטער, מייַנע פרייַנט, — האָב איך געזאָגט, — מע דאַרף, קאָלומאַן ס'איז נאָך ליכטיק, אויספאַרשן דעם בארגשפּאַלט, זיך דערקלייַבן ביז צו דער גרענעץ מיט פּאַקיסטאַן, א קוק טאָן, צי עס זייַנען דאָרטן ניט פאַראַן קיין שפּורן פון די דושמאַנען.

באַם אָנהייב איז דער בארגשפּאַלט געווען א גאַנץ ברייטער, אהער האָט אריַינגעקוקט די הייסע זון, פון אונטן איז פריילעך געפּלאַסן דער טייַך אַרס, אונטער די טלאָען פון די פערד האָבן זיך גע־שאָטן דריבנע שטיינדלעך. איך פאָר פון פאָרנט, נאָך מיר סאַיד, דערנאָך מוכאַמאַד און נאָך אים קאַסעם. איך קוק זיך אום און דערזע, ווי סאַידס פּנים איז שטאַרק בייז און פאַרומערט.

— וואָס איז מיט דיר, סאַיד? — פרעג איך דעם עלטערן לייטענאַנט.

— איך פאָר און טראַכט וועגן אָט דעם מיִעסן פּלאַקאַט. אונדזער פאָלקס-אַרמיי באַגיסן זיי מיט שמוץ. און ווי קאָן מען עס אַזוי באַשמוצן די רוסישע סאָלדאַטן? מיר האָבן דאָך זיי אַליין געבעטן באַשיצן אונדזער רעפּובליק! און די רוסישע יאַטן, זיי ושאָלעווען ניט זייער לעבן צוליב אונדז, אַפּגא־נער, אויספילן זייער אינטערנאַציאָנאַלן כויוו! און אזעלכע ווי פיר באַבאַ-כאַן, פּרווון אָנרייצן קעגן זיי אונדזער אוילעם.

— זיי פּרווון, נאָר דאָס באַקומט זיך ניט בא זיי. די פרייַנטשאַפט פון די אַפגאַנער מיט די סאָ־וועטישע סאָלדאַטן פעסטיקט זיך פון טאָג צו טאָג. און דאָס ווייסן אַלע. בייַשפּילן דערצו האָבן מיר אייך ניט ווייניק יעדן טאָג.

3

אַלץ שווערער און שווערער ווערט בייַצוקומען דעם שטיינערנעם אָנוואַלגער אינעם בארגשפּאַלט. מע האָט געמוזט זיך לאָזן צופוס, ריכטיקער, שפּרינגען פון איין שטיין אפן צווייטן ביז דער סאַמע גרענעץ.

— און צו דער גרענעץ איז נאָך ווייַט? — פרעג איך באַם לייטענאַנט.

— ניט זייער. נאָך דרייַ קילאָמעטער.

מיט די פערד איז געבליבן מוכאַמאַד. און מיר אינדרייַען זייַנען אוועק צופוס. ביז גאָר שווער זייַנען אונדז אָנגעקומען די דאָזיקע דרייַ קילאָמעטער. פאַרשוויצטע, צעדראַפּעטע, אין הוילע סיניאַקעס האָבן מיר זיך דערקלייבן צו אונדזער ציל.

— אָט איז זי, די גרענעץ, — האָט זיך אָנגערופן קאַסעם, צוזעצנדיק זיך אף א גרויסן שטיין.

ס'האָט זיך פּאַשעט ניט געגלייבט, אז אָט דאָ, בא אונדזערע פיס, גייט דורך די גרענעץ-ליניע, וואָס טיילט אָפּ אַפגאַניסטאַן פון פּאַקיסטאַן. מיר האָבן אופמערקזאַם באַקוקט דעם גאַנצן בארגשפּאַלט, נאָר אין ערגעץ ניט געפונען קיין מינדסטן שפּור פון א לעבעדיקן נעפעש: ניט קיין אש פון שייַטערס, ניט קיין באַנקעס פון קאָנסערוון, ניט קיין פערדיש מיסט, ניט קיין הילזעס פון קוילן.

— דאָס איז נאָך ניט קיין ארגומענט, — רופט זיך אָן דער לייטענאַנט. — פּאַשעט, די באַנדע איז גוט צוגעגרייט, מיט א באַשטימטער דערפאַרונג, זי קאָן גרינג אריבער די גרענעץ און פאַרווישן די אייגענע שפּורן.

— און עפּשער איז זי אוועק מיט אַן אַנדערן וועג נאָך דעם, וואָס זי איז אַנגעפּאַלן אויף קי־שלאַק? — זאָגט אַרויס זײַן מיינונג קאַסעם. — זי זיצט איצט שטיל אין די בערג אין אַזאַ באַהעל־טעניש, וועגן וועלכן קיינער ווייסט ניט.

מיר וועלן דאָס אַלץ אויסגעפינען, — פּאַרזיכער איך, — נאָר דערווײַל איז צײַט זיך אומקערן. איך דאַרף אײַנגיכן זיך פאַרבינדן מיט קאַבול.

מוכאַמאַד האָט באַוויזן בעשאַסמיײַסע אַנצינדן אַ שײַטער און צוגרייטן פאַר אונדז אַ שיינע וועטשערע, אַפילו אָפּגעקאָכט טיי אין אַ סאָלדאַטיש קעסעלע. ווען מיר האָבן אויסגעטרונקען די ערשטע קוואַרטלעך, האָט מוכאַמאַד זיך געווענדט צו מיר:

— כּאַווער קאַפּיטאַן, איך האָב זיך דערמאָנט יענעם אַלטיטשקן. דאָס דאַרף זײַן פּינקטלעך דער, וועגן וועמען איר האָט דערציילט.

— וועגן וועלכן אַלטיטשקן? דערקלער אונדז גענויער.

— יענעם טאָג האָב איך אָנגעהויבן דעזשורען, ווי די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען. לעבן דער הענגענדיקער בריק. שטיי איך אויף דער בריק און קוק זיך אײַן אין אַרט. פּלוצלינג דערזע איך, ווי עפּעס שווימט איבערן טײַך, דרייט זיך אויף איין אָרט. איך קוק זיך צו — ניט קיין גרויס פּליטל, און אויפן פּליטל אַ מענטש. די אויגן פאַרמאַכט, און די הענט זײַנע שווענקען זיך אומעכטיק אינעם וואַסער.

נו, שווימען קאָן איך גוט. אַראָפּגענומען פון דער פּלייצע דעם אויטאָמאַט, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער. טאַקע מיט די לעצטע קויכעס אים אַרויסגעשלעפּט אויפן ברעג. געווען איז דאָס אַ טיפער זאָקן מיט אַ געגאָלטן קאָפּ און ווײַסער באָרד, אויפן שטערן פאַרזאָטן בלוט. דאָס איז געווען דער באַוווּסטער געווער־מײַסטער שאַמסודין פונעם קישלאַק טשערעק.

— און וואָס איז ווײַטער געשען? — פרעג איך מוכאַמאַדן.

— איך האָב גלײַך אויסגעשאָסן אויף אַרויסצורופן הילף. אויף מײַן שאָס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן פיל מענטשן. דערנאָך איז צוגעפאָרן אַ סאַניטאַר־מאַשין, און אַ האַלבער שעה אַרום איז געקומען צו פליען אַ ווערטאָליאָט און אַוועקגעפירט אים קיין קאַבול.

— צי דען איז דאָס יענער שאַמסודין? — פרעג איך, פול מיט אומגעדולד.

— געוויס יענער, — פאַרזיכערט מוכאַמאַד, — בײַ אים איז פאַראַן זייער אַ פעיִק אייניקל כאַ־קים.

איך האָב ניט געגלייבט מײַנע אויערן.

אין אַוונט איז אויפן טיש פונעם פּאָלקאָווניק דזשאַפּאַר גאַסטאַלי געלעגן דער טעקסט פון דער שיפראַווקע, וואָס איך האָב איבערגעגעבן פונעם ראַיאָנישן צענטער:

„דרינגענדיק, קאַבול, זאַרקין. איך בעט אויפזוכן אין די האָספּיטאַלן אָדער שפּיטאָלן דעם געווער־מײַסטער פונעם קישלאַק שאַמסודינען. מעגלעך, אַז ער לעבט נאָך. ער איז איבערגעשיקט געוואָרן פון ראַיצענטער אַ שווער פאַרווונדעטער, אין באַווסטײַן. דעם 23 אויגוסט האַיאַר אויפן ווערטאָליאָט נומער 5213".

גאַנצפרי האָב איך באַקומען אַן ענטפער:

„שאַמסודין לעבט, געפינט זיך אין האָספּיטאַל, זײַן געזונט־צושטאַנד איז אַ באַפרידיקנדיקער. די קינדער האָבן מיר ניט געפונען. פרײַטיק אין אַוונט זאָלט איר זײַן אין קאַבול. זאַרקין".

שוין דורך צוויי טעג, און מײַנע פּליטים האָט מען נאָך אַלץ ניט געפונען. די אָפּעראַטיווע גרופּע האָט אויסגעפאָרשט ווי עפּעס אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין שטאָט. געזוכט אויף די מערק, אויף דער גרעס־טער מאַגיסטראַל פון דער הויפּט־שטאָט, אין די נײַע וווינונגס־ראַיאָנען, נאָר געפינען דאָס ברודערל מיט דעם שוועסטערל ניט געקאָנט. אָבער דאָס, וואָס עס האָבן ניט געקאָנט די אַלע אָפּעראַטיווע גרופּעס, האָט אויפגעטאָן מײַן מאַמע לײַלאַ־כאַנום.

פרײַטיק גאַנצפרי איז זי אַוועקגעפאָרן אויפן מאַרק. ס'איז געווען אַן אָפּרו־טאָג, און אײַלן זיך אויף דער אַרבעט האָט מען ניט געדאַרפט. זי האָט אַלץ געזוכט פאַר זיך סכוירע אויף אַ קליידל און צוקלײַבן ניט געקאָנט. האָט זי באַשטימט אַרײַנגיין אין מעלוכישן אוניווערמאַג. עפּשער דאָרטן. אומדערוואַרט האָט זי דערזען אַזאַ קלייד, וועגן וועלכן פאַטימאַ האָט געטרוימט בייס זייער באַנאַכ־טיקן שמועסן.

„אוי, ווי דאָס מיידעלע וואָלט זיך דערפרייט, ווען זי באַקומט פון מיר אַזאַ מאַטאָנע", — האָט די מאַמע טיף אַ זיפץ געטאָן. — וווהין און פאַרוואָס זײַנען זיי אַנטלאָפן?

דאָך האָט זי באַשטימט קויפן פאַרן מיידעלע דאָס קליידל. זי האָט אײַנגעקויפט דאָ נאָך עפּעס און שוין געקליבן זיך אַרויסגיין, האָט זי דערהערט, ווי עמעצער רופט זי זייער שטיל:

— לײַלאַ־כאַנום, לײַלאַ־כאַנום!

אומגעקוקט זיך, האָט זי דערפרייט אויסגעשריגן:

— פאַטימאַ, טעכטערל מײַנס! האָסט זיך אָפּגעזוכט, לעבסט? לאָמיר דיך אַרומנעמען!

אָבער פּאַטימאַ, צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן, וויַזט, אַז מע דאַרף רעדן זייער שטיל, און קוקט זיך שרעקעוודיק אַרום.

— האָב קיין מורא ניט! איך וועל ניט לאָזן, מע זאָל דיך באַליידיקן! לאָמיר בעסער נעמען מאַראַזשענע. דו האָסט דאָך געוויס אין לעבן ניט געגעסן אַזוינס. און דאָס איז זייער אַ געשמאַקע זאַך. נו, קום.

נאָר דאָס מיידעלע רירט זיך ניט פון אָרט. זי שטייט אַ באָרוועסע, אין די זעלבע שמאַטעס, דאָס פּאָנעם איז בלייך און פאַרומערט.

— נו, אויב דו ווילסט ניט קיין מאַראַזשענע, איז קום אוועק אַ ביסל אין אַ זיַיט, צום גרויסן פענצטער.

דאָס מיידעלע האָט זי געפאָלגט.

— זיַיט מיר מוחל, ליַילאַ־כאַנום, — האָט זי אויסגעשעפּטשעט. — נאָר איך קאָן זיך מיט איַיך ניט באַגעגענען. מע טאָר ניט. ס'איז שטרענג פאַרבאָטן. דאָס איז אַ באַפעל.

— וואָס פאַר אַ באַפעל? ווער האָט עס רעכט צו פאַרבאָטן אונדז באַגעגענען זיך? דערציי́ל מיר וועגן אַלץ.

— איצט קאָן איך ניט. איך דאַרף שוין גיין. איך בין אַנטלאָפן אַן אַ דערלויבעניש. אוי, וועל איך שוין אַריינכאַפּן פון זיי!

— פון וועמען? וואָס זיַינען דאָס פאַר אַ שלעכטע מענטשן?

דערנאָך, דערנאָך וועל איך דערציילן. און איך קוק לאַנג אַרויס אויף איַיך. איך האָב גע־מיינט, אַז איר וועט שוין ניט קומען. נאָר איר זיַיט געקומען. איך האָב געזען, ווי איר האָט געקויפט פאַר מיר דאָס קלייד.

און אומדערוואַרט זיך צעוויינט.

— וואָס איז מיט דיר, טעכטערל? מע דאַרף ניט וויינען. — באַרויקט זי מיַין מאַמע. — לאָמיר בעסער אָנמעסטן דאָס קלייד. וואַרט צו אַ ווײַלע. איך וועל גיין זיך דערוויסן, ווו איז די קאַבינע, ווו מע קאָן אָנמעסטן.

אינגיכן האָט די מאַמע זיך אומגעקערט, נאָר פּאַטימאַ שוין ניט געטראָפן. זי האָט איבערגע־נישטערט אַלע שטאָקן פונעם מאַגאַזין, איבערגעפרעגט פיל פאַרקויפער — צי האָבן זיי ניט געזען אַ באָרוועס מיידעלע אין שמאַטעס, — נאָר קיינער האָט זי ניט געזען. די מאַמע האָט געהאָפט זי אָפּזוכן אין דרויסן, נאָר דאָס מיידעלע איז אין ערגעץ ניט געווען.

זי האָט ניט באַמערקט, ווי לעבן איר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי, און פון דער קאַבינע איז אַרויס דעם זונס אַן אַלטער באַקאַנטער, ראַפּאַט.

— וועמען זוכט עס די הויכגעשעצטע ליַילאַ־כאַנום? — פרעגט ער.

— אַ מיידעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן. עפשער האָסטו זי געזען? אַ קליינינקע אַזאַ, אַ באָרווע־סע, אין שמאַטעס. אַ שוואַרץ־אויגיקע.

— נאַרוואָס געזען, ווי זי איז אַרויס פונעם מאַגאַזין ווי אַ צעדרייטע, נאָר איך קען זיי גוט, די גאַנצע כעווריַיע.

— דו קענסט זיי?

— איך קען, — האָט ראַפּאַט באַשטעטיקט. — איך האָב זיך באַקאַנט מיט זיי אויף דער קופּע אַרויסגעוואָרפענע אויטאָמאָבילן. איך קום אָפט אַהין אָפּזוכן נייטיקע דעטאַלן. זיי וווינען אין אַ סאַ־לאָן פון אַן אַלטן אויטאָבוס. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, די מאַמע האָבן דערהאַרגעט שלעכטע מענטשן.

— געוואַלד, געוואַלד, — האָט די מאַמע אים איבערגעשלאָגן, — לאָמיר גלײַך צופאָרן.

— וווּהין?

— אין דער פּאָליציי־פּאַרוואַלטונג. צום פּאָלקאָווניק דזשאַפאַר. אָבער גיכער, וואָס גיכער, טיַיערער ראַפּאַט!

4

אין אָוונט בין איך געקומען צו פליִען קיין קאַבול. לעבן אַעראָפּאָרט האָט געוואַרט אויף מיר אַ דעזשורנע מאַשין. זיך באַגריסט, האָט דער שאָפער מיר איבערגעגעבן אַן אומדערוואַרטע נײַס:

— איַיך איז באַפוילן גלײַך פאָרן אין האָספּיטאַל נומער פינף, קעדיי זיך באַגעגענען מיט עפּעס אַ שאַמסודין. ווי דער פּאָלקאָווניק דזשאַפאַר האָט געזאָגט, האָבן די דאָקטוירים ערשט היַינט דערלויבט די קרוויוים באַזוכן דעם כוילע. און נאָך האָט מען געהייסן איַיך איבערגעבן, אַז די

קינדער האָבן זיך געפֿונען, נאָר דער כוליע דאַרף דערפֿון ניט וויסן. אַזוי אַז בײַס דער באַגעגעניש מיט שאַמסודינען זאָלט איר וועגן די קינדער ניט דערמאָנען.

שאַמסודינען האָט ניט געוווּנדערט מײַן באַזוך, מע האָט אים באַצײַטנס געמאָלדן וועגן אונדזער פֿאַרשטייענדיקער באַגעגעניש, געלעגן איז ער אין אַ באַזונדערער פּאַלאַטע נאָך דער אָפּעראַציע. דער געגאָלטער קאָפּ איז געווען פֿאַרבינטעוועט.

— ווי פֿילט איר זיך, כאַשעוועד שאַמסודין? — האָב איך געפֿרעגט.

— אַדאַנק אַלאַכן. מיר איז שוין גרינגער. די דאָקטוירים זאָגן, אַז איך וועל לעבן. נאָר צוליב וואָס, ווייס איך ניט.

— וואָס טוט אײַך איצט וויי? וואָס באַאומרויִקט אײַך?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק.

— פֿאַטער ניט קיין איבעריקע צײַט, זונעניו. דו ביסט ניט קיין דאָקטער און דו האָסט צו מיר גאָר אַנדערע פֿראַגן. גיכער, איך וועל אויף אַלץ ענטפֿערן, ביז די קויכעס וועלן מיך ניט פֿאַר־לאָזן.

— איר זײַט גערעכט, זיידע. איך האָב אײַך צו בלויז איין פֿראַגע: וואָס איז געשען יענעם שוואַרצן טאָג אין קישלאַק טשערעק?

ניט גלײַך האָב איך דערהערט דעם ענטפֿער פֿונעם געוועזענעם שאַמסודין. ער האָט צו־געמאַכט די אויגן, זײַן אויסגעדאַרטער קערפּער האָט זיך אויסגעצויגן, די באָרד האָט זיך פֿאַריסן אַרויף, דאָס פּנים איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן, עס זײַנען פֿאַרגליווערט געוואָרן די טיפֿע קנייטשן אונטער די אויגן. ער האָט פֿעסט צונויפֿגעפּרעסט די פֿאַרבלייטע ליפּן. געשוויגן האָט ער לאַנג, אויסמאַטערנדיק דאָס זקנישע האַרץ מיט שרעקלעכע זכרונות, דערנאָך האָט ער שווער אַ זיפֿץ געטאָן, געעפֿנט די אויגן און אָנגעהויבן ניט געײַלט מיט אַ שוואַכער שטים דערציילן וועגן דער טראַגעדיע באַם בערג פֿונעם רווישיקן טײַך אַרס.

דער קישלאַק איז געווען ניט קיין גרויסער, אײַנגאַנצן עטלעכע הײַזער, אַרומגעצוימטע מיט הויכע דוואַלן. יעדער פֿאַמיליע האָט געהאַט איר כיילעק ערד אויף די בערג־שיפּועים. שוואַרצערד האָבן מיר געקויפֿט אין טאָל, געפֿירט אויף אייזלען. דערנאָך אין געפֿלאָכטענע קוישן געטאָסקעט אויף די פּלייצעס. געזייט ווייץ, פּאַפּשוי, האָבער און קאַרטאָפֿל. ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די גערעטעניש, האָבן גלײַך זיך געיאַוועט די פֿאַרשטייער פֿונעם גוטבאַזיצער. שלעכטע מענטשן, ערגער פֿון הינט. מער פֿון אַ האַלב פֿון דער גערעטעניש האָבן זיי פֿאַרנומען מיט זיך.

געלעבט אין קישלאַק האָט מען אָרעם, נאָר מע האָט ניט געהונגערט. מע האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע מעגלעכקײַטן מיטהעלפֿן איינער דעם אַנדערן. און אָט איז געקומען יענער שוואַרצער טאָג. באַטאָג, ווען מע האָט שוין געדאַרפֿט צוטרעטן צום אָרדנטלעכן נאַמאַז, איז אָפּן קישלאַק, ווי הײַ־שעריקן, אָנגעפֿאַלן אַ באַנדע דושמאַנען, באַ הונדערט יונגעלײַט, צווישן וועלכע מיר האָבן גלײַך דערקענט דאָס זונדל פֿונעם גוטבאַזיצער ראַכמאַן גאַמיד. ער האָט ניט איין מאָל איינעם מיט זײַנע באַדינער זיך אָפּגעשטעלט באַ אונדז אויף נאַכטלעג בײַס אַ יאַגד אין די אַרומיקע בערג.

שוין אַ צײַט האָט ראַכמאַן גאַמיד זיך ניט באַוויזן אין אונדזערע קאַנטן. מע האָט דערציילט, אַז נאָך דער אַפּרעל־רעוואָלוציע איז ער איינעם מיטן טאַטן און מיט די ברידער אַוועק קיין פּאַ־קיסטאַן. איצטער האָט ער מיט אַ בייזער שטים געגעבן אַ קאָמאַנדע, די באַנדיטן זײַנען אַראָפּגע־שפּרונגען פֿון די פֿערד און זיך געלאָזט איבער די הײַזער.

— אונו, כעוורע, שלעפּט צום טײַך. אַלע מענער, פֿרויען און קינדער, — האָט ער באַפֿוילן, — און ווער עס וויל ניט גיין פֿרײַוויליק אָדער קאָן ניט איבערן טיפֿן עלטער, צעשיסט אויפֿן אָרט. און גיכער! גיכער! לאָמיר ווײַזן דעם הויכגעשעצטן באַבאַ־כאַן, וויאַזוי מיר קאָנען אַרבעטן!

ווי הונגעריקע וועלף האָבן די באַנדיטן זיך אַרײַנגעריסן אין אונדזערע הײַזער. עס האָט זיך אָנ־געהויבן אַ שיסערײַ, אַ געוויין פֿון קינדער, אַ האַווקען פֿון הינט. ווי אַ טשערעדע שאָף, אונטער־שטופּנדיק מיט די פּריקלאַדן פֿון די אויטאָמאַטן, האָט מען אונדז אַוועקגעטריבן צום טײַך. אין יענע מינוטן האָב איך ניט געטראַכט וועגן זיך. איך האָב שוין מײַנס אָפּגעלעבט. מיר איז אַ ראַכמאָנעס געווען אויף דער שנור, דער יונגער אַלמאָנע דורכאַנײַ און אירע קינדער. מיט פֿינף טעג צוריק האָט זי אַוועקגעשיקט אירע קינדער אין טאָל פּאַשען זייערע שאָף. עפּשער וועלן זיי בלײַבן לעבן, — האָב איך געטראַכט. באַם בערג פֿונעם טײַך האָבן די דושמאַנען צעשטעלט מײַנע לאַנדסלײַט אויף צווי גרו־פּעס. די מענער אין איין גרופּע, די פֿרויען מיט די קינדער אין אַ צווייטער.

— ווי איר זעט, כאַשעוועד פּיר באַבאַ־כאַן, מײַנע כעוורע האָבן אַלץ גיך אָפּגעטאָן. פֿאַר איינע פּופּצן מינוט!

דאָס האָט געזאָגט ראַכמאַן גאַמיד, ווענדנדיק זיך צו אַ מענטשן, וואָס איז געזעסן אין שאָטן פֿון אַ צעצווײַגטן בוים אויף אַ בענקל מיט אַ סיגאַר אין מויל.

איך בין געשטאַנען ניט ווײַט פֿון דעם דאָזיקן הער און געהאַט א מעגלעכקײַט פֿאַרגעדענקען, ווי ער זעט אויס. א נידעריטשקער, א דאַרינקער, אין אַנגעקנייטשטער שטערן, גוט אויסגעגאָלטע באַקן. די אויגן פֿאַרבאַהאַלטן אונטער טונקעלע ברילן. אויפֿן קאָפּ א גרויע קאַראַקולנע היטל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א נײַעם זײַדענעם כאַלאַט מיט געלע און בלויע פּאַסן, ארומגעגאַרטלט מיט א ברייטן אָפּיצערישן פּאַס, אויף וועלכן ס׳איז געהאַנגען א קאָבורע פֿון א פּיסטאָלעט.

— ווען מיר אָנהייבן? — פֿרעגט בא אים ראַכמאַן גאַמיד.

יענער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, בלויז באַוויליקנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— פֿון וועמען וועט איר באַפֿוילן אָנהייבן, פּיר באַבאַ־כאַן, פֿון די מענער, צי פֿון די פֿרויען?

— שיסן — דאָס איז אײַער פּראָפֿעסיע, כאַשעוואַר ראַכמאַן גאַמיד, — ענטפֿערט יענער מיט א ווייכער שטים, — איך, ווי אײַך איז באַוווּסט, בין א ספּעציאַליסט פֿון אַן אַנדער פּראָפֿיל, נאָר איך בין זיך מודה, אַז איך קאָן ניט לײַדן קיין קינדערשן געוויין און דעם געיאָמער פֿון פֿרויען, זיי ווירקן אויף מײַנע נערוון.

— אַלץ איז קלאָר. איך האָב אײַך פֿאַרשטאַנען. מיר וועלן אָנהייבן פֿון די פֿרויען און קינדער. פֿונעם האַמוין איז אַרויסגעגאַנגען אונדזער סטאַראָסטע כוש כאַל־באַבאַ.

— ראַכמאַן גאַמיד, אין נאָמען פֿון אַלאַך, פֿאַרגיס ניט דאָס בלוט פֿון אומשולדיקע! — האָט ער אויסגעשריגן. — פֿאַרוואָס קלײַבסטו זיך אונדז הרגענען?

— דערפֿאַר, וואָס איר האָט פֿאַרקויפֿט אײַערע נעשאָמעס די רויטע טײַוולען פֿון קאָבול, אומגעזעצלעך פֿאַרנומען די ערד פֿון מײַן טאַטן, פֿאַראַטן אונדזער מוסולמענישן גלויבן, די מעטשעטן פֿאַרוואַנדלט אין קלובן און ביבליאָטעקן.

— דאָס איז ניט עמעס, ראַכמאַן גאַמיד, — האָט מיט ווירדע געענטפֿערט דער סטאַראָסטע. — די ערד האָבן מיר באַקומען לויטן דעקרעט פֿון דער פֿאָלקס־מאַכט. זי איז געווען פֿאַרטיילט צווישן די אָרעמע פּויערים. מיר זײַנען געווען און געבליבן גלויביקע מוסולמענער. און ביבליאָטעקן און שולן זײַנען א הייליקע זאַך. זיי ברענגען אונדזערע קינדער שײַן און קענטעניש. אַזוי אַז דײַן צונג לײַגט! ראַכמאַן גאַמיד האָט געזאָגט מיט א גיפֿטיק שמייכעלע:

— אָט וועל איך באַלד אָפּשיקן דיך מיט אַלע איינעם אויפֿן הימל, ווּעסטו דאָרטן פֿונעם מויל פֿון אונדזער אַלאַך זיך דערוויסן, ווער פֿון אונדז לײַגט און ווער זאָגט דעם עמעס.

— האָב כאָטש ראַכמאָנעס אויף די פֿרויען און קינדער. זייער טויט וועט דיר ניט ברענגען קיין רום, דושמאַן!

— האָב כאָטש ראַכמאָנעס אויף די פֿרויען און קינדער. זייער טויט וועט דיר ניט ברענגען קיין רום, דושמאַן!

— דו ביסט זייער באַרעדעוודיק, סטאַראָסטע. באַקום דערפֿאַר מײַן ערשטע קויל! און גלײַך אַרויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט און אויסגעשאָסן אין סטאַראָסטע.

— פֿײַער! — האָט ראַכמאַן גאַמיד אויסגעשריגן מיט א ווילדער שטים. — פֿײַער! צעשיסן אַלע ביז איינעם! די הרוגים אין טײַך אַרײַן!

איך געדענק ניט, וויאַזוי בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער. ביז איצט פֿאַרשטיי איך ניט, ווי אַזוי בין איך ניט דערטרונקען געוואָרן, וויאַזוי האָב איך געקאָנט דערשווימען צום ברעג, אַרויסקריכן און אַרויסבאַקומען מײַן פּליטל, וואָס איז געווען פֿאַרבאַהאַלטן אונטער א שטיין. מיט די לעצטע קויכעס האָב איך אים דערשלעפּט צום וואַסער. איך געדענק נאָר, ווי איך האָב באַוויזן אָפּשטויסן זיך מיט די הענט פֿון עפּעס א שטיין און גלײַך פֿאַרלוירן דער באַוווּסטזײַן. דאָס איבעריקע איז דיר באַוווּסט, זונעניו!..

5

דער פּאָלקאָווניק דזשאַפּאַר גאַסטאַלי האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט מײַן מיטיילונג וועגן דער נעסיע אין ווײַטן ראַיאָן פֿון אונדזער רעפּובליק און וועגן מײַן שמועס מיטן אַלטן געווער־מײַסטער שאַמסודין. ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און צוגעגאַנגען צו דער גרויסער געאָגראַפֿישער קאַרטע פֿון דער רעפּובליק, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און אָפּגעזוכט דאָס אָרט, ווו עס איז אָנגעצייכנט דער קישלאַק טשערעק. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו זײַן טיש א פֿאַרטראַכטער און א פֿאַרזאָרגטער.

— זאָגסטו, אַז פֿונעם קישלאַק איז געבליבן בלויז אַש און פּאָרעך? — פֿרעגט ער בא מיר.

— ריכטיק, כאַווער פּאָלקאָווניק. מע האָט אויפֿגעריסן אַלע הײַזער.

— און דער אַלטער שאַמסודין, הייסט עס, האָט גלײַך דערקענט דעם זון פֿונעם גוטבאַזיצער? וויפֿל צײַט האָט ער ניט געלאָזט הערן פֿון זיך?

— אריבער א יאָר. געקומען אַף אונדזער ערד, ווי אַן אַנפֿירער פֿון א באַנדע.
— אויב ער איז דער אַנפֿירער פֿון דער באַנדע, ווער זשע איז דאָן פֿיר באַבא־כאַן?
דערווײַל קאָן איך אַף דער פֿראַגע ניט ענטפֿערן.
— נו, און ווען די קינדער האָט דער אַלטער דערמאָנט?
— דערמאָנט. ווען מע האָט אים געטריבן צום טײַך, האָט ער געדאַנקט אַלאַך, וואָס די קינדער זיינען דאָן אינדערהיים ניט געווען.
— איך מיין, אַז דו האָסט ווען זיי אים ניט געזאָגט?
— קיין וואָרט ניט. איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, ווער האָט זיי געפֿונען.
— דיין מאַמע, די כאַשעווע ליילא־כאַנום.
— מיין מאַמע? אָט דאָס איז א סורפּריז!
— טאַקע א סורפּריז. נאָר פֿאַר דיר איז ער ניט דער לעצטער. — זאָגט דער פּאַלקאָווניק. — פֿאַר דער צײַט, וואָס דו האָסט געטעמט מיט ריינער באַרג־לופֿט און געריטן אַף א גוטן פֿערד, איז די קאָמפּאַניע פֿון דיינע כעוורע אויסגעוואַקסן נאָך אַף איינעם: א געזונטער באָכער פֿון א יאָר זעכצן און א גאַנץ שטעכיקער. מיר האָבן קוים אים איינגענומען.
— ווער זשע איז ער, יענער יאַט? — פֿרעג איך דעם פּאַלקאָווניק.
— דער עלטערער ברודער פֿון כאַקים און פֿאַטימא. מע רופֿט אים פּיזולא.
— מע האָט אים שוין אויסגעפֿרעגט?
— איך האָב דאָס פֿאַרווערט, ביז דו וועסט זיך אומקערן.
— איז דערלויבט מיר גלײַך צוטרעטן צום אויספֿרעג.
— דאָס ניט.
— פֿאַרוואָס? איך וועל אים אַזוי אַנשרעקן, אַז ער וועט גלײַך אַנהייבן רעדן.
— אַנשרעקן — דאָס איז ניט אונדזער מעטאָד. מיר דאַרפֿן אַפּרייניקן זיין נעשאָמע פֿון דעם מיסט און אכזאַריעסדיקייט, מאַכן זי ריין און גוט. פֿאַרשטאַנען, כאַוווער קאַפּיטאַן?
דעם צווייטן גאַנצפֿרי האָט מען געבראַכט צו מיר דעם אַרעסטירטן פּיזולא. ער האָט זיך אַפּגעזאָגט צו זעצן לעבן מיין טיש, געבליבן שטיין מיט א פֿאַרהויבענעם קאָפּ און גערעדט ווי אַן עכטער אַקטיאָר, וואָס פּילט אויס א טראַגישע ראָל.
— איר האָט, גאַטלאָזע, צעשאָסן מיין אומשולדיקע מאַמע און מיין זיידן, אַלע איינוווינער פֿונעם קישלאַק טשערעק. איך פֿאַרשעלט אייך, רויטע טײַוולען. א שאָד, וואָס איך האָב ניט באַוויזן נעקאָמע נעמען פֿאַרן טויט פֿון מיינע אייגענע. טרעט צו, הער קאַפּיטאַן, צו אײַער בלוטיקער מעי לאָכע! שלאָגט, מיימעסט, קאַטעוועט מיך מיט פֿײַער און מיט וואַסער, שנײַדט אַף שטיקלעך מיין לײַב. נאָר איך וועל ניט אַרויסגעבן די, וואָס האָבן אַרײַנגעלייגט אין מיינע הענט דאָס געווער פֿון נעקאָמע. איך האָב געזאָגט אַלץ, הער קאַפּיטאַן.
אַף זיין ברייטן שטערן האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שוויס, די הענט זיינע האָבן געציטערט, און די אויגן — שוין ניט קיין פֿרעכקייט, נאָר א שרעקעוודיקע דערוואַרטונג: וואָס וועט זיין, אויב עס וועט באַלד זיך אַנהייבן דאָס, וועגן וואָס ער האָט געבעטן? אָט באַלד וועט דער קאַפּיטאַן זיך אויפֿהייבן און א געשריי טאָן ווי א בייזע כייע.
איך האָב טאַקע זיך אופֿגעהויבן, נאָר ניט געשריגן, פֿאַשעט זיך אויסגעלאַכט.
— בראַוואָ, בראַוואָ, פּיזולא! דו האָסט אויסגעצייכנט אויסגעפּילט דיין מאָנאָלאָג!
— וואָס פֿאַר א מאָנאָלאָג? — פֿרעגט ער א פֿאַרלוירענער. — וואָס איז דאָס פֿאַר א שפּיצל? כאָטש איך בין ניט קיין גראַמאַטנע, נאָר שפּעטן פֿון מיר וועל איך ניט דערלויבן! הייבט אָן צו קאַטעווען. איך בין גרייט!
לאַמיר בעסער שווייגן ביז מאָרגן גאַנצפֿרי. דערווײַל וועסטו איינעם מיט כאַקימען און פֿאַטימא פֿאַרן מיט מיר אַף א באַגעגעניש מיט איינעם א מענטשן.
— ווער איז ער, אָט דער מענטש? ווי רופֿט מען אים?
— איך האָב דיר דען נאָר ניט אַנגערופֿן זיין נאָמען?
— ניין. איך האָב ניט געהערט.
— הער א מייסע! אַזא שלעכטער זיקאָרן בא מיר. זיין נאָמען איז באַבא־שאַמסודין.
— עס קאָן ניט זיין! מיין זיידע לעבט? עס קאָן ניט זײַן! — האָבן געשעפּטשעט זיינע ליפּן.
באַנאַכט האָט אומרויִק זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן אין אונדזער דירע. דאָס האָט געקלונגען דער דעזשורנע פֿון דער פּאָליציי־פֿאַרוואַלטונג:
— אַנטשולדיקט, קאַפּיטאַן, וואָס איך האָב אײַך אופֿגעוועקט, נאָר איך מיין, איר וועט מיך דערפֿאַר ניט זידלען. דער אַרעסטירטער פּיזולא קלאַפּט מיט די פֿויסטן אין דער טיר פֿון דער קאַמער.

ער בעט דרינגענדיק אײַך ארויסרופן. ער איז גרייט, זאָגט ער, דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן עפּעס א פּיר באַבא־כאַן. ער פאַרזיכערט, אז דאָס איז זייער וויכטיק. ווארטן ביז גאַנצפרי טאָר מען ניט. עס קאָן זיך טרעפן א גרויסער אומגליק.

## 6

פּיַזולאַ איז געווען אופגעטרייסלט פון דער דערציילונג פונעם זיידע שאַמסודין. איצט האָט ער פינקטלעך געוווּסט, ווער עס האָט געהארגעט זײַן מאַמען, שווער פאַרווונדעט דעם זיידן, פאַרניכטעט אַלע אײַנוווינער פונעם קישלאַק.

דערזען מיך, האָט פּיַזולאַ זיך צעשריגן הויך און היסטעריש:

— גיכער! גיכער! ס׳איז נאָך ניט שפּעט! מע קאָן זיי ראַטעווען! שיקט שוין אַהין אײַערע מענטשן!

— וועמען ראַטעווען? וווּהין שיקן אונדזערע מענטשן?

— די קינדער פון דעם שול־אינטערנאַט. זי דאַרף אופגעריסן ווערן, הײַנט בייסן זון־אופגאַנג.

— א מינע?

— יאָ, מיט א „סורפּריז”. א פוטבאָל־מיאַטש. אין דער דריטער שאַפע באַם ארײַנגאַנג אין ספּאָרט־זאַל. אף דער אונטערשטער פּאָליקע. צוגעדעקט מיט א רויטער מײַקע. גיכער!

— דײַן ארבעט?

— מײַנע. איך האָב זי אוועקגעלייגט מיט דרײַ טעג צוריק.

— ווער האָט דיר באַפוילן דאָס טאָן?

— פּיר באַבא־כאַן.

איך בין גלײַך אוועקגעלאָפן צום דעזשורנע פון דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג. אינגיכן האָבן עטלעכע מאַשינען אוועקגעיאָגט צו דעם שול־אינטערנאַט. די פּאָליציי־לײַט אינאיינעם מיט די סאַפּיאָרן פון דער פאָלקס־ארמיי האָבן זיך געאײַלט וואָס גיכער אָפּראַטעווען די אומשולדיקע יעסוימים.

און איך האָב זיך אומגעקערט אין דער קאַמער צו פּיַזולאַ.

— איר האָט אוועקגעשיקט? זיי וועלן באַווײַזן? — האָט פּיַזולאַ געפרעגט, פול מיט אומרו.

— זיי וועלן באַווײַזן, אויב נאָר דו האָסט געזאָגט דעם עמעס, אז זי דאַרף זיך אופרײַסן בייסן זון־אופגאַנג. איצט איז ערשט צוויי אזייגער באַנאַכט.

— איצט וועל איך זאָגן דעם ריינעם עמעס. איך וועל דערציילן אַלץ, ווי דאָס איז געווען פונעם סאַמע אָנהייב.

איך מיט כאַקימען און מיטן שוועסטערל האָבן געפּאַשעט אונדזערע שאָף אינעם גרינעם טאָל, ווײַט פונעם קישלאַק. דעם פינפטן טאָג אין אָוונט, ווען מיר האָבן אָנגעצונדן א שײַטער, קעדיי אופּזידן טיי, זײַנען אומדערוואַרט צוגעפאָרן צו אונדז צוויי באַוואָפנטע רײַטער. קיין וואָרט ניט געזאָגט, האָבן זיי גענומען אוועקטרײַבן אונדזערע שאָף.

— פּעטערל, פאַרוואָס שמײַסט איר אונדזערע שאָף מיט קאַנטשיקעס? וווּהין קלײַבט איר זיך זיי אוועקטרײַבן? טשעפּעט זיי ניט! — בעט איך זיך בא זיי.

— געווען אײַערע, איצט זײַנען זיי אונדזערע! — האָט זיך צעלאַכט איינער פון זיי, א הויכער ווערגעלעץ.

— איך וועל ניט לאָזן! איר האָט ניט קיין רעכט! — שרײַ איך צו אים.

— אנו, דזשאַמיל, ווײַז אָט דעם שנעק אונדזערע רעכט, — רופט זיך אָן דער צווייטער, א נידעריטשקער מיט א געדיכטער שווארצער באָרד.

— אָט באַלד.

און גלײַך א שמײַס געטאָן מיך מיטן קאַנטשיק איבער דער פּלייצע. איך בין אומגעפאַלן, פּאַטימאַ האָט זיך צעוויינט. כאַקים האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די פיס פון איין רײַטער, נאָר יענער האָט אים גלײַך אָפּגעשטופּט. זיי האָבן אוועקגעטריבן אונדזערע שאָף און מיר, פאַרוויינטע, האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. נאָר אונדזער קישלאַק טשערעק איז פאַרשווּנדן געוואָרן. בלויז שרעקלעכע רויִנען. מיט מיר האָט געמאָרדעוועט, ווי אין א קאַדאָכעס. די קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט צו מיר, וויינען און ציטערן. איך בין ווי־ניט־איז געקומען צו־זיך און באַשטימט אוועקפירן זיי וואָס ווײַטער פון די שרעקלעכע רויִנען. איך האָב דערבײַ זיך דערמאָנט אין דער הייל, באַם ארײַנגאַנג אין באַרגשפּאַלט. כ׳האָב גענומען די קינדער פאַר די הענט, און מיר זײַנען אוועק לענגאויס דעם ברעג פונעם טײַך. דאָ האָט כאַקים דערזען א פּאַפּיר, צוגעקלעפּט צום פעלדז, און אָנגעהויבן לייענען. ער איז בא אונדז א גראַמאָטנע, דער זיידע האָט אים אויסגעלערנט. און אפן פּאַפּיר זײַנען געווען אָנגעשריבן שרעקלעכע ווערטער: דעם זיידן, די מאַמע און אַלע אײַנוווינער פונעם קישלאַק האָבן צעשאָסן באַבראַק

קאַרמאַלס סאָלדאַטן. זייער שולד איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון זייער גלויבן. און דערבײַ אַן אונטערשריפט: „פּאָלקס־נעקאַמענעמער פיר באַבא־כאַן".

— איך פאַרשטיי דײַן וויטיק, קינד מײַנס, — האָב איך דערהערט הינטער מײַנע פּלייצעס אַן אומבאַקאַנטע שטים.

אויסגעקערעוועט זיך, האָב איך דערזען אַ הער אין אַ פּײַנעם כאַלאַט, אין בלויע ברילן.

— לאָמיר זיך באַקאַנען, — זאָגט ער צו מיר, — איך בין עס יענער נעקאַמענעמער, פיר באַבא־כאַן, איך האָב געיאָגט אויף אַראַפּראַטעווען די אײַנוווינער פון אײַער קישלאַק, נאָר ניט באַוויזן. יאָ, אַ גרויסער אומגליק בושעוועט אויף אונדזער ערד. וווּהין זשע גייט איר איצט, קינדער? וואָס קלײַבט איר זיך טאָן? וווּ וועט איר וווינען?

— לעבן וועלן מיר אין דער הייל. זי איז דאָ ניט ווײַט. נאָר אָט, וויִאַזוי פון הונגער ניט שטאַרבן, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין, — ענטפער איך אים.

— נו, פון הונגער וועל איך אײַך ניט לאָזן שטאַרבן. באַלד וועט מען אײַך ברענגען עפּעס עסן. — און ער גיט אַ געשריי: — דזשאַלאַל, ווּ ביסטו דאָרטן?

פונעם באַרגשפּאַלט איז אַרויס אַ מענטש מיט לאַנגע און דינע וואָנצעס. ער פירט מיט זיך אַן אָנגעזאָטלט פערד, און נאָך דעם אַן אַנדער פערד, אויף וועלכן ס'איז אײַנגעמאָסטעט עטלעכע פולע פעק.

— נעם אַראָפּ אַ זאַק פאַר זיי, דזשאַלאַל. דאָס איז מײַן באַשיידענע מאַטאָנע די קינדער. דאָס וועט אײַך סטײַען אויף אַ גאַנצער וואָך. דערנאָך וועל איך אײַך אונטערוואַרפן נאָך אַ ביסל עסנוואַרג. נו, צום ווידערזען, מײַנע קינדער.

אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט מיט אונדזער גוטן רעטער פיר באַבא־כאַן. מיר האָבן געהאַט זייער אַ לאַנגן שמועס, נאָך וועלכן איך האָב געגעבן די האַסקאָמע אויספילן זײַן פאַרגעבונג אין קאַבול. ער האָט דערבײַ מיך געצוווּנגען נאָכזאָגן נאָך אים אַ שווּע פון זייער פיל גרוילזאַמע ווערטער. דערבײַ האָט זײַן שאַרפער מעסער אַ פאַסעווע געטאָן דעם לאַנגן פינגער אויף מײַן רעכטער האַנט.

— פאַרפעסטיק מיט דײַן בלוט די שווּע פון אַ נעקאַמענעמער, — האָט ער געזאָגט.

איך האָב געהאָרכזאַם אויסגעפילט זײַן באַפעל.

יעדן גאַנצפרי איז געקומען נאָך מיר דזשאַלאַל און מיך אַוועקגעפירט טיף אין באַרגשפּאַלט. דאָרטן האָב איך אונטער זײַן אָנפירונג באַהערשט די אופרײַס־טעכניק, וויִאַזוי זיך באַגיין מיט די „סורפּריז־מינעס", באַקומען אינסטרוקציעס, וויִאַזוי בעסער אויסניצן די „ווײַסע קײַלעכלעך" אויף אָפּסאַמען וואָס מער אומגליקלעכע. ווען ס'איז געקומען די צײַט אַריבערשיקן אונדז קיין קאַבול, האָב איך ווידער זיך באַגעגנט מיט פיר באַבא־כאַנען. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט די אויפגאַבע, וואָס איך דאַרף אויספילן אין דער גרויסער שטאָט.

— ווען איר וועט זיך אומקערן, וועל איך זיך פאַרנעמען מיט אײַער צוקונפט, קינדער מײַנע. ער האָט פעסט געדריקט מײַן האַנט, געשענקט אַ פּעקעלע קאָנפעטן פאַטימאַ און כאַקימען, און שוין שטרענג, אָן אַ מינדסט שמייכעלע געזאָגט:

— געדענק, פּײַזולאַ, דו האָסט מיט דײַן בלוט פאַרפעסטיקט די שווּע ערלעך דינען אונדזער זאַך. אויב דו וועסט ניט אויספילן די פאַרגעבונג אָדער דו וועסט פאַראַטן פיר באַבא־כאַנען, וועל איך אופהענגען אויף אַ הילאַקע דיך אינאיינעם מיט דײַן ברודערל און שוועסטערל.

פּײַזולאַ איז אַנשוויגן געוואָרן. מיר זײַנען לאַנג געזעסן, זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרעך, נאָר קיין מעכטיקן אופרײַס פון אַ גרויסער מינע ניט דערהערט. אין דער אוראַלטער שטאָט איז געווען שטיל און רויִק.

7

ניט איין שאָ האָט געדויערט אונדזער שמועס מיט פּײַזולאַ. ער האָט דערציילט, אַז צום ראַיאָנישן צענטער האָבן זיי זיך דערקליבן אויף אייזלען. דאָרטן האָט דזשאַלאַל זיי געקויפט בילעטן אויפן אַעראָפּלאַן קיין קאַבול. אויף צוריקוועגס האָט פּײַזולאַ געדאַרפט אָפּזוכן אויפן מאַרק דעם הענדלער נורי כייראַט, ער וועט זיי ברענגען אין זייער הייל. באַם הענדלער האָט ער געדאַרפט פרעגן: „צי וועט זיך באַ אײַך ניט געפינען אַ זאַק מעל און צוויי קילאָגראַם זאַלץ פאַר אונדזער קאַראַוואַן?". אויף דעם האָט נורי געדאַרפט ענטפערן: „מיט מעל און מיט זאַלץ האַנדל איך ניט".

פיל דיווערסיעס האָט געדאַרפט דורכפירן פּײַזולאַ מיט זײַן ברודערל און שוועסטערל, נאָר — ניט באַוויזן.

דרײַ אפגאנישע דוירעס

קים סעליכאָוו צווישן אפגאנישע קינדער

וועגן מײַן שמועס מיט פּיַזולא האָב איך דערציילט דער פּאָלקאָווניק גאָסטאלי.

— הייסט עס, אז ניט לויט זייער אייגענעם ווילן, נאָר לויטן באַפעל פון פיר באבא־כאַן? — פרעגט מיך דער פּאָלקאָווניק.

— ריכטיק.

— צום באַדויערן, האָבן מיר פון פּיַזולאַס דערציילונגען זיך דערוווּסט זייער ווייניק נײַס, — זעצט פאָר דער פּאָלקאָווניק. — עס בלײַבט אומבאַוווּסט, פונוואַנען קומט ער צו פאָרן און ווו ווערט ער פארשווּנדן? און ווו געפינט זיך די באַנדע? ווו באַהאַלטן אויס די דושמאַנען זייערע מינעס און די „ווײַסע קײַלעכלעך"?

— איך מיין, אז אַף אַלע פראַגן קאָן געבן אן ענטפער בלויז דאָס שמאָלע פּאַסיקל אַף דער גרענעץ מיט פּאַקיסטאַן, וואָס געפינט זיך באַם סאַף פון בארגשפּאַלט.

— נאָר דו האָסט דאָך אַליין זיך איבערצײַגט, אז דאָרט זײַנען קיין שום שפּורן פון דער באַנדע ניטאָ.

— גאַנץ ריכטיק. נאָר פּיַזולא האָט דאָך דערציילט, אז גראָד טיף אינעם בארגשפּאַלט האָט ער זיך באַגעגנט מיט פיר באבא־כאַנען.

— איבערן בארגשפּאַלט איז אײַנגעשטעלט אַ פעסטער אָפּזיכט. און ווי עס טיילט מיט דער לייטענאַנט סאַיִד, האָט מען דאָרט קיינעם ניט געפונען, כּוץ שלענג. און ס'איז אַ פראַגע, צי די באַנדע געפינט זיך איצט דאָרט, ווי פריִער. זי איז שוין געוויס אַריבער אַף אַ נײַ אָרט. אָט לייען, וואָס מע טיילט מיט פון פייזאַבאַד.

און ער דערלאַנגט מיר די שיפראָווקע.

„קאַבול, געהיים, דרינגענדיק. אין ראַיאָן פון וואַכאַן לעבן דעם טײַך קאָקטשאַ איז אויפגעריסן און אינגאַנצן פארניכטעט דער קישלאַק קוליאַ. אַלע אײַנוווינער זײַנען צעשאָסן. אַפן אָרט פונעם פארברעכן איז איבערגעלאָזט פונקט אַזאַ פּלאַקאַט, ווי אינעם קישלאַק טשערעק, וועגן וועלכן מיר האָבן געמאָלדן. דער אונטערשריפט: „פּאָלקס־נעקאָמענעמער פיר באבא־כאַן".

איך האָב ניט באַוויזן אומקערן די שיפראָווקע, ווי אין קאַבינעט איז אַרײַן דער דעזשורנע אָפיצער.

— אַנטשולדיקט, כאַווער פּאָלקאָווניק, וואָס איך רײַס איבער אײַער שמועס. דרינגענדיקע שיפראָווקעס פון די פּראָווינצן.

דער פּאָלקאָווניק האָט גענומען איינע פון די שיפראָווקעס און אָנגעהויבן לייענען אַף אַ קאָל:

„קאַבול, געהיים, דרינגענדיק: אין דער שטאָט קאַנדאַגאַן זײַנען אָפּגעסאַמס געוואָרן אַף טויט פינף שילער פון דער פּראָווינץ־שול. דער אַנאַליז פון דער טיי, וואָס די מיידלעך האָבן געטרונקען אינעם שול־בופעט, האָט באַוויזן, אז אין איר איז געווען דער גיפט פון די באַוווּסטע „ווײַסע קײַלעכלעך".

אָוועקגעלייגט אין אַ זײַט די דורכגעלייענטע שיפראָווקע, האָט דער פּאָלקאָווניק גענומען אַ צווייטע:

„קאַבול, געהיים, העכסט דרינגענדיק. אין דער אומגעגנט פון געראַט זײַנען געפונען געוואָרן כעמישע מינעס „מיט אַ סורפּריז". אינאיינעם מיט דער אַרמיי נעמען מיר אָן די נייטיקע מיטלען אַף אַנטשעדיקן באַשטימטע אָביעקטן".

געענדיקט לייענען, האָט ער געפרעגט:

— וואָס טראַכסטו וועגן דעם?

— איך מיין, אז דאָס איז באבא־כאַנס אַרבעט.

— יאָ, דאָס איז געוויס זײַן קסאַוו, — איז מאַסקים דער פּאָלקאָווניק, — נאָר ווו זשע איז ער אַליין? ווי־אַזוי דערקלײַבט מען זיך צו אים און צו זײַן וואָלפישער נאָרע?

— איך האָב אייניקע געדאַנקען.

— איך דאַרף ניט קיין געדאַנקען, איך דאַרף אַ גענויעם פּלאַן. עס קומען דאָך אום פיל מענטשן, ניט ווייניק קינדער. מע טאָר ניט פאַטערן קיין צײַט. אַף צוגרייטן די אָפּעראַציע גיב איך דיר דרײַ טעג. פארשטאַנען, קאַפּיטאַן?

אינעם באַשטימטן טערמין האָב איך איבערגעגעבן דעם פּאָלקאָווניק דזשאַפּאַר דעם פּלאַן פון דער פאָרשטייענדיקער אָפּעראַציע. דעם צווייטן גאַנצפרי ביז איך ווידער אַרײַנגעקומען צום פּאָלקאָווניק, זיך דערוויסן זײַן מיינונג. נאָר ער איז געווען ניט אַליין. לעבן אים איז געזעסן אַ מאַיאָר מיט אַ בלאָקנאָט אין דער האַנט.

— און אָט איז געקומען אַליין דער קאַפּיטאַן, — דערלאַנגט מיר דער פּאָלקאָווניק די האַנט. — זעץ זיך צו אונדז צו נעענטער. מיר מיטן מאַיאָר זײַנען איצט גראָד פארנומען מיט דער אָנגעמערקטער אָפּעראַציע.

— הייסט עס, אז מײַן פּלאַן איז באַשטעטיקט? דער גענעראַל האָט אויך באַוויליקט? — פרעג איך אַ דערפריידטער.

דער פּאַלקאָווניק, ווי ער וואָלט ניט געהערט מײַן פראַגע, דיקטירט ווײַטער דעם מאַיאָר.

— הײַנט אַף נײַנצן אַזייגער אײַנלאַדן צו מיר דעם דירעקטאָר פון דעם שול־אינטערנאַט. און אַף פערצן אַזייגער — דעם פּרעזידענט פון אונדזער אַוויאַ־אַגענטור „אַריאַנאַ”. מאָרגן פּופצן אַזייגער וועלן מיר דורכפירן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ מיט די פאַרשטייער פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע און די צענט־ראַלע צײַטונגען. און איר, מאַיאָר, זײַט נעכטן געווען אין פּיאָנערן־הויז?

— געווען. הײַנט דאַרף צו אונדז קומען די אָנפירערן פונעם דראַמקרײַז.

— איר האָט ניט פאַרגעסן איר זאָגן וועגן מײַן פאַרלאַנג פּערזענלעך אָנטיילנעמען אין דעם ספּעקטאַקל?

— אײַך וועט אויסגעטיילט ווערן אַ באַזונדערע ראָל.

איך האָב ניט אויפגעהערט שטוינען. דאָס אַלץ האָט ניט געהאַט קיין שום שײַכעס צו מײַן פּלאַן פון דער פאַרשטייענדיקער אָפּעראַציע.

— איך פאַרשטיי ניט, — האָב איך ענדלעך געפרעגט, — וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּיל.

— וואָס זשע, דו גלייבסט ניט אין מײַן אַקטיאָרישן טאַלאַנט? — לאַכט דער פּאַלקאָווניק.

אַ שאַרפער טעלעפאָן־קלונג האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס.

— דער פּאַלקאָווניק גאַסטאַלי הערט, — האָט ער שטרענג אַרויסגערעדט. דערנאָך אַ ביסל ווייכער: — פאַרשטייט זיך, מיר האָבן גענומען אין אַכט אַלע אײַערע באַמערקונגען, ווי אויך די באַמערקונגען פון אײַערע כאַוויירים. דער פּלאַן פון דער אָפּעראַציע איז איצט פולקום גרייט.

ערשט דערנאָך, אַ צופרידענער און אַן אויפגעלעבטער פונעם שמועס מיטן גענעראַל, האָט ער מיר דערקלערט:

— ווי פאַרשטייסטו ניט? פּיזולאַ האָט דיר דאָך דערציילט, וועלכע דיווערסיעס זיי האָבן גע־דאַרפט דורכפירן. דאַרף מען דורכפירן עטלעכע אינסצעניר[ו]נגען, קעדיי באַבאַ־כאַנס אַגענטן זאָלן קאָנען מיטיילן, אַז די אַלע דיווערסיעס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן, פּיזולאַ זאָל האָבן, מיט וואָס קומען צו זײַן שעף, דעם הויכגעשעצטן פיר באַבאַ־כאַן.

8

מיט גרויסן אומרו האָב איך באַגלייט די קינדער אין דער פּאַרויכערטער הייל באַם ברעג פונעם רווישיקן אַרס. גראָד אַהין האָבן זיי געדאַרפט זיך מעלדן, ווען זיי וועלן זיך אומקערן פון קאַבול. אַזוי האָט באַפוילן פיר באַבאַ־כאַן.

צוערשט האָט דער פּאַלקאָווניק דזשאַפּאַר אַפילע הערן ניט געוואָלט, אַז פאַטימאַ זאָל פאַרלאָזן קאַבול. איין צופעליק וואָרט, די קינדערשע אומיטלבאַרקייט קאָן אַראָפּרײַסן די אָפּעראַציע. מײַן מיינונג איז אויך געווען אַזאַ.

נאָר פאַטימאַ איז דאָך אַוועקגעפלויגן אינײנעם מיט די ברידער. און געפאָדערט האָט דאָס פּיזולאַ.

— מיר טאָרן זיך ניט אומקערן אָן דער שוועסטער. פיר באַבאַ־כאַן וועט ניט גלייבן קיין איין לײַגענדע. ער וועט שיקן זײַנע מענטשן דורכקאָנטראָלירן, צי לעבט זי, פאַטימאַ. און ווו זי געפינט זיך, — האָט פּיזולאַ אונדז דערוויזן. — און קוקט ניט, וואָס זי איז נאָך אַ קליינינקע. זי פאַרשטייט ווי אַ גרויסע. זי ווייסט, ווען מע דאַרף שווײַגן און ווען מאַכן אַ קרום פּיסקל, ווען באַלבען גלאַט אַזוי און ווען אונטערשמייכלען.

אַליין פאַטימאַ האָט אויך זיך אָפּגעזאָגט בלײַבן אין קאַבול. זי האָט ניט געוואָלט זיך שיידן מיט די ברידער, האָט צוגעזאָגט זיי פאָלגן און טאָן אַלץ, וואָס זיי וועלן הייסן.

מיר האָבן לאַנג באַהאַנדלט אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג דעם אינין[ע]ן פאַטימאַ. צום סאָף זײַנען מיר געקומען צו אַן איינהייטלעכן באַשלוס: זאָל דאָס מיידעלע אינײנעם מיט די ברידער פאָרן אין די אייגענע קאַנטן.

פּיל צײַט איז אַוועק אַף אינדיווידועלער צוגרייטונג פון די ברידער צו דער פאַרשטייענדיקער אָפּעראַציע.

כאַקים האָט גיך זיך אויסגעלערנט אַרבעטן מיט די פּאָרטאַטיווע ראַדיאָ־איבערגעבער, פּאָר אַ קורצער צײַט באַהערשט די טעכניק פון שיפּראָווקע. שיסן האָבן ביידע ברידער געקענט. דאָס לערנט מען אין יעדער אַפגאַנישער פאַמיליע פון קינדווײַז. און באַ אַזאַ לערער, ווי ס'איז געווען דער גע־וועזער־מײַסטער שאַמסודין, האָבן די אייניקלעך זיך אויסגעלערנט שיסן פון יעדן מין געווער אַף אויס־געצייכנט.

— אײַך שטייט פֿאַר, כּעוורע, דורכפֿירן ניט קיין בלוטיקע נעקאָמע, נאָר אויספֿילן א פֿאראנטװאָרטלעכע אופֿגאבע פֿונעם פֿאָלק, — האָב איך ניט איין מאָל אײַנגעטײַנעט מיט די ברידער. — פֿאר אונדז איז איצט דאָס וויכטיקסטע — זיך דערוויסן, ווו געפֿינט זיך פֿיר באבא־כאַן מיט זײַן באנדע, די מארשרוטן פֿון זײַנע אָנפֿאלן. מיר דארפֿן שטרעבן צו נעמען דעם פֿארביסענעם סוינע א לעבעדיקן, ניט קיין טויטן, געפֿינען און פֿארמאכן אלע קאנאלן פֿאר זייערע שרעקלעכע דיווערסיעס.

דער פֿאַלקאָוויניק גאָסטאלי האָט געטאָן אלץ, כּדי צווינגען דעם סוינע גלייבן אינעם דערפֿאַלג פֿון די קלוימערשטע דיווערסיעס אין קאבול. די קינדער פֿונעם דראבקרײַז פֿון דעם פּיאָנערן־הויז, אליין וועגן דעם ניט וויסנדיק, האָבן געהאָלפֿן שאפֿן איבערצײַגעוודיקע קאדרען וועגן די פֿאָלגן פֿון די אופֿרײַסן פֿון די מינעס מיט „סורפּריזן" אפֿן סטאדיאָן פֿון דעם שול־אינטערנאט. אין דער פֿארטראכטער שפּיל האָט זיך געפֿונען א געהעריק אָרט פֿאר דזשאפֿארס אקטיאָרישן טאלאנט. דער פֿאָלקאָוויניק האָט אויך אָרגאניזירט אן עמעסדיקן מעכטיקן אופֿרײַס, וועלכן עס האָבן געהערט אלע אײַנוווינער פֿון דער שטאָט: אויף דעם אופֿלי־פֿאס האָט געברענט אן אלטער עראָפּלאַן, וואָס איז שוין לאנג אראָפּגעשריבן געוואָרן אין מעטאלברוך. די קינאָ־קאמער פֿון דער אפֿגאנער טעלעוויזיע האָט פֿארפֿיקסירט דעם אקט פֿון דיווערסיע, וואָס אן אומבאקאנטע פּערזאָן האָט דורכגעפֿירט. אין די שפּיטאָלן זײַנען געווען פֿארעגיסטרירט פֿיל „אָפּגעסאמטע" מיט די „ווײַסע קײַלעכלעך". די יוגנטלעכע צײַטונג „דעראפֿשע דזשעוואנאן" האָט געשריבן וועגן אן אומבאקאנט מיידעלע, וועלכע האָט געשענקט דער כאוועדטע א ליאלקע, וואָס איז אינדערעמעסן ניט קיין שפּילכל, נאָר א מינע מיט א „סורפּריז", געמאכט געוואָרן אין אמעריקע.

מיר האָבן געוווסט, אז ווי איבערצײַגעוודיק עס זאָלן ניט זײַן די פֿאקטן, וועלכע עס טיילן מיט אונדזערע צײַטונגען און אונדזער טעלעוויזיע, וועלן זיי אומבאדינגט דורכגעקאָנטראָלירט ווערן דורך די אויספֿירער פֿון דער צענטראלער אויסשפּירונג־פֿארוואלטונג. דערבײַ וועלן אונדזערע סאָנים ארויסווײַזן א באזונדערן אינטערעס צו דער אָפּעראציע, וועלכע עס האָבן, לויט דער פֿארגעבונג פֿון פֿיר באבא־כאַן, צום ערשטן מאָל דורכגעפֿירט קינדער.

דאָנערשטיק, שפּעט אין אָוונט, האָט מיך ארויסגערופֿן צו זיך דער פֿאָלקאָוויניק גאָסטאלי.

— זעץ זיך, קאפּיטאן. מיר וועלן טרינקען טיי.

איך באמערק, אז די אויגן בא מײַן שעף זײַנען פֿריילעכע. אויף א קליין טישעלע זידט א עלעקטרישער טשײַניק, דער פֿאָלקאָוויניק נעמט ארויס פֿון דער שאפֿע צוויי קווערטלעך און די אײַזערנע באנקע מיט זײַן באליבטער טיי. דאָס איז א שמעקנדיקער געמיש פֿון פֿארשיידענע סאָרטן, צוגעגרייט לויטן רעצעפּט, וואָס איז באוווסט בלויז אים אליין.

— נו, דאכט זיך, אז זיי האָבן דאָס אונטערגעכאפּט, — זאָגט דער פֿאָלקאָוויניק. — זיי האָבן ניט געזשאלעוועט קיין הויצאָעס, צוגעשיקט א ספּעציעלן עמיסאר פֿון פּעשאוואר. נאָר אונדזערע כּעוורע האָבן באוויזן צושטעלן אים די „נייטיקע" אינפֿאָרמאציע. גראָד די, וואָס איך מיט דיר האָבן צונויפֿגעשטעלט אין אָט דעם קאבינעט. לויט די מיטיילונגען פֿון די אויספֿירער פֿון פּעשאוואר, האָבן צו די מאטעריאלן פֿונעם עמיסאר ארויסגעוויזן א געהעכערטן אינטערעס די אָנפֿירער פֿון דער אָפּעראטיווער גרופּע פֿון דער צענטראלער אויסשפּירונג־פֿארוואלטונג אין פּאקיסטאן. איצט מעג מען אוועקשיקן אונדזערע קינדער אהיים.

אין ראיצענטער אפֿן מארק האָט פּײַזולא אפּגיך אָפּגעזוכט דעם הענדלער נורי כאראט. אן אײַנגעהויקערטער אלטיטשקער איז געזעסן אין זײַן קלייטל, ארומגערינגלט מיט ליימענע טעפּלעך, שיסלען און קווערטלעך. דער טאָג איז, ווײַזט אויס, בא אים געווען ניט קיין וואזשנע, קיין קוינים זײַנען ניט געווען, און דער אלטיטשקער האָט שלעפֿעריק געגענעצט. דערזען א יונגן קוינע, האָט ער זיך שטארק דערפֿרייט.

— ביטע, יונגערמאן. בא מיר איז די בעסטע סכוירע אין דער גאנצער פּראָווינץ.

— און בא אײַך, הויכגעשעצטער באבא, וועט זיך ניט געפֿינען א זאק מעל און צוויי קילאָגראם זאלץ פֿאר אונדזער קאראוואן? — פֿרעגט פּײַזולא.

דערהערט די ווערטער פֿונעם פֿאראָל, איז נורי געוואָרן גאָר אן אנדערער.

מיט מעל און מיט זאלץ האנדל איך ניט, — האָט ער געענטפֿערט אזוי, ווי עס איז אָנגענומען אין אזא פֿאל.

קרעכצנדיק איז ער ארויסגעגאנגען פֿון זײַן קלייטל, צוגעקומען נאָענט צו פּײַזולא און ארויסגעשעפּטשעט:

— אויף דירווארט מען שוין פֿון לאנג, באָכער. אלץ איז גרייט. אין דער קלוניע הינטער מײַן שטוב וועסטו געפֿינען א טאָרבע מיט עסנווארג. זאָל אללאך אָפּהיטן דיך און דײַנע מיטגייער.

אָן איבעריקע פֿאסירונגען האָבן די כּעוורע זיך דערקליבן צו זייער געוועזענעם קישלאק טשערעק. שווײַגנדיק זײַנען זיי געשטאנען א שטיקל צײַט אויף דעם אָרט, ווו ס'איז געווען זייער שטוב. אָפּגעפֿרישט די פּנעמער מיט דער קאלטער וואסער פֿונעם ארס, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט צו

זייער הייל. דאָ האָבן זיי, צו זייער שטוינונג, געפֿונען עטלעכע באַנקעס קאָנסערווירט פֿלייש און א פּאָר צעלאָפֿאַנעווע זעקלעך מיט מעל און מיט רייַז.

— דאָס איז, אַפֿאַנעם, א מאַטאַנע פֿון פּיר באַבא־כאַנען, — האָט זיך אָנגערופֿן כאַקים. — אינ־טערעסאַנט, מיר וועלן איניכן זיך באַגעגענען מיט אים?

— גלײַכער קיינמאָל זיך ניט באַגעגענען מיט דעם מערדער פֿון אונדזער מאַמען. זאָל אים אַף פּיק־פּיצלעך צערײַסן זײַן אייגענע מינע, זאָל ער זיך וואַרגן מיט די „ווײַסע קײַלעכלעך" און פֿייגערן, ווי א וואָלף, וואָס פֿאַלט אַראָפּ פֿון די פֿעלדזן אין אָפּגרונט, — האָט פֿאַטימאַ בייז געזאָגט.

— דו ביסט גערעכט, שוועסטערקע, — האָט איר געענטפֿערט דער עלטערער ברודער. — נאָר פּיר באַבא־כאַן איז אונדז נייטיק א לעבעדיקער. זײַ זיכער, פֿאַטימאַ, ער וועט באַצאָלן פֿאַר אַלע זײַנע פֿאַרברעכנס. ער זאָל נאָר ניט אַנטלויפֿן, ער זאָל זיך נאָר פּאַקן אין אונדזערע הענט.

עס זײַנען דורך עטלעכע טעג פֿון אומרויִקן וואַרטן, ביז פּײַזולאַ האָט זיך באַגעגנט מיט פּיר באַבא־כאַנען. פֿריִער האָט זיי באַגעגנט דזשאַלאַל.

— געהערט, געהערט וועגן אײַערע דערפֿאָלגן! קום גיכער צו אונדזער הער. ער וואַרט אַף דיר דאָרטן, אין דער טיף פֿונעם באַרגשפּאַלט.

פּיר באַבא־כאַן האָט באַגעגנט פּײַזולאַ ווי אַן אייגענעם זון נאָך א לאַנגער צעשיידונג. אַוועקגעזעצט אים לעבן זיך, ער אַף זײַן בענקל, פּײַזולאַ אַף א שטיין, אַן אַנגעוואָרעמטן פֿון דער זון.

— נו, דערציי̆ל, און גענויער, וועגן אײַערע פּאַסירונגען אין קאַבול, — האָט באַבא־כאַן געבעטן.

געהערט האָט ער אופֿמערקזאַם, צונויפֿגעלייגט די הענט אַף דער ברוסט. ווען פּײַזולאַ האָט געענדיקט, האָבן זיך א שיט געטאָן פֿראַגן. אייניקע פֿון זיי האָבן זיך געדוכט פּײַזולאַ זייער לעפּיש.

צי גייען די קינדער אין קינאָ, צי שפּילן זיי זיך אַף די גאַסן, צי זײַנען די פֿענעמער בא די שטאָט־לײַט רויִקע אָדער אומרויִקע. צי איז עמעס, אַז אין דער הויפּט־שטאָט זײַנען טעטיק הונדער־טער מעטשעטן, צענדליקער שײַטישע סינאַגאָגעס, אינדישע טעמפּלען און קריסטלעכע קלויסטערס.

פּײַזולאַ האָט געענטפֿערט, אַז די פֿענעמער בא אַלעמען זײַנען געוויינלעכע, אָן סימאָנים פֿון אומרו. די קאַבולער לאַכן פֿריילעך, ווען זיי הערן א וויץ, זײַנען אייגער צום אַנדערן אופֿמערקזאַם און איידל. וויפֿל מעטשעטן, טעמפּלען און קלויסטערס ווייסט ער ניט פּינקטלעך, ער האָט ניט געהאַט קיין באַפֿעל איבערציילן, נאָר אַז זיי זײַנען אַלע טעטיק, אין דעם איז ניטאָ וואָס צו צווייפֿלען.

— גאַנצפֿרי ווילט זיך אַזוי שלאָפֿן. נאָר נאָך איידער די זון באַווײַזט זיך, הערט מען שוין די שטימען פֿון די מעטשעט־דינער, וועלכע וועקן אוף די גאַנצע שטאָט, — דערציילט פּײַזולאַ.

— איך בין צופֿרידן מיט אײַער אַרבעט אין קאַבול, קינדער מײַנע, — האָט זיך אָנגערופֿן פּיר באַבא־כאַן, — נאָר דאָס איז בלויז אַן אָנהייב. איר דאַרפֿט מיטהעלפֿן מיר, דעם נעקאָמענעמער, דורכ־פֿירן דעם גערעכטיקן געריכט פֿון אַלאַך איבער די אומגלויביקע פֿאַרעטער פֿון אונדזער פֿאָלק, די מערדער פֿון אײַער מאַמען און זיידן. א גרויסע מיסיִע ווערט אַרופֿגעלייגט אַף דיר, פּײַזולאַ.

— א מיסיִע? און וואָס באַטײַט אָט דאָס וואָרט, מײַן הער?

— מיסיִע — דאָס איז א באַזונדערער אויפֿטראָג, וואָס ווערט פֿאַרטרויט דעם סאַמע זיכערן מענטשן, — דערקלערט אים באַבא־כאַן. — איך מיין, אַז איך וועל קיין טאָעס האָבן, אויב איך וועל דיר פֿאַרטרויען ווערן דער קאָמאַנדיר פֿון דעם ערשטן אַפֿגאַנער קינדער־באַטאַליאָן.

— וואָס פֿאַר א קינדער־באַטאַליאָן? פֿונוואַנען האָט ער זיך גענומען? — שטוינט פּײַזולאַ. — איר שפּאַסט געוויס. אַזאַ באַטאַליאָן איז אין ערגעץ ניטאָ.

— דו ביסט גערעכט, מײַן זון. ס'איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען אַזאַ מיליטערישער טייל. בא אונדז אָבער וועט זײַן. דו אינאיינעם מיט מיר וועלן שאַפֿן דעם ערשטן קינדער־באַטאַליאָן „א טויט די אומגלויביקע".

— אָבער ווי מאַכט מען דאָס?

— צוערשט וועט דיר אויסקומען אַרומגיין איבער די שטעט און קישלאַקן, אַגיטירן די קינדער, וועמעס עלטערן זײַנען ניט צופֿרידן מיט דער נײַער מאַכט. זאָלסט צוזאָגן פֿאַר יעדן געהאַרגעטן אומגלויביקן געלט און מאַטאָנעס. אונדז וועלן העלפֿן אין דעם אַלע אופּשטענדלערישע אָטריאַדן. אונטער דײַן קאָמאַנדע וועט זיך צונויפֿנעמען א פּאָר הונדערט כעוורע. מיר וועלן מאַכן פֿון זיי גוטע שיסערס, מיניאָרן, ספּעציִאַליסטן פֿון כעמישן געווער. דערנאָך וועלן מיר זיי גרופּעסווײַז פֿאַנאַנדער־שיקן איבערן גאַנצן לאַנד. אין דער באַשטימטער צײַט וועלן אומעטום א דונער טאָן די שיסערײַען פֿון דײַן באַטאַליאָן. אין אַלע שטעט, אַף אַלע וועגן וועלן זיך אָנהייבן אופֿרײַסן מינעס. עס וועלן זיך קאָרטשען אין זייער גסיסע די אָפּגעסאַמטע אומגלויביקע.

באַבא־כאַן האָט אַזוי זיך פֿאַרכאַפּט, אויסלייגנדיק דעם פּלאַן פֿון די מיליטערישע אָפּעראַציעס פֿונעם קומענדיקן קינדער־באַטאַליאָן, אַז אומבאַמערקט פֿאַר זיך האָט ער א ריס געטאָן די ברילן פֿון די אויגן. פּײַזולאַ האָט טייקעף אים פֿאָטאָגראַפֿירט מיט זײַן פֿאַרמאַסקירטן מיקראָ־אַפּאַראַט און פּיר באַבא־כאַן האָט אַליין געטרוימט אַף א קאָל:

— די קלעפּ דאַרף מען דורכפּירן בליצשנעל. אין דער ערשטער ריי צעשטערן די שולן, האַר־גענען די לערער. און איינינעם מיט זיי אויך די, וואָס טראָגן רויטע האַלדזטיכער, אונטערצינדן די שפּיטאָלן. שיסן, שיסן, ניט שוינענדיק קיין קינדער און קיין זקינים. און גלײַך נאָך דעם גיך פאַר־שווונדן ווערן. אויב די אייגענע פאַרווונדעטע איז אומעגלעך אַרויסטראָגן פונעם שלאַכטפעלד, שיסן אַפן אָרט. טויטע, ווי עס איז באַוווּסט, גיבן ניט אַרויס קיין סודות.

פײַזולאַ האָט אים געהערט און שטאַרק באַדויערט, וואָס ער קאָן איצט ניט אַ וואָרף טאָן זיך אַפן דושמאַן, אַ נעם טאָן אים פאַרן גאָרגל און דערשטיקן אים מיט די אייגענע הענט. ער איז געווען זיכער, אַז באַ אים וועלן סטײַען קויכעס מאַכן אַ סאָף צו דעם בלוטדורשטיקן וואָלף. נאָר ער האָט ניט געטאָרט. האָט ער באַוויליקנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, הערנדיק די שרעקלעכע ווערטער פונעם פאַרביסענעם פאַרברעכער.

— נאָר דאָס זײַנען, אַזוי צו זאָגן, געדאַנקען אַף אַ קאָל, — האָט פּיר באַבאַ־כאַן פאַרגעזעצט. — דער פּלאַן פון אָרגאַניזירן דעם קינדער־באַטאַליאָן ווערט ערשט פאַנאַנדערגעאַרבעט. מיר מיט דיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו אים. און דערווײַל נעם פון מיר אַ מאַטאָנע פאַר דײַנע דערפאָלגרײַכע דיווערסיעס אין קאַבול — אַ נײַעם פּיסטאָלעט.

פײַזולאַ האָט אַ ציטער געטאָן, אַ קוק געטאָן אַף באַבאַ־כאַנען, בייז און פײַנטלעך. ער זאָל נאָר געווען וויסן, אַז אין פּיסטאָלעט זײַנען דאָ קוילן, וואָלט ער געווען אויסגעשאָסן אין אים איין קויל נאָך דער צווייטער.

— עפּעס ביסטו ניט צופרידן מיט מײַן מאַטאָנע, דו קוקסט אַף מיר אַזוי קאָסע, — וווּנדערט זיך פּיר באַבאַ־כאַן.

פײַזולאַ איז געקומען צו־זיך און באַרויִקט זײַן שעף:

— ניין, דאָס איז פּאָשעט פון פרייד. איצט פאַרמאָג איך אייגן געווער. און דאָס וועט האָבן בלויז איין ציל — שלאָגן דעם סוינע פון מײַן היימלאַנד.

— גוט געזאָגט, זון מײַנער, — האָט באַבאַ־כאַן אים אַ ליוב געטאָן. — און איצט גיי צו דײַן ברודער און שוועסטער. ווען מע וועט דיך דאַרפן, וועט מען דיך אַ רוף טאָן. אַ ליוב אַלאַכן.

## 9

לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן האָב איך מיט מײַן אַפּאַראַטיווער גרופּע געדאַרפט אַרויספאָרן נאָך דער מיטיילונג פונעם נאַטשאַלניק פון דעם ראַיאָנישן פּאָליציי־אָפּטייל לייטענאַנט סאַיִד, אַז די כעוורע זײַנען שוין אינדערהיים. די אָרטיקע כאַווירים איז געווען אָנגעזאָגט זיכערן די געפאַרלאָזיקײַט פון די ברידער און שוועסטערל, האַלטן מיט זיי אַ שטענדיקע פאַרבינדונג. איך האָב שוין געהאַט זיך אָפּגעזעגנט מיטן פּאָלקאָווניק, נאָר ער האָט ווידער מיר אָנגעקלונגען:

— קום באַלד אַרײַן. פאַראַן אַ שיפראָווקע פון סאַיִדן.

„קאַבול, דרינגענדיק, זאַרקין. ראַכנאַוואַד, וועלכער איז אַנטלאָפן פון די דושמאַנען, דער ייִנ־גערער ברודער פון מאַקסודן, דעם אַטאַמאַן פון דער באַנדע, האָט בייסן לעצטן שמועס מיט אים אין האָספּיטאַל געמאָלדן וויכטיקע ידיעס, וואָס האָבן אַ דירעקטע שײַכעס צו דער פאָרשטייענדיקער אָפּעראַציע. מיר האַלטן פאַר צוועקמעסיק, אַז דער „אָנגעצייכנטער" זאָל שוין קומען צו אונדז אין ראַיצענטער..."

— וואָס טראַכסטו וועגן דעם, אַבדולאַ? — פרעגט דער פּאָלקאָווניק.

— איך מיין, אַז מע דאַרף באַלד אַרויספליִען.

און אָט בין איך אין האָספּיטאַל. איך שמועס מיטן יונגן ראַכנאַוואַדן, וועמענס לעבן עס האָט געראַטעוועט דער רוסישער סאָלדאַט סיניצין. ס'איז שווער צו זאָגן, וויִאַזוי, נאָר זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן אָן אָן איבערזעצער. איוואַן האָט מאַמעש איבערגעהאָדעוועט ראַכ־נאַוואַדן מיט פּרוכטן און קאָנפעטן, פאַר וואָס דער דאָקטער וואַסיליעוו זידלט אים שטענדיק. פּיל טעג האָבן די סאָוועטישע דאָקטוירים געקעמפט פאַרן לעבן פונעם יאַט. איצט פילט ער זיך שוין גאַנץ נישקאָשע. די באַקן זײַנען געוואָרן ראָזעווע, די אויגן פרייליכע, און בלויז דער שראַם אַפן שטערן וויל זיך ניט פאַרהיילן. דער פּילקאַנטיקער שטערן איז זײַן גרויסער שטאָלץ. ראַכנאַוואַד גלייבט, אַז ער וועט איינגיכן אַרויס פונעם האָספּיטאַל. ער האָט אָנגעהויבן בעטן דעם לייטענאַנט סאַיִד, ער זאָל אים נעמען צו זיך אַף אַרבעט.

לויט דער דערלויבעניש פון דער אַדמיניסטראַציע פונעם האָספּיטאַל זײַנען מיר אַוועק צום ברעג פון דעם רוישיקן טײַך, זיך צוגעזעצט אין שאָטן פון אַ צעצווײַגטער ווערבע, און ראַכנאַוואַד האָט ניט געײַלט אָנגעהויבן דערציילן וועגן איינער פון די טראַגישע געשיכטעס פון מײַן פאָלק. אַ געשיכטע, וואָס האָט געהאַט אַ דירעקטע שײַכעס צו אונדזער פאָרשטייענדיקער אָפּעראַציע.

— מאקסוד האָט מאַמעש מיט גוואַלד מיך אוועקגעפירט קיין פּאַקיסטאַן. געזעגענענדיק זיך, האָט די מאַמע געוויינט, נאָך איר האָבן זיך צערעוועט אַלע מײַנע צוועלף ברידערלעך און שוועסטערלעך. דער טאַטע איז אַ פּאַראָמערטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געשטאַנען אין אַ זײַט.

— הערט אויף אים באַוויינען! — האָט מאַקסוד אָנגעשריגן אויף דער מאַמען און אויף די קינדער. — און פון דיר, שנעקל, וועל איך מאַכן אַן עכטן שלאַכטמאַן, אַ פּאַרטיידיקער פון איסלאַם. ער איז אַ גראַמאָטנע. ער וועט זײַן בײַ מיר מײַן סעקרעטאַר.

פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר האָט מײַן עלטערער ברודער מאַקסוד באַקומען אַ שלעכטן שעם אין אונדזער קישלאַק. מיט אים האָט מען אָנגעהויבן שרעקן קליינע קינדער. אַ שטיק צײַט האָט ער מיט זײַנע גאַרגלשנײַדער פרײַ געבושעוועט אין אונדזער אומגעגנט, זיך אויסבאַהאַלטן פון די טיילן פון דער פאָלקס־אַרמיי. נאָר אָט איז זײַן באַנדע אַרומגערינגלט געוואָרן אין איינעם אַ באַרגשפּאַלט און קימאַט אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. בלויז מאַקסוד האָט זיך געראַטעוועט. אָט דאַן האָט ער אין איינער אַ נאַכט זיך געיאַוועט צו אונדז אין שטוב, און באַגינען אינאיינעם מיט מיר אוועק קיין פּאַקיסטאַן. דאָ, אין פּעשאַוואַר, איז ער פאַר איין טאָג געוואָרן אַ גוויר. זיך אָנגעשיקערט אין האָטעל, האָט ער זיך געוואָרפן מיט דאָלאַרן און אַפגאַניס.

— דו זעסט, ראַכנאַוואַד, וויפל דײַן ברודער האָט פאַרדינט געלט? — האָט ער זיך באַרימט. — אונדזערע באַלעבאַטים צאָלן גוט פאַרן בלוט פון די אומגלויביקע, מיט וועלכן איך האָב בעשעפּע באַגאָסן די פעלדער פון אונדזער זינדיקער ערד.

גאַנצפרי זאָגט ער צו מיר:

— איך דאַרף צוגיין אין שטאָט, און דיר גיב איך אַ פּעקל געלט. באַשטעל באַם באַלעבאָס אַ גוטן מיטיק, און זאָג אים, אַז אַלץ זאָל זײַן, ווי אין די בעסטע רעסטאָראַנען פון פּעשאַוואַר. בײַ אונדז וועט זײַן זייער אַ וואַזשנער גאַסט.

אַרום האַלב־טאָג האָט מאַקסוד געבראַכט צו אונדז אין האָטעל דעם וואַזשנע גאַסט. ניט קיין הויכער, אַ דאַרינקער, אין אַ ליכטיק־גרויען אָנצוג, די אײַנגעפאַלענע באַקן ריין אויסגעגאָלט, די אויגן פאַרבאַהאַלטן אונטער גרויסע טונקעלע ברילן.

— דאָס איז מײַן ברודער, ראַכנאַוואַד, הער לאָיס, — האָט ער מיך פאָרגעשטעלט דעם גאַסט, — אַ באָכערל מיט אַ קאָפּ אויף דער פּלייצע. ער האָט גוט געלערנט אין שול, ווייסט גוט די ענגלישע שפּראַך. אַזוי אַז איך וועל איצט האָבן מײַן סעקרעטאַר און איבערזעצער.

— אָ, דאָס איז אויסגעצייכנט. די אופשטענדלערישע באַוועגונג נייטיקט זיך אין קלוגע מענטשן. מיך פרייט צו באַקאַנען זיך מיט אַזאַ יונגן מענטשן. מיך רופט מען מאַרטין לאָיס, — האָט דער אויסלענדער זיך געווענדט צו מיר אויף דער שפּראַך פון די פּושטונער. און גלײַך אַראָפּגענומען די גרינגע סאַנדאַלן, אַ וואָרף געטאָן אויף מײַן בעט דאָס רעקל און אין איין אויגנבליק זיך צוגעזעצט אָפן טעפּיך. אויף אַ מוסולמענישן אויפן האָט ער אונטערגעשפּרייט אונטער זיך די פיס און אַראָפּגענומען די ברילן. איך האָב דערזען פאַר זיך גרינע און בייזע אויגן, ווי בײַ אַ לעמפּערט. זיי האָבן פאַרשנדיק, ניט פינטלענדיק געקוקט אויף מיר.

— דו גיי, הייס דעם באַלעבאָס, ער זאָל דערלאַנגען דעם מיטיק, — זאָגט מיר דער ברודער, — מיר דאַרפן דאָ אינצווייען אַ שמועס טאָן וועגן זייער וויכטיקע איניאָנים, וועגן וועלכע קיינער דאַרף ניט וויסן. דו אויך. ריכטיק זאָג איך, מיסטער לאָיס?

יענער האָט געענטפערט מיט אַן ענגליש ווערטל.

— אַנו, יונגערמאַן, איר וועט קאָנען איבערזעצן אײַער געשעצטן ברודער דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט?

איך האָב אַ ביסל זיך פאַרטראַכט, דערנאָך אַרויסגעשאָסן:

— קליינע קריגלעך האָבן גרויסע אויערן.

— בראַוואָ, יונגערמאַן, בראַוואָ! — איז דער גאַסט געווען העכסט צופרידן. — בײַ אײַך זײַנען, אַפּאַנעם, געווען ניט קיין שלעכטע לערער.

— יאָ, די לערער אין אונדזער שול זײַנען זעלטענע מענטשן! — האָב איך מיט שטאָלץ געענטפערט.

— הערט אים ניט, טײַערער לאָיס, — רופט זיך אָן מײַן ברודער. — די לערער בײַ אונדז זײַנען ניט קיין מענטשן, נאָר טײַוולאָנישע פאַרברעכער. זיי ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן אומגלויביקע, זיי זאָלן פאַרגעסן די מינהאָגים פון זייערע אָוועס.

— אָ, דאָס איז זייער אַ געפערלעכע פּעדאַגאָגיק, — באַמערקט לאָיס. — מע דאַרף שטענדיק געדענקען דאָס אַפגאַנישע ווערטל: „קאָנסט פאַרגעסן דאָס אייגענע דאָרף, נאָר פאַרגעס ניט די אייגענע מינהאָגים”.

— פולקום ריכטיק, הויכגעשעצטער גאַסט. איך וועל זיך נאָך דערקלײַבן צו די דאָזיקע לערער. איך זאָג אײַך צו, הער לאָיס. זיי וועלן נאָך ווײנען בא מיר מיט בלוטיקע טרערן, — סטראַשעט מאַקסוד.

— דײַן צאָרן איז אומגערעכטיק, ברודער מײַנער, — האָב איך אים געזאָגט, — אין דײַן האַרץ האָט זיך אָנגעקליבן פיל גיפט. זע נאָר, עס זאָל ניט אָשטעקן דאָס גאַנצע בלוט.

— שווײַג בעסער, מיר וועלן דערנאָך מיט דיר זיך דורכשמועסן. און איצט שטער אונדז ניט. גיי טו, וואָס איך האָב דיר געהייסן, — האָט מאַקסוד באַפוילן.

נאָכן מיטיק איז ער אַוועק אײַנײַנעם מיטן גאַסט און זיך אומגעקערט שפּעט באַנאַכט. איך האָב געוואָרט, אַז ער וועט מיך אויסזידלען, וואָס איך האָב געוואָגט אין דער אָנוועזנהייט פונעם גאַסט זיך קעגנשטעלן מײַן עלטערן ברודער. נאָר ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און וועגן דעם ניט דערמאָנט. מיט פאַרגעניגן האָט ער געטרונקען די שטאַרקע טיי, וואָס איך האָב באַוויזן צוגרייטן.

— און דו ביסט אַ מאַלאַדיעץ! דו ביסט געפעלן געוואָרן דעם הער לאָיס, — האָט ער אומ־דערוואַרט מיך געלויבט. — פאַרגעדענק, ער איז אונדזער באַלעבאָס. ער צאָלט מעשוגענע געלט, און מע דאַרף אים דינען ערלעך און איבערגעגעבן, פאַרשטאַנען?

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אויב דיר איז פאַרשטענדלעך, איז קלײַב זיך אין וועג אַרײַן. וועסט דורכפירן דעם קאַראַוואַן פונעם הער לאָיס דורך דער גרענעץ. איך האָף, אַז אונדזער וועג האָסטו פאַרגעדענקט?

— איך וועל אים דורכפירן מיט פאַרמאַכטע אויגן, — ענטפער איך מאַקסודן. — איך האָב ניט איין מאָל מיטן טאַטן און מיט דיר געטריבן די שאָף אויף זומערדיקער פּאַשע.

— איז אַוואַדע גוט. טו אַלץ, וואָס ער וועט דיר באַפעלן, און איך וועל בלײַבן דאָ. איך וועל צונויפנעמען אַן אַטריאַד און ווידער זיך אומקערן אין אונדזערע קאַנטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געפירט דעם קאַראַוואַן מיט אַ שמאָל סטעזשקעלע. ער איז באַשטאַנען פון פינף אייזלען, אָנגעלאָדענע מיט פּעק בוימוואָל, און פינף אָנטרײַבער. אויף לאָיסן איז געווען אַ געשטרייפטער כאַלאַט, ברייטע אַפגאַנער הויזן און אַ קאַראַקולנע הימל אויפן קאָפּ.

— רוף מיך איצט ניט הער מאַרטין לאָיס, נאָר פיר באַבאַ־כאַן, און פאַרגעדענק. מיט קיין שום אויסלענדער האָסטו זיך ניט באַגעגנט. אַנדערש... אַנדערש וואַרט אויף דיר דער טויט. פאַרגעס ניט דאָס וואָרטל. — און ער האָט צוויי מאָל איבערגעכאַזערט אין ענגלישע פראַזע.

— איבערזעצן, צי דו וועסט דאָס אַליין צעקײַען?

— טשעפּע ניט דעם אומרו, ביז דער אומרו וועט דיך אַליין פאַרטשעפּען.

— אַן אַבסאָליוט פּינקטלעכע איבערזעצונג. נײַן, בא דיר זײַנען פּאַשעט אויסגעצייכנטע לערער, יונגערמאַן.

אין אַ מעסלעס אַרום זײַנען מיר בעשאָלעם אַריבער די גרענעץ און אַרויס אויפן שיידוועג פון צוויי ריכטונגען. איינע האָט געפירט צו אונדזער קישלאַק, און די צווייטע — צו די אומצוטריטלעכע פעלדזן פונעם באַרג אַטאַן.

— וווהין וועט איר באַפוילן, הער מאַרטין... — האָב איך אָנגעהויבן, נאָר ער האָט מיך גלײַך איבערגעשלאָגן.

— ניט מאַרטין לאָיס, נאָר הויכגעשעצטער פיר באַבאַ־כאַן. נײַן, נײַן, אין קישלאַק טאָרן מיר זיך ניט באַווײַזן. פיר אונדז צום באַרג אַטאַן.

— נאָר ווײַטער קאָן מען פון דאָרטן ניט גיין. מיר וועלן בלײַבן שטעקן פאַר אַ שטיינערנער וואַנט.

— פיר, וווהין מע הייסט דיר! — האָט ער אָנגעשריגן אויף מיר.

בא פינף הונדערט מעטער פונעם הויכן פעלדז האָט פיר באַבאַ־כאַן מיך אָפּגעשטעלט.

— אויף אָט דעם אָרט האָט דײַן אַרבעט זיך געענדיקט. איך בין צופרידן מיט דיר. קער זיך אום אין דײַן קישלאַק און וואַרט אויף דײַן ברודער... באַקום פאַר דײַן אַרבעט, ראַכנאַוואַד.

און ער האָט מיר דערלאַנגט עטלעכע נײַנקע אַפגאַניס. איך האָב אים אָפּגעדאַנקט, זיך געזעגנט מיט די אָנטרײַבער און בין אַוועק צו זיך אהיים. נאָר גלײַך זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָט ניט געלאָזט רוען די נײַגעריקייט, וווהין זשע וועט ווײַטער אַוועק דער קאַראַוואַן, אויב פאַר אים איז אַן אומבאַזיגבאַרע פאַרצוימונג? אויב ווײַטער איז ביכלאַל קיין וועג ניטאָ, בלויז אומצוטריטלעכע הוילע פעלדזן? איך האָב פאַרקערעוועט צוריק, זיך באַהאַלטן הינטער די שטיינער, קיינער זאָל מיך ניט באַ־מערקן, און אָנגעהויבן נאָכקוקן, וווהין וועט עס פאַרקערעווען מיסטער לאָיס מיט זײַן קאַראַוואַן, ווען דאָס סטעזשקעלע וועט זיך ענדיקן? נאָך עטלעכע שפּאַן, און דער קאַראַוואַן איז געקומען צו דער גרויער וואַנט פונעם באַרג אַטאַן. און פּלוצלינג, אומגעריכט איז דער קאַראַוואַן פאַרשוווּנדן געוואָרן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, געמיינט, עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, נאָכאַמאָל זיי געעפנט,

אַרויסגערוקט זיך אַ ביסל פֿון מײַן באַהעלטעניש, נאָר איך זע נישט ניט לאַיִסן, ניט דעם קאַראַוואַן, ניט די פֿינף אַנטרײַבער. זיי זײַנען ווי אין דער ערד אַרײַן באַם סאַמע באַרג. איך בין זיך מודה, אַז מיך איז באַפֿאַלן אַ שרעק, און איך בין מיט אַלע קויכעס אַוועקגעלאָפֿן אַהיים.

די צווייטע און די לעצטע באַגעגעניש מיט פּיר באַבאַ־כאַנען איז בײַ מיר פֿאָרגעקומען, ווען מײַן ברודער מיט זײַן נײַער באַנדע איז אַנגעפֿאַלן אויף אונדזער קישלאַק. ער האָט באַקומען אונטער זײַן קאָמאַנדע אַ האַלבע מייע יונגע כעוורע, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען אַ געהעריקע צוגרייטונג אין ספּעציעלע לאַגערן פֿון די אַפֿגאַנער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אין פּאַקיסטאַן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די אַמעריקאַנישע אינסטרוקטאָרס. דער פֿאַלשער פּיר באַבאַ־כאַן האָט מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען, וואָס זײַנע קאָלעגן האָבן אויסגעלערנט אָט די כעוורע, וועלכע האָבן מיט אַ שיסערײַ זיך אַרײַנגעריסן אין ווײַטן קישלאַק צווישן די בערג. דער ברודער האָט באַשטימט האַלטן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן לאַיִסן, צווינגען אונדזערע לערער ווײַנען מיט בלוטיקע טרערן. לויט זײַן באַפֿעל האָט מען צונויפֿגעטריבן אַלע אײַנוווינער פֿונעם קישלאַק אויף אַ שרעקלעכן ספּעקטאַקל פֿון טויט.

צו דער וואַנט פֿון דער שול האָבן די דושמאַנען אַוועקגעשטעלט מײַנע לערער מיט פֿאַרבונדענע הענט און פֿיס. דרײַ מענער און צוויי פֿרויען. פּיר באַבאַ־כאַן האָט זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן גאַנעקל פֿון דער שול, זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן בענקל און פֿאַררייכערט אַ סיגאַר. צו אים איז צוגעקומען מאַקסוד.

— דערלויבט אָנהייבן, געשעצטער פּיר באַבאַ־כאַן?

יענער האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מײַנע לאַנדסלײַט, — האָט מאַקסוד זיך געווענדט צום איבערגעשראָקענעם עולם. — די דאָזיקע טײַוואָלאָנים האָבן געלערנט אונדזערע קינדער ניט לויט די הייליקע געבאָטן פֿונעם קאָראַן, נאָר לויט די פֿאַרשאָלטענע געזעצן פֿון די אומגלויביקע. אין נאָמען פֿונעם גוטהאַרציקן אַלאַך באַפֿרײַ איך אײַך, גלויביקע מוסולמענער, פֿון די בייזע גײַסטער און פֿאַרמישפּעט יעדערן פֿון די דאָזיקע פֿאַרעטער צום טויט.

און גלײַך, דער ערשטער, אויסגעשאָסן אין דירעקטאָר פֿון דער שול באַריק רופֿי אין פּאָנעם אַרײַן.

— און די דאָזיקע לערערן, ראַכנאַוואַד, וועסטו אַליין דערשיסן, — ווענדט זיך צו מיר מאַקסוד, אָנווײַזנדיק אויף מײַן לערערן פֿון ענגליש פֿאַטימאַ־כאַנום.

און דערלאַנגט מיר דעם אויטאָמאַט.

— פֿאַרוואָס האַרגעסטו אונדזערע לערער? — פֿרעג איך באַם עלטערן ברודער. — זיי האָבן אונדז, די בלינדע, געמאַכט זעענדיק. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז כּוץ אונדזער קישלאַק איז דאָ אַ גרויסע וועלט. צי דען מעג מען האַרגענען די, וואָס גיבן אַוועק די מענטשן די וואַרעמקײַט פֿון זייערע גרויסע הערצער?

— שווײַג, שנעקל, אויב ניט, וועל איך פֿאַרשטאָפּן דײַן פּאַסקודנע מויל מיט בלײַ! — האָט מאַקסוד זיך צעשריגן. — טו אַזוי, ווי איך באַפֿעל דיר. שיס אין דעם טײַוולס טאָכטער!

— כאַשעווער פּיר באַבאַ־כאַן! — ווענדע איך זיך צום אויסלענדער, — איר זײַט אַ געבילדעטער מענטש. שטעלט אָפּ מײַן ברודער דעם מערדער. ראַטעוועט מײַנע לערער!

— דאָס געפֿיל איז אַ שלעכטער אייצעגעבער, — האָט ער געזאָגט אויף ענגליש, ניט אַרויסנעמענדיק פֿונעם מויל די סיגאַר, און זיך אויסגעקערעוועט צו מיר מיט דער פּלייצע.

— זאָגט איר, הייסט עס, אַז דאָס געפֿיל איז אַ שלעכטער אייצעגעבער? — פֿרעג איך. — ניין, מײַנע געפֿילן זײַנען גוטע אייצעגעבער! באַקומט זשע דאָס, וואָס איר האָט פֿאַרדינט, מערדער!

איך האָב אַרויסגעלאָזט פֿונעם אויטאָמאַט אַ לאַנגע ריי איבער די דושמאַנען, וועלכע זײַנען געשטאַנען לעבן מײַן ברודער, און זיך געלאָזט לויפֿן. איך געדענק ניט, וויאַזוי האָב איך זיך אַרופֿגעכאַפּט אויף מאַקסודס פֿערד, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער שול. פֿעסט זיך צוגעפּרעסט צו דער הריווע, האָב איך אַוועקגעיאָגט מיטן שמאָלן ליקעלע פֿונעם קישלאַק. געיאָגט מיט אַ האָפֿענונג, אַז איך וועל זיך קאָנען ראַטעווען פֿון מײַנע סאָנים.

10

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט שטאַרק זיך געוווּנדערט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, ווער ס'איז אינדערעמעסן דער אַזויגערופֿענער נעקאָמענעמער פּיר באַבאַ־כאַן. די גאַנצע וועלט האָט שוין פֿון לאַנג געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ ראָליע עס שפּילט אין דער ניט־דערקלערטער מילכאָמע קעגן מײַן היימלאַנד די צענטראַלע אויסשפּירונג־פֿאַרוואַלטונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. זיי

האָבן, אייגנטלעך, געהאַלטן אין ווייערע הענט די אָנפירונג מיט דער אַפגאַנישער קאָנטער־רעוואָלוציע. זייער בײַטראָג אין די דיווערסיעס קעגן דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק פון אַפגאַניסטאַן האָבן גע־מאַכט אַ ריי אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

ביז דער גרענעץ מיט פּאַקיסטאַן האָבן מיר גערייטן אױף פערד מיט אַ שמאָל קוים באַמערקבאַר סטעזשקעלע, וואָס ראַכנאַוואַד האָט אָנגעמאָלט אױף אַ קאַרטע. דאָס סטעזשקעלע האָט אונדז גע־בראַכט צו די אַראָפּהענגענדיקע פעלדזן פונעם באַרג אַטאַן. דערנאָך האָט אונדזער ניט־גרויסער אָט־ריאַד גענומען אויספּאַרשן יעדן שטיין, יעדער שפּאַרונקעלע, ווו, לויט ראַכנאַוואַדס ווערטער, עס איז אױף אַ געהיימען אויפן פאַרשווונדן געוואָרן פיר באַבאַ־כאַן, די אָנטרײַבער און די אײַזלען מיט די פּעק בוימוואָל. די אַרבעט האָט געדויערט ביז זון־אויפגאַנג. נאָר אַלץ — אָן שום רעזולטאַטן. פאַר אונדז זײַנען אין טיפן שווײַגן געשטאַנען די הוילע פעלדזן. עס זײַנען געלעגן פון קיינעם ניט גע־רירטע שטיינער צופוסנס פונעם באַרג.

דאָס יאַטל האָט אַפּאַנעם אָנגעפלאָנטערט, — רופט זיך אָן קאַסעם, אײַנאַרדענענדיק אַפן פײַער דאָס קעסעלע מיט טיי. — איבער זײַן פאַנטאַזיע וועט אונדז הײַנט אויסקומען נעכטיקן אױף די שטיינער אונטערן אויסגעשטערנטן הימל.

— יאָ, ער האָט פײַן אַ שפּאַס געטאָן, ראַכנאַוואַד, — האַלט אים אונטער מוכאַמאַד, — אַזוינס צוטראַכטן: ניט געסטײַעט, ווי אין דער ערד אַרײַן.

אין הארצן בין איך מאַסקים מיט מײַנע כאַווערים, נאָר איך שווײַג. איך וואַרט מיט אומגעדולד אױף אַ קווערטל שטאַרקער טיי. פון די באַרג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ קאַלטער נעפּל, און איך צי אַרויף אױף זיך די שינעל. איך טראַכט דערבײַ וועגן די כעוורע, וועלכע געפינען זיך פון יענער זײַט אַטאַן אין זייער הייל לעבן דעם טײַך אַרס. צי פּרירן זיי ניט דאָרטן, צי האָבן זיי וואָס־ניט־איז אױף וועטשערע, וועלכע נײַס וועלן זיי מאָרגן ברענגען דעם לייטענאַנט סאַיד? און ראַכנאַוואַד... ער האָט מיסטאָמע טאַקע אָנגעפלאָנטערט. געוויס געוועזן מיד פונעם ווײַטן וועג, און ס׳האָט זיך אים אויסגע־וויזן, נו, זאָל זײַן, אַז ער האָט אַ טאָעס געהאַט. זאָל זײַן, אַז דאָס האָט זיך אים בלויז אויסגעוויזן, וווהין זשע איז אָבער אהינגעקומען לאַיס מיט זײַן קאַראַוואַן? זאָל זײַן, אַז דער קאַראַוואַן איז לענגויס די באַרג? נאָר ס׳איז ניט באַוווסט, אין וועלכער זײַט. וואָס זשע איז געוועזן פאַרבאַהאַלטן אין די פּעק מיט בוימוואָל, מיט וועלכע דער שפּיאָן האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער אונדזער טעריטאָריע? מײַנע געדאַנקען האָט איבערגעריסן מוכאַמאַד:

— טרינקט אויס אַ קווערטל הייסע טיי, כאַווער קאַפּיטאַן. איר וועט זיך דערוואַרעמען, וועט די שטימונג זיך אופהייבן.

— יאָ, טיי... דאָס איז דער קוואַל פון לעבן, פון אים ווערט וואַרעמער אױף דער נעשאָמע. עס ווערן אופגעשטעלט די פאַרלוירענע קויכעס, — פילאָסאָפירט קאַסעם.

ער האָט אונטערגעוואָרפן אינעם שײַטער אַ ביסל צווייגלעך. דאָס פײַער האָט שטאַרקער זיך צעפלאַקערט, און קאַסעם האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר.

— מיר וועלן אומבאַדינגט כאַפּן דעם אַמעריקאַנישן אַגענט, — רעדט ער אַרויס זיכער. — אויב ניט דאָ, איז אין אַן אַנדער אָרט. אַפילו ווען ער וועט אַרײַן אין דער ערד, וועלן מיר אים אויך דאָרטן געפינען.

...אין צווייטן טאָג אַרום האָבן מיר זיך אומגעקערט אַפן באַאַבאַכטונגס־פּונקט, וואָס סאַיד האָט אָרגאַניזירט ניט ווײַט פונעם טײַך אַרס. איך האָב אים דערציילט וועגן די רעזולטאַטן פון אונדזער ניט־געלונגענער יאַזדע.

— מע דאַרף דרינגענדיק נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען מיט ראַכנאַוואַדן, — זאָג איך דעם לייטע־נאַנט. — דער באַכער האָט אונדז אַפּאַנעם אָפּגענאַרט.

— אײַל זיך ניט, קאַפּיטאַן, — ענטפערט ער מיר. — אָט לייען איבער.

— וואָס איז דאָס?

— אַ דעשיפרירטע ראַדיאָגראַם פון פײַזולאַ.

„דרינגענדיק פאַרן „געצייכנטן". הײַנט האָב איך זיך באַגעגנט מיט פיר באַבאַ־כאַנען. ער איז צופרידן מיט אונדזער אַרבעט. ער לייגט מיר פאָר ווערן קאָמאַנדיר פון אַ קינדער־באַטאַליאָן „טויט די אומגלויביקע".

— וואָס פאַר אַ קינדער־באַטאַליאָן? — פרעג איך אַ דערשטוינטער.

— לייען ווײַטער. וווּנדערן זיך וועסטו דערנאָך.

„עס שטייט פאָר אַ נײַע באַגעגעניש. די צײַט איז ניט באַשטימט. כאַקים האָט אומבאַמערקט באַגלייט פיר באַבאַ־כאַנען און דזשאַלאַלן ביז דער מיט פונעם באַרגשפּאַלט. דערנאָך, לויט דעם ברודערס ווערטער, זײַנען זיי ווי אין דער ערד אַרײַן".

— נו, וואָס וועסטו דערויף זאָגן? — פרעגט סאַיד.

וואָס האָב איך דערבײַ געקאָנט זאָגן? ווידער — ווי אין דער ערד אַרײַן!

די פּאַטאַ־פּליאַנקע, וואָס פּיזולאַ האָט אוועקגעלייגט אין אַ באַשטימטן אָרט אונטער אַ שטיין לעבן ברעג פונעם טײַך, איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין קאַבול. זי האָט ווידער, באַשטעטיקט, אַז אונטערן נאָמען פּיר באַבאַ־כאַן איז טעטיק דער אַלטער אַגענט פון דער צענטראַלער אויסשפּירונג־פּערוואַלטונג מאַרטין לאַיס. ער אָרגאַניזירט עס אַזעלכע בלוטיקע פאַרברעכנס.

עס איז דורך דרײַ טעג נאָך דעם, ווי פּיזולאַ האָט זיך באַגעגנט מיט פּיר באַבאַ־כאַנען, נאָר זײַן שאַליער האָט מער זיך ניט באַוויזן, ניט גערופן פּיזולאַ אויף אַ נײַער באַגעגעניש, ניט געבראַכט די צוגעזאָגטע מאַטאַנעס פאַר כאַקימען און פאַטימאַ. פּיר באַבאַ־כאַן איז געווען פאַרנומען מיט וויכטיקערע איניאַנים. ער האָט געפּרוּווט פעסטשטעלן די סיבעס פון די דורכפאַלן פון די לעצטע אָפּעראַציעס. צוויי באַנדעס, וועלכע האָבן אָפּעריִרט אונטער זײַן דירעקטער אָנפירונג, זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן. און דאָס זײַנען דאָך געווען אָפּגעקליבענע מערדער מיט דערפאַרענע קאָמאַנדירן. איינער פון זיי, מאַקסוד, איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן פון די וווּנדן, דער צווייטער, ראַכמאַן גאַמיד, האָט זיך געראַטעוועט קוים אַ לעבעדיקער. עס איז אויסגעקומען אים פאַרשלעפּן צו זיך אין דער באַהעלטעניש. עס זײַנען דורכגעפאַלן די גרופּעס פון כעמישע דיווערסאַנטן אין גערעט און קאַנדאַגאַר.

אַ סאַך דושמאַנען, וועלכע האָבן זיך געפּאַקט, האָבן איניקן געדאַרפט געמישפּעט ווערן דורכן פאָלקס־געריכט. עס האָט געשמעקט מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל. איצט האָט מען געדאַרפט זיצן שטיל אין דער נאָרע און זיך ניט אַרויסרוקן. פּיר באַבאַ־כאַן איז געווען זיכער, אַז ער איז אין פולער געפאַראַזיקײַט. זײַן שטאַב־געצעלט געפינט זיך טיף אונטער דער ערד. די, וואָס האָבן אים געבויט, זײַנען אַלע ביז איינעם צעשאָסן געוואָרן.

— די טויטע זײַנען די סאַמע זיכערע פּרײַנט פון די לעבעדיקע, — האָט אַרויסגערעדט לאַיס, באַקוקנדיק די אומגעבראַכטע.

— דאָס איז דאָך אַן עמעסדיקער אונטערערדישער פּאַלאַץ! — איז געווען אַנציקט זײַן שעף דאַוויד פּאַטריק, וועלכער האָט רעזיקירט באַזוכן לאַיסן אין זײַן נאָרע.

אַ פּאַלאַץ צי ניט קיין פּאַלאַץ, נאָר אויסניצנדיק די אַלטע הייל אונטער דער ערד, איז דאָ געשאַפן געוואָרן אַ געהיימער סקלאַד פון כעמישן געווער, פון מינעס פאַר פאַרשיידענע דיווערסיעס, פון קוילן פאַר אויטאָמאַטן און קוילנוואַרפערס.

דאָ איז אויך געווען אַ פּאַרטאַטיווע ראַדיאָסטאַנציע. גאַנץ געמיטלעך האָבן געלעבט די אײַנוווינער פון דער אונטערערד, באַזונדערס זײַן באַלעבאָס. באַ לאַיסן איז, כוץ דעם שלאָפצימער און אַ צימער אויף אויפנעמען געסט, געווען נאָך אַן אַרבעטס־קאַבינעט. מעכטיקע אַקומוליאַטאָרס האָבן געגעבן ענערגיע אויף באַלויכטן די אונטערערד און אויף באַוועגן די ליפטן.

די ליפטן האָבן געקאָנט אויפהייבן און אַראָפּלאָזן ניט בלויז מענטשן, נאָר אויך דעם טראַנספּאָרט, וואָס האָט געבראַכט דאָס געווער און די כעמישע מאַטעריאַלן פון פּאַקיסטאַן. די אונטערערד האָט געהאַט דרײַ אַרויסגאַנגען. מיט איינעם פון זיי האָבן זיך באַניצט בלויז פּיר באַבאַ־כאַן און דזשאַלאַל. אָט דער אַרויסגאַנג האָט געפירט צום ברעג פונעם אַרס, און קעדיי עס זאָלן ניט טרעפן קיין שום צופעליקייטן, האָט לאַיס באַפוילן ראַכמאַן גאַמידן פאַרניכטן אַלע אײַנוווינער פונעם קישלאַק טשערעק. אַלע אַרויסגאַנגען, ווען מע האָט זיך מיט זיי ניט באַניצט, זײַנען גלײַך פאַרמאַסקירט געוואָרן מיט שטיינער און מינירט געוואָרן. אַזוי אַז לאַיסן איז דאָ ניט אויסגעקומען זיך באַאומרויקן פאַר זײַן לעבן. נאָר פאַר די לעצטע טעג האָבן באַ אים זיך צעשפּילט די נערוון. עס האָט אים געמאַטערט די שלאָפלאָזיקייט. דאַן האָט ער באַשטימט אויסטרינקען אַ גלאָז שטאַרקע טיי און, פאַרשטייט זיך, אויסרייכערן אַ גאַוואַנער סיגאַר.

— גענוג כראָפּען, ראַכמאַן גאַמיד! — וועקט ער דעם דושמאַן, וועלכער שלאָפט אַפן טעפּיך.

— אַ? וואָס? מע דאַרף לויפן? — דער דושמאַן קאָן בעשום־אויפן ניט אַרויסקלײַבן זיך פון זײַן אומרויִקן שלאָף.

— זעט אויס, קאַרמאַלס סאָלדאַטן האָבן דיך גוט אָנגעשראָקן.

— ווען איר זאָלט געווען זײַן אויף מײַן אָרט, — ענטפערט ראַכמאַן גאַמיד אַ באַליידיקטער. — איך האָב זיך אָפּגעשאָסן ביז דער לעצטער קויל, ניט פאַרלאָזט מײַן פּאָסטן, ביז איך האָב דערזען, אַז עס איז שוין אַ סאָף. אָט דאַן...

— דאַן האָסטו געוואָרפן דעם אָטריאַד און אַנטלאָפן איינער אַליין אויף דײַן פערד. ניט עמעס? — שמייכלט לאַיס.

— און וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, ווען די שלאַכט איז פאַרשפּילט געוואָרן? מע האָט געמוזט ערגעץ זיך אויסבאַהאַלטן, אָפּראַטעווען זיך צוליב די קומענדיקע שלאַכטן.

— אַ דרייסטער וואָלף זוכט ניט קיין נאָרע, — האָט אים מאַרטין אויסגעמוסערט.

באַמערקט, אַז ראַכמאַן גאַמיד האָט זיך באַליידיקט, איז לאַיס געוואָרן אַ ביסל צוגעלאָזטער, אַ קלאַפּ געטאָן אים איבער דער פּלייצע.

— מע דאַרף זיך ניט באַליידיקן אויף מיר. לאָמיר לאָזן צורו אונדזערע איניאַנים. די נאַכט איז געגעבן אויף אָפּרו. לאָמיר אַ ביסל זיך פּאַרווײַלן, אַראָפּטרייסלען פון די פּלייצעס דעם לאַסט פון טרויער. דזשאַלאַלאַ! — האָט ער אַ רוף געטאָן זײַן געטרײַען געהילף. — ברענג אונדז אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק פאַר אַ גוטער שטימונג. לאָמיר פּראַווען אַ סודעלע. און ווי עס זאָגט דאָס קלוגע ווערטל פון דײַנע אָוועס: שטאַרבן איז בעסער מיט אַ פולן מאָגן.

ווען זיי האָבן אויסגעטרונקען דאָס צווייטע פלעשל וויסקי, האָט לאָיִסן זיך פּאַרוואָלט אָן אָטעם טאָן מיט פרישער לוסט. דזשאַלאַל האָט געפּרוווט אָפּרעדן זײַן הער, ער זאָל ניט גיין שפּאַצירן צום ברעג פונעם ארס. נאָר מאַרטין האָט אַפילו הערן ניט געוואָלט. איניינעם מיט ראַכמאַן גאַמידן האָבן זיי זיך אופגעהויבן אויפן ליפּט און אַרויס אין דרויסן.

אויפן הימל איז געהאָנגען אַ פולע לעוואָנע. איר בלייכע שײַן האָט באַלויכטן די פינצטערע הייל.

— טו אַ קוק, ראַכמאַן גאַמיד, אָט דאָרטן, באַנאַנד מיט דער נאַרישער לעוואָנע, וועט גאָט אינגיכן אונדז מישפּטן, — האָט לאָיִס אַרויסגערעדט אַ שיקערער.

פאַרוואָס האָט די טעמע פון טויט, גאַניידן און גענעם זיך ווי צוגעקלעפּט צו זײַן צונג? ער האָט געוווּסט, אַז פון זײַנע ווערטער גרימט באַ גאַמידן אינעווייניק. דער דושמאַן האָט שטאַרק מוירע געהאַט פאַרן טויט פון אַ פרעמדער קויל. דאָך האָט ער פאַרגעזעצט אים שרעקן, באַקומען פון דעם אַ שטיקעלע פאַרגעניגן.

— נעכטן האָב איך געזען אַזאַ כאַלעם, — האָט לאָיִס פאַרגעזעצט. — איך מיט דיר זײַנען אַרויסגעקראָכן פון אונדזער אונטערערדישער מעלוכע שטאַרבן, ווי שלענג אויפן שיידוועג. אויפן סלופּ זײַנען פאַראַן צוויי וועגווײַזערס — איינער ווײַזט דעם וועג גלײַך אין גאַניידן, דער צווייטער — אינעם קעסל, פול מיט זידנדיקער סמאָלע. פאַר דיר.

— הערט אויף צו קראַקען, ווי אַ וואָראָנע, — איז ראַכמאַן גאַמיד געוואָרן שטאַרק אופגעבראַכט.

— ווילסט, וועל איך אָנרופן די פינקטלעכע דאַטע פון דײַן טויט?

— גייט צו אַלדי רוכעס מיט אײַערע וויצן!

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ראַכמאַן גאַמיד אַרויסגעצויגן פון אונטערן כאַלאַט דאָס פלעשל וויסקי, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך, געוואָלט דאָס צולייגן צום מויל, נאָר פון שרעק איז ער פאַרגליווערט געוואָרן. אין דער פינצטער, ערגעץ פון דאָרטן, וווּ עס געפינט זיך דער ברעג פונעם טײַך, האָט אָנגעהויבן אונטערפינטלען אַ לאַמטערנדל. אַ שײַן געטאָן און ווידער פאַרלאָשן געוואָרן.

אַ טרונק געטאָן פונעם פלעשל, איז ער אַ ביסל געקומען צו־זיך. דאָס לאַמטערנדל האָט מער ניט געפינטלט פאַר די אויגן. פיר באַבאַ־כאַנס שטים האָט מען מער ניט געהערט. נאָר וואָס איז דאָס? צי דען האָבן זיך מאַלאָכים אַראָפּגעלאָזט נאָך אים פונעם הימל אויף דער זינדיקער ערד? נאָר ניין, גאָט צו דאַנקען, זיי האָבן אים ניט געטשעפּעט. זיי האָבן בלויז אַ כאַפּ געטאָן פיר באַבאַ־כאַנען, אין איין אויגנבליק אים אײַנגעוויקלט און אַרומגעבונדן. און אָט האָט זײַן קערפּער זיך אָנגעהויבן אופהייבן אַרויף, צום הימל.

אויף ראַכמאַן גאַמידן איז אָנגעפאַלן אַ פּאַכעד, די פיס זײַנען ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צו די שטיינער. און די מאַלאָכים בייזערן זיך, שטופּן אים אין דער פּלייצע.

— אַנו, הער אויף צו היקען. גיי פאָרויס, און שטיל.

און זיי האָבן אים אַ זעץ געטאָן אין דער פּלייצע מיט עפּעס אַ שווערער זאַך. ס'האָט געהאָלפן, די פאַרגליווערטקייט איז דורך, און ער איז אַוועק, וווּהין מע האָט אים באַפוילן. שוין דאָרטן, אונטער דער ערד, באַ דער העלער שײַן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין שום מאַלאָכים זײַנען דאָס ניט געווען. מיט אויטאָמאַטן אין די הענט זײַנען פאַר אים געשטאַנען פּיזולאַ און כאַקים.

— פונוואַנען האָט איר זיך גענומען? — האָט ער געפרעגט, פאַרהיקענדיק זיך.

— פונעם הימל, — האָב איך געענטפערט פאַר די כעוורע.

ס'איז געווען געזאָגט אין אַ שפּאַס. נאָר מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער הייל, טאַקע ווי עמעסדיקע אַלפּיניסטן פונעם שפּיץ באַרג אַטאַן מיט דער הילף פון אַ טראָס און אַ האַנטווינדע. פּונקט אויף אַזאַ אופן איז אופגעהויבן געוואָרן אַרויף און איבערגעגעבן געוואָרן אין זיכערע הענט פון מוכאַמאַד און קאַסעם — פיר באַבאַ־כאַן. פינקטלעכער, דער פאַרביסענער פײַנטלעכער שפּיאָן מאַרטין לאָיִס. אויף אים האָט לאַנג געוואַרט די שטרענגע שטראָף פונעם פאָלקס־געריכט פון דעם רעוואָליוציאָנערן אַפגאַניסטאַן פאַר די פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען אויף מײַן לײַדנספולער ערד. די פילשאַיִקע דזשורסטווע אויפן באַרג אַטאַן זײַנען ניט אַוועק אומזיסט. אַלע אַרײַנגאַנגען און אַרויסגאַנגען זײַנען פעסטגעשטעלט געוואָרן. מע האָט נאָר געדאַרפט וואַרטן, אַז נאָך איין אַרויסגאַנג זאָל געעפנט ווערן. צו דער צײַט זײַנען אַהער אָנגעקומען די סאָלדאַטן פון דער פאָלקס־אַרמיי איניינעם מיטן לייטענאַנט סאַיִד.

מיר האָבן געוואַרט אויף א הייסן געראַנגל מיטן סוינע אונטער דער ערד, געמיינט, אַז די דוש־מאַנען וועלן ארויסווײַזן א פאַרביסענעם ווידערשטאַנד. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, שטאַרק ריזיקירט. ס׳איז גענוג געווען איין קויל, עס זאָלן זיך אופרײַסן פיל קעסטלעך מיט מינעס און קוילן. ראַכמאַן גאַמיד האָט טאַקע געפּרוּווט אַזוי טאָן, נאָר מע האָט באַוויזן אים בינדן, ווי נאָר ער האָט ארויסגעכאַפּט פון אונטערן כאַלאַט דעם פּיסטאָלעט און א וואָרף געטאָן זיך צו די קעסטלעך. ער איז גלײַך געפאַלן א טויטער פון דער קויל, וואָס פּײַזולאַ האָט אויסגעשאָסן אין אים.

די ניט־גרויסע גרופּע באַנדיטן, וואָס האָבן באַדינט דעם „פּאַלאַץ", צווישן וועלכע ס׳איז געווען אויך דזשאַלאַל, האָבן אופגעהויבן די הענט. זיי האָבן ניט געוואָלט אוועק אויף יענער־וועלט גלײַך נאָך ראַכמאַן גאַמידן.

## אָנשטאָט אַן עפּילאָג

א גאַנץ יאָר בין איך ניט געווען אין קאַבול. איך האָב זיך געלערנט אין מאָסקווע, פאַרפולקומט מײַן שווערע, נאָר זייער נייטיקע פּראָפעסיע פון א מיליציע־טוער. איך האָב ניט געוואַרט, אַז אויפן אַעראָדראָם זאָל מיך באַגעגענען אונדזער גאַנצע פאַמיליע. מײַן מאַמע לײַלאַ־כאַנום, די ברידער פּײַזולאַ און כאַקים און דאָס שוועסטערל פאַטימאַ. לאָזט זיך אויס, אַז וועגן מײַן קומען האָט זיי מיטגעטיילט דזשאַפאַר גאָסטאַלי, איצט שוין א גענעראַל. די מאַמע האָט זיך קימאַט ניט געענדערט, געבליבן אַזאַ, ווי איך האָב זי געזען דאָס לעצטע מאָל. סײַדן א ביסל מערער גראָווקײַט אין די האָר, וואָס האָבן ארויסגעשטעקט פונעם קאָפּטיכל. בא פּײַזולאַ האָבן זיך באַוויזן שטעכיקע מענערישע וואָנצעס. ער איז געוואָרן ברייטפּלייציק, דורכגעסאַרפּעט פון דער זון. פאַר דעם יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָט פּײַזולאַ באַוויזן ליקווידירן זײַן אַמעראַצעס און איז אָנגעקומען אויף הינטער־אויגיקע קורסן פון א לערער. ער איז געקומען צו פליִען פון זײַן ווײַטן ראַיאָן, וווּ ער איז דער ערשטער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און קאָמאַנדיר פונעם יוגנטלעכן באַטאַליאָן פון די פּאַרטיידיקער פון דער רעוואָליוציע. א קאָמאַנדיר פון א וזוואָד אין אָט דעם באַטאַליאָן איז דער מיליציִאָנער ראַכנאַוואַד. ס׳איז באַמערקבאַר אויסגעוואַקסן מײַן ברודער כאַקים. ער לערנט זיך אין דעם שול־אינטערנאַט — „דער מאָרגנשטערן פון רעוואָליוציע".

— די לערער לויבן אונדזער כאַקימען, — דערציילט די מאַמע. — בא אים, זאָגן זיי, זײַנען גרויסע פעיִקײַטן, באַזונדערס צו מאַטעמאַטיק און פיזיק. פון אים שטייט ניט אָפּ פאַטימאַ. דעם ערשטן קלאַס האָט זי פאַרענדיקט אויף אויסגעצייכנט.

מײַן שוועסטערל האָט זיך צעבליט, ווי א יונגער עפּלבוים אין פרילינג. זי איז פריילעך און אופגעלעבט. אינאיינעם מיט אונדזער פאַמיליע איז געקומען מיך באַגעגענען אונדזער אַלטער פרײַנט ראַפאַט.

און אָט יאָגן מיר איבער די באַקאַנטע גאַסן פון מײַן קינדהײַט. אין קאַבול איז געקומען דער פרילינג. נאָרוואָס האָט א וואַרעם רעגנדל אָפּגעוואַשן די אַספאַלטעווע וועגן און טראָטואַרן, צוגעפלעטשט דעם שטויב אין די ליקעלעך פון דער אַלטער שטאָט. ס׳האָבן זיך צעבליט אויף די בערג אַרום דער אוראַלטער הויפּט־שטאָט העלע מאָגנען און רויטע טולפּאַנען. ווי א גרינער טעפּיך האָבן זיך אויסגעשפּרייט די גרינע גראָזן. ס׳האָבן ארויסגעוואָרפן די ערשטע בוקעטן די צאַרטע רויזן. ס׳האָט זיך צעצוויטעט אין קאַבול די ווײַסע אַקאַציע. ראַפאַט פירט אונדז אויף זײַן מאַשין און האַלט אין איין סיגנאַליזירן, וווּ מע דאַרף און וווּ מע דאַרף ניט, און צווינגט אַלעמאָל אַן אַנדערן זיך אויסקערעווען און א קוק טאָן אויף זײַן נײַער מאַשין „לאַדאַ". ער סיגנאַליזירט און לאַכט פון פולן האַרצן.

— וואָס פרייסטו זיך אַזוי? — פרעג איך בא אים.

— פרילינג! מיט אונדזער גרויסן פרילינג פריי איך זיך! מיטן פרילינג, וואָס שפּאַנט איבער אונדזער אייגענער ערד, — ענטפערט ער.

— ווי אונדזערע מענטשן זאָגן: א גוטער פרילינג — וועט אויך דאָס יאָר זײַן א גוטס.

ייִדיש — כ. מעלאַמוד

# דער אומרויִקער זיקאָרן




מיר דוכט זיך, אַז ניט צופֿעליק עפֿענען די צונויפֿשטעלער פֿונעם „יעזשעגאָדניק „יאָר נאָך יאָר" זייער זאַמלונג ווערק פֿון סאָוועטיש יידישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך זיינערציַיט געדרוקט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", מיט צוויי גרעסערע דערציילונגען: מיט באָריס סאַנדלערס „טרעפֿלעך אַרויף צו א נעס" און מיט דינע קאַלינאָווסקעס „מיט א שיינעם געמעל אפֿן דנאָ". דאָס זיינען דערציילונגען ניט וועגן דעם קריג, נאָר וועגן דעם, וויאַזוי מענטשן לעבן נאָך אים, וועגן וואָס זיי קלערן, וויאַזוי זיי דערמאָנען זיך אינעם אָוואַר. מיט דער גרעסטער קינסטלערישער איבערציַיגעוודיקייט ווערן אַנגעצייכנט די יעסוידעסדיקע טעמאַטישע זוכונג־ריכטונגען פֿון די יידישע ליטעראַטן, וועלכע זיַינען פֿאַרגעשטעלט אינעם יאָרבוך. די דורכויסיקע טעמע, וואָס האָט פֿאַרייניקט פֿאַרשיידענע לויט זייערע זשאַנרען ליטעראַרישע ווערק — גרעסערע דערציילונגען, לידער, פּובליציסטישע נאָטיצן — איז די מילכאָמע־טעמע. דער הייסער אָטעם פֿונעם קריג האָט אָפּגעסמאַליעט די גוירלעס ניט בלויז בא די פּערסאַנאַזשן פֿון די טראַגישע שוואָרציאָרן, אויך בא די איצט לעבנדיקע מענטשן, וועמען די שווערע, מילכאָמע־אומגליקן האָבן מאַכמעס זייער עלטער ניט געטראָפֿן פּערזענלעך, מע קאָן מיינען, אַז זיי האָבן ניט געוווסט וואָס עס באַטיַיטן די וויסטע צאָרעס, אָבער אפֿילע זייערע גוירלעס האָט אָפּגעבריט דער מילכאָמע־אָטעם. דאָס לעבן זייערס שליסט איַין אין זיך הארבע צייט־רעמלעך, וועלכע זיַינען באַגרענעצט מיטן באַגריף: ביז דער מילכאָמע און נאָך דער מילכאָמע.

דאָס ייִנגעלע בערעלע אין ב. סאַנדלערס (געבוירן אין 1950) גרעסערער דערציילונג הייבט אָן די וועלט־דערקענונג דורך די גוירלעס פֿון זיינע נאָענטע: פֿונעם פֿעטער קאָפּל, וועלכער איז געוווען בייס דער מילכאָמע אַן אויספֿירער, און פֿונעם פֿעטער באָריס, וואָס איז אַף אייביק פֿאַרבליבן אין דער פֿרעמדער ערד, אַף יענער זייט פֿון דעם טייך אָדער. די באָבעשי זאָגט באַטריבט דעם אייניק: „די מילכאָמע האָט צעשליידערט די מענטשן ווי שטיינער אַף די וועגן".

און עס זאַמלען אָט יענע שטיינער פֿונעם זיקאָרן די קינדער און אייניקלעך פֿון די, וואָס עס איז געפֿאַלן אין די שלאַכטן, פּאַרטיידיקנדיק דאָס היימלאַנד, אָדער צעשאָסן געוואָרן אַלס מאַרטירער אין געטאָ. ס׳איז וועלבסטפֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס די מילכאָמע ווערט קינסטלעריש באַזיניקט דורך דער אויפֿאַסונג פֿון די קינדער און אייניקלעך, פֿון די אַף אייביק פֿאַרגאַנגענע מענטשן. די יונגע סעראַפֿימע אין ד. קאַלינאָווסקעס „מיט א שיינעם געמעל אפֿן דנאָ", דאָס יינגעלע מאַקס, וואָס האָט איבערגעלעבט די גרוילן פֿון דער געטאָ (אין כאַים מעלאַמודס ראָמאַן), פֿאַרייגענען די דערפֿאַרונג פֿונעם אָוואַר יעדערער אַף זיין אויפֿן, אָבער אָן איר וואָלט זייער פֿרידלעך לעבן געוווען ניט קיין פֿולס, א פֿאַראַרעמטס. דאָס זיַינען מילכאָמע־קינדער, אפֿילע אויב זיי זיַינען, ווי בערעלע, געבוירן געוואָרן נאָך דעם קריג. זיי דינען ווי א פֿאַרבינדונגס־בריק צווישן דורעס. „איך וויס: אין יענער רעגע, ווען אין אַנסאָף־רוים וועט זיך מיין צוקונפֿט איבערקרייצן מיט מיין פֿאַרגאַנגענהייט, וועט געשען א נעס — עפּעס וועט זיך פֿאַרייביקן", — טראַכט ב. סאַנדלערס קליינינקער העלד.

פֿאַרשטייט זיך, אַז עס וואָלט געוווען ניט ריכטיק רעדוצירן דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון דער פֿאַרשיידנאַרטיקער לויט די זשאַנערן זאַמלונג „יאָר נאָך יאָר" צו איין פּראָבלעמאַטיק, אפֿילע אַזאַ וויכטיקער, ווי די מילכאָמע. נאָר ס׳ווילט זיך אונטערשטרייכן, אַז אָט די טעמע וויַיזט זיך אַרויס אַלס הויפּט־טעמע, אַלס מאַגיסטראַל־טעמע אינעם טעקסט גופֿע, ווי אויך אינעם אונטערטעקסט פֿון די נאָוועלעס, גרעסערע דערציילונגען, לידער אויך בא אַנדערע אַוטאָרן: בא באָריס מאַגילנערן, כאַים ביידערן, יעכיעל שריַיבמאַנען, נאַטע לוריע, טעוויע גען, לעווי אַרקאַדיעוו, אַדע דיכטיאַר. דער אומרויִקער זיקאָרן — אָט וואָס עס באַוועגט זייער פּען.

אין די באַשרייבונגען פֿון מישפּאָכע־געשיכטעס זעט דער לייענער עפּעס א סאַך מערערס, איידער אינדיווידועלע גוירלעס. גיכער פֿאַר אַלץ פֿאַר־

קריצט זיך אין זײַן באַוווּסטזײַן דער שיקזאַל פֿונעם פֿאָלק, זײַן שטייגער, זײַן ביטאָכן, דער הויכער גײַסט פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם. ס'איז גאָרניט צופֿעליק דעריבער, וואָס די מעכאַבערים פֿון די דערציילונגען אינעם יעזשעגאָדניק זונדערן ניט אָפּ זייערע פּערסאָנאַזשן אין אַן ענגער נאַציאָנאַלער סוויווע, פֿאַרקערט, זיי באַווײַזן, ווי־אַזוי זייערע העלדן לעבן באַנאַנד מיט די רוסן, אוקראַינער. אין דער הינזיכט איז אינטערעסאַנט דער אויסצוג פֿון כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן. אין סטאַניסלאַווער געטאָ באַקומען די פֿאַרורטיילטע מענטשן שטיצע און הילף מיצאַד דעם דרייסטן רוס — דעם פּעטער קאָסטיע.

אַגעוו, ניט בלויז דער אינהאַלט פֿונעם יעזשעגאָדניק זאָגט אײדעס וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון די פֿאַרבינדונגען פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, אין דעם פּראַט איז כאַראַקטעריסטיש אויך דער אָפּקלײַב פֿון די מעכאַבערים אין דער זאַמלונג. צווישן זיי זעען מיר סערגיי באַרוזדינען, יורי ווערטשענקאָן, דמיטראָ פּאַווליטשקאָן, לעאָניד לענטשן. קיין אײַנהאָרע, אַ גוטע טראַדיציע, וואָס ס'איז שוין אײַנגעשטעלט פֿון לאַנג און באַווײַזט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט אַ פֿעסטע פֿאַרבינדונג מיט דער רוסישער און אוקראַיִנישער.

איינע פֿון די בעסטע דערציילונגען אין דער זאַמלונג האָט אָנגעשריבן דער אַמעריקאַנישער ייִדישער שרײַבער מוישע גיציס, זי הייסט „אַ קיִשעפֿדיקע נאַכט". ווען דו לייענסט זי, דערמאָנסטו זיך ניט־ווילנדיק אין ליִאָן פֿייכטוואַנגערס ווערטער: „אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז אַ צווישנפֿעלקערלעכע שפּראַך פֿונעם פֿאַשיזם". אַן אַמעריקאַנער נעאָנאַציסט רעדט וועגן זײַן סינע צו די ייִדן: „זיי לאָזן ניט צורו די גאַנצע מענטשהײַט. אומעטום קאַלויִצען זיי דאָס וואַסער. אוי! מע וואָלט זיי געדאַרפֿט ווי־ס'ניט־איז אַט אָ־דאָ צונויפֿקלײַבן... און אויפֿרײַסן איבער זיי אַן אַטאָם־באָמבע..."

צײַטן בײַטן זיך: היטלער פֿלעגט פֿאַרניכטן מענטשן אין די גאַז־קאַמערן, די הײַנטצײַטיקע נעאָנאַציסטן טרוימען וועגן מאָדערניזירן אָט דעם פּראָצעס מיט דער הילף פֿון נוקלעאַרן געווער. און וואָס עס איז טשיקאַווע — בײַ די ראַסיסטן, סײַ בײַ די דײַטשישע אין די יאָרן פֿונעם פֿאַשיזם, סײַ בײַ די אַמעריקאַנער ראַסיסטן, איז ניט בלויז אַ געמיינזאַמע מענטשנהאַסערישע אידעאָלאָגיע, נאָר אויך אַ קרוווישע טערמינאָלאָגיע. דאָס באַלעבעסל אין כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן, קלײַבנדיק זיך איבערגעבן די פֿאַשיסטן דאָס ייִנגעלע מאַקסן, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון דער געטאָ, זאָגט צו אים: „דו, הייסט עס, לאָזט זיך אויס, ביסט אַ זשידליק". ווי אַכזאָריעסדיק ראַפֿינירט עס זאָל זיך ניט באַמיִען אין זײַן וואָרט־עקוויליבריסטיק דער אַמעריקאַנער ראַסיסט אין מוישע גיציסעס דערציילונג, פֿאַלט אָבער צונויף זײַן מײַנע־לאָשן מיט דער געמיינער שפּראַך פֿון אָט דעם באַלעבעסל. נײַע צײַטן, די אידייען אָבער זײַנען אַלטע.

אין דער זאַמלונג „יאָר נאָך יאָר" איז פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אינטערעסאַנט דאָקומענטאַל ווערק „די אומבאַוווּסטע", וועמענס אַוטאָרן עס זײַנען לעוו אַרקאַדיעוו און אַדאַ דיכטיאַר. ווער פֿון אונדז האָט ניט געזען די טראַגישע פֿאָטאָ, אויף וועלכער עס איז פֿאַרייביקט די הינריכטונג פֿון די פּאַטריאָטן אין מינסק אין אָקטיאַבער 1941? די נעמען פֿון צוויי פּאַרטיזאַנער האָט מען געוווּסט: קיריל טרוס און וואָלאָדיע שטשערבאַצעוויטש. ווער איז דאָס יונגע מיידל, די דריטע פֿון די אומגעבראַכטע, — איז ניט געווען קלאָר. די זאָרגזאַם דורכגעטראַכטע זוכונגען פֿון די זשורנאַליסטן האָבן געהאָלפֿן אָנצורופֿן דעם נאָמען פֿון דער העלדן; עס לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז די זיבעצניאָריקע מינסקער קאָמיוגיסטקע מאַשע ברוסקינע.

אָן גוזמע קאָן מען זאָגן, אַז די דאָקומענטאַלע דערציילונג „די אומבאַוווּסטע" רירט אויף אַן עכטן אויפֿן, רעגט. יאָ, נאָכאַמאָל איבערצײַגסטו זיך, אַז אַ דאָקומענט, אויב ער איז באַהויכט מיט ניט קיין גלײַכגילטיק האַרץ פֿון אַ קינסטלער, איז בעקויעך צו דערשיטערן דעם לייענער.

אַגעוו, וועגן דעם טראַכסטו ניט נאָר בײַסן באַקאַנען זיך מיט דער גרעסערער דערציילונג פֿון ל. אַרקאַדיעוו און אַ. דיכטיאַר. די געטאָ־לידער, וועלכע עס האָט איבערגעזעצט נאַום גרעבניעוו, זײַנען אויך דאָקומענטאַלע. זייער לעבעדיקע שפּראַך, אַ פֿאַרשריבענע, קאָן זײַן, מיט אַ רעגע פֿאַרן אומקום פֿון די אַוטאָרן, ווערט אויפֿגענומען ווי אַ צוואָע פֿון רעאַלע מענטשן, בײַ וועמען עס זײַנען געווען פֿאַמיליעס, נעמען, ביִאָגראַפֿיעס. די נאָמענלאָזע אַוטאָרן שטייען אויך הײַנט אין איין ריי מיט די, וואָס קעמפֿן קעגן דעם ראַסיזם, קעגן דעם פֿאַשיזם. וועגן זיי שרײַבט באָריס מאָגילנער:

„מאַרטירער, ווער זײַט איר? — איך שטאַמל. —
פֿונוואַנען?"
„פֿון קיִעווער פֿאָרשטאָט, ווו ס'רוישן קאַשטאַנען.
דעם אייביקן שלאָף אונדז געשטערט האָט דער
צאָרן.
דערמאָן זיך: געווען ביסט בײַ אונדז פֿאַראיאָרן,
געשטאַנען אין באַבי יאַר ביסטו דערשיטערט,
געקוקט אויף די גריבער מיט גרויל און מיט ציטער.
און איצט אויף די ביינערנע קוליעס מיר הינקען,
דורך אוישוויִץ, מײַדאַנעק, דורך וואַרשע,
טרעבלינקע,
צו סאַבראַ מיר ווילן דערגיין און שאַטילאַ —
בעטן מעכילע,
בעטן מעכילע..."

לייענסט די זאַמלונג, און ניין־ניין, אָבער דערמאָנסט זיך אין שאָלעם־אַלייכעמען. זײַנע טראַדיציעס לעבן אין דער שאַפֿונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. עפּשער דערפֿאַר טאַקע פֿאַר-

מאָגן זייערע דערציילונגען אזויפיל טרויעריקן הומאָר. „לאכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאכן", — אָט די שאָלעם־אַלייכעמס ווערטער כאַזערט איבער אין יעכיעל שרײַבמאנס מיניאַטיור דער ייִד, וועלכער גייט צווישן דעם האַמוין צו דער אָפענער גרוב. עמעצער האָט שוין אים געקרוינט אַלס מעשוגענעם — מע פירט דאָך זיי צעשיסן, אָבער אייניקע האָבן אים אונטערגעהאַלטן און אויך גענומען לאכן. „הערט אויף!" — שרײַען צו זיי די הענקער. „ווער האָט דערלויבט די ייִדן לאכן?"

א ייִד, וואָס איז אַלפּי נעס געבליבן לעבן און וועמען מע רופט „דער צעשאָסענער", טראַכט: „ווער האָט דערלויבט די ייִדן צו לאכן? ווער, ווער האָט עס געמאַכט, אַז די ייִדן זאָלן קאָנען לעבן און לאכן?" ער ווייסט, אַז דאָס האָבן אופגעטאָן די סאָוועטישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געראַטעוועט די וועלט פונעם פאַשיזם.

מיט א מילדן הומאָר זײַנען באַפאַרבט די גרעסערע דערציילונגען פון ב. סאַנדלער, ד. קאַליינאָווסקע, הערשל פּאָליאַנקערס דערציילונג „דער מיליאַרד", אַרן ווערגעליסעס רײַזע־נאָטיצן „דאָרט, ווו איך בין נאָך ניט געווען".

אינטערעסאַנט זײַנען בוזי מילערס דערציילונג „צוגעבונדנקײַט", מאַרק ראַזומניס מיניאַטיורן, עמאַנויל קאַזאַקעוויטשעס טײַגע־לידער אין דער איבערזעצונג פון יעווגעני יעווטושענקאָ, אַרסעני טאַרקאָווסקי, וולאַדימיר קאָסטראָוו, די ליטעראַרישע נאָטיצן פון אוראַן גוראַלניק, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט די ענגע פאַרבינדונגען פון דער ייִדישער און רוסישער ליטעראַטורן. אַגעוו, די איבערזעצערישע אַרבעט פון אַנאַטאָלי זשיגולין, וויקטאָר קאָטשעטקאָוו, וואַדים ראַבינאָוויטש, לעוו בערינסקי, אַלעקסאַנדער בראָדסקי, ליליע קאַרמינסקע, אידע שולקינע און אַנדערע פאַרדינט די סאַמע בעסטע אַנערקענונג.

ס'איז א גוטער אָנהייב — דאָס דערשײַנען פונעם ליטעראַרישן יאָרבוך „יאָר נאָך יאָר". די זאַמלונג וועט העלפן דעם לייענער טיפער זיך צו באַקאַנען מיט דער ליטעראַטור, וועלכע ווערט געשאַפן אָף ייִדיש, באַזיניקן איר וועג און די אינערלעכע פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער ליטעראַטור.

מ. ס ט ע ק ל אָ ו,

זשורנאַל „אָקטיאַבער" נומ. 12, 1986

# אין א גוטער, אין א נואַזלדיקער שאָ




אין דער לעצטער צײַט איז מיר אויסגעקומען עפּעס־וואָס צו לייענען פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע דערשײַנט אָף רוסיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס זײַנען געווען באַזונדערע ביכער. דער זאַמלבוך „יאָר נאָך יאָר", וועלכן דער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אין 1985, פּובליקירט, אַזוי צו זאָגן, אויסגעווײלטס, דאָס, וואָס העלפט אָריִענטירן זיך אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביכלאַל — אין דער פּראָזע, פּאָעזיע, קריטיק, ליטעראַטור־קענטעניש. ספּעציִעלע אָפּטיילן פון דער אויסגאַבע זײַנען געווידמעט דער פּובליציסטיק, דעם פאָלקלאָר, די אַרכיוו־פאָרשונגען, די ווערק פון פּראָגרעסיווע אויסלענדישע שריפטשטעלער, וועלכע שרײַבן אָף ייִדיש.

אינעם אַרטיקל „טיפע וואָרצלען" באַמערקט ריכטיק דער דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן אוראַן גוראַלניק פאָלגנדעס: „די ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייטע אין אויסלאַנד קאָנצעפּציע וועגן „נאַציִאָנאַלן וואַקוּום" פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, וועגן איר פאַרשלאָסנקײַט, האַלט ניט אויס קיין ערנסטע קריטיק. גענוג זיך ווענדן צו פאַקטן, קעדיי גלײַך זיך איבערצײַגן אין דער פולקומער ניט־אָביעקטיווקײַט פון אַזעלכע באַהויפּטונגען. איבערצײַגעוודיק און וואָרהאַפטיק איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם אין די אָפּהאַנדלונגען פון אַזעלכע טאַלאַנטפולע און ערודירטע פאָרשער, ווי נ. אויסלענדער, דער אווטאָר פון דעם דערשינענעם אין 1919 אין קיִעוו בוך „די גרונט־שטריכן פונעם ייִדישן רעאַליזם", און דער באַוווּסטער ליטעראַטור־פאָרשער ה. רעמעניק, וועלכער האָט ניט ווייניק אופגעטאָן פאַר דער טעאָרעטישער באַזיניקונג פונעם נאַציִאָנאַלן כאַראַקטער פון דער שאַפונג פון די ייִדישע קלאַסיקער".

דער ליטעראַרישער זאַמלבוך „יאָר נאָך יאָר" איז נאָך איין באַווײַז, אַז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך אין א פרוכטבאַרער מיטאַרבעט מיט די נאַציִאָנאַלע ליטעראַטורן פון אונדזער היימלאַנד.

דער יאָרבוך עפנט זיך מיט באָריס סאַנדלערס גרעסערער דערציילונג „טרעפלעך אַרוף צו א נעס". דער אווטאָר איז, לויט די איצטיקע באַגריפן, נאָך יונג ווי א ליטעראַטאָר. ער איז אַלט 36 יאָר.

פארענדיקט א קאָנסערוואטאָריע און די העכסטע ליטעראַרישע קורסן באם ליטעראַרישן אינסטיטוט אַף גאָרקיס נאָמען. זייַן קוק אלס קינסטלער איז א דורכדרינגלעכער, ער פארמאָגט א טאלאנט פון איבערגעשטאלטיקונג: דאָס טאָגטעגלעכע לעבן, געוויינלעכע זאכן און דערשייַנונגען אנטפלעקן זיך אין זייַן שילדערונג, גלייַך ווי ער וואָלט זיי דערזען דאָס ערשטע מאָל פונדערנאָענט. ס'איז ניט פאראן בא אים קיין פּאָזע, קיין דידאקטיק און, גאנץ ווארשייַנלעך, אז גראָד דערפאר פארכאפּט אומבאמערקבאר זייַן מאניר, וועלכע איז, דאכט זיך, אפן ערשטן קוק א ביז גאָר פּאָשעטער פאר דעם לייענער און צווינגט אים איבערצולעבן צוזאמען מיטן אוטאָר. סאנדלערן גיט זיך אייַן אופצוכאפּן יענע פּראָטים און קוים באמערקבארע ניואנסן, יענץ „עטוואָס", וואָס שיידט אייגנטלעך אונטער א לעבעדיק ווערק פון געקינצלטער ביכלדיקער, עפּיגאָנישער ליטעראטורשטשינע.

עס ווילט זיך ציטירן דעם סאמע אָנהייב פון דער דערציילונג: „דער לייטער שטייט שוין בא דער וואנט. די לייטער־טרעפּלעך פירן ארוף, צום בוידעם, און איך דארף נאָר ארופקריכן, א שפּאר טאָן דאָס טירל, וועט זיך עס באלד מיט א קרעכצנדיקן סקריפּ אופמאכן, ווי איינער רעדט: „ווער ביסטו, און וואָס האָסטו דאָ פארגעסן?"

איך בין א טאטנס קינד, געבוירן געוואָרן אין 1950, אין בעלץ, און פארגעסן האָב איך דאָ, אפן בוידעם, מייַן קינדהייַט".

ניט עמעס? — ווי אלץ איז ניט געקינצלט אָנגעשריבן, און פונדעסטוועגן גיט עס א כאפּ בא דער נעשאָמע! עס אנטשטייט פאר אונדז ניט קיין ספּעקוליאטיווע וועלט, נאָר א לעבעדיק בילד, אין וועלכן ס'איז וויכטיק סיי אָט דער פארזשאווערטער צוואָק, סיי דאָס אלטע בוידעם־טירל, סיי „די פארגעסענע אפן בוידעם" קינדהייַט. און אָט איז שוין „פארגרונטעוועט" דער פּאָן, אַף וועלכן עס וועט אנטשטיין אַף די ווייַטערדיקע זייַטלעך יענע קינדהייַט, וועגן וועלכער עס וועט אונדז דערציילן דער אוטאָר. און דערזען וועלן מיר ניט נאָר זאָרגלאָזע טעג, נאָר אויך ביטער ברויט, קראנקהייַטן, טויט פון נאָענטע און נאָך פיל אנדערס, וואָס וועט צווינגען זיך פארטראכטן וועגן א פרעמד לעבן און דעריקער — דערפילן עס, פארשטיין די קינדהייַט פון יענע יאָרן, ווען דער אָטעם פון דער מילכאָמע איז נאָך געווען פריש.

אייגנארטיק איז דינע קאלינאָווסקעס גרעסערע דערציילונג „מיט א שיינעם געמעל אפן דנאָ". ווארטנדיק אַף די מוליערס, רייַסן מארוסיע און איר טאָכטער סעראפימע אראָפּ פון די ווענט אלטע טאפּעטן און אונטער זיי באווייַזן זיך ארויס צייַטונגען פון דער מילכאָמע־צייַט. און פּלוצעם רייַסט זיך אריַין אין דער הייַנטצייַטיקער קווארטיר א באומרויִקנדיקער ווינט, וואָס איז דורכגעזאפּט מיטן רייעך פון סרייפעס. דינע קאלינאָווסקאיא שרייַבט

פרייַ, איר אקווארעל־מאניר היט אָפּ די פּסיכאָלאָגיע פונעם שטייגער, פון די מישפּאָכע־באציִונגען.

עס פארדינען אופמערקזאמקייַט די מיניַאטיורן פון מארק ראזומני און יעכיעל שרייַבמאן, וועלכע האָבן געשטעלט פאר זיך א קאָמפּליצירטע אופגאבע: דערזען אין קליינס — גרויס, אין געוויינלעכס — ניט־געוויינלעכס. אין די אפאָריסטישע מיני־דערציילונגען ווערט אָפּגעשפּיגלט די וועלט, ווי אין א טראָפּן וואסער. די דאָזיקע מיניַאטיורן זייַנען פולקום אין דער טראדיציע פון דער פילדויראסדיקער יִידישער ליטעראטור, דער קלוגער און מענטשלעכער.

אינעם יאָרבוך איז אָפּגעדרוקט אויך די דערציילונג פון דעם פּראָגרעסיוון יִדישן שריפטשטעלער פון טשיקאגאָ מוישע גיציס „א קישעפדיקע נאכט". דער אוטאָר דעמאסקירט צאָרנדיקן דעם עקלהאפטן מעהוס פונעם נעאָנאציזם. א מערדער־„ליבהאָבער", וואָס איז פול מיט האס צו מענטשן, האָט זיך געקליבן אָן א פארוואָס אראָפּשטויסן אין אָן אָפּגרונט א שוואכן זאָקן, וועלכער איז גייַסטיק שטארקער פונעם פאשיסט. ער ווארפט אים אין פּאָנעם ווערטער פון פאראכטונג. און די מענטשלעכע באשעפעניש האָט שאָדנפרייד: „א שאָד, וואָס איך וועל ניט קענען פרעגן בא אייַך אין עטלעכע רעגעס ארום, ווען איר וועט ליגן אפן דנאָ: נו, יִיד, אין וואָס זשע באשטייט אָט דער גערימטער טאָך אייַערער?" ער פארגיט זייַן בייזע פראגע ניט דערפאר, ווייַל ער זוכט אָן ענטפער, ווייַל ער צעטאָפּטשעט אין זיך די לעצטע רעשטן פונעם געוויסן.

אומעגלעך איז צו לייענען רויִק לעוו ארקאדיעווס און אדא דיכטיארס דאָקומענטאלע דערציילונג „די אומבאוווּסטע", וועלכע איז געווידמעט דעם גוירל פון דער קאָמסאָמאָלקע, דער נעכטיקער שילערן מאשע ברוסקינא, וועלכע די געסטאפּאָווצעס האָבן אופגעהאנגען. פיל יאָרן איז איר נאָמען געווען אומבאוווּסט. די אוטאָרן פון דער דערציילונג האָבן דורכגעמאכט א קאָלאָסאלע ארבעט־זוכונג, אין רעזולטאט פון וועלכער ס'איז אופגעשטעלט געוואָרן דער גוירל און דער העראָיִזם פון מאשע ברוסקינען.

אינטערעסאנט זייַנען די רייַזע־נאָטיצן פונעם באוווּסטן יִדישן פּאָעט, פּראָזאיִקער און פּובליציסט, דעם הויפּט־רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" ארן ווערגעליס, וועלכע זייַנען א מין פאָרזעצונג פון זייַן בוך „16 לענדער, אייַנגעשלאָסן מאָנאקאָ". זייער פּאטאָס איז — דער קאמף פאר שאָלעם און קעגנזייַטיקער פארשטענדעניש צווישן די פעלקער.

דער יִדישער פאָלקלאָר איז פאָרגעשטעלט מיט די „געטאָ־לידער" אין נאום גרעבניעווס איבערזעצונג. „די לידער, וועלכע איר וועט איבערלייענען, — שרייַבט דער פּאָעט אינעם פאָרוואָרט צו זייַנע איבערזעצונגען, — זייַנען נאָמענלאָזע, פּונקט

אזוי, ווי די קוואָרים פון זייערע שעפער... די צאַ-רעס האָבן געמאַכט פון זיי זינגער, בא וועלכע עס זײַנען ניט געווען קיין אנדערע לידער. אויסער שוואַנען־לידער". אין די געטאָ־מאָטיוון פילט זיך בוילעט דער אומגעצוימטער גײַסט פון די פאַרטרי-בענע אין דער פאַשיסטישער קנעכטשאַפט, זייער פּראָטעסט קעגן גוואַלדטאַט און דערנידעריקונג. די דאָזיקע לידער זײַנען דורכגעזאַפּט מיט לײדן און פּלאָגן, אָבער זיי דערהייבן די נעשאָמע.

דער רוסישער פּראָזאַיִקער עמאַנויל קאַזאַקע-וויטש האָט אין אָנהייב פון זײַן שפּעטערישן וועג געשריבן לידער אױף ייִדיש. זײַנע לידער, וועלכע ס'האָבן איבערגעזעצט יעווגעני יעווטושענקאָ, אַר-סעני טאַרקאָווסקי און וולאַדימיר קאָסטראָוו, זײַנען פּובליקירט אין דער אויסגאַבע, און דאָס זאָגט איי-דעס וועגן דער יערושעדיקײַט פון די טראַדיציעס, וועגן די ברייטע פאַרבינדונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט אנדערע ליטעראַטורן פון די פעל-קער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

**מ א ג אָ מ ע ד ר א ס ו ל**

זשורנאַל „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו" נומ. 12, 1986

# „דלאָניע צו דלאָניע-אינכויטן דאָס האַרץ"

אױף די סטעלאַזשן פון אַלע ביכער־קראָמען און ביבליאָטעקן אין ביראָבידזשאַן האָט זיך באַוויזן דער צווייטער נומער פונעם ליטעראַרישן יאָרבוך, וועלכער איז צונויפגעשטעלט לויט די מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען פריִער געווען געדרוקט אינעם זשור-נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

„יאָר נאָך יאָר—86" איז דערשינען אין א מערק-ווירדיקער פאַרן זשורנאַל צײַט — לעצטנס איז גע-פײַערט געוואָרן דער 25־יאָריקער יויוול פון אָט דער אויסגאַבע.

אינעם פאָרגעלייגטן בוך, באַנאַנד מיט די פּראָ-זע־ווערק, פאַרעפנטלעכטע אינעם זשורנאַל אין 1986 און איבערגעזעצטע אױף רוסיש, וועט דער לייענער געפינען אויך א גרויסן לידער־אָפּקלײַב פון סאָוועטישע ייִדישע פּאָעטן, וואָס עס דערלויבט צו אורטיילן וועגן דער פּאָעזיע אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אָנהייבנדיק פונעם ערשטן זשורנאַל-נומער, וועלכער איז דערשינען אין 1961. אין דער פּאָעטישער רובריק פונעם יאָרבוך באַגעגענען מיר די מײַסטערס פונעם זשאַנער שמועל האַלקינען, מוישע טייפן, מאָטל גרוביאַנען, אווראָם גאָנטאַרן, שיקע דריזן, ריווע באַליאַסנע, דאָרע כײַקינע, שיפ-רע כאָלאָדענקאָ, איציק בראָנפמאַנען און אנדערע. עס ציט צו די אופמערקזאַמקײַט אויך די פּובליקאַ-ציע פון א גרויסן אָפּקלײַב פאָלקלאָר־ווערק אין נאַום גרעבניעווס איבערזעצונג.

דער צווייטער נומער פונעם יעזשעגאָדניק טראָגט אין א געוויסער מאָס א סאַכאַקלדיקן כאַ-ראַקטער, אָבער ער שפּיגלט אָפּ דערבײַ דעם הײַנ-טיקן צושטאַנד פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א מערקבאַר ריטש-קעלע אינעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער פילנאַ-ציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

„אין אונדזער צײַט, — שרײַבט טשינגיז אײַט-מאַטאָוו אינעם יעזשעגאָדניק, — זײַנען שטאַרק די קעגנזײַטיקע באַציִונגען און קעגנזײַטיקע ווירקונ-גען פון די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן. ווײַזט אויס, אַז דאָ לאָזן זיך פילן די טיפענישן פונעם פּראָצעס, וועלכע ווערן אַרויסגערופן מיצאַד דעם טאָך פון דער סאָציאַליסטישער פעלקער-פרײַנטשאַפט... א ייִד, צי א קירגיז, צי אַן אוק-ראַינער — קיינער קאָן זיך ניט אין אונדזערע צײַטן פאַרשליסן אין די ראַמלעך בלויז פון זײַן נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, פאַרבלײַבן שטענדיק אין די גרענעצן פון דער קולטור און ליטעראַטור בלויז פון זײַן אייגן פאָלק".

באַגריסנדיק דעם דרייסטן אופטו פון די פאָר-שטייער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַ-טור, פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימ-לאַנד", וועלכע האָבן באַשטימט רעגולער באַקאַנען דעם רוסישן לייענער, און דאָס באַטײַט בעמיילע — די לייענער פון אַלע ברידערלעכע פעלקער, מיט זייערע דערגרייכונגען, שרײַבט דער אַקאַדעמיקער ד. מ. ליכאַטשאָוו: „נאַציאָנאַלע גײַווע פלעגט קיינ-מאָל ניט זײַן אייגנטימלעך דער עכטער רוסישער אינטעליגענץ. די אָפּוועזנהײַט פון נאַציאָנאַלן האָ-נער, דאָס טיפע אַרײַנדרינגען אינעם טאַמציס פון דער רוסישער, אוקראַינישער, ווײַסרוסישער, נאַ-ציאָנאַלע קולטורן איז געווען אייגנטימלעך שאָ-לעם־אַלייכעמען, אַנטאָן רובינשטיינען, איסאַק לע-

וויטאַנען, וועלכער האָט אַנטפּלעקט פֿאַרן מײַרעוו די שײנקײַט פֿון דער רוסישער נאַטור, לעוו באַקסט, אַדאַנק וועמען דער זעלבער מײַרעוו האָט בײַס די באַרימטע דיאַגילעװער סעזאָנען אין פּאַריזש זיך באַקאַנט מיט דער רוסישער דעקאָראַטיווער קונסט... די קולטורן אַנטוויקלען זיך אין דער באַהעפֿטונג איינער מיט דער אַנדערער, און יעדע דינט אַלס פֿאַרמיטלער אין דער פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט".

אַליין דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און זײַן יערלעכאַדיק שטעלן מיט זיך אויך פּאַר א בוילעטן בײַשפּיל פֿון עכטן אינטערנאַציאָנאַליזם. די בעסטע באַשטעטיקונג פֿון דעם איז דאָס, וואָס אויף די זײַטלעך פֿונעם בוך „יאָר נאָך יאָר—86" האָבן זיך באַוויזן די נעמען פֿון איוואַן בונין, מיכאַיל זאָשטשענקאָ, ניקאָלײַ אַסייעוו, אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, ניקאָלײַ זאַבאָלאָצקי, יאַראָסלאַוו סמעליאַקאָוו, אַנדריי וואָזניעסענסקי און אַנדערע מײַסטערס פֿון דער רוסישער און סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע טרעטן אין דעם פֿאַל אַרויס אַלס איבערזעצער.

א סוואָרע, אַז עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיקײַט צו רעצענזירן די פּראָזע־ווערק, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט אינעם יאָרבוך. דער פֿאַראינטערעסירטער לייענער וועט זיך אַליין מיט זיי באַקאַנען און וועט אָפּשאַצן, ווי זיי פֿאַרדינען עס, טעוויע גענס ראָמאַן, ריווקע רובינעס, באָריס סאַנדלערס, שמועל גאָרדאָנס, יוסף ראַבינס, אַלעקסאַנדער ליזענס, הערשל פּאָליאַנקערס דערציילונגען, יוסף בורגס נאָוועלע „א באַגעגעניש".

עס ווילט זיך ווענדן די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿונעם לייענער אויף צוויי פּובליקאַציעס אין דער אויסגאַבע, וועלכע שטעלן מיט זיך פּאָר א באַזונדער אינטערעס. אינעם אַרטיקל „אין דער וועלט פֿון קונסט" האָט וועניאַמין קאַווערין פֿאַרעפֿנטלעכט אַן עסיי „צוויי אַרטיסטן". אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טעלעספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער" און מיט מיכאַיל אוליאַנאָווס אויסשפּילונג פֿון דער הויפּט־ראָל אין אים, דערמאָנט זיך דער אַלטער רוסישער שריפֿטשטעלער וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט אַן אַנדער אויספֿירער פֿון דער דאָזיקער ראָל — מיט שלוימע מיכאָעלסן. וו. קאַווערין שרײַבט: „אויף דער עלטער פֿיל איך: גוט וואָלט געווען, אַז מײַנע אויערן זאָלן דערהערן פֿון מיכאָעלסעס מויל טעוויע דעם מילכיקנס לאָשן. אוליאַנאָוו האָט אין דער פֿולער מאָס קאָמפּענסירט אַט דעם גלוסט מײַנעם".

און דאָ טאַקע ווערט פּובליקירט די פֿאַרנאָטירונג פֿון מ. אוליאַנאָווס א שמועס אין רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", בײַס וועלכן דער אַרטיסט האָט דערציילט וועגן זײַן אַרבעט איבער טעוויעס געשטאַלט. „אָנהייבנדיק די אַרבעט איבער אַט דער ראָל, — זאָגט דער שוישפּילער, — בין איך געווען איבערצײַגט, אַז וועגן איר וועט מען שמועסן. און אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט. די קלאַסיק, ווי עס טרעפֿט צומאָל, האָט זיך אַרויסגעוויזן מער היינטצײַטיקער, איידער אייניקע ווערק אויף היינטצײַטיקע טעמעס. אַזעלכע באַגריפֿן, ווי „דאָס גוטס", „דאָס גײַסטיקע געזונט", „די מישפּאָכע־יעסוידעס", וועלכע רעגן אונדז אַלעמען, — זײַנען גאַנץ קאָמפּליצירטע און דערבײַ טיף לעבנסוויכטיק".

און נאָך איין פּובליקאַציע אינעם יערלעכאַדיק פֿאַרדינט די אויפֿמערקזאַמקײַט. אַנדריי וואָזניעסענסקי לייגט פּאָר די לייענער זײַנע דערינערונגען וועגן דעם גרעסטן מאָלער פֿון דער היינטצײַטיקײַט מאַרק שאַגאַל און אויך זײַנע איבערזעצונגען פֿון די לידער, וואָס דער גרויסער קינסטלער האָט אָנגעשריבן אויף ייִדיש. „דער הימל, דאָס פֿליִען אין הימל זײַנען דער הויפּט־צושטאַנד פֿון שאַגאַלס קונסט, — לייענען מיר בא וואָזניעסענסקין. — ס'איז א גרויסער ספֿק, צי עמעצער פֿון די מאָלער איז געווען אין אַזאַ בוכשטעבלעכן זין א פּאָעט, ווי אַט דער זון פֿונעם וויטעבסקער הערינגזעלצער. מעשוגענע קאָרנבלומקאָלירקע הײַזלעך, רויטע הענער, גרינע כאַזיירים, געהיימניספֿולע סאַרקאַסטישע ציגן — אַלץ איז דערזען געוואָרן מיט די אויגן פֿון א פּאָעט".

מאַרק שאַגאַלס פֿיר לידער, איבערגעזעצטע מיצאַד א. וואָזניעסענסקין און פֿאַרעפֿנטלעכטע אינעם יערלעכאַדיק, גיבן א גענוגנדיק זעבאַרע פֿאַרשטעלונג וועגן דער פּאָעטישער נעשאָמע פֿונעם קינסטלער, דאָס געפֿיל פֿון פֿלוג בויערט דורך מאַרק שאַגאַלס גאַנצע שאַפֿונג. און, דוכט זיך, ניט צופֿעליק גיט די רעדאַקציע אויף דעם דריטן זײַטל פֿון דער הילע שאַגאַלס צייכענונג — א קוים אָנגעמערקטן קאָנטור פֿון א פֿידלער. אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן מיטן פֿאַרגעפֿיל פֿון א נעס, שענקט דער קינסטלער דער מענטשהײַט די פּיירעס פֿון זײַן געדאַנקענגאַנג און פֿון זײַן אומרו, די שעפֿעדיקע גערעטעניש פֿון זײַן טאַלאַנטן־בוים. די פּובליקאַציע פֿון שאַגאַלס לידער איז אַן אַנטדעקונג פֿון א נײַעם, נאָך אומבאַקאַנטן דעם ברייטן לייענער־קרײַז אויפֿלויכט פֿון אַט דער אומגעוויינלעכער באַגאַבונג.

פֿאַר די, וועמען עס אינטערעסירט די געשיכטע פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אירע ריכטונגען און שטראָמען, וועט זיך אַרויסווײַזן פֿאַר טשיקאַווע די באַקאַנטשאַפֿט מיטן אַרטיקל פֿונעם דאָקטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן הערש רעמעניק „די אַנטוויקלונגס־וועגן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור". די דאָזיקע אַרבעט שטעלט מיט זיך פּאָר א טיפֿן אַנאַליז פֿון דער אַנטשטייונג און פֿונעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון א נאַציאָנאַלער שאַפֿונג, וועלכע עס האָט באַפֿרײַט פֿון לײַב־אייגנטום דער גרויסער אָקטיאַבער.

מיסטאָם איז נאָך פֿרי צו ריידן וועגן וועלכע־ניט־איז טראַדיציעס אין דער אויסגאַבע פֿון די

זאמלונגען „יאָר נאָך יאָר“, אָבער פאַרבײַגײין די רובריק „כאַשעווער רעדאקטאָר, איך שיק אײַך אַן איבערזעצונג פארן יעזשעגאָדניק“ איז פּאַשעט אומעגלעך. אַף דעם צווייטן זײַטל פון דער הילע ווערן פאַרעפנטלעכט די פאָטאָגראַפיעס פון איי־נעם פון די יידישע פּאָעטן און פון דעם דיכטער־איבערזעצער און די פאקסימילע פונעם רוסישן לידער־טעקסט. אין דעם יעזשעגאָדניק פארן 1985 יאָר האָבן מיר זיך באקאנט מיט יעווגעני יעווטו־שענקאָס איבערזעצונג פון עמאנויל קאזאקעוויטשעס לידער. אין דער רעצענזירנדיקער זאמלונג איז אָפּגעדרוקט יונא מאָריצס איבערזעצונג פון שמועל האלקינען. מיט א קורצער ציטאטע פון דער ליד ווילט זיך מיר פארענדיקן אָט די נאָטיצן.

Ладонь к ладони — сердце посредине,
И словно юность спасена отныне,
Поток бурлящей радости земной
Мой праздник будет с вами и со мной.

ס'וואָלט זיך וועלן, אז א מער נאָענטערע באַ־קאנטשאפט מיט די פובליקאציעס פונעם יעזשע־גאָדניק „יאָר נאָך יאָר“ זאָל ווערן א יאָמטעוו פאר א ברייטן קרײַז לייענער.

**ג. ראַמאַנאָווא,**
מעטאָדיסט פון דער צווישנפארבאנדישער פּראָפּאַריין־ביבליאָטעק אין ביראָבידזשאן
צײַטונג „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא“,
28 דעקאַבער 1986

# בראָניק

## אין מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט

אפילו היסטאָרישן פאַקולטעט פו־נעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווער־סיטעט איז פאָרגעקומען א וויסנ־שאפטלעכע קאָנפערענץ, אָרגאני־זירט פון דער קאפעדרע פאר געשיכטע פון דער אור'אלטער וועלט. אייניקע פאָרטראָגן אַף דער קאָנפערענץ האָבן געהאט א שייכות צו דער יידישער געשיכ־טע און קולטור.

א. טעמערעוו (מאָסקווע) האָט געווידמעט זײַן פאָרשונג דער אראמעיש־שפראכיקער באפעלקע־רונג אין סיִנעע (הוידמיצראים)

אין 6־טן — 5־טן יאָרהונדערטער פאר דער נײַער צײַט־רעכענונג. א היפּשער טייל פון אָט דער באפעלקערונג זײַנען געווען יידן. דער טיטל פונעם פאָרטראָג פון דעם לענינגראדער געלערנטן יו. טשופּריאַיעוו — „צו דער גע־שיכטע פון דער רוסלענדישער העברעיִסטיק אין אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט“ רעדט אליין פאר זיך. זײַן ארבעט „די ראָל פון אדיאבענע אין די פּארטיש־רוימישע באציִונגען אין 1־טן יאָרהונדערט פון דער נײַער צײַט־רעכענונג“ האָט דער טבי־

ליסער אקאדעמיקער טענגיז גאמ־קרעלידזע געווידמעט א קליינער נאָענט־מיזרעכדיקער מעלוכע פו־נעם אורזאלט, וועמענס קייסער־לעכע מישפּאָכע האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. טאנאך־מאָ־טעריאלן זײַנען אקטיוו אויסגע־ניצט געוואָרן אינעם פאָרטראָג פון דעם פּראָפעסאָר יויעל ווײַנ־בערג (דאוגאווּפּילס).

דער טעקסט פון די ארויסטרע־טונגען אַף דער קאָנפערענץ איז פאַרעפנטלעכט אין א באזונדער בראָשור.

# פּובליציסטיק

געאָרגי שמיגאָוו

## די דעמאָקראַטיע פונעם געלט־זאַק

דעם 5 נאָיאבער, שוין אפן אנדערן טאָג נאָך די וואלן אין 1986, איז אין דער צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס" געווען אָפּגעדרוקט אַן ארטיקל פונעם אלטן פּאָליטישן איבערזיכטלער פון פּשא דזשיימס רעסטאָן אונטערן קעפּל „איז דאָס דען דעמאָקראַטיע?".

„...די וואלן אין 1986, — האָט געשריבן דזש. רעסטאָן, — האָבן געבראַכט אין בעסטן פאל אנטוישונג, און אין ערגסטן פאל — שאַנד.

אנטוישונג — דערפאַר, ווײַל זייער זעלטן האָבן די קאַנדידאַטן בײַס די וואלן אין דער רעפּרעזענטאַנטן־קאַמער און אין סענאַט באַרירט קריטישע פראַגן פון אַן אלנאַציאָנאַלן באַדײַט, — דעם קאָנטראָל איבערן בודזשעט און דעם קאָנטראָל איבער די קריגס־אַסיגנירונגען. שאַנד — דערפאַר, ווײַל זייער אָפט האָט דער פאָרוואַל־קאַמף ניט געהאַט קיין זעלבסט־קאָנטראָל און זיך פאַרוואַנדלט סטאַם אין א פאַרמעסטונג פון געלט־זעק, אין א קאָנפראָנטאַציע צווישן באַזונדערע פּערזענלעכקײַטן, אין א דעמאָנסטראַציע פון נעגאַטיווע טעלעוויזיע־פילמען און פון אנדערע שמוציקע טריוקן".

די אמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע" הייסט ניט אומזיסט דעמאָקראַטיע פונעם געלט־זאַק. און ניט בלויז דערפאַר, ווײַל אין דעם קאָנגרעס און אין ווײַסן הויז זיצן מיליאָנערן, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל יעדער קאַנדידאַט דאַרף פּאַטערן, קעדיי ווערן אויסגעוויילט, ריזיקע געלטער — אָפט צו 2—3 מיליאָן דאָלאַר פאַר אַן אָרט פון א סענאַטאָר, צו 600—800 טויזנט דאָלאַר פאַר אַן אָרט אין דער רעפּרעזענטאַנטן־קאַמער פונעם אמעריקאַנער קאָנגרעס. דער קאָנגרעסמען דזשים רײַט איז ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער רעפּרעזענטאַנטן־קאַמער פאַר 1,2 מיליאָן דאָלאַר, דער קאָנגרעסמען־רעפּובליקאַנער ראָבערט דאָרנאַן — פאַר 1,9 מיליאָן דאָלאַר, דזשאָזעף קענעדי דער צווייטער, א פּלי־מעניק פונעם דערהאַרגעטן פּרעזידענט דזשאָן קענעדי, האָט געפּאַטערט אָף צו ווערן אויסגעוויילט אין 1986 אין דער רעפּרעזענטאַנטן־קאַמער 1,6 מיליאָן דאָלאַר. דער גובערנאַטאָר פון מײַרעוו־ווירד־זשיניע דזשעי ראָקפעלער האָט באַצאָלט פאַר אַן אָרט אין סענאַט 12 מיליאָן דאָלאַר, הויפּטזאַכלעך אָף צו קויפן די טעלעוויזיע־צײַט.

די ראָליע פון געלט אין די וואַל־קאַמפּאַניעס פון פּשא איז אָף אַזויפיל גרויס, אַז געלט רופט מען דאָרט „דער מאַמעס מילך פון דער פּאָליטיק". די הוצאָעס אָף די צווישן־וואַלן אין 1986 האָבן באַטראָפן, לויט די אָנגאַבן פונעם זשורנאַל „יונײַטעד סטייטס ניוס ענד וואָרלד ריפּאָרט", אַרום 1,2 מיליאַרד דאָלאַר.

דער אויספיר איז א פּאָשעטער: ווער עס קאָן ניט אַרויסלייגן א מיליאָן דאָלאַר, דער וועט ניט קאָנען זײַן קיין „פּאָלקס־אויסדערוויילטער" פון אמעריקע. אין דעם באַשטייט דער גאַנצער טאָך פון דער אמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע".

ס'איז אַבסאָליוט קלאָר, אַז דעם אײַנפלוס אין סענאַט און אין דער רעפּרעזענטאַנטן־קאַמער פון־עם אמעריקאַנער קאָנגרעס, ווי אויך אין די געזעצגעבערישע אַסאַמבלייען פון אַלע 50 שטאַטן, אין די שטאָטישע מוניציפּאַליטעטן, ווערן מיצאַד די „פּאָלקס־אויסדערוויילטע" אויסגעניצט, קעדיי דורכ־פירן די נייטיקע פאַר די מאָנאָפּאָליעס געזעץ־פּראָיעקטן, אָרגאַניזירן פאַר זיי שטײַערן־להאָטעס און

האנאָכעס, פארשיידענע מינים פּריווילעגיעס און „אויסנאמען", באזאָרגן זיי מיט לווינבארע רעגירונגס־באשטעלונגען, באזונדערס אף דער פּראָדוקצירונג פון באוואָפענונג. פאר די דאָזיקע אופטוען באקומען זיי ריזיקע געלטער — אזעלכע, וואָס דעקן זייערע פּאָרוואל־הויצאָעס מיט פּראָצענט.

מיליאָנען אמעריקאנער וויילער אנטוישן זיך אלץ מער אין דער טעטיקײַט פון די אָפיציעלע בורזשואזע פּארטייען, האלטן זיך אָפּ פון דער אָפּשטימונג, אָדער קלײַבן אויס א פּאָזיציע פון „קלע־נערן בייז". עס קומען אויף אין זיקאָרן שמועסן מיט אמעריקאנער ערעוו די פּרעזידענט־וואלן אין 1972 און 1976. איינע האָבן געזאָגט, אז זיי וועלן זיך אָפּהאלטן ביים דער אָפּשטימונג, ווײַל עס אימפּאָנירן זיי ניט די קאנדידאטן פון ביידע אָפיציעלע פּארטייען, אנדערע האָבן געזאָגט, אז זיי וועלן שטימען פאר דעם געגעבענעם קאנדידאט בלויז קעדיי עס זאָל ניט דורכגיין דער צווייטער, „וועלכער איז נאָך ערגער".

די מיינונג פון דעם פּאָשטען אמעריקאנער האָט אויסגעדריקט אינעם בריוו אין דער צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס" איינער א דזשאָן קראָס: „דער אמעריקאנער וויילער הײַנט, נאָך וויעטנאם, אואָטער־גייט און אנדערע „שמוציקע פּאָליטישע מײַסים", — שרײַבט ער, — איז אראָפּגעשלאָגן פונעם וועג, פּילט אן אָפּגעפרעמדטקײַט און איז ניט זיכער, אז די אָפּשטימונג קאָן עפּעס־וואָס לייזן".

אין די פּרעזידענט־וואלן פון 1976 האָט ניט אָנטיילגענומען קימאט א העלפט פון די אמערי־קאנער וויילער, און אין די צווישן־וואלן פון 1986 — קימאט 63 פּראָצענט. מע דארף זאָגן, אז אויך די נידעריקע אקטיווקײַט פון די וויילער ניצט אויס די מאָנאָפּאָליסטישע בורזשואזיע, קעדיי דורכ־שלעפּן זייערע קאנדידאטן.

ערעוו די וואלן אנטוויקלט אן אקטיווע טעטיקײַט אף דער גאנצער טעריטאָריע פון פּשא דער אזויגערופענער נאציאָנאלער קאָנסערוואטיווער קאָמיטעט פון פּאָליטישע אקציעס. דער הויפּט־ציל פונעם קאָמיטעט — ניט דערלאָזן, אז אינעם קאָנגרעס פון פּשא זאָלן אויסגעוויילט ווערן „ליבעראלן", פּינקטלעכער געזאָגט, יענע, וועלכע פארשטייען ווי פּאטאל עס איז דער באוואָפענונגס־גייעג, און אז די אינערן־פּאָליטיק דארף ניט טראָגן אזא שארפן אנטיפּאָלקישן כאראקטער. קעדיי ניט דערלאָזן אויסצווויילן „ליבעראלן", הייבט אוף דער דאָזיקער קאָמיטעט קעגן זיי זײַן גאנצן „אקטיוו", די מיט־לען פון מאסן־אינפאָרמאציע, אָרגאניזירנדיק קאמפּאניעס פון העצע, רעכילעס, מאכינאציעס און אפילע שאנטאזש.

קאָמענטירנדיק די וואל־קאמפּאניע פון 1986, האָט דער פּאָליטישער איבערזיכטלער דעוויד ברינקלי קאָנסטאטירט: „דאָס איז די סאמע שמוציקע וואל־קאמפּאניע אין דער געשיכטע פונעם לאנד. דער קאנדידאט האָט פארענדיקט פילמירן זײַן וואל־רעקלאמע, איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן, אָפּגע־רופן א „פּעטן קאטער" און געבעטן בא אים נאָך געלט, קעדיי מאכן נײַע רעקלאם־ראָליקעס און בא־גיסן מיט אן אָרדנטלעכער פּאָרציע שמוץ זײַן קאָנקורענט. קיינער פון די קאנדידאטן רעדט ניט וועגן וואָסערע־ניט־איז ערנסטע זאכן, ווײַל קיינער פון זיי ווייסט ניט, וויאזוי צו לייזן אזעלכע ערנסטע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאר דער געזעלשאפט, ווי, צווישן אנדערס, די פּראָבלעם פון נארקאָ־טיקן, פונעם קאָלאָסאלן דעפיציט אאוו."

ברייטהארציקע פּאָרוואל־צוזאָגן — דאָס איז א כאראקטעריסטישער שטריך פאר די וואל־קאמ־פּאניעס אין פּשא. קומענדיק צו דער מאכט, פארגעסן גלײַך די בורזשואזע פּאָליטיקער זייערע צוזאָגן. בלויז נישטיקע ברעקלעךווארפט מען פאר די וויילער, קעדיי אײַנהיטן די לעפּאָנעמדיקײַט פון ער־לעכקײַט, פון טעטיקײַט „לעטויוועס דעם פאָלק". אן אײַנדרוקספולער בײַשפּיל דערצו אין די פּראקטיק פון דער איצטיקער אמעריקאנער אדמיניסטראציע. ווו זײַנען אהינגעקומען די פּאָרוואל־צוזאָגן וועגן א באלאנסירטן בודזשעט, וועגן ארבעט פאר אלע די, וואָס ווילן ארבעטן, וועגן שטײַערן־פארלײַכ־טערונגען פארן פאָלק?

אין וואשינגטאָן, ניט ווייט פונעם קאפּיטאָלי, געפינט זיך דער ריזיקער פעשענעבעלער האָטעל „אואָטערגייט". דער נאָמען זײַנער איז געוואָרן א באצייכענונג פאר גרויסע פּאָליטישע סקאנדאלן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיטן אויוועך זײַן אף דער קאָנסטיטוציע, מיט אויסבאהאלטן פונעם פאָלק דעם עמעס, מיט שעקער, שווינדלערײַ און קאָרופּציע אין באזונדערס גרויסע מאסשטאבן.

דאָס אנטיקאָנסטיטוציאָנעלע אונטערהערן טעלעפאָן־געשפּרעכן און דאָס ארײַנרײַסן זיך ביים די פּרעזידענט־וואלן אין דער שטאב־קוואַרטיר פון דער דעמאָקראטישער פּארטיי אינעם האָטעל „אואָטערגייט", דאָס אויסנוצן צוליב די דאָזיקע צילן (און דערנאָך — קעדיי אויסבאהאלטן דעם עמעס פון דער אויספאָרשונג און פונעם געריכט) גרויסע מעלוכישע מיטלען, — און דאָס אלץ מיטן וויסן און מיט דער סאנקציע פונעם פּרעזידענט גופא! — אזעלכע סענסאציעס טרעפן זיך ניט אזוי אָפט אפילע אין דער „דעמאָקראטישער" אמעריקע! א סאך מענטשן אין פּשא האָבן געפּרווט מעלדן די אואָטערגייטער געשיכטע אלס אויסנאם און אלס אָפּנייג פון דער נאָרמע. די קריטיקער אָבער האָבן זיך דערמאָנט אויך אנדערע אזעלכע „אואָטערגייטן" אין דער געשיכטע פון פּשא, קומענדיק צום אויספיר מיט רעכט, אז קאָרופּציע איז אן אייביקע דערשײַנונג אין אמעריקע.

פילצאַליקע פאַקטן פון קאָרופּציע אינעם ביזנעס און אין דער פּאָליטישער וועלט זאָגן איידעס, אַז כאַבאַר איז דאָרט לאַכלוטן ניט קיין אויסנעמלעכע, נאָר אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשײַנונג. קימאַט אַ העלפט פון די אָנגעפירעטע אָנפירער פון די גרעסטע קאָמפּאַניעס אין פּשאַ איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַרעכטיקונג פון די כאַבאַרן, אָגרופנדיק זיי „אומפאַרמײַדלעכע הויצאָעס פון געשעפטס־פאַרבינדונגען".

אַ קאָלאָסאַלע צאָל לאָביסטן, וועלכע רעפּרעזענטירן פאַרשיידענע פירמעס און אויסלענדישע רעגירונגען, דורכשלעפּנדיק אינעם אמעריקאַנער קאָנגרעס און אין באַזונדערע שטאַטן די נייטיקע פאַר זייערע באַלעבאַטים געזעצן און אַקציעס, דערגרייכן זייערע צילן מיט דער הילף פון כאַבאַרן און קאָרופּציע. בלויז אינעם קאַפּיטאָלי — אין קאָנגרעס פון פּשאַ — זײַנען פאַראַן העכער 15 טויזנט אָפיציעל פאַרעגיסטרירטע לאָביסטן. אַ פילצאַליקער אַטריאַד לאָביסטן רעפּרעזענטירט דעם קריגס־אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס פון פּשאַ, דורכפירנדיק דורכן קאָנגרעס גרעסערע אַסיגנירונגען אויף נײַע מינים באַוואָפענונגען.

גרויסע גרופּעס לאָביסטן רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל (זיי האָבן, אַגעוו, אַ דירעקטע טעלעטײַפּ־פאַרבינדונג מיט טעל־אָוויוו), פון די ראַסיסטן אין דער דאָרעם־אַפריקאַנישער רעפּובליק, פון די דיקטאַטאָרישע מאַריאָנעטן־רעזשימען. אין דער אמעריקאַנער פּרעסע איז ניט ווייניק געזאָגט געוואָרן וועגן דער טאָטאַלער קאָרופּציע אינעם קאָנגרעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אמעריקאַנער געזעצגעבער שטיצן דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים פון דאָרעם־קאָרייע. די גראַנדיעזקײַט פון דער אַפערע מיטן אונטערקויפן און מיט די פּאָליטישע מאַכינאַציעס

פון היכע מעלוכישע טוער פון ביידע בורזשואַזע פּאַרטייען האָט געצוווּנגען די זשורנאַליסטן אָנצורופן די דאָזיקע אַפערע „נײַער אוטאָטערגייט מיט אַ דאָרעם־קאָרייער אַראָמאַט".

די אמעריקאַנער פּרעסע האָט אָפּגעשאַצט די צאָל קאָנגרעסמענער־כאַבאַרניקעס אין 115.

פאַרשיידענע מינים לאָביסטן און פאַרדעכטיקע פּאָליטישע פּערזענלעכקײַטן און ספּעקולאַנטן האָבן פאַרפּלייצט ניט נאָר דעם פעדעראַלן קאָנגרעס פון פּשאַ, נאָר אויך די געזעצגעבערישע און אויספיר־אַנשטאַלטן און אַמטן פון אַלע פופציק שטאַטן. אַזוי, לעמאָשל, גיבן אויס די לאָביסטן פון אַ רײַ קאָמפּאַניעס אינעם שטאַט מערילענד אין דער געזעצגעבערישער אַסאַמבליי פונעם שטאַט, לויט ווי עס שרײַבט די צייטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט", הונדערטער טויזנטער דאָלאַר צוליב „אָנקניפּן קאָנטאַקטן" מיט דעפּוטאַטן פון דער אַסאַמבליי. בלויז איין אַרטיקע טעלעפאָן־קאָמפּאַניע טיילט אויס יערלעך אויף די דאָזיקע צילן 25 טויזנט דאָלאַר. „פאַר 20 יאָר, — באַהויפּטעט דער לאָביסט רעי דיפּסקי, — איז קיין איין געזעץ־פּראָיעקט אין דער אַסאַמבליי ניט אָנגענומען געוואָרן קעגן דעם ווילן פון וועלכער־ניט־איז קאָמפּאַניע". נו, איז דאָס דען ניט קיין דעמאָקראַטיע!

אין צוזאַמענהאַנג מיט גראַנדיעזע מאַכינאַציעס אין די ניו־יאָרקער זקיינים־הײַזער, וועלכע מע האָט באַראַבעוועט אויף אַ גוטן מיליאָן דאָלאַר, האָט די „קריסטשען סײַענס מאָניטאָר" אָנגערופן די פאַרמישטע אין אָט דער אַפערע — אָנגעזעענע טוער פון דער דעמאָקראַטישער און רעפּובליקאַנישער פּאַרטייען, לידערס פון דער אַסאַמבליי פונעם שטאַט, געוועזענע גובערנאַטאָרס, דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פונעם שטאַט אַא.

די גרויסע נאַפט־קאָמפּאַניע פון פּשאַ „גאַלף אויל" האָט געהאַט אַ צענמיליאָניקן פאָנד, וועלכער איז ספּעציעל פאַרויסגעזען פאַר כאַבאַר אויף אונטערקויפן פּאָליטישע טוער. פונקט אַזאַ פאָנד האָט געשאַפן די אַוויאַקאָמפּאַניע „כראַניף".

מער פון זיבעציק אמעריקאַנער מאָנאָפּאָליעס האָט מען געכאַפּט פאַר דער האַנט אין אונטערקויפן אײַנפלוסרײַכע פּאָליטישע טוער אין אויסלאַנד מיטן ציל צו באַקומען זייער שטיצע אינעם אײַנאָרדענען לוינבאַרע באַשטעלונגען. בלויז די אָפיציעל באַוווּסטע (אין רעזולטאַט פון געצוווּנגענע אויספאָרשונגען) סומע געלט, וועלכע עס האָבן אויסגעגעבן גרויסע אמעריקאַנער קאָמפּאַניעס אויף אונטערצוקויפן אויסלענדישע פּאָליטישע טוער, האָט באַטראָפן פאַר עטלעכע יאָר העכער 300 מיליאָן דאָלאַר.

עס קומט אויף אין זיקאָרן אַ שמועס מיט איינעם אַ פּאָליטישן טוער פון בראָנקס (אַ ראַיאָן אין דער שטאָט ניו־יאָרק) הער בלייק, אַ מענטש, זעט אויס, אָן אָרנטלעכער, וועלכער האָט געשטעלט פאַר זיך אַ ציל אַרויסצורוקן אַ „ניט־אונטערגעקויפטן מענטשן" אויפן פּאָסטן פונעם שטאָט־מער און געאַרבעט צוליב דעם צו 16 שאָ אין מעסלעס.

— איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פאַרנעם ס'האָט אָנגענומען אין אונדזער געזעלשאַפט די קאָרופּציע, — האָט ער געזאָגט, — ווי נאָר עמעצער דערקלײַבט זיך צו דער מאַכט — אין אַ שטאָט, אין אַ שטאַט, אין וואַשינגטאָן, — אַזוי הייבט ער אָן נעמען כאַבאַר פון די קאָמפּאַניעס און פּריוואַטע פּערזאָנען.

— נו, יאָ, מיר האָבן געלייענט וועגן אַ סאַך פאַלן פון קאָרופּציע אין די אמעריקאַנער צײַטונגען, — האָבן מיר געענטפערט אונדזער מיטשמועסער.

— און פּודעסטועגן קאָנט איר זיך ניט פאָרשטעלן אלע מאסשטאבן פון דער קאָרופּציע. דאָס, וועגן וואָס איר האָט געלייענט, איז בלויז דער שפּיץ פונעם אייזבערג. דאָס איבעריקע איז אויסבאהאלטן טיף אונטערן וואסער.

אונדזער מיטשמועסער, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אויסגעלאָזט, האָט געארבעט אומזיסט, דער „ניט־אונטערגעקויפטער מענטש" איז באשמוצט געוואָרן אין דער אָפיציעלער פּרעסע, ניט דערגייענדיק צום פינאל פונעם פאָרוואַל־קאַמף.

דער געשוויר פון קאָרופּציע האָט צעפרעסן אויך די אָנפירונג פון די געלע פּראָפאַריינען אין פּשא. די דורכגעפירטע אין 1977 אויספאָרשונג האָט עטוואָס צעעפנט (בלויז עטוואָס צעעפנט!) דעם צודעק איבער דער טאָטאלער קאָרופּציע אין א סאך פּראָפאַריינען, וועלכע גייען אריין אין דער אמעריקאנער ארבעטס־פעדעראציע. א ריי פּראָפאַריינישע באָסן האָבן סיסטעמאטיש באקומען כאבאר פון די קאָמפּאניעס און פאר דעם גאראנטירט „שאָלעם אפן ארבעטס־פראָנט", מיט אנדערע ווערטער — זיי האָבן פארקויפט די אינטערעסן פון די מיטגלידער פון די פּראָפאַריינען. א סאך פּראָפאַריינישע באָסן זיינען אייגענע מענטשן אין דער וועלט פון ביזנעס, מיטבאזיצער פון קאָמפּאניעס, און זיי פילן זיך ווי פיש אין וואסער אין דער ספערע פון פינאנסיעלע מאכינאציעס און ספּעקוליאציעס. „וואָל־סטריט דזשאָרנעל" טיילט מיט, אז זיבן פּראָפאַריינען פון דער אמעריקאנער ארבעטס־פעדעראציע און איינע „אומאָפּהענגיקע" טרעד־יוניאָנען זיינען „קאָרומפּירט". קאָרופּציע און פארברעכערישקייט גייען קעסיידער האנט בא האנט. דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס צום סימביאָז פון די פּראָפאַריינישע באָסן און פונעם ביזנעס האָבן אן אומיטלבארע שייכות די גאנגסטער־סינדיקאטן, וועלכע ווערן גענוצט אף צו דערשטיקן די שטרייקן פון די ארבעטער און, לויט איינע מיטיילונגען פון דער אמעריקאנער פּרעסע, „אָפּראמען" פונעם וועג די ניט־געווונטשענע פאר דעם ביזנעס ארבעטער־לידערס.

וווהין זשע קוקט די פּאָליציי? אזא פראגע קאָן פארגעבן בלויז דער, וואָס איז ניט באקאנט מיט דער היינטצייטיקער אמעריקע. די קאָרופּציע איז טיף אריינגעדרונגען אויך אהין, פארבינדנדיק צוזאמען די פּאָליציי און די קרימינעלע מאפיע. אינעם אמעריקאנער קינאָפילם „סערפּיקאָ" איז באוויזן די טראגעדיע פון אן ערלעכן פּאָליציימאן, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען כאבאר פון דער פארברעכערישער מאפיע און האָט אופריכטיק געקעמפט קעגן די פארברעכער. שפּאָט און פארורטיילונג מיצאד די קאָלעגן־פּאָליציאנטן און א פולשטענדיקער לעבנס־פיאסקאָ — אזא איז זיין גורל.

דער גרויסער פּאָליטישער סקאנדאל אין וואשינגטאָן ארום די געהיימע פילמיליאָניקע ליפערונגען פון געווער פאר איראן און פאר די ניקאראגואנער קאָנטראס, וועלכע ס'האָבן אָרגאניזירט די צענטראלע אויסשפּירונג־פארוואלטונג און דער ראט פון נאציאָנאלער זיכערהייט פון פּשא, איז באצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „איראנגייט". „דאָס איז בלויז דער סאמע סימפּטאָמאטישער סימבאָל פון קאָרופּציע, וועלכער האָט אָנגענומען אזעלכע ברייטע מאסשטאבן", — האָט געשריבן אין דער צייטונג „ניו־יאָרק טיימס" דער שוין אויבנדערמאָנטער דזשיימס רעסטאָן.

„קיינמאָל האָבן מיר נאָך אזויפיל ניט געלאכט זינט די צייטן פון „וואָטערגייט", — אזוי האָט רעזומירט אן אנדער איבערזיכטלער די טראגיקאָמישע לאגע, אין וועלכער עס איז אריינגעפאלן די רייגאן־אדמיניסטראציע. און טאקע אינדערעמעסן, אנערקענען, אז די רעגירונג פון פּשא האָט באוווסטזיניק באוואָפנט יענע, וועמען מע האָט געשטעמפּלט אלס „טעראָריסטן" און ווער ס'האָט געצוווּנגען אמעריקע איבערצולעבן לאנגאָניקע דערנידעריקונגען אין שייכות מיטן פארכאפּן די גאנצע אמבאסאדע פון פּשא אין טעהעראן אלס „אָרעוויניקעס", — דאָס אלץ באטייט עפנטלעך אויסשמייסן זיך אליין, אנערקענען, אז די אדמיניסטראציע איז אויוועג אף די געזעצן און רעזאָלוציעס פונעם קאָנגרעס. מאכן אן אָנשטעל, אז די רעגירונג האָט ניט געוווּסט וועגן די גרויסע און פילמאָליקע ליפערונגען פון מאָדערנער באוואָפענונג, הייסט זיך כאסמענען אין דער אייגענער קורצזיכטיקייט, ניט־אינפאָרמירטקייט, ניט־קאָמפּעטענטקייט, דה. אין א מין „פּראָפעסיאָנעלער אומנויטווענדיקייט". נו, א לאגע! וויאזוי זשע קאָן מען דען ניט לאכן?"

אָט וואָס פאר א גרימאסעס עס האָט געמאכט די אמעריקאנער „דעמאָקראטיע" אין דער לעצטער צייט.

די דעמאָקראטיע לויטן אמעריקאנער נוסעך איז היינט א געזעלשאפט פון טאָטאלער נאָכשפּירונג און פון פארפאָלגן די ארבעטנדיקע, אין דער ערשטער ריי, פארשטייט זיך, די פּראָגרעסיוו דענקענדיקע. דאָס איז א גאנצע סיסטעם פון צילגעווענדטע האנדלונגען פון פיל מעלוכישע און פּריוואטע אָרגאניזאציעס, וועלכע זיינען אויסגערעכנט אף אריינדרינגען אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי, אין אלע פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס, דאָס איז טאָגטעגלעכער און יעדערשאָיקער שאנטאזש, נאָכשפּירונג נאָך יעטווידן טראָט פון די דאָזיקע אָרגאניזאציעס אינגאנצן גענומען און נאָך יעדן מיטגליד זייערן באזונדער.

די פעדעראלע אויספאָרשונג־ביוראָ, די צענטראלע אויסשפּירונג־פארוואלטונג, די אגענטור פון נאציאָנאלער זיכערהייט, א סאך אנדערע ספּעציעלע אמטן און פּריוואטע דינסטן — שטעלן צונויף

דעם אַפּאַראַט פון נאָכשפּירן, אויסשמעקן, פּאַרפאַלגן אַנדערשדענקענדיקע. עס דערגאַנצן זיי ספּעציעלע קאָרפּאָראַציע־דינסטן, וועלכע שפּירן אויך אויפמערקזאַם און טאָגטעגלעך נאָך דער שטימונג פונעם פּערסאָנאַל.

ווער האָט געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע פּאַרט זיך ניט מיט פּראָגרעס? פּאַרקערט, אין איר רעשוס געפינען זיך אַלע דערגרייכונגען פונעם טעכנישן פּראָגרעס. 36 פעדעראַלע אַמטן און פּאַרוואַלטונגען פון פּשא ניצן אויס 85 מאָדערנסטע קאָמפּיוטער־סיסטעמען, קעדיי טאָג נאָך טאָג באַנייען די דאָסיע אויף 114 מיליאָן אַמעריקאַנער און אויסלענדישע בירגער.

קעדיי נאָכשפּירן און פּאַרפאָלגן קאָמוניסטן און אַנדערע אַנדערשדענקענדיקע, ווערן אָנגעווענדט ספּעציעלע פּראָגראַמען. אין די לעצטע יאָרן איז באַוווּסט געוואָרן, אַז בלויז איין פעדעראַלע אויספאָרשונג־ביוראָ פּאַרמאָגט פאָלגנדע פּראָגראַמען: „קאָמינפּיל", אָדער אינפילטראַציע, אַרייַנדרינגונג אין דער קאָמפּאַרטיי פון פּשא; „קאָינטעלפּראָ", אָדער אַ קאָנטער־אויסשפּירונג־פּראָגראַם, וואָס איז געריכטעט קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, קעגן די פּראָגרעסיווע נעגער־אָרגאַניזאַציעס. דער ציל פון אָט דער פּראָגראַם איז — אונטערייַסן, צעשפּאַלטן, אָפּשוואַכן, זייַען ספּייקעס און אומצוטרוי. אין העסקעם מיט דער פּראָגראַם „קאָינטעלפּראָ" זייַנען בלויז קעגן דער קאָמפּאַרטיי פון פּשא פּאַרן צייַט־אָפּשניט פון ווייניק ווי 20 יאָר דורכגעפירט געוואָרן 1400 אָפּעראַציעס. דערבייַ שליסט איין די דאָזיקע ציפער בלויז „אָפיציעל באַוויליקטע" מיצאַד דעם יוסטיץ־מיניסטעריום אָפּעראַציעס, און געגעבן האָט די דאָזיקע ציפער דער יוסטיץ־מיניסטער, און דאָס באַטייַט, אַז זי איז אין פיל מאָל פאַרקלענערט.

די „אָפּעראַציעס" האָבן אייַנגעשלאָסן: טרייַבן רעכילעס אויף די אָדער אַנדערע פּערזאָנען און דיסקרעדיטירן (מיט פאַלשע מעסירעס און אַנאָנימע בריוו), קעדיי צעשטערן זייער מישפּאָכע־לעבן, דערפירן צום אָפּזאָגן פון דער אַרבעט אָדער אויסשליסן פון דער פּאַרטיי (אָרגאַניזאַציע).

די אָפּעראַציע „בודוינק" (ד.ה. געגנאַרערייַ) איז, לויט די ווערטער פונעם געוועזענעם יוסטיץ־מיניסטער ליווי, באַשטאַנען אינעם „אָנהעצן די אָרגאַניזירטע פאַרברעכערישע עלעמענטן אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּשא".

די אָפּעראַציע „דער שוואַרצער זאַק" — דאָס איז אַן אומגעזעצלעכער אויפבראָך, קעדיי געהיים אַרייַנדרינגען אין די קאַנטאָרן פון באַזונדערע בירגער אָדער קערפּערשאַפטן אויף צו אַרויסגאַנווענען די רעשימעס פון די מיטגלידער פון אָט די קערפּערשאַפטן, די פּאָטשט־אַדרעסן און פּערזענלעכע פּאַפּירן. עס גייט אַ רייד וועגן „הונדערטער" אַזעלכע אָפּעראַציעס.

בלויז אין דער שטאַב־קוואַרטיר פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונג־ביוראָ זייַנען פּאַראַן 500 טויזנט דאָסיע. און יעדע דאָסיע אַנטהאַלט פאַמיליעס מער ווי פון איין בירגער אָדער אָרגאַניזאַציע. די קאַרטאָטעק פון פּאַרדעכטיקע פּערזאָנען און אָרגאַניזאַציעס ווערט באַדינט מיט דער הילף פון עלעקטראָנישע רעכנמאַשינען. אַ גרויסע צאָל דאָסיע איז פּאַראַן אין די אָרטיקע אָפּטיילונגען פון די אויספאָרשונג־ביוראָען.

ס'איז באַוווּסט, אַז אין דער מיט פון די 70־ער יאָרן האָט בלויז די פעדעראַלע אויספאָרשונג־ביוראָ אויפגעהאַלטן 1500 אינפאָרמירער, וועלכע האָבן קעסיידער שפּיאָנירט נאָך די אַנדערשדענקענדיקע און ראַפּאָרטירט וועגן זייער טעטיקייַט. דער בודזשעט פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונג־ביוראָ האָט פאַרגעזען אויף די דאָזיקע צילן אַ סומע פון 7,4 מיליאָן דאָלאַר און האָט אין צוויי מאָל איבערגעשטיגן די סומע, וועלכע מע האָט געצאָלט די אינפאָרמירער, וואָס האָבן נאָכגעשפּירט נאָך די קרימינעלע פאַרברעכער.

בלויז פאַרן פּעריאָד פון 1953 — 1973 האָט די צענטראַלע אויסשפּירונג־פּאַרוואַלטונג אויפגעעפנט און פאָטאָגראַפירט 250 טויזנט בריוו און מיט דער הילף פון עלעקטראָנישע רעכנמאַשינען צונויפגעשטעלט אויף אַזאַ אופן אַ קאַרטאָטעק אויף אָנדערהאַלבן מיליאָן פּערזאָנען. די אַגענטור פון נאַציאָנאַלער זיכערהייַט האָט באַקומען פון טעלעגראַף־קאָמפּאַניעס אויף צו דורכקוקן מיליאָנען פּריוואַטע טעלעגראַמעס און איבערגעגעבן זיי אַנדערע אָרגאַנען.

איר אייגענע דאָסיע אויף 100 טויזנט אַמעריקאַנער האָט בלויז פאַר 5 יאָר אייַנגעפירט די אַרמיי־אויסשפּירונג.

די קאָמיסיע פונעם סענאַטאָר טשערטש, וועלכע האָט דערלערנט די מיסבראַוכונגען אין דער אויסשפּירונג־טעטיקייַט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, איז געקומען צו אַזאַ אויספיר: „צופיל רעגירונגס־אַנשטאַלטן האָבן שפּיאָנירט נאָך צופיל מענטשן, און ס'איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ צופיל ברייטע אינפאָרמאַציע. די רעגירונג האָט אויסגעניצט געהיימע נאָכשפּירונג נאָך די בירגער מאַכמעס זייערע פּאָליטישע אָנשוויגנען אפילו דעמלט, ווען די דאָזיקע אָנשוויגנען זייַנען ניט געווען פאַרבונדן מיט דער געפאַר פון געוואַלט אָדער פון אומגעזעצלעכע מייַסים מיצאַד אַ פרעמדער אויסלענדישער מעלוכע. האַנדלענדיק קוידעמקאָל דורך געהיימע אינפאָרמירער, ווי אויך אויסנוצנדיק אַנדערע מעטאָדן פון נאָכשפּירונג, אַזעלכע ווי אונטערהערן טעלעפאָן־געשפּרעכן, אייַנשטעלן אונ־

טערהערונג־אַפּאַראַטור, געהיים אופּעפענען פּאָסט־קאָרעספּאָנדענץ, אופּברעכן לאָקאַלן, האָט די רעגירונג צונויפגעזאַמלט אַ קאָלאָסאַלע אינפאָרמאַציע וועגן דעם פּריוואַטלעבן, די אָנשויונגען און דער אָנגעהעריקייט פון אַמעריקאַנער בירגער צו די אָדער יענע אָרגאַניזאַציעס... גרופּעס און באַזונדערע בירגער האָט מען פאַרפאָלגט מאַכמעס זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען און זייער לעבנס־אופן...

דערביי זיינען קעגן זיי אָנגעווענדט געוואָרן אומווירדיקע און ביזיווּליקע מעטאָדן, איינגעשלאָסן אַנאָנימע פּרוּוון צו צעשטערן די מישפּאָכע, אַראָפּרייסן פאַרזאַמלונגען, אויסניצן קעגן די שולדיקע אָסטראַקיזם אָף דער דינסט און פּראָוואָצירן פיינטשאַפט צווישן די גרופּעס, נאָך וועלכע מע האָט נאָכגעשפּירט, וואָס עס וואָלט געקאָנט דערפירן צו מענטשלעכע קאָרבאָנעס".

די טשערטש־קאָמיסיע האָט שוין פון לאַנג אָפּגעשטעלט איר טעטיקייט, און די צענטראַלע אויסשפּירונג־פאַרוואַלטונג, די פעדעראַלע אויספאָרשונג־ביוראָ און אַנדערע אַגענטורן פון שפּיאָנאַזש, פון אויסשמעקן און פאַרפאָלגן האָבן זיך פאַרשטאַרקט, באַקומענדיק צוגאָבלעכע אַסיגנירונגען און רעגירונג־פאַרזיכערונגען אינעם גאַראַנטירן די סוידעס פון זייערע אָפּעראַציעס.

פּילצאָליקע געריכט־פּראָצעסן איבער פּאָליטישע מאָטיוון, טויזנטער פּאָליט־אַרעסטירטע אין די אַמעריקאַנישע טפיסעס, רעפּרעסיעס און פאַרפאָלגונגען פון אַנדערשדענקענדיקע, פון יענע, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן אונטערדריקונג, מיליטאַריזם, עקספּלואַטאַציע, דיסקרימינאַציע און אַכזאָריעסדיקער פאַרפאָלגונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — אַזאַ איז דאָס וויַיט ניט פולע בילד פון אָפּענע פאַרלעצונגען פון די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן און בירגערלעכע רעכט פון די אַמעריקאַנער...

דער אַרסענאַל פון רעפּרעסיווער געזעצגעבונג אין פּשאַ איז גאַנץ רייך און ער גיט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע ניט ווייניק יורידישע אינסטרומענטן, קעדיי זיך צערעכענען מיט די קעמפער קעגן דער אָלמעכטיקייט פונעם קאַפּיטאַל. לאָמיר נעמען כאָטשבי די געזעצן פון סמיטן און מאַקאַרען—וואָדן, וועלכע זיינען פיל מאָל אויסגעניצט געוואָרן קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּשאַ, קעגן די פּראָגרעסיווע פּראָפאַריינישע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אַ שווערע דובינקע, וואָס די רעגירונג האָט ניט איין מאָל אָנגעווענדט קעגן דעם שטרייק־קאַמף פון די אַרבעטנדיקע, זיינען געוואָרן די געזעצן פון טאַפט—האַרטלי און לענדראַם—גריפין. די דאָזיקע געזעצן פאַרבאָטן פּאַקטיש פּאָליטישע שטרייקן און סאָלידאַריטעט־שטרייקן און פאַרשווערן די פּאָליטישע טעטיקייט פון די אַרבעטער־קערפּערשאַפטן. דער געזעץ וועגן גאַראַנטירן די זיכערהייט אָף די גאַסן און וועגן דעם קאָנטראָל איבער דער פאַרברעכערישקייט דערלויבט צו האַלטן אונטער אַרעסט דעם פאַרדעכטיקן אַ לענגערן טערמין, ניט אינקרימינירנדיק אים אַ באַשולדיקונג. ער מאַכט אויך געזעצלעך דאָס אונטערהערן טעלעפאָן־געשפּרעכן.

דער מאַקאַרען—וואָלטער־געזעץ גיט די אַמעריקאַנער מאַכט־אָרגאַנען דאָס רעכט אַרויסצושיקן פונעם לאַנד פּאָליטיש־פאַרדעכטיקע בירגער פון אויסלענדישן אָפּשטאַם און דינט אַלס יורידישער יעסאָד פאַר פאַרבאָטן אַריינצופאָרן אין פּשאַ אויסלענדישע קאָמוניסטן, ווי אויך פּראָפאַריינישע און געזעלשאַפטלעכע טוער מיט פּראָגרעסיווע אָנשויונגען. זינט ער איז אָנגענומען געוואָרן אין 1952, האָט מען אים אויסגעניצט קעגן 34 טויזנט מענטשן, וואָס זיינען ניט צום האַרצן די אַמעריקאַנער מאַכט־אָרגאַנען. אין דער לעצטער צייט זאָגט מען אָפּ פון יאָר צו יאָר אין וויזעס 800—900 מענטשן. די אַמעריקאַנער מאַכט־אָרגאַנען פאַרמאָגן אַ קעסיידער באַנייטע „שוואַרצע רעשימע". היינט־צו־טאָג געפינען זיך אין איר, ווי עס גיט איבער די אַגענטור יופּי, העכער 70 טויזנט מענטשן.

אין די יאָרן פון רייגאַנס פּרעזידענטשאַפט האָט מען אָפּגעזאָגט צו געבן אַמעריקאַנער אַריינפאָר־וויזעס טויזנטער געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע טרעטן אַרויס פאַר מענטשן־רעכט, פאַר שאַלעם, קעגן דער געפאַר פון אַ נוקלעאַרער מילכאָמע. צווישן זיי — די אַלמאָנע פונעם פּרעזידענט פון טשילי אָרטענסיאַ בוסי דע אַליענדע. וועמען רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס פון קאַליפאָרניע האָבן איינגעלאַדן צו לייענען לעקציעס מיקויעך פראַגן פון מענטשן־רעכט; דער מיניסטער פאַר אינערן־איניאַנים פון ניקאַראַגואַ טאָמאַס כאָרכע, וועלכער האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן פאַר דער אוניווערסיטעט־עפנטלעכקייט, פאַר פאָרשטייער פון דער פּרעסע, פּראָפאַריינען און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס; דער איטאַליענישער פּאַציפיסטישער טוער, גענעראַל אין דעמיליע נינאָ פּאַסטי; די קרויווים פון סאַלוואַדאָרער פּאָליט־אַרעסטירטע, וועלכע האָבן באַקומען אַ פּרעמיע פאַרן קאַמף צו באַשיצן די מענטשן־רעכט; די פּראָגרעסיווע זשורנאַליסטקע פון קאָלומביע פּאַטריסיאַ לאַראַ, וועלכע מע האָט אַרעסטירט ווי נאָר זי איז אָנגעקומען אין פּשאַ, פינף טעג זי געהאַלטן אין שטרענגער איזאָליאַציע און דערנאָך אַרויסגעשיקט פונעם לאַנד.

ס'איז סימפּטאָמאַטיש, וואָס טעראָריסטן און רעכטע עקסטרעמיסטן קומען פריי צו פאָרן אין פּשאַ, טרעטן אַרויס מיט רעדעס, גיבן אינטערוויוען, ווערבירן אָנהענגער. צו פיר־פינף מאָל אַ יאָר קומט, לעמאָשל, צו פאָרן דער פאַרביסענער טעראָריסט מייער קאַהאַנע, באַ וועלכן מע האָט אין 1985 אָפּגענומען די אַמעריקאַנער בירגערשאַפט.

אױפֿן יעסאַד פֿון דעם מאַקאַרען — אױסלטער־געזעץ זײַנען אין סענטיאַבער פּאַריקס יאָר אַרעסטירט געװאָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס דער לידער פֿון דער באַװעגונג פֿאַר בירגער־רעכט פֿון די שפּאַניש־שפּראַכיקע אַמעריקאַנער אין קאַליפֿאָרניע קאַרמען ליװאַ און איר מאַן. דער ציל פֿון אָט דער אַקציע, װי ס'האָבן דערקלערט אַנטײלנעמער פֿון דער סטיכײַש אױפֿגעקומענער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע, איז — אָנשרעקן יענע, װעלכע לעבן אין אַ לאַגע פֿון קנעכט פֿון XX יאָרהונדערט.

די רײגאַן־אַדמיניסטראַציע אַרבעט פֿאַנאַנדער דראַקאָנישע מיטלען, װעלכע מאַכן צו נישט אַפֿילע די סאַמע עלעמענטאַרע דעמאָקראַטישע דעראָבערונגען פֿון די אַרבעטנדיקע. צװישן זײ דאַרף מען פֿרײער פֿאַר אַלץ אָפּמערקן אַ רײ נײַע קרימינעלע געזעצן „װעגן קאָנטראָל איבער פֿאַרברעכערישקײַט", װעלכע זײַנען באַרופֿן, צװישן אַנדערס, נאָך אַכזאָריעסדיקער פֿאַרפֿאָלגן די קעמפֿער קעגן דער עקזיסטירנדיקער פּאָליטישער סיסטעם: דירעקטיװן, װעלכע זעען פֿאָר דאָס „פּרעװענטיװע פֿאַרהאַלטן"; באַשטימונגען פֿון דער געריכטלעכער איבער־קאַמער, װאָס מאַכן געזעצלעך דעם װילקיר פֿון ספּעציעלע דינסטן און פֿון דער פּאָליצײ, אױװער זײַענדיק אױף די קאָנסטיטוציאָנעלע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פֿרײַהײַטן; סאַנקציעס פֿון די רעגירונגס־אָרגאַנען אױף אױסברײטערן די מאַסשטאַבן פֿון עלעקטראָנישער נאָכשפּירונג נאָך די בירגער אאַװ. די פּראָגרעסיװע קרײַזן פֿון פּשא און פֿון דער גאָרער װעלט האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די דאָזיקע געזעצן און דירעקטיװן אין זײער געמײנזאַמקײַט, װי אױך די האַנדלונגען פֿון די מאַכט־אָרגאַנען, געריכטעטע צו אָנעמען זײ און פֿאַרװירקלעכן, װי אַ „נײַער עטאַפּ פֿון מאַקאַרטיזם".

אין סאָף פֿון 1986 האָט די רײגאַן־אַדמיניסטראַציע אָנגעהױבן אַ נײַע קאַמפּאַניע פֿון „מעכאַשײפֿעס־געיעג". אױף אַ סוידעספּולן אױפֿן האָט רײגאַן אָנגעהױבן „ראַדיקאַל איבערקוקן די מעלוכישע פּאָליטיק אין פֿראַט פֿון קאַמף מיטן אױסלענדישן שפּיאָנאַזש". װעגן דעם האָט מיטגעטײלט די אַגענטור „אַסאָשײטעד פּרעס", פֿאַרופֿנדיק זיך אױף פֿאָרשטײער פֿונעם װײַסן הױז און פֿון דעם קאָנגרעס. ס'איז אָנגעמערקט געװאָרן צו ענדערן מער פֿון הונדערט זאַכלאַגעס, בעשײַכעס דעם „גאַראַנטירן די זיכערהײַט", און דורכפֿירן „אַ שטרענגערן און אָפּטן קאָנטראָל" פֿון 4,2 מיליאָן אַמעריקאַנער, װעלכע האָבן אַ צוטריט צו געהײמע מאַטעריאַלן.

די רעגירונג פֿון פּשא היט זאָרגזאַם אױף די רעפּרעסיװע רעכט פֿונעם פּאָליצײ־אַפּאַראַט. אַזױ, לעמאָשל, האָט דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום „אױפֿגעקלערט" די בירגער, אַז די פּאָליצײ „דאַרף זיך באַנוצן מיט אַן אַבסאָליוטן אימוניטעט בענעגײע געריכט־פֿאַרפֿאָלגונגען". פּאָשעט גערעדט: פֿאַרפֿאָלג, שפּיר נאָך, האַרגע לעשעם דער מאַכט פֿונעם קאַפּיטאַל — און דו װעסט פֿאַרבלײַבן אומבאַשטראָפֿט.

די ניט־עפֿעקטיװע אַמעריקאַנער פּאָליצײ אינעם קאַמף קעגן די גאַנגסטער־סינדיקאַטן שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מוסטער פֿון אָפּעראַטיװקײַט און אומבעראַכמאָנעסדיקײַט אינעם דערשטיקן די פּראָגרעסיװע אָרגאַניזאַציעס פֿון די אַרבעטנדיקע, אין פֿאַרפֿאָלגן די קעמפֿער פֿאַר גלײַכהײַט און דעמאָקראַטיע.

אַ באַשײַמפּערלעכער פֿאַר דער גאָרער װעלט בײַשפּיל פֿון צערעכענען זיך מיצאַד די אַמעריקאַנער מאַכט־אָרגאַנען מיט בירגער פֿאַר זײערע פּאָליטישע אָנשױונגען איז דער איניען װעגן דעם „אױלמינגטאָנער צענדליק" — אַ גרופּע קעמפֿער פֿאַר די בירגערלעכע רעכט פֿון די נעגערס, װעלכע זײַנען לױט פֿאַבריצירטע באַשולדיקונגען פֿאַרמישפּעט געװאָרן צוזאַמענגענומען צו 282 יאָר טפֿיסע און בלױז נאָך די אַנטשײדנדיקע מאַסן־פּראָטעסטן פֿון די אַרבעטנדיקע פֿון פּשא און פֿון דער גאָרער װעלט זײַנען זײ צײַטװײַליק באַפֿרײַט געװאָרן פֿון דער טפֿיסע.

צו טויט־שטראָף אױפֿן עלעקטרישן שטול, אױך לױט אַ פֿאַלשער באַשולדיקונג, איז פֿאַרמישפּעט געװאָרן דער קעמפֿער קעגן מיליטאַריזם דזשאָן כאַריס. לעבנסלאַנגע טפֿיסע האָבן באַקומען די דיכטערן אַסאַטאַ שאַכור, אַ קעמפֿערן פֿאַר בירגערלעכע רעכט פֿון די נעגערס, לעאָנאַרד פּעלטיער, אַ קעמפֿער פֿאַר בירגערלעכע רעכט פֿון די אינדיאַנער אאַ.

אין די פֿאַרײניקטע שטאַטן ברײטערן זיך אױס און װערן אַלץ אַכזאָריעסדיקער די פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן די אַקטיװיסטן פֿון דער אַנטימילכאָמע־באַװעגונג, אין די טפֿיסעס אָדער אױף די באַשולדיקונגס־בענק געפֿינען זיך איצט אַרום 70 שאָלעם־אָנהענגער.

בײַס דער דעמאָנסטראַציע קעגן נוקלעאַרער באַװאָפֿענונג איז אַרעסטירט געװאָרן באַם פּאָליגאָן אינעם שטאַט נעװאַדאַ דער באַװוּסטער אַמעריקאַנער פּסיכיאַטער דזשאָן מעק, דערבײַ — צוזאַמען מיט זײַן פֿרױ און דרײַ זין. דער זעלבער גורל האָט געטראָפֿן דעם באַװוּסטן אַמעריקאַנער אַסטראָנאָם קאַרל סאַגאַן, װעלכער האָט אױך פּראָטעסטירט קעגן דער נוקלעאַרער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג פֿון פּשא.

ניט לאַנג צוריק האָבן די היטער פֿון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע פֿאַרמישפּעט צו לאַנגדױערנדיקע טפֿיסע־טערמינען (פֿון 8 ביז 18 יאָר) די גײַסטלעכע קאַרל קאַביט, פּאָל קאַביט, לאָרענס קלאָד מאָרגאַן, מאַרטין כאָלידײ, העלען װודסאָן. זײער „פֿאַרברעכן" איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס זײ האָבן געקעמפֿט קעגן נוקלעאַרן געװער.

די פּאַרייניקטע שטאַטן האָבן צו זיך קיין גלײַכן ניט לויט דער צאָל אַרעסטירטע: אין דעקאַבער 1986 האָט זייער צאָל דערגרייכט 723 טויזנט מענטשן. דערבײַ איז צו זען פון די אויספירן פון דער אַמעריקאַנער אַסאָציִאַציע פון געזעלשאַפטלעכער געזונט-פאַרהיטונג, אַז אין די טפיסעס עקזיסטירן „אומענטשלעכע באַדינגונגען".

„די גדולים פון דער געזעלשאַפט, — זאָגט וועגן די מאַכטהאָבער אין אַמעריקע דער קעמפער קעגן ראַסן-דיסקרימינאַציע אין פּשא דזשאָרדזש מעריט, וועלכער איז פאַרמישפּעט צו לעבנסלאַנגער טפיסע, — פאַרשפּאַרן אין די טפיסעס די ניט-געהאָרכזאַמע, יענע, וואָס טאַדלען אומגערעכטיקײַט, עקספּלואַטאַציע, ראַסיזם, ווער עס פּרוּווט קעמפן קעגן דעם".

דזשאָרדזש מעריט האָט אָפּגעמערקט, אַז אַזעלכע, ווי ער, געפינען זיך אין דער טפיסע ראָוּעי „ניט ווייניקער פון הונדערט". וויפל זשע זײַנען פאַראַן פּאָליטישע אסירים אין אַלע אַמעריקאַנער טורמעס? קיין פּינקטלעכע ציפערן ווייסט קיינער ניט. „מיר זײַנען טויזנטער", — זאָגן וועגן זיך אַליין די פּאָליט-אַרעסטירטע.

„מיר לעבן אין באַדינגונגען פון דיקטאַטור, הינטער וועלכער עס שטייט די מאַכט פון וואָל-סטריט, — שרײַבט פון דער טפיסע דער פּאָליטישער אָסיר טשאַרלז האָל. — פאַר די ראָקפעלערס און זייער גלײַכן זײַנען מיר פּאָשעט אַ סטאַדע, און אונדזער איינציקע פונקציע איז — אַרבעטן און שטאַרבן פאַר זיי".

פּילצאָליקע געריכט-פּראָצעסן איבער פּאָליטישע מאָטיוון, טויזנטער פּאָליט-אַרעסטירטע אין די אַמעריקאַנער טורמעס, רעפּרעסיִעס און פאַרפאָלגונגען פון אַנדערשדענקענדיקע, פון יענע, וואָס טרעטן אַרויס קעגן מיליטאַריזאַציע, עקספּלואַטאַציע, דיסקרימינאַציע און אַכזאָריעסדיקער אונטער-דריקונג פון די נאַציִאָנאַלע מינדערהײַטן — אַזאַ איז דאָס ווײַט ניט פולע בילד פון די פאַרלעצונגען פון די קאָנסטיטוציִאָנעלע פרײַהײַטן און בירגערלעכע רעכט פון די אַמעריקאַנער.

וועגן דעם אָבער שווײַגט די „סאַמע פרײַע", „סאַמע דעמאָקראַטישע" פּרעסע אין פּשא. „אַלע נײַס זײַנען פּאַסיק פאַר דער פּרעסע", — אַזאַ איז דער גאַדלעסדיקער דעוויז פון דער גרעסטער אַמעריקאַנער צײַטונג „ניו-יאָרק טײַמס". ווי ס'איז צו זען, זײַנען די נײַס וועגן די פאַרפאָלגונגען פון פּאָליטישע קעמפער פאַר דער פּרעסע לאַכלוטן ניט פּאַסיק, אין די דיקע אַמעריקאַנער צײַטונגען געפינט זיך ניט קיין אָרט פאַר זיי. דער באַליבטער מעטאָד פון דער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנדע איז — פאַרשווײַגן דאָס ניט-געווונטשענע.

ווען דער געוועזענער שטענדיקער פאָרשטייער פון פּשא בא דער אונאָ ענדריו יאַנג האָט אין איינעם אַן אינטערוויו פאַר אַ פראַנצויזישן זשורנאַל אַנערקענט, אַז אין די פּאַרייניקטע שטאַטן זײַנען פאַראַן טויזנטער פּאָליט-אַרעסטירטע, האָט די בורזשואַזע עליטע טייקעף אים אַראָפּגעטריבן פון זײַן הויכן פּאָסט.

דער פּאָליטישער קריזיס פונעם מעלוכיש-מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם פירט צו אַ האַסטיקער פאַרשאַרפונג פונעם קריזיס פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. די גרונט-שטריכן פונעם קריזיס פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע זײַנען: דער אומופהערלעכער וווּקס פונעם מיליטאַריזם, די אַלץ גרע-סערע אָפּגעפרעמדטקײַט צווישן דער רעגירונג און די מאַסן וויילער, דאָס אָפּטע אויסניצן רעפּרעסיִעס און טעראָר, די טאָטאַלע נאָכשפּירונג מיצאַד דער צענטראַלער אויסשפּירונג-פאַרוואַלטונג און דער פעדעראַלער אויספאָרשונג-ביוראָ נאָך מיליאָנען „פּאָליטיש פאַרדעכטיקע" בירגער, דאָס נאָכגעבן די קו-קלוקס-קלאַנאָווצעס און די נעאָפאַשיסטן, דאָס אויסניצן די מאַפיִע און אַנדערע קרימינעלע עלע-מענטן קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און קעגן די פּראָגרעסיווע קערפּערשאַפטן פון די אַרבעטנ-דיקע, קעדיי דערשטיקן די אַרבעטער-באַוועגונג. דאָס אַלץ רעדט וועגן דעם, אַז דער מעלוכיש-מאָ-נאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם איז ניט פעיִק צו פירן פאָרויס די היפּש צעפליקטע דורך די שטורעמס פון אונדזער צײַט שיף פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע.

די פאַרטיפערונג פון די עקאָנאָמישע און סאָציִאַלע ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליזם, דער אַנ-טיפאָלקישער אָליגאַרכישער כאַראַקטער פון דער בורזשואַזער מאַכט זײַנען באַדינגט מיט דער שטרע-בונג פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל צו אײַנשטעלן אַ פּאָליטיש-רעאַקציִאָנערן רעזשים, דערשטיקן די אָרומ-געפליקטע בורזשואַז-דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן. דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל פון פּשא האָדעוועט זאָרגזאַם אונטער די נעאָפאַשיסטן, די קו-קלוקס-קלאַנאָווצעס, די אולטראַ-לינקע און אולטראַ-רעכטע טעראָריס-טישע גרופּירונגען אויף דעם פאַל, אויב די געוויינלעכע מעטאָדן פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע וועלן ניט העלפן אין קאַמף קעגן די פּראָגרעסיווע קויכעס.

אין דעקאַבער 1978 האָט דער אויבער-געריכט פון פּשא אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן דעם, אַז די טעטיקײַט פון די אַמעריקאַנער פאַשיסטן איז געזעצלעך, און אין אָנהייב 1979 האָבן אין איינִיקע צײַטונגען פון פּשא זיך באַוויזן מיטיילונגען, אַז די אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקאַנער פאַשיסטן באַקו-מען גרויסע סומעס געלט פון די קאַסעס פון די מאָנאָפּאָליעס. אין די פּאַרייניקטע שטאַטן דערשײַנען ביכער, וועלכע פּרוּוון ריינוואַשן די שוואַרצע מעשׂים פון היטלערן און פון זײַן קנופּיע, אויף די עק-

ראָנען באַווײַזן זיך פֿילמען, וואָס באַזינגען די „ראָמאַנטיק" פֿון די פֿאַשיסטישע „קאַמפֿס־אינדערוואָכנס" בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. צו דינסט די פֿאַשיסטן זײַנען שטענדיק אָפֿן און גרייט די צענטראַלע בורזשואַזע צײַטונגען. דער פֿירער פֿון די אַמעריקאַנער פֿאַשיסטן פֿרענק קאָלין גיט אַן אינטערוויו „ספּעציעל פֿאַר „ניו־יאָרק טײַמס". די צײַטונג פּובליקירט קאָלינס פֿאָטאָגראַפֿיעס מיט אַ האַקנקרייץ אויפֿן אַרבל, אונטערן פּאָרטרעט פֿון זײַן גײַסטיקן דערציער אַדאָלף היטלער; די האַנט איז אויסגעשטרעקט פֿאָרויס — אין אַ פֿאַשיסטישער באַגריסונג, צי אָנווײַזנדיק אויף די פֿאַרהאַסטע מיצאַד אים „ייִדן, שוואַרצע, שפּאַניש־שפּראַכיקע און ביכלאַל אַלע יענע, וועלכע זײַנען ניט קיין אַריער".

און אָט איז אין אַנדער נומער פֿון דער זעלבער „ניו־יאָרק טײַמס". אויף אַ פֿאָטאָ — קו־קלוקס־קלאַנאָווצעס אין ווײַסע באַלאַכאָנען אויפֿן פֿאָן פֿון אַ ברענענדיקן קרייץ. „די דאָזיקע אַמאָל געהיימע אָרגאַניזאַציעס, די אומזעבאַרע אימפּעריע, — ווערט געזאָגט אינעם אַרטיקל, — איז געוואָרן ביז גאָר זעבאַר נאָך דעם, ווי זי איז צען יאָר געווען אין שאָטן... זי זוכט אַקטיוו אַ רעקלאַמע און עפֿנטלעכע באַרימטקײַט..."

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען הײַנט־צו־טאָג פֿאַראַן העכער 3,5 טויזנט נאַציאָנאַלע, רעגיאָנאַלע, אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס פֿון אולטראַ־רעכטער אָריענטאַציע (פֿאַשיסטן, מיטגלידער פֿון דער דזשאָן בערטש־געזעלשאַפֿט, מיניטמענער, שטורמאָוויקעס פֿון דער אַזויגערופֿענער „ליגע צו פֿאַרטיידיקן די ייִדן", קו־קלוקס־קלאַן אאַוו.). בלויז דער קו־קלוקס־קלאַן ציילט אָן אַן ערך 100 טויזנט מענטשן. זײַנע שטאַב־קוואַרטירן פֿונקציאָנירן אויפֿן אין 22 שטאַטן. לויט אייניקע אָנגאַבן, פֿאַראייניקן די עקסטרעמיסטישע גרופּעס ביז אַ מיליאָן אָנהענגער.

אין דער לעצטער צײַט נעמען אונטער די רעאַקציאָנערע קרײַזן מיטלען, קעדיי באַפֿרײַען די רעפּרעסיווע אָרגאַנען פֿון וועלכע־ניט־איז באַגרענעצונגען, וועלכע מע האָט אַרופֿגעלייגט אויף זיי אין די 70־ער יאָרן אונטערן דרוק פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכקײַט. עס ווערט פֿאַרברייטערט דער קרײַז פֿון מעלוכישע אַמטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט העצעס און פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן אַנדערשדענקענדיקע. ס'איז געשאַפֿן געוואָרן אַ סובקאָמיסיע אינעם סענאַט „וועגן פּראָבלעמען פֿון זיכערהײַט און טעראָריזם". די רעפּרעזענטאַנטן־קאַמער פֿאַרנעמט זיך מיטן פֿאָרשלאָג אויפֿצושטעלן די טרויעריק באַרימטע קאָמיסיע „וועגן אויספֿאָרשן די אַנטי־אַמעריקאַנער טעטיקײַט".

אַזעלכע זײַנען אייניקע שטריכן צום פּאָרטרעט פֿון דער אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע".

---

★ ★ ★ ★ ★ ★

## נײַס פֿון ביראָבידזשאַן

### אַ פּרעמיערע אינעם פֿאָלקס־טעאַטער

אין אָנהייב מאַרט איז דורכגעגאַן אין צושויער־זאַל פֿון דער געגנטלעכער פֿילהאַרמאָניע מיט גרויס דערפֿאָלג די פּרעמיערע פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ספּעקטאַקל „בלאָנדזנדע שטערן" אין דער אויפֿפֿירונג פֿון די אַרטיסטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער (רעזשיסער וו. זעמליאַנסקי).

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער ספּעקטאַקל ווידער באַוויזן געוואָרן אויף דער בינע פֿונעם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ.

★

### „פֿריילעכס" אויפֿן בלויען עקראַן

טויזנטער טעלעצושויער פֿונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט האָבן מיט גרויס אינטערעס געקוקט די טעלעוויזיע־טראַנסלירונג „באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפֿטן", ווו זיי האָבן זיך געטראָפֿן מיט די אַרטיסטן פֿון דער שאָו־גרופּע „פֿריילעכס".

אַ שטאַרקן אײַנדרוק האָבן איבערגעלאָזט די אַרטיסטן אַלעקסאַנדרע מאַזשוכינאַ, אינע סלאַווסקאַיאַ, געאָרגי מעלסקי און איליאַ לערנער.

★

1

**וואָכנטעג**
**אין ייִסראַעל**

2

3

4

1. אַן אַנטיראַסיסטישע דעמאָנסטראַציע אין טעל־אָוויוו קעגן רעליגיעזן צוואַנג און פאַר ייִדיש־אַראַבישער פרײַנטשאַפט

2. אַף א פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין יערושאָלאַיִמער אוניווערסיטעט קעגן דער אַנטי־אַראַבישער ראַסיסטישער פּאָליטיק

3. יערושאָלאַיִם. אַרבעטער דעמאָנ־סטרירן קעגן פּאַרקירצונגען און פאַר פולער באַשעפטיקונג

4. לעקאָוועד דעם סאָוועטישן דיכטער און אַרטיסט וולאַדימיר וויסאָצקין, מיט וועמענס נאָמען עס איז אָנגע־רופן געוואָרן א נײַער אַסטעראָיִד

5. דער מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמפּאַרטיי רוט ליוביטש צוגאַסט בא דער באַ־רימטער פּאַסיאָנאַריאַ

5

## בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

# א „שיק־ייִנגל"

מיט א צײַט צוריק האָבן די רעדאקטאָרן פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" אָנגעפילט זייער צײַטונג מיט ארטיקלען, לייטארטיקלען, „הויפּט־נײַסן" וועגן „אינטערנאציאָנאלן טעראָר" און וועגן „נאציאָנאלן טעראָר", און מע איז אזוי ווײַט אוועק אין דעם „קאמף" קעגן טעראָר, אז מע האָט אפילע גערופן „אײַנצושטימען מיטן פרעזידענט רייגאן" — „דער רוף פונעם פרעזידענט רייגאן צו אלע ציוויליזירטע פעלקער דארף געענטפערט ווערן פּאָזיטיוו".

ס'איז באוווּסט, אז רייגאן האָט אופגעדעקט זײַן עמעסן טאָך אלס דער הויפּט־שטיצער פון אינטערנאציאָנאלן טעראָר אין ניקאראגוא, אין אנגאָלע, אין אפגאניסטאן, אין דאָרעם־אפריקע און אין מיטעלן מיזרעך.

איצט גיט זיך ניט די „מאָרגן־פרײַהײַט" קיין אייצע, וויאַזוי רייגאן זאָל ארויסקריכן פון דעם זומפּ, אין וועלכן ער און זײַנע קאָלעגן זײַנען ארײַן מיט די פינצטערע פארבינדונגען צווישן דער אמעריקאנער אדמיניסטראציע און די כומייניִשע הערשער, און דערבײַ האָט די אדמיניסטראציע געשטיצט די ראָצכישע באנדעס אין ניקאראגוא, אנגאָלע, אפגאניסטאן און דאָרעם־אפריקע.

דערבײַ איז זייער כאראקטעריסטיש דאָס באצייכענען די ייִסראָעל־רעגירער אלס „שיק־ייִנגלעך". ווען א סאָוועטישע אָדער א קאָמוניסטישע צײַטשריפט אין די פארייניקטע שטאטן וואָלט אזוי באצייכנט ייִסראָעל, וואָלט די „מאָרגן־פרײַהײַט" זיכער דאָס פארשריגן אלס אנטי־ייִסראָעלדיקער בילבל. ווי א „שיק־ייִנגל" האָבן די ייִסראָעל־רעגירער אָנגעהויבן די בלוטיקע מילכאָמע אין ליוואן... א „שיק־ייִנגל" אין דינסט פון די וואָפן־מאגנאטן?

ס'איז כאראקטעריסטיש די עצעם באצייכענונג — „שיק־ייִנגל". די רעדאקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" האלטן אין איין פאָרשטעלן די ייִסראָעל־רעגירער אלס אזעלכע, וואָס זיצן טאָג און נאכט און טראכטן וועגן איין זאך — וועגן דער זיכערהײַט פון ייִסראָעל, וועגן פארטיידיקן די זיכערהײַט פון ייִסראָעל אין אלע ייִסראָעל־מילכאָמעס, וואָס האָבן גוירעם געווען אזויפיל קאָרבאָנעס.

די רעדאקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" קאָנען זיך ניט דערלויבן צו באצייכענען, אז דאָס זײַנען פארברעכנס, וואָס ווערן באגאנגען קעגן די בעפיירעשע יעסוידעסדיקע אינטערעסן פונעם ייִסראָעל־פאָלק, קעגן די ייִדישע אינטערעסן אין דער וועלט. מע באצייכנט אפילע די ייִסראָעל־רעגירער, נאָך דעם אלעמען, וואָס דארף אופשוידערן יעדן מענטשן, יעדן ייִדן, מיטן ליבלעכן, היימישן, מעכילעדיקן נאָמען „שיק־ייִנגל". וואָס קאָן מען, נעבעך, פאָדערן פון „שיק־ייִנגלעך"?..

כאראקטעריסטיש איז דער אויספיר, צו וועלכן עס קומען די רעדאקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט": „רייגאן, וועלכער איז פון אָנהייב געווען אן אומגליק פארן לאנד, האָט ערשט ארײַנגעפירט דאָס אמעריקאנער פאָלק און „אונדזערע שוטפים" (געמיינט אויך ייִסראָעל? — יודלאמעד.) אין א טעמפּן ווינקל, ניט ארויסצוקריכן". אָט דער דאָזיקער רייגאן איז דאָך פאָרגעשטעלט דורך דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אלס טשעמפּיאָן אינעם קאמף פאר „מענטשן־רעכט" און פאר די רעכט פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד.

צי וועט די „מאָרגן־פרײַהײַט" עפּעס לערנען דערפון? צי וועט זי אנערקענען, אז מיט איר רוף „אײַנצושטימען מיטן פרעזידענט רייגאן", וועמענס גאנצע קאמפּאניע קעגן „אינטערנאציאָנאלן טעראָר", זײַן פאלשע „זאָרג" וועגן „מענטשן־רעכט" און וועגן ייִדן־רעכט אין סאָוועטנפארבאנד איז ניט עפּעס אנדערש, ווי א טייל אין דער פּסיכאָלאָגישער קאלטער מילכאָמע קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד.

ס'וואָלט בעעמעס צײַט געווען, אז די רעדאקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" זאָלן אופהערן „אײַנשטימען מיט רייגאנען" און זיך אײַנשליסן אינעם קאמף פון די פעלקער פאר פארמײַדן אן אטאָם־מילכאָמע און פאר סאָוועטיש־אמעריקאנער קאָאָפּעראציע. זײַן אין איין פראָנט מיט די פארביסנסטע קעגנער פונעם סאָוועטנפארבאנד... דאָס איז שוין אן עמעסער ביזאָיען!

# אף דער 17־טער מאָסקווער יוגנטלעכער אויסשטעלונג



לעוו טאבענקין.
א זונטיק־טאָג

מאקסים קאנטאָר.
אינעם ווארט־זאל

אנאטאָלי קאָמעלין.
די זאטולאָווסקיס — אירע און אסיע

טאטיאנע שימעס. באנאכט אין וואגאָן

וויקטאָר רוסאַנאָוו.
פרילינג אין קרים



מיכאיל גורוויטש.
אין צענטראַלן פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו אף גאָרקיס נאָמען

אלעקסיי סונדוקאָוו. אין ריי
וולאַדימיר ברײַנין. א הויז אפן ראָג



# א ריכטיקער באשלוס

ס'איז צו באדויערן, האלעמײַ די „קאנאדער וואָכנבלאַט", דער אָרגאַן פונעם פאַראייניקטן ייִדישן פאָלקס־אָרדען אין קאַנאַדע, האָט זיך געמוזט שליסן צוליב איין־און־איינציקער סיבע: ווײַל דער שעף־רעדאַקטאָר יעהושע גערשמאַן האָט איבער זײַן קראַנקײַט ניט געקאָנט פאַרזעצן אַרויסצוגעבן די צײַטונג. דער פאַראייניקטער ייִדישער פאָלקס־אָרדען גיט דעריבער אַרויס פון צײַט צו צײַט א ביולעטען „אָרדען־נײַעס", אין וועלכן ס'ווערן געבראַכט אינפאָרמאַציעס וועגן דער טעטיקײַט פונעם פאָלקס־אָרדען.

אין לעצטן נומער „אָרדען־נײַעס" (נומ. 53, אָקטיאבער—נאָיאבער 1986) ווערט מיטגעטיילט וועגן דער 13־טער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פונעם פאַראייניקטן ייִדישן פאָלקס־אָרדען, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 17־טן, 18־טן און 19־טן אָקטיאבער 1986, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט 70 דעלעגאַטן פון וואַנקווער, ווינִיפעג, טאָראָנטאָ און מאָנטרעאַל. בא דער געלעגנהײַט איז געפײַערט געוואָרן דער 60־טער יובליי פונעם פאָלקס־אָרדען.

צווישן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס אױף דער קאָנפערענץ אונטערן טיטל „מיטן פּנים צו דער נײַער ווירקלעכקײַט" רופט אַרויס אינטערעס דער אָבזאַץ, וואָס באַציט זיך צו דער לאַגע אין מיטלען מיזרעך, אין וועלכן עס שטרײַכט זיך אונטער, אַז: „מיר זײַנען די איינציקע, לאַנג אײַנגעשטעלטע ייִדישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז כאָטש זייער געטרײַ צו דער אידיי פון א שטאַרק אַנטוויקלטן ייִסראָעל, קומען מיר אַרויס אָפן קעגן שאָוויניזם און פאַרן געדאַנק, אַז דאָס אײַנשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע פּאַלעסטינער מעדינע אין שכײנעס מיט מעדינאַס־ייִסראָעל וועט ברענגען א רויִקן פּעריאָד פון שאָלעם אין מיטלען מיזרעך און אין וועלכן די שאַפונג פון א פּעריאָד פון באַדײַטנדיקע שריט לעטויווּעס שאָלעם אין מיטלען מיזרעך איז מעגלעך און אין די בעסטע אינטערעסן פון ייִסראָעל".

ס'איז צו באַגריסן די קאָנפערענץ פונעם פאַראייניקטן ייִדישן פאָלקס־אָרדען פאַר אָנעמען אַזאַ וויכטיקן און ריכטיקן באַשלוס. אין ייִסראָעל קומען אַלץ ברייטערע קרײַזן צום אויספיר, אַז די אָקופּאַציע פון די פּאַלעסטינער שטאָכים אין רעזולטאַט פון דער מילכאָמע אין יוני 1967, מיט א באַפעלקערונג פון אָנדערהאַלבן מיליאָן פּאַלעסטינער, איז געוואָרן אַן אומגליק פאַר מעדינאַס־ייִסראָעל און איז דער קוואַל פון אַלע ביז איצטיקע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע קריזיסן. מע קומט דעריבער צום איינציקן ריכטיקן אויספיר, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער פאַלשער אידיי „פאַר גאַנץ ערעץ־ייִסראָעל" קאָן דערפירן צום געגאַרטן שאָלעם. ס'איז דעריבער זייער וויכטיק, אַז אַלץ מער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אױף דער וועלט זאָלן אַרויסברענגען זייער מיינונג פאַר א פּאָליטיק, וואָס קאָן דערפירן צו שאָלעם, ווײַל נאָר און בלויז דער ייִסראָעל־פּאַלעסטינער שאָלעם קאָן גאַראַנטירן דעם הײַנט און דעם מאָרגן פון מעדינאַס־ייִסראָעל. לאָמיר האָפן, אַז אויך אַנדערע ייִדישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין קאַנאַדע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין פראַנקרײַך, אין אַרגענטינע און אין אַנדערע ייִדישע ייִשוּווים וועלן אויך מאַכן א ווענדונג מיטן פּנים צו דער ווירקלעכקײַט און אין עמעסער זאָרג פאַר זיכערן דעם שאָלעם פון ייִסראָעל זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן די שטיצע פאַר די פּראָגרעסיווע קויכעס אין ייִסראָעל, וועלכע פאָדערן א פּאָליטיק פון אײַנשטעלן א ייִסראָעל־פּאַלעסטינישן שאָלעם.

יודלאמעד
(„דער וועג", טעל־אוויוו)

# צוריק אהיים

מישפּאָכע־קרויווים און פרײַנט, ווי אויך פיל פאָרשטייער פון אינפאָרמאַציע־מיטלען, האָבן לעצטנס באַגעגנט 55 מענטשן אפן מאָסקווער פלי־פעלד שערעמעטיעוואָ, וועלכע האָבן מיט א צײַט צוריק פאַרלאָזט דאָס לאַנד און איצט זיך צוריקגעקערט אין זייער היימלאַנד. קיינער האָט ניט געקאָנט זײַן גלײַכגילטיק, אין אָנבליק פון דער ערשטער באַגעגעניש פון די קרויווים, וועלכע האָבן פריִער באַשלאָסן צו בלײַבן אין לאַנד. מע האָט זיך געהאַלדזט און געקושט. טרערן פון פרייד, און עס זײַנען אַוועק די ערשטע דערציילונגען וועגן דעם, וואָס מע האָט איבערגעלעבט. די, מיט וועלכע כ'האָב באַוויזן צו כאַפּן א שמועס אױף איין פוס, האָבן אַרויסגעבראַכט זייער באַדויערונג פאַר דעם טאָעס, וואָס זיי האָבן געמאַכט, פאַר דעם, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן, עמיגרירנדיק פון דער היים.

אױף א פּרעסע־קאָנפערענץ אין סאָוועטישן אויסערן־מיניסטעריום האָט דער פאַרוואַלטער פונעם אינפאָרמאַציע־אָפּטייל, געראַסימאָוו, ענטפערנדיק אױף מײַן פראַגע, געזאָגט, אַז דאָס איז ניט די ערשטע גרופּע סאָוועטישע בירגער, וועלכע קומען צוריק אין זייער פאָטערלאַנד, האָגאָם זי איז די גרעסטע ביז איצט גרופּע. ענטפערנדיק אױף נאָך א

פּראַגע, האָט ער געזאָגט, אַז שוין אין 1985 האָבן די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען באַשלאָסן אַרויס־צוּווײַזן גוטן ווילן לעגאַבע די, וועלכע ווילן זיך צוריקקערן. ס׳זײַנען פֿריִער אויך געווען אַזעלכע ווענדונגען, זייער צאָל איז אָבער געווען אַ קלע־נערע.

איצט, ווען מיר עפֿענען פֿאַר זיי אַפּדאַסנײַ אויף אונדזערע גרענעצן, איז אויך געוואַקסן די צאָל ווענדונגען, באַזונדערס פֿון פּשאַ. אויף מײַן פֿראַגע, וועגן וויפֿל מענטשן גייט אַ רייד, האָט ער געענט־פֿערט, אַז די צאָל עמיגראַנטן, וועלכע ווילן זיך אומקערן, דערגייט צו טויזנטער. אַלע ווענדונגען ווערן באַטראַכט, — האָט געזאָגט דער סאָוועטי־שער פֿאָרשטייער. פֿאַרשטענדלעך, אַז זייער אומ־קערן זיך איז אויך אונדז גוירעם שוועריקײַטן, — האָט ער צוגעגעבן. מע דאַרף צוגרייטן דירעס און אַרבעטס־פּלעצער פֿאַר זיי. מיט דעם פֿאַרנעמען זיך שוין אָבער די סאָוועטישע לאָקאַלע מאַכט־אָר־גאַנען, און מיר זײַנען צוגעגרייט דערצו. דעריבער איז צו דערוואַרטן, אַז די דאָזיקע דערשײַנונג פֿון אומקערן זיך פֿון בירגער, וועט אָנהאַלטן אויך אויף ווײַטער.

ענטפֿערנדיק אויף דער פֿראַגע פֿון אַן אַמעריקאַ־נער זשורנאַליסט, צי עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרלײַכטע־רונגען באַם באַקומען אַרויספֿאָר־וויזעס פֿונעם סאָ־וועטנפֿאַרבאַנד, האָט גערַאַסימאָוו געענטפֿערט, אַז די ענדערונגען, וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין סאָוועטישן געזעץ אויף דעם געביט, זאָגן צו אַ פּאַשעטערע פּראָצעדור באַם באַקומען אַרויספֿאָר־וויזעס. אַזוי, לעמאָשל, קאָן אַ מענטש, וועלכער האָט באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפֿער, נאָכאַמאָל באַ־נײַען זײַן ווענדונג אין פֿאַרלויף פֿון 6 כאָדאָשים, און די מאַכט־אָרגאַנען דאַרפֿן געבן אַן ענטפֿער אין פֿאַרלויף פֿון אַ כוידעש. אין פֿאַל פֿון קראַנקהײַט אָדער טויט פֿון אַ קאָרעוו אין אויסלאַנד, וועט די פּראָצעדור געקירצט ווערן ביז דרײַ טעג.

ל. זאַהאַווי
(„דער וועג״, טעל־אַוויוו)

---

# בראָניק

## פּערסאָנעלער קאָנצערט פֿון אַ יונגן קאָמפּאָזיטאָר

דעם אַכטן אַפּרעל איז אין גרויסן זאַל פֿון דעם מאָסקווער קינסטלער־הויז פֿאָרגע־קומען אַ פּערסאָנעלער קאָנצערט פֿונעם קאָמפּאָזיטאָר סערגיי בערינסקי. עס זײַנען אויס־געפֿילט געוואָרן זײַנע שאַפֿונגען פֿאַר פֿאָרטעפּיאַנאָ, פֿידל, וויאָלאָנטשעל, האַרפֿע, גאָבאָי און וואָקאַל. אין בערינסקיס הויך־פּראָפֿעסיאָנעלע ווערק, פֿאַר וועלכע עס איז אייגנטימ־לעך אַ קאָמפּליצירטער קאַמער־סטיל, הערן זיך קלאָר אָפּקלאַנגען פֿון ייִדישע פֿאָלקס־ניגונים. אייניקע פֿון זיי זײַנען דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער טעמאַטיק. דאָ קאָן מען אָנרופֿן די קאַנטאַטע „טרעבלינקער שטיינער״ און דעם „רעקוויעם אין אָנדענק פֿון יאַנוש קאָרטשאַקן״, אייניקע וואָקאַלע שאַפֿונגען אויף די ווערטער פֿון כאַיִם ביידערן און אַנד.

דער „באַריכט־קאָנצערט״ פֿון סערגיי בערינסקין איז זייער וואַרעם אויפֿגענומען גע־וואָרן מיצאַד דעם עולם.

# מאָסקווער סאַליוטן

נאָך אין די אוראַלטע צײַטן, ווען דאָס כאַיל האָט אָפּגעהאַלטן א ניצאָכן, פלעגן לעקאָוועד דעם פאָלקנפירער און די זעלנער הודיען אַלע גלעקער. אין א פארפולקומטער פאָרם איז אָט דער מינהעג אופגעשטעלט געוואָרן בא אונדז אין לאַנד בייס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אויך אין אירע ערשטע יאָרן, כאָטש מיר האָבן מאכמעס פארשיידענע סיבעס געליטן א ריי דורכפאַלן, זײַנען בא אונדז געווען גענוג גרויסע זיגרײַכע גרעאנגלען, אשטייגער — די באפרײַונג פון ראָסטאָוו־אַפן־דאָן אין פרײַען הארבסט 1941, די צעשמעטערונג פון די פאשיסטן הינטער מאָסקווע אין שפּעטן הארבסט 1941, די היסטאָרישע שלאכטן ארום סטאַלינגראַד אין 1942. דעמלט אָבער זײַנען מיר נאָך געווען אזוי דערצאָרנט און עמאָציאָנעל־אָנגעשטרענגט, אין אונדזערע הערצער האָט די סינע צום סוינע פארנומען אזויפיל אָרט, אז ס'האָט נאָך געדארפט געדויערן א געוויסע צײַט, ביז עס זאָל א הייב טאָן זיך צום הימל דאָס מעכטיקע גליק פון זיג.

אלפאָלקיש פײַערן די ניצכוינעס האָט אין ערשטן פעריאָד פונעם קריג נאָך ניט געקלעקט קיין קויעך.

דער ערשטער סאַליוט אין מאָסקווע איז געגעבן געוואָרן דעם 5 אווגוסט 1943 נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע ארמיי האָט געווינען די גראנדיעזע שלאכט אפן קורסקער בויגן און באפרײַט די שטעט אָריאָל און בעלגאָראָד. האַלבנאכט, ווי נאָר די קרעמל־קוראנטן האָבן פארענדיקט זייער איבערקלאנג, האָבן מיט אן אינטערוואַל פון דרײַסיק סעקונדעס אָפּגעהילכט איבער מאָסקווע 12 זאַלפּן פון 120 הארמאטן, וועלכע זײַנען געווען צעשטעלט אף אזעלכע פאָזיציעס, אז די מאָסקווער אײַנוווינער זאָלן קאָנען בוילעט הערן די קאנאָנאדע אומעטום. די הארמאטן האָבן ארויסגעגעבן זאַלפּן אין צענטער, אין צענטראַלן פארק אף גאָרקיס נאָמען, לעם דעם סטאדיאָן „רויטע פרעסניע", אין לעפאָרטאָוואָ... דעם סאַליוט האָט באגלייט א פארביק פײַערווערק, וואָס עס איז געווען ניט געוויינלעך פאר דער שטרענגער, פארטונקלטער אין די מילכאָמע־נעכט מאָסקווע. לעבן די הארמאטן האָט מען אײַנגעמאָנטירט מיקראָפאָנען פון דער אלפארבאנדישער ראדיאָ — אזוי אז די זאַלפּן האָבן געהילכט ניט נאָר אין דער הויפּט־שטאָט, ס'האָט זיי געהערט דאָס גאנצע לאַנד, די גאָרע וועלט.

אין דריטהאַלבן וואָכן ארום, אָפּמערקנדיק די באפרײַונג פון כארקאָוו, סאַליוטירט מאָסקווע דאָס צווייטע מאָל, שוין מיט צוואנציק זאַלפּן פון 224 הארמאטן.

שפּעטער האָט דער גענעראַל־שטאב פון דער סאָוועטישער ארמיי רעקאָמענדירט און דער אויבער־הויפּטקאָמאנדיר האָט באשטעטיקט דרײַ קאטעגאָריעס סאַליוטן. די דריטע קאטעגאָריע — 12 זאַלפּן פון 124 הארמאטן (אזעלכע סאַליוטן זײַנען בייסן קריג געווען 122); די צווייטע קאטעגאָריע — 20 זאַלפּן פון 224 הארמאטן (210); לעסאָף, סאַליוטן פון דער ערשטער קאטעגאָריע — 24 זאַלפּן פון 324 הארמאטן. זיי פלעגן הילכן, ווען עס זײַנען באפרײַט געוואָרן די הויפּט־שטעט פון די פארבאנדישע רעפּובליקן, אָדער די הויפּט־שטעט פון אנדערע מעלוכעס; ווען די סאָוועטישע ארמיי איז ארויס צו דער דאָרעמדיקער און דאָרעם־מײַרעוודיקער גרענעץ פון פּססר און ווען אונדזערע און אמעריקאנער סאָלדאטן האָבן זיך באגעגנט אף דעם טײַך עלבע (23).

דעם 9 מײַ 1945 איז אין מאָסקווע געגעבן געוואָרן א סאַליוט לעקאָוועד דעם גרויסן זיג אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין אים האָבן אָנטיילגענומען טויזנט הארמאטן און טויזנט פראָזשעקטאָרן מיט פארשיידנקאָליריקע שטראַלן. דרײַסיק זאַלפּן האָבן אָפּגעהילכט אין דעם מאָסקווער הימל. זייער העלע פײַערשײַן איז מוידיע געווען, אז עס איז געמאכט געוואָרן א סאָף צו דער פינצטערער נאכט פון דער מילכאָמע.

אן אינטערעסאנטע דעטאַל. דער דיקטאָר פון דער אלפארבאנדישער ראדיאָ יורי לעוויטאַן האָט פאָרגעלייענט אַלע באפעלן פונעם אויבער־הויפּט־קאָמאנדיר וועגן די סאַליוטן. זיי פלעגן זיך צעהילכן אין דעם מאָסקווער הימל דירעקט נאָך יורי לעוויטאנס קאָל. דעם לעצטן — 354־טן — באפעל וועגן א סאַליוט לעקאָוועד דעם זיג איבערן פאשיזם האָט יורי לעוויטאַן געלייענט אינעם מיקראָ־

פאַר, וואָס איז געווען אײַנגעשטעלט אין מאָסקווער קרעמל.

די טראַדיציע פון סאַליוטן ווערט פאַרגעזעצט אויך נאָך דער מילכאָמע. דער ערשטער יאָמטעווודיקער פרידלעכער סאַליוט האָט זיך צעהילכט איבער מאָסקווע דעם 7 נאָיאַבער 1945 לעקאָוועד דעם 28־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

די יאָמטעווודיקע סאַליוטן ווערן געגעבן לויטן באַפעל פונעם פאַרטיידיקונגס־מיניסטער פון פסר אין טאָג פון דער סאָוועטישער אַרמיי און מיליטער־רישן יאַם־פלאָט, אין טאָג פון דער אוויאַציע, אין טאָג פון די טאַנקיסטן, אין יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאַבער, אין טאָג פונעם ראַקעטן־מיליטער און דער אַרטילעריע. מיט סאַליוטן ווערן אָפּגעמערקט אויך דער יאָמטעוו פונעם ערשטן מײַ און דער טאָג פון זיג.

א פײַערלעכער סאַליוט איז געגעבן געוואָרן דעם 7 סענטיאַבער 1947 לעקאָוועד דעם 800־יאָריקן יובילײ פון מאָסקווע. די הויפּט־שטאָט האָט סאַליוטירט דעם 50־טן יאָרטאָג, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. דער גרעסטער סאַליוט איז געגעבן געוואָרן לעקאָוועד דעם 60־יאָריקן יוביל פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דעם 7 נאָיאַבער 1977 האָבן אינעם יאָמטעווודיקן סאַליוט אין מאָסקווע אָנטײלגענומען פיר טויזנט האַרמאַטן און ראַקעטע־אײַנריכטונגען, וועלכע זײַנען צעשטעלט געוואָרן אין צוואַנציק פּאָזיציעס אין דער שטאָט.

איצט איז אין מאָסקווע פאַראַן א ספּעציעלע סאַליוט־באַטאַרייע, וואָס פאַרמאָגט רערן פון פאַרשיידענע קאַליבערן. די יאָמטעווודיקע פײַערווערקן, וועלכע מיר האָבן די זכיה צו באַאָבאַכטן אין די לעצטע יאָרן, — דאָס איז איר אַרבעט.

# מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
## פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

### טאַלמי, לעאָן
(1893— ?)

— זשורנאַליסט, איבערזעצער. פסעוודאָנים פון לייזער טאַלמי־נאָוויצקי. געבוירן אין סאָסנאָוויץ, פּוילן. אַרום 1912 עמיגרירט צוזאַמען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט. נאָך דער פעברואַל־רעוואָלוציע געקומען קיין רוסלאַנד, אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1920 צוריקגעקומען קיין אַמעריקע. רעדאַגירט דעם כוידעש־זשורנאַל „אופבוי". אָפּגעדרוקט אַ רעשימע פון 515 ייִדישע ביכער און זשורנאַלן, וועלכע זײַנען דערשינען אין פּסס"ר אין די יאָרן 1917—1922. שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהייט", אַ מיטרעדאַקטאָר פונעם כוידעש־זשורנאַל „דער האַמער". אין סאָף פון די 20־ער יאָרן געווען איינער פון די אַקטיווע טוער אין דער „איקאָר"־באַוועגונג אין אַמעריקע. אין 1929 געפאָרן מיט אַן „איקאָר"־עקספּעדיציע קיין ביראָבידזשאַן, וועלכע ער האָט באַשריבן אין זײַן בוך „אַף רויערד". אין 1934 זיך באַזעצט אַף שטענדיק אין פּסס"ר. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געווען אַ מיטגליד פונעם ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

ווערק: אַף רויער ערד, מיט דער „איקאָר"־עקספּעדיציע אין ביראָבידזשאַן. ניו־יאָרק, 1931; איבערזעצונג פון אָסקאַר ווײַלדס „דער שלעכטער ריז".

ביבליאָגראַפיע: לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, פערטער באַנד. ניו־יאָרק, 1961, שפּאַלטן 16—17; ז. רייזען, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, באַנד 1; אַ. אַבטשוק, עטיודן און מאַטעריאַלן. כאַרקאָוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1934, ז. 25; וו. אייבערעמס, זשורנאַל „דער האַמער". ניו־יאָרק, יוני, 1936.

### טשערניס, נאָכעם
(1902—1941)

— דיכטער. געבוירן אין זשיטאָמיר, אוקראַיִנע. צו 18 יאָר ווערט ער אַן אַקטיווער קאָמיוגישער טוער. פונעם 1922 ביזן 1928 דינט ער אַפן שוואַרציאַמישן פלאָט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרבעט ער אין דער מאָסקווער קראַסנאָפּרעסניער טראַמוויי־דעפּאָ, רעדאַקטאָר פון דער פּילטיראַזשקע אַף דער מאָסקווער קאָנדיטערײַ־פאַבריק „באָלשעוויק", ווי אויך אין די רעדאַקציעס פון אַ ריי צענטראַלע צײַטונגען. אין אָנהייב פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פרײַוויליק אַוועק אַפן פראָנט אין באַשטאַנד פון דער מאָסקווער אָפּאָלטשעניִע און קומט אום אין אָקטיאַבער 1941 באַם פאַרטיידיקן מאָסקווע. מיט לידער און פאַרצייכענונגען דעביוטירט ער אין די צוואַנציקער יאָרן, שפּעטער דרוקט ער זיך אינעם זשורנאַל „יונגוואַלד" און אין אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס.

ווערק: „יאַם־לידער", „נאַטור־לאַ". זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1977, נום. 9.

ביבליאָגראַפיע: לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, פערטער באַנד. ניו־יאָרק, 1961, שפּאַלטן 172—173; זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1977, נום. 9.

### טילקער, ש.
(1910— ?)

— דיכטער. געבוירן אין אוקראַיִנע, געענדיקט אַ פאָלקסשול. געאַרבעט אַלס מעטאַלגיסער אין דאָנבאַס. דעביוטירט מיט לידער אינעם זשורנאַל „פּראָליט", אין 1930. שפּעטער זיך געדרוקט אין דעם זעלבן זשורנאַל, ווי אויך אין „שטערן", מינסק, „די רויטע וועלט", כאַרקאָוו, און אין אַנדערע אויסגאַבעס.

ביבליאָגראַפיע: לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, פערטער באַנד. ניו־יאָרק, 1961, שפּאַלטן 82—83; אַ. וועוויאָרקע, דער סטיל פון דער פּראָלעטאַרישער דיכטונג. כאַרקאָוו—קיִעוו, 1932.



נאום זילבערוואַרגס אַרבעטס־ביאָגראַפֿיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט פֿופֿצן יאָר צוריק אין ביראָבידזשאַנער זאַוואָד פֿון קראַפֿט־טראַנספּאָרמאַטאָרן. דאָ איז ער געוואָרן אַ הויך־קוואַליפֿיצירטער ספּעציאַליסט, די קאָמוניסטן פֿונעם זאַוואָד האָבן אים אָנגענומען אין מיטגלידער פֿון קפּסס. איצט איז נאום גריגאָריעוויטש סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פֿונעם צעך נומ. 7.

אויפֿן בילד: נ. ג. זילבערוואַרג.

פֿאָטאָ — [illegible]

## צום ערשטן מאָל אין ביראָבידזשאַן

דאָ נישט לאַנג זײַנען אין געגנטלעכן צענטער דורכגעגאַנגען גאַסטראָלן פֿונעם לאַורעאַט פֿונעם אַלרוסלענדישן קאָנקורס פֿון סאָוועטישע לידער אַנסאַמבל „ווילע יאַטנלוואַטנ״. אויטאָרן פֿון אַ סך אײַנגעשריבענע פֿאַרן דאָזיקן קאָלעקטיוו לידער זײַנען אַזעלכע באַוואוסטע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי מאַרק פֿראַדקין, יודי סאַולסקי, אָסקאַר פֿעלצמאַן.

— בײַ אונדז איז מיט די אײַנגעשטעלט אַ ענגע פֿרײַנדשאַפֿט, — האָט געזאָגט דער אָנפֿירער פֿונעם אַנסאַמבל, מיטגליד פֿונעם קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַרבאַנד פֿון ססרר אַנאַטאָלי קיסעליאָוו. — דאָ האָבן אָנגעהויבן זייער שעפֿערישע ביאָגראַפֿיע די זינגער פֿון דער סאָוועטישער עסטראַדע ליודי אַנטאָנאָוו, זשאַנע ביטשעווסקאַיאַ. אַ סך לידער האָט אָנגעשריבן פֿאַר אונדזער גרופּע דער קאָמפּאָזיטאָר אַלעג איוואַנאָוו... אין ביראָבידזשאַן זײַנען מיר געקומען צום ערשטן מאָל און מיט גרויס אינטערעס זיך באַקענען מיט דער שטאָט, מיט די צושויער, מיט דער גלענצנדיקער געבײַדע פֿון דער געגנטלעכער פֿילהאַרמאָניע. אונדז, מאַסטער, קומט זעלטן אויס אַרויסטרעטן אין אַזעלכע הײַנטצײַטיקע זאַלן...

אויף די בילדער: עס טרעט אַרויס דער אַנסאַמבל „ווילע יאַטנלוואַטנ״; עס זינגט דער אַרטיסט אַנדריי קיריסאָוו.

פֿאָטאָ — ה. פּורס.

13—17 פעווראל קאָנצערט־זאַל 13—17 פעווראל

די געגנטלעכע פילהאַרמאָניע פירט דורך קאָנצערטן פון דער יוגנטלעכער גרופע

## „מיטציַיטלער"

13, 16, 17 פעווראל אָנהייב—19.30.

14, 15 פעווראל אָנהייב—18.30, 21.00.

די קאַסעס—אין קולטור־פּאַלאַץ און אין דער פילהאַרמאָניע.

אָנפרעגן זיך דורך די טעלעפאָנען 85־72־6, 88־62־6.

---

8—9 פעווראל

קאָנצערט־זאַל פון דער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע

## עסטראַדע־פּראָגראַם

מיטן אָנטייל פונעם לאָורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן קאָנקורס פון אויספירער פון סאָוועטישער ליד „סאָטשי—86" (1־טע פּרעמיע)

## אַלינע אַנישטשענקאָ

דיפּלאָמאַנט פונעם אַלרוסלענדישן קאָנקורס אַנסאַמבל „ספּלאַוו"

אָנהייב — 18.30, 21.00

אָנפרעגן זיך דורך די טעלעפאָנען: 88־62־6, 85־72־6.

---

18—20 פעווראל קולטור־פּאַלאַץ

קאָנצערטן פון דער שאָו־גרופע

## „פּרייַלעכס"

מיט דער פּראָגראַם

## „א גוטן יאָמטעוו"

אויטאָר פונעם סצענאַרי — א. בראַטאָוו

קאָמפּאָזיטאָר — פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער אוזבעקישער ססר ו. טערלעצקי

רעזשיסער — פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר — ב. לעווינסאָן

באַלעטמייסטער — מ. קליאַט

קינסטלערישער אָנפירער — אי. לערנער.

אָנהייב פון די קאָנצערטן

דעם 18 פעווראל — 18.30, 21.00.

דעם 19—20 פעווראל — 20.00.

---

קולטור־פּאַלאַץ

21 פעווראל

דעם 50־טן יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פון דער שט. ביראָבידזשאַנער געווידמעט

די געגנטלעכע פילהאַרמאָניע פירט דורך א צושויער־קאָנפערענץ.

אין דער פּראָגראַם:

1. אינפאָרמאַציע וועגן דער אַרבעט פון דער פילהאַרמאָניע לויט דער קאָנצערט־באַדינונג.

2. א גרויסער קאָנצערט פון די שעפערישע קאָלעקטיוון פון דער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע.

אָנהייב—19 אַזייגער.

דער אַריַינגאַנג לויט איַינלאַדונגס־בילעטן.

---

...ם 29 יאַנואַר 1987 יאָר 18
...ער מיט 30 מינוט וועט אינעם
...אַל פון דער קינדערישער מוזי־
... שול פאָרקומען א באַגעגעניש
... ארויסלאָזניקעס פון דער שול
... לאָורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן
...זאַל פון זעלבסטטעטיקער קונסט־
...ער שאַפונג פאָלקס־אַנסאַמבל פון
...ער.

---

...דעם 14 פעברואַל 1987 יאָר וועט
...קומען אַן אָוונט־באַגעגעניש. גע־
...מעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער
...שול נומ. 6 פון דער שט. ביראָ־
...שאַן.

...יר לאַדן איַין לערער, וועלכע האָבן
...אַרבעט אין דער שול און ארויס־
...ניקעס.

...די געסט זאַמלען זיך צונויף אינעם
...ח פון אָפּיצערן פון דער סאָוועט־
...ער אַרמיי 18 אַזייגער.

---

...די ביראָבידזשאַנער קינדערישע מו־
...אַלע שול בעלדעט אַן אויפנאַם פון
...לער אין דער צוגרייטונגס־גרופע
... פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען:
...כאָר־אָפּטיילונג מיטן לער־
... שפּילן פאָרטעפּיאַנע — אין
...טער פון 7—8 יאָר;
... פאָלקס־אָפּטיילונג (באַיאַן,
...אַרדעאָן, דאָמרע, באַלאַלייקע, גי־
...אַרע) — 8—10 יאָר;
...סטרונע־סמיטשעק־אָפּ־
...טיילונג (פידל, וויאָלאָנטשעל) —
...—9 יאָר;
...אָפּטיילונג פון בלאָז־
...אינסטרומענטן (פלייטע, טרויב,
...אַלטאָרנע, טראָמבאָן) — 9—10 יאָר.
... מעלדונגען ווערן אָנגענומען ביז
...2 יאַנואַר.
...אַריַינטריט־עקזאַמענעס — פונעם 28
...ן 29 יאַנואַר פון 9 און 15 אַזייגער
...ון קאַבינעט נומ. 19.

Урок IV [лимэд фир] (окончание) ל'ימעד פיר (סאָף)

**Задание 23.** Прочитайте и переведите.

[ди цайт

(1) а йор hот цвэлф хадошим:
(2) янва́рь — из эйнс, февра́ль — из цвэй ун март — из драй.

(3) но́хдэм кумт апре́ль ун май.
(4) юнь — из зэкс, юль — из зибм.

(5) вифл за́йнэн нох гэбли́бм?
(6) а́вгуст — ахт, сентя́бэр — найн.
(7) драй хадо́шим дарф нох зайн.

(8) цэн — октя́бэр, элф — ноя́бэр, цвэлф — дека́бэр.

(9) нохдэм... ви́дэр кумт янва́рь.

(10) hэнгт мэн у́ф а на́йэм календа́р.] (Б. Гутянский).

[(11) а вох hот зибм тэг: мо́нтик, ди́нстик, ми́твох, до́нэрштик, фра́йтик, ша́бэс, зу́нтик.

(12) а мэслэ́с hот фир ун цва́нцик шо.
(13) а шо hот зэ́хцик мину́тн.

(14) а мину́т hот зэ́хцик сэку́ндэс.]

די צייַט

(1) א יאָר האָט צוועלף כאד'אָשים:
(2) יאנוו'אר — איז איינס,
פעוור'אל — איז צוויי
און מארט — איז דרייַ.
(3) נ'אָכדעם קומט אפר'על און מייַ.
(4) יון — איז זעקס,
יול — איז זיבן.
(5) וויפל ז'ייַנען נאָך געבל'יבן?
(6) 'אווגוסט — אכט,
סענטי'אבער — נייַן.
(7) דרייַ כאד'אָשים דארף
נאָך זייַן.
(8) צען — אָקטי'אבער,
עלף — נאָי'אבער,
צוועלף — דעק'אבער.
(9) נ'אָכדעם... וו'ידער קומט
יאנוו'אר.
(10) הענגט מען א'וף
א נ'ייַעם קאלענד'אר.
(ב. גוט'יאנסקי)
(11) א וואָך האָט זיבן טעג:
מ'אָנטיק, ד'ינסטיק, מ'יטוואָך,
ד'אָנערשטיק, פר'ייַטיק,
ש'אבעס, ז'ונטיק.
(12) א מעסל'עס האָט פיר און
צוואנציק שאָ.
(13) א שאָ האָט ז'עכציק
מינ'וטן.
(14) א מינ'וט האָט ז'עכציק
סעק'ונדעס.

**Задание 24.** Выучите слова к тексту «Время».

**Задание 25.** Ответьте на вопросы, напишите числительные (прописью), например:

1 — צוועלף, 2 — ז׳עכציק, 3...

1) וויפל כאַד׳אָשים האָט א יאָר? 2) וויפל טעג האָט ׳אווגוסט? 3) וויפל שאָ האָט א מעסל׳עס?
4) וויפל סעק׳ונדעס האָט א שאָ? 5) וויפל טעג האָט א וואָך? 6) וויפל מינ׳וטן האָט א מעסל׳עס?
7) ווי הייסן די טעג פון דער וואָך?

**Задание 26.** Спишите слова к тексту «Песня о мире».

1) песня, 2) о, об, 3) мир, покой, 4) мир, покой, 5) черный, 6) белый, 7) коричневый, 8) желтый, 9) все, 10) звать, восклицать, 11) против, 12) голод, 13) нужда, 14) атом, 15) война, 16) война, 17) смерть.

1) די ליד־ער, 2) וועגן, 3) דער ש׳אָלעם, 4) דער פרידן, 5) שווארץ, 6) ווייס, 7) ברוין, 8) געל, 9) ׳אלע, 10) רופן, 11) קעגן, 12) דער ה׳ונגער, 13) די נויט, 14) דער ׳אטאָם, 15) די מילכ׳אָמע־ס, 16) דער קריג־ן, 17) דער טויט

**Задание 27.** Прочтите и переведите. Обращайте внимание на личные формы глагола [зайн] — «быть», «являться» (*кем-либо, чем-либо, каким-либо*).

| **ди лид вэгн шо́лэм** | די ליד וועגן ש׳אָלעם |
|---|---|
| их бин шварц, | איך בין שווארץ, |
| ун ду бист һэл, | און דו ביסט העל, |
| эр из бройн, | ער איז ברוין, |
| ун зи из гэл. | און זי איז געל. |
| а́лэ, а́лэ руфн мир: | ׳אלע, ׳אלע רופן מיר: |
| шо́лэм! фридн! | ש׳אָלעם! פרידן![1] |
| па́че! мир! | פ׳אטשע![1] מיר![1] |
| кэгн һу́нгэр, | קעגן ה׳ונגער, |
| кэгн нойт, | קעגן נויט, |
| кэгн криг | קעגן קריג |
| ун а́том-тойт | און ׳אטאָם־טויט |
| а́лэ, а́лэ за́йнэн мир. | ׳אלע, ׳אלע ז׳ייַנען מיר. |
| шо́лэм! фридн! | ש׳אָלעם! פרידן! |
| па́че! мир! | פ׳אטשע! מיר! |
| (*С. Сандлер*) | (ש. סאנדלער) |

**Задание 28.** Выучите слова к «Песне о мире».

**Задание 29.** Разбейте данные 10 слов на 5 пар синонимов (однозначных слов).

1) דער ש׳אָלעם, 2) דער קריג, 3) דער פ׳אָטער, 4) די מ׳אמע, 5) דער ט׳אטע, 6) די מילכ׳אָמע, 7) דער פרידן, 8) דער מ׳אָנאט, 9) די מ׳וטער, 10) דער כ׳וידעש.

---

[1] Слово «мир» на немецком, итальянском и русском языках.

**Задание 30*.** Рядом с номерами еврейских слов укажите номера соответствующих по значению русских слов.

| | |
|---|---|
| 1. восемь | 1. אַלט |
| 2. желтый | 2. אַכט |
| 3. иметь | 3. ברוין |
| 4. стар | 4. געל |
| 5. день | 5. גיין |
| 6. о, об | 6. האָבן |
| 7. белый | 7. הונגער |
| 8. против | 8. וואָך |
| 9. время | 9. ווייַס |
| 10. коричневый | 10. וויפל |
| 11. идти | 11. וועגן |
| 12. неделя | 12. ווידער |
| 13. голод | 13. טאָג |
| 14. песня | 14. יאָר |
| 15. звать, восклицать | 15. כוידעש |
| 16. сколько | 16. ליד |
| 17. опять | 17. נאָכדעם |
| 18. год | 18. צייַט |
| 19. затем | 19. קעגן |
| 20. месяц | 20. רופן |

**Ключ к заданию 30. 1** — 4; **2** — 1; **3** — 10; **4** — 2; **5** — 11; **6** — 3; **7** — 13; **8** — 12; **9** — 7; **10** — 16; **11** — 6; **12** — 17; **13** — 5; **14** — 18; **15**—20; **16** — 14; **17** — 19; **18** — 9; **19** — 8; **20** — 15.

דאָצענט ש. סאַנדלער

דאָצענט ש. סאַנדלער

■

Sigue publicándose un número de ecos a la salida del primer número del anual "Año tras año", que representa a los leyentes, que hablan ruso, las mejores obras de la literatura soviética judía.

Mas de cuatro decenios nos separan de los sucesos trágicos de la Segunda Guerra mundial, pero el dolor de las pérdidas irreparables se queda. El pueblo judío tiene sus propios cuentos con el nacismo —seis millones de personas, mas de una tercera parte del pueblo, fue exterminado. La revista "Soviétish heimland" muchas veces toca este tema. En el número de mayo se publica la primera parte del ensayo documental de Zalman Yakub(Daugavpils) "En aquellos días", que cuenta sobre la muerte de las manos de los nacistas de los martires de guetto de la ciudad de Letonia Daugavpils(Dvinsk). Aquí es lo que escribe de su obra el autor mismo:

"En estas notas se dan los testimonios de los mártires de guetto, que por milagro escaparon su muerte, materiales de archivo, publicaciones documentales, que coleccionó el autor. Que tomen su lugar en los anales trágicos de exteminio por los bárbaros facistas de seis millones judíos".

En la sección "Publicística" los leyentes van a encontrar un artículo de Gueorgy Shmigov(Moscú) "Democracia del bolsón de dinero" del ciclo "El modo de vivir norteamericano", que por primera vez apareció en las hojas de nuestra revista de N 2, 1987. "La democracia norteamericana no por casual se llama la democracia del bolsón de dinero, —se dice en el artículo. Y no solo porque en el Congreso y en la Casa Blanca estan los millonarios. El papel de dinero en las companias de elección en los EE.UU. es tan grande, que el dinero se llama allá "leche materna de la política". La conclución es simple: quien no puede poner un millón de dolares, no podrá ser un "elegido popular de America".

En el número de mayo de la revista "Soviétish heimland" hay las rúbricas tradicionales: "Hojeando revistas y periódicos", "Es interesante", "Materiales para lexicón de la literatura judía soviética", "El manual autodidacto del idioma idish".

★

**Suplemento al número:**
**V. Lenzon "La música en nuestra vida"**

---

● אין אויסלאנד ●

**פאר א רעקאָרד־פּריַיז**

העכער 150 קונסט־ווערק, צווישן זיי — בילדער פון שאגאלז, באָנארן, לעזשע, זיַינען אויסגעשטעלט געוואָרן אפן אאוקציאָן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פאריזש. די רייטער־אגענטור גיט איבער, אז איינער פון מארק שאגאלס ליַיוונטן, וועלכער שילדערט א צירק־מוזיקאנט, האָט א געוויסער קוינע געקויפט פאר 4 מיליאָן צוויי הונדערט נייַנציק טויזנט פראנק.

# EL RESUMEN

## "Soviétish Heimland" ("La Patria Soviética")

## N 5, mayo, 1987

Mayo es un mes de dos grandes fiestas: El Día de la solidaridad internacional de los trabajadores y Día de la Victoria. Se celebran en todos los paises del mundo. Se hicieron una tradición de las fuerzas progresivas de nuestro planeta. Estas efemérides nos recuerdan el pasado, nuestra historia, pero en el mismo tiempo orientan nuestros pensamientos y asuntos al futuro, futuro sin guerras, sin explotación, sin odio al hombre.

Los materiales del número de mayo de "Soviétish heimland" responden a este tema. Se inaugura con el discurso del Secretario General del CC de PCUS Mijail Sergueevich Gorbachov en el encuentro en el Kremlin con los participantes del foro internacional "Por el mundo desnucliarizado, por sobrevivir de la humanidad", que tuvo lugar en febrero de este año en la capital de nuestra Patria.

La poesía está representada con una traducción al idish del poema del destacado poeta soviético Eduardo Bagritsky(1895-1934) "Pensar sobre Opanás", que fue hecho por el escritor judío Iakov Zeldin(1901-1942), que cayó en el frente, ciclos de unas poesias de los poetas contemporáneos judíos Motl Golbstein(Simferopol) "Hacia Rusia", Motl Gruvman(Nóvgorod) "Desfile se abre por los veteranos" y Lipa Heller(Minsk) "Tengo fe".

Sigue publicandose la nueva novela de Hershl Polianker(Kiev) "Era un shtetl", que se comenzó en el número anterior de la revista.

La dramaturgía se hizo comparablemente un género raro ultimamente en la literatura moderna judía soviética. Por eso es muy alegre la aparición de la obra nueva "Separación y encuentro", que fue creada por el escritor moscovita Tevie Guen. Esta obra, que se publica en la libretita de mayo de la revista "Soviétish heimland", está dedicada a los prolbemas de la construcción pacífica. Sus héroes son científicos, ingenieros, obreros—nuestros contemporáneos.

Por su temática el ensayo de Elvira Fáguel(Moscú) "En el combinado metalurgico de Novo-Lipetsk" se une con la obra de T. Guen. Otro ensayo, que se publica en el número,—"Eco de las montañas afganas" de Kim Sélijov(Moscú)—nos cuenta sobre la lucha del pueblo hermano afgano por la construcción de la sociedad nueva, sobre ayuda internacionalista, que dan a él los pueblos de la Unión Soviética.

We are continuing to publish responses to the first issue of the "Year after Year" Annual which introduces the Russian speaking readers to the best works of the Jewish Soviet literature.

Over four decades have passed since the tragic events of the Second World War, but the pain inflicted by the irreplaceable losses does not abate. The Jewish people have some old scores to settle with nazism—six million people, over a third of the Jewish people were exterminated. "Sovietish Heimland" has on more than one occasion dealt with this subject. The May issue carries part 1 of the documentary essay "In Those Days" by Zalman Yakub (Daugavpils), telling of the murder by the nazi butchers of the ghetto martyrs in the Latvian city of Daugavpils (Dvinsk). This is what the author says of his work:

"These notes bear testimony of the ghetto inmates who miraculously survived, archives materials and documentary publications collected by the author. Let them occupy their place in the tragic annals of the extermination of six million Jews by the nazi cannibals".

Our "Current Affairs" section carries an article "Democracy of the Money Bag" by Georgi Shmygov (Moscow) of the series "The American Way of Life", that first appeared in "Sovietish Heimland" No 2, 1987. "It is for good reason that American "democracy" is called democracy of the money bag', says the article, and not only because the Congress and White House are composed of millionaires. The role of money in the USA election campaigns is so great that money has come to be called there "maternal milk of politics". The conclusion is simple: he who cannot lay out a million dollars, will never be the "chosen representative of the people" in America.

"Sovietish Heimland" May issue contains its traditional sections "Scanning Magazines and Newspapers", "Items of Interest", "Materials for a Lexicon of Jewish Soviet Literature", "Teach Yourself Yiddish".

★

**Supplement to the issue:**
**"Music in our Life" by V. Lenzon**

# RÉSUMÉ

## "Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
## No 5, May, 1987

Two great public holidays are celebrated in May: Day of International Solidarity of the Working People and Victory Day. They have become a tradition of the progressive forces of our planet and are observed in all the countries of the world. These public holidays remind us of the past, of our history, orienting at the same time our thoughts and deeds to the future, a future free of wars, exploitation and misanthropy.

The materials of "Sovietish Heimland" May issue are devoted to this subject. The issue opens with the speech by Mikhail Gorbachev, Secretary General of the Central Committee of the Communist Party of the Soviet Union, at the meeting in the Kremlin with the participants of the International Forum "For a Nuclear-Free World, for the Survival of Humanity" held in Feburary in the capital of our Motherland.

The Poetry Section includes the poem "Ballad of Opanas" by the outstanding Soviet poet Eduard Bagritsky (1895—1934) translated into Yiddish by the Jewish poet Yakov Zeldin (1901—1942) who was killed in the war, and a selection of modern Jewish Soviet poetry: "To Russia" by Motl Golbshtein (Simferopol), "Veterans Opening the Parade" by Motl Gruvman (Novgorod) and "I trust" by Lipa Geller (Minsk).

The issue continues the publication of the new novel by Hershl Polyanker "There Was a Shtetl Once", started in the previous issue.

The drama has in recent years become a comparatively rase genre in Jewish Soviet literature. For this reason we are happy to publish in the current issue the new play "Parting and Meeting" by the Moscow writer Tevye Gen, devoted to peaceful construction, depicting our contemporaries, scientists, engineers and workers.

Associated with the subject matter of Tevye Gen's play is the essay "At the Novo-Lipetsk Metallurgical Plant" by Elvira Fagel (Moscow). Another essay included in the issue, entitled "Echo of the Afghan Mountains" by Kim Selikhov (Moscow) speaks of the fight of the fraternal Afghan people for the building of a new society, and the international help rendered to them by the peoples of the Soviet Union.

очерк, помещенный в номере, — «Эхо афганских гор» Кима Селихова (Москва) — рассказывает о борьбе братского народа Афганистана за построение нового общества, об интернациональной помощи, которую оказывают ему в этой борьбе народы Советского Союза.

Продолжается публикация откликов на выход первого номера ежегодника «Год за годом», знакомящего русскоязычных читателей с лучшими произведениями еврейской советской литературы.

Более четырех десятилетий отделяют нас от трагических событий второй мировой войны, но боль невосполнимых утрат не ослабевает. У еврейского народа особые счеты с нацизмом — шесть миллионов человек, более чем третья часть народа, было истреблено. Журнал «Советиш геймланд» не один раз обращался к этой теме. В майском номере публикуется первая часть документального очерка Залмана Якуба (Даугавпилс) «В те дни», повествующего о гибели от рук нацистских палачей мучеников гетто латвийского города Даугавпилс (Двинска). Вот что пишет о своей работе сам автор:

«В этих заметках приводятся свидетельства чудом уцелевших узников гетто, архивные материалы, документальные публикации, собранные автором. Пусть они займут свое место в трагической летописи уничтожения фашистскими нелюдями шести миллионов евреев».

В разделе «Публицистика» читатели найдут статью Георгия Шмыгова (Москва) «Демократия денежного мешка» из цикла «Американский образ жизни», впервые появившегося на страницах журнала «Советиш геймланд» № 2, 1987 года. «Американская «демократия» неспроста называется демократией денежного мешка, — говорится в статье, — И не только потому, что в конгрессе, в Белом доме сидят миллионеры. Роль денег в избирательных кампаниях в США настолько велика, что деньги называют там «материнским молоком политики». Вывод прост: кто не может выложить миллион долларов, тому не быть «народным избранником» Америки».

В майском номере журнала «Советиш геймланд» представлены и традиционные рубрики «Листая журналы и газеты», «Это интересно», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «Самоучитель языка идиш».

---

**Приложение к номеру:**
**В. Лензон «Музыка в нашей жизни»**

# РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 5, май, 1987

Май — месяц двух больших всенародных праздников: Дня международной солидарности трудящихся и Дня Победы. Их отмечают во всех странах мира. Они уже стали традицией прогрессивных сил нашей планеты. Эти праздники напоминают нам о прошлом, о нашей истории, но они, в то же время, устремляют наши мысли и дела в будущее, в будущее без войн, без эксплуатации, без человеконенавистничества.

Материалы майского номера «Советиш геймланд» отвечают этой теме. Он открывается речью Генерального секретаря ЦК КПСС Михаила Сергеевича Горбачева на встрече в Кремле с участниками международного форума «За безъядерный мир, за выживание человечества», проходившего в феврале этого года в столице нашей Родины.

Поэзия представлена переводом на идиш поэмы выдающегося советского поэта Эдуарда Багрицкого (1895—1934) «Дума про Опанаса», выполненным погибшим на фронте еврейским поэтом Яковом Зельдиным (1901—1942), циклами стихотворений современных еврейских советских поэтов Мотла Голбштейна (Симферополь) «К России», Мотла Грувмана (Новгород) «Парад открывают ветераны» и Липы Геллера (Минск) «Я верю».

Продолжается публикация нового романа Гершла Полянкера (Киев) «Было когда-то местечко», начатая в предыдущем номере журнала.

Драматургия стала в последнее время сравнительно редким жанром в еврейской советской литературе. Поэтому радует появление новой пьесы «Разлука и встреча», созданной московским писателем Тевье Геном. Эта пьеса, публикуемая в майской книжке журнала «Советиш геймланд», посвящена проблемам мирного строительства. Ее герои — ученые, инженеры, рабочие — наши современники.

По своей тематике перекликается с пьесой Т. Гена очерк Эльвиры Фагель (Москва) «На Ново-Липецком металлургическом». Другой

(Советская родина)

**СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД**

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

*На еврейском языке*

**Орган Союза писателей СССР**

**Издается с 1961 г.**

**Издательство «Советский писатель»**

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
**Х. Бейдер** (зам. главного редактора),
**Т. Ген, С. Гордон,**
**Нотэ Лурье, Х. Меламуд,**
**Б. Миллер, Б. Могильнер,**
**Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,**
**И. Шустер** (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Чернина
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 01.03.1987. Подписано к печати 17.04.1987. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 125.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1987

Цена 70 коп.
70821

issn 0134—4315

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

## В НОМЕРЕ:

**За безъядерный мир, за гуманизм международных отношений.**

Г. Полянкер. Было когда-то местечко (роман, продолжение).

**К 70-летию Великого Октября.** Э. Багрицкий. Дума про Опанаса (поэма).

Т. Ген. Расставание и встреча (пьеса).

**Стихи** М. Голбштейна, М. Грувмана, Л. Геллера.

**Очерки** З. Якуба, Э. Фагель.

**Новые переводы.** К. Селихов. Эхо Афганских гор.

**Литературная критика. Вопросы искусства.** Рецензии на Ежегодник «Год за годом» М. Стеклова, М. Расула, Г. Романовой.

**Публицистика.** Г. Шмыгов. Демократия денежного мешка.

Листая журналы и газеты. Хроника. Это интересно. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. Самоучитель еврейского языка.

Резюме на русском, английском и испанском языках.

1987
№5